STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05588

DER IDISHER ALMANAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס איז דער גאָ־
ווערנמענט שטעמ־
פּעל נומער 460 —
די בעסטע גאַראַנטי
פאַר דער פרישקייט,
ריינליכקייט און
הויכע קוואַליטעט
פון אַלע



פלייש

פּראָדוקטען

פון דער פירמע

גוקענהיימער

און העכס, אינק.

די בעסטע סאַלאַמי, פרענקפורטערס, פּאַסטראַמאַ, קאָרנד־ביעף, גערוי־
כערטע צונגען, אויסגעלאָזענע שמאַלץ — זיינען די וואָס טראָגען אויף
זיך דעם שטעמפּעל 460.

GUCKENHEIMER & HESS, Inc.

81-83 THIRD AVENUE, NEW YORK CITY

ווי אזוי צו שיקען געלד
נאָך אויסלאנד

וועגען שיפסקארטען

ווי צו פיהרען זיכער אייער געלד

זעהט אונזער צוויי פּיידזש אַדווערטייז־
מענט, וועלכער געפינט זיך באַלד נאָכ'ן
לוח אויף דער 12טער און 13טער פּיידזש.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

365 טעג אין יאָהר

קענט איהר פיהלען פרעהלאך און מונטער ווען איהר
רעגולירט אייער מאָגען מיט

עקס-לאקס

דער בארימטער טשאָקאָלאַד אַפּפיהר מיטעל.

גוט פאר דער גאנצער פאמיליע.

עקס-לאקס איז שוין גוט באַקאַנט אלס די בעסטע פאַמיליען-
מעדיצין צום רעגולירען דעם מאָגען.

10, 25 און 50ס. א באקס, אין אלע דראָג-סטאָרס.

דער אידישער אלמאנאך

1922—תרפ"ב

אַ יאָהר־בוך פאַר אידישע און אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס,
כראָניק און סטאַטיסטיק

רעדאַגירט פון **וויקטאָר מירסקי**

מיט דער מיטווירקונג פון

י. פישמאַן — י. מאַגידאָוו
דר. ב. דובאָווסקי — אלטער עפשטיין
יוסף מאַרגאָשעס — פיליפ שובאל
דזשייקאָב פעשקין — י. שטיין
קאָנגרעסמאַן אייזיק סיגעל

אלע אינפאָרמאציעס און סטאַטיסטיק צוזאמענגעשטעלט פון
ל. לאַקסאָן

THE JEWISH ALMANAC

A year book of valuable information, chronology and statistics.

Edited by VICTOR MIRSKY

Published by

THE JEWISH ALMANAC PUBLISHING CORP.

110-116 NASSAU STREET, NEW YORK, N. Y.

SAMUEL GOLDSTEIN, President
217 Broadway, New York

VICTOR MIRSKY, Sec.-Treas.
110-116 Nassau Street, New York

פאָרוואָרט

ענדליך האָט זיך מיר איינגעגעבען צו פאַרווירקליכען מיין אידעע ארויסצוגעבען אין אידיש אן אלמאַנאַך און יאָהר־בוך פאר אידישע און אלגעמיינע אינפאָרמאַציע. כמעט יעדע נאַציאָנאַליטעט דאָ אין לאַנד גיט יעהליך ארויס אזעלכע אינפאָרמאַציאָנס ביכער, אָבער אין דער אידישער שפּראַך האָט אזא בוך געפעהלט.

אמת, מאַנכע פראָבען זיינען שוין פריהער געמאַכט געוואָרען אויף דעם דאָזיגען געביט אָבער יענע פּראָבען האָט מען ניט געקאָנט צורעכענען צו די געלונגענע. דאָס מיינט אָבער ניט אז דער דאָזיגער אלמאַנאַך איז פריי פון חסרונות.

דאָס, וואָס דער אידישער עולם אין אלע ווינקלען פון לאַנד האָט זיך אזוי ווארעם אָבגערופען, נאָך איידער דאָס בוך איז ערשינען, איז אַ גענוגער באַווייז אז אזא בוך איז א נויטווענדיגקייט. טויזענדער אידען פון אמעריקא און קענעדע האָבען זיך אָבאָנירט אויף'ן „אידישען אַלמאַנאַך" באַלד ווי מיר האָבען איהם אַנאָנסירט אין דער אידישער פּרעסע.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט גופא, האָב איך זיך באַמיהט צו געבען אזעלכע אינפאָרמאַציעס, וואָס זאָלען זיין אינטערעסאַנט און וויכטיג פאר אלע קלאַסען אידען אין אמעריקא, אינפאָרמאַציעס, וואָס זאָלען טראָגען ניט נאָר א צייטווייליגען כאַראַקטער, נאָר זאָלען אויך האָבען אַ דויערהאַפטען ווערטה. די גרעסערע אַרטיקלען וואָס דער לעזער וועט געפינען אין „אידישען אַלמאַנאַך", סיי די צוזאַמענגעשטעלטע און סיי די אָריגינעלע, האָבען אַ שטענדיגען ווערטה און פאַרוואַנדלען דעם דאָזיגען אלמאַנאַך אין אן ערנסטען זאַמעל בוך, וואָס קאָן פאַרנעמען א בכבוד'ען פּלאַץ אין יעדען אידישען בוך־שראַנק.

„דער אידישער אלמאַנאַך און יאָהר־בוך" וועט אָהן צווייפעל העלפען דעם אידישען אימיגראַנט זיך צו באַקאָנען מיט זיין נייער היים — אַמעריקא, וועט איהם אויך אינפאָרמירען וועגען פיעלע אידישע און אלגעמיינע געשעהעניסען אין אַנדערע וועלט טיילען, וועט איהם באַרייכערען מיט א סך וויסענשאַפטליכע פאַקטען.

עס איז ניט איבריג צו באַמערקען, אז דאָס ארויסגעבען פון אזא אַלמאַנאַך און יאָהר־בוך איז פאַרבונדען מיט אזוי פיעל קאָסטען און מיה, אַז די ערשטע פּראָבע קאָן ניט זיין א פאָלשטענדיג געלונגענע. אַזעלכע ביכער ווערען בעסער פון יאָהר צו יאָהר און מיר האָפען, אַז די לעזער וועלען אונז דערצו געבען די מעגליכקייט דערמיט, וואָס זיי וועלען אונז אָנווייזען וועלכע אויסבעסערונגען עס זיינען נויטיג אין **דער צוקונפט.**

„דער אידישער אלמאַנאַך און יאָהר־בוך" פאַרבלייבט איצט אן אינסטיטוציע. מיט דיעזער אויסגאַבע האָבען מיר געלייגט דעם פונדאַמענט און וואָס ווייטער וועלען מיר זיך אלץ מעהר באַמיהען צו מאַכען איהם גרעסער און בעסער, האַבענדיג אַלעמאָל אין זינען דעם פאַרלאַנג פון דעם אידיש־לעזענדען פובליקום.

צום שלום וויל איך אויסדריקען מיין הערצליכען דאנק צו אלע מיינע קאָלעגען און מיטארבייטער, וועלכע האָבען מיט זייער ארבייט געמאכט מעגליך דעם ערפאָלג פון אזא ריזיגער אונטערנעמונג.

איך פיהל זיך ספעציעל פארפליכטעט צו מיין קאָלעגע און פריינד ל. לאקסאָן, וועלכער האָט געארבייט פשוט איבער די כוחות ביים צוזאמענשטעלען די פארשיעדענע אינפאָרמאציעס און סטאטיסטיק פאר דיעזען בוך. בלויז א מענש מיט אמת'ער ליעבע צו ערנסטער וויסענשאפטליכער ארבייט האָט געקאָנט, ווי ער, ארויסווייזען אזא טיעפען אינטערעס, אזא איבערגעבענהייט און אזא גרינדליכקייט אין צוזאמענשטעלען דעם נויטיגען מאטעריאל פאר דיעזען יאָהר־בוך.

איך פיהל זיך אויך פארפליכטעט אויסצודריקען די טיעפסטע דאנקבארקייט און אנערקענונג מיין פריינד קאונסעלאָר סעמועל גאָלדשטיין, פרעזידענט פון דער „דזשואיש אלמאנאק פאָבלישינג קאָרפּאָריישאָן“, וועלכער האָט מיר געגעבען די פינאנציעלע מעגליכקייטען צו פארווירקליכען מיין אידעע.

וויקטאָר מירסקי.

30טער דעצעמבער, 1921.

צו די לעזער

צוליעב טעכנישע אורזאכען איז נויטיג געוועזן צו ענדערען דעם געוועהנליכען אָרט פון דעם אינהאלטס־פארצייכעניס, וועלכען דער לעזער וועט געפינען ביים סוף פון בוך

Calendar, 1922

JANUARY

S	M	T	W	T	F	S
1	2	3	4	5	6	7
8	9	10	11	12	13	14
15	16	17	18	19	20	21
22	23	24	25	26	27	28
29	30	31	..	..	..	..
..	..	..	..	..	..	..

MAY

S	M	T	W	T	F	S
..	1	2	3	4	5	6
7	8	9	10	11	12	13
14	15	16	17	18	19	20
21	22	23	24	25	26	27
28	29	30	31	..	..	..
..	..	..	..	..	..	..

SEPTEMBER

S	M	T	W	T	F	S
..	..	..	..	..	1	2
3	4	5	6	7	8	9
10	11	12	13	14	15	16
17	18	19	20	21	22	23
24	25	26	27	28	29	30
..	..	..	..	..	..	..

FEBRUARY

..	..	..	1	2	3	4
5	6	7	8	9	10	11
12	13	14	15	16	17	18
19	20	21	22	23	24	25
26	27	28	..	..	..	..
..	..	..	..	..	..	..

JUNE

..	..	..	..	1	2	3
4	5	6	7	8	9	10
11	12	13	14	15	16	17
18	19	20	21	22	23	24
25	26	27	28	29	30	..
..	..	..	..	..	..	..

OCTOBER

1	2	3	4	5	6	7
8	9	10	11	12	13	14
15	16	17	18	19	20	21
22	23	24	25	26	27	28
29	30	31	..	..	..	..
..	..	..	..	..	..	..

MARCH

..	..	..	1	2	3	4
5	6	7	8	9	10	11
12	13	14	15	16	17	18
19	20	21	22	23	24	25
26	27	28	29	30	31	..
..	..	..	..	..	..	..

JULY

..	..	..	..	..	..	1
2	3	4	5	6	7	8
9	10	11	12	13	14	15
16	17	18	19	20	21	22
23	24	25	26	27	28	29
30	31	..	..	..	..	..

NOVEMBER

..	..	..	1	2	3	4
5	6	7	8	9	10	11
12	13	14	15	16	17	18
19	20	21	22	23	24	25
26	27	28	29	30	..	..
..	..	..	..	..	..	..

APRIL

..	..	..	..	..	..	1
2	3	4	5	6	7	8
9	10	11	12	13	14	15
16	17	18	19	20	21	22
23	24	25	26	27	28	29
30	..	..	..	..	..	..

AUGUST

..	..	1	2	3	4	5
6	7	8	9	10	11	12
13	14	15	16	17	18	19
20	21	22	23	24	25	26
27	28	29	30	31	..	..
..	..	..	..	..	..	..

DECEMBER

..	..	..	..	..	1	2
3	4	5	6	7	8	9
10	11	12	13	14	15	16
17	18	19	20	21	22	23
24	25	26	27	28	29	30
31	..	..	..	..	..	..

דאָס אלגעמיינע יאָהר 1922 איז זינט

די וועלט איז באשאפען געוואָרען — — — — —	דאָס	5682־טע
דער צווייטער חורבן — — — — — — — — — — —	„	1852 „
איינפיהרונג פון יוליאנישען קאלענדאר — — — —	„	1967 „
איינפיהרונג פון גרעגאָריאנישען קאלענדאר — — —	„	340 „
איינפיהרונג פון פארבעסערטען קאלענדאר — —	„	222 „
לוטהערס רעפאָרמאציע — — — — — — — — —	„	405 „
אומאבהענגיגקייט פון די פאראייניגטע שטאטען —	„	146 „

***

די צייט רעכענונג פון אידישען יאָהר 5683 וועט זיך אָנהויבען דעם 23טען סעפטעמבער.

די צייט רעכענונג פון דעם מאהאמעדאנער יאָהר 1341 וועט זיך אָנהויבען דעם 23־טען אָגוסט.

***

דער אָנהויב פון די יאהרעסצייטען.

פון פריהלינג — — — —	21־טער	מערץ,	4	אזייגער	מאָרגענס
„ זומער — — — —	21־טער	יוני,	11	„	אָווענד.
„ הערבסט — — — —	23־טער	סעפט.	2	„	נאָכמיטאג
„ ווינטער — — — —	22־טער	דעצ.,	9	„	מאָרגענס

***

ליקוי חמה אין יאָהר 1922.

אין יאָהר 1922 וועלען פאָרקומען 2 זונענפינסטערניסען.

1. די ערשטע א רינגפאָרמיגע ליקוי חמה דעם 27 — 28 מערץ; אומזיכטבאר אין נאָרד אמעריקא, ניט אריינגערעכענט די זידליכע העלפט פון דעם האלב־אינזעל פלאָרידא.

2. די צווייטע, א טאָטאלע ליקוי חמה, דעם 21־טען סעפטעמבער. אלס טאָטאלע וועט זי זיין זיכטבאר פון דער איסט קיסטע פון אפריקא דורך דעם אינדישען אָקעאן, קווער דורך דעם מיטען פון אויסטראַליען צום שטילען אָקעאן. אלס טיילווייזע וועט זי זיך באווייזען אין דער לענג פון דער איסט קיסטע פון אפריקא, אין זידען פון אזיען, אויסטראליען, אינדי־שען אָקעאן און א טייל פון שטילען אָקעאן. זי איז אלזא ניט גינסטיג פאר באָ־אָבאכטונג.

דער אידישער לוח

1921 TISHRI תשרי תרפ"ב

October — New Year	3	M	א	ראש השנה	מאנטאג
	4	T	ב		דינסטאג
Feast of Gedaliah	5	W	ג	צום גדליהו	מיטוואך
	6	Th	ד	תקופה פרייטאג 9 פרית.	דאנערש
	7	F	ה	שקיעה 5.33	פרייטאג
	8	S	ו	וילך שבת שובה	שבת
	9	S	ז		זונטאג
	10	M	ח		מאנטאג
	11	T	ט	ערב יו"כ שק' 5.28	דינסטאג
Day of Atonement Columbus Day	12	W	י	יום כפור	מיטוואך
	13	Th	יא		דאנערש
	14	F	יב	שקיעה 5.24	פרייטאג
	15	S	יג	האזינו	שבת
	16	S	יד	ערב סוכות שק 5.20	זונטאג
Feast of Tabernacles	17	M	טו	סוכות	מאנטאג
	18	T	טז		דינסטאג
	19	W	יז	חול המועד	מיטוואך
	20	Th	יח		דאנערש
	21	F	יט	שקיעה 5.12	פרייטאג
	22	S.	כ		שבת
	23	S.	כא	הושענא רבה	זונטאג
	24	M	כב	שמיני עצרת	מאנטאג
Feast of Law	25	T	כג	שמחת תורה	דינסטאג
	26	W	כד	אסרו חג	מיטוואך
	27	Th	כה		דאנערש
	28	F	כו	שקיעה 5.02	פרייטאג
	29	S	כז	בראשית מבה"ח	שבת
	30	S	כח		זונטאג
	1	M	כט	ערב ר"ח יו"כ קטן	מאנטאג

המולד: זונטאג פארטאג 54 מינוט 17 חלקים נאך 3

1921 HESHVAN חשון תרפ"ב

November	1	T	ל	יום א' דר"ח	דינסטאג
	2	W	א	ב' דר"ח	מיטוואך
	3	Th	ב		דאנערש
	4	F	ג	שקיעה 4.54	פרייטאג
	5	S	ד	נח מברכים בה"ב	שבת
	6	S	ה		זונטאג
	7	M	ו	תענית שני קמא	מאנטאג
Election Day	8	T	ז		דינסטאג
	9	W	ח		מיטוואך
	10	Th	ט	תענית חמישי	דאנערש
	11	F	י	שקיעה 4.46	פרייטאג
	12	S	יא	לך לך	שבת
	13	S	יב		זונטאג
	14	M	יג	תענית שני תנינ'	מאנטאג
	15	T	יד		דינסטאג
	16	W	טו		מיטוואך
	17	Th	טז		דאנערש
	18	F	יז	שקיעה 4.40	פרייטאג
	19	S	יח	וירא	שבת
	20	S	יט		זונטאג
	21	M	כ		מאנטאג
	22	T	כא		דינסטאג
	23	W	כב		מיטוואך
Thanksg. Day	24	Th	כג		דאנערש
	25	F	כד	שקיעה 4.35	פרייטאג
	26	S	כה	חיי שרה מבה"ח	שבת
	27	S	כו		זונטאג
	28	M	כז		מאנטאג
	29	T	כח		דינסטאג
	30	W	כט	ערב ר"ח יו"כ קטן	מיטוואך

המולד: מאנטאג פארנאכט 39 מינוט נאך 4

1921 KISLEV כסלו תרפ"ב

December	1	Th	ל	א' דר"ח	דאנערש
	2	F	א	ב' דר"ח שקיעה 4.34	פרייטאג
	3	S	ב	תולדות	שבת
	4	S	ג	טל ומטר	זונטאג
	5	M	ד		מאנטאג
	6	T	ה		דינסטאג
	7	W	ו		מיטוואך
	8	Th	ז		דאנערש
	9	F	ח	שקיעה 4.33	פרייטאג
	10	S	ט	ויצא	שבת
	11	S	י		זונטאג
	12	M	יא		מאנטאג
	13	T	יב		דינסטאג
	14	W	יג		מיטוואך
	15	Th	יד	יום הקצר	דאנערש
	16	F	טו	שקיעה 4.34	פרייטאג
	17	S	טז	וישלח	שבת
	18	S	יז		זונטאג
	19	M	יח		מאנטאג
	20	T	יט		דינסטאג
	21	W	כ		מיטוואך
	22	Th	כא		דאנערש
	23	F	כב	שקיעה 4.34	פרייטאג
	24	S	כג	וישב מבה"ח,	שבת
Christmas	25	S	כד	ערב חנוכה	זונטאג
Chanukah	26	M	כה	חנוכה	מאנטאג
	27	T	כו		דינסטאג
	28	W	כז		מיטוואך
	29	Th	כח		דאנערש
שקיעה 4.39	30	F	כט	ערב ר"ח	פרייטאג

המולד: מיטוואך פארטאג 23 מינוט 1 חלק נאך 5

TEBETH טבת — 1921-22 — תרפ״ב

December	31	S	ל	מקץ ר״ח	שבת
January 1922 New Year	1	S	א	ר״ח	זונטאג
	2	M	ב	זאת חנוכה	מאנטאג
	3	T	ג		דינסטאג
	4	W	ד		מיטוואך
	5	Th	ה		דאנערש׳
	6	F	ו	שקיעה 4.47	פרייטאג
	7	S	ז	ויגש	שבת
	8	S	ח		זונטאג
	9	M	ט		מאנטאג
	10	T	י	עשרה בטבת	דינסטאג
	11	W	יא		מיטוואך
	12	Th	יב		דאנערש׳
	13	F	יג	שקיעה 4.51	פרייטאג
	14	S	יד	ויחי	שבת
	15	S	טו		זונטאג
	16	M	טז		מאנטאג
	17	T	יז		דינסטאג
	18	W	יח		מיטוואך
	19	Th	יט		דאנערש׳
	20	F	כ	שקיעה 5.02	פרייטאג
	21	S	כא	שמות	שבת
	22	S	כב		זונטאג
	23	M	כג		מאנטאג
	24	T	כד		דינסטאג
	25	W	כה		מיטוואך
	26	Th	כו		דאנערש׳
	27	F	כז	שקיעה 5.11	פרייטאג
	28	S	כח	וארא מבה״ח	שבת
	29	S	כט	ערב ר״ח	זונטאג

המולד: דאנערשטאג אבענד [illegible] מינוט 2 חלקים נאך 6.

SHEBAT שבט — 1922 — תרפ״ב

January	30	M	א	ראש חודש	מאנטאג
	31	T	ב		דינסטאג
February	1	W	ג		מיטוואך
	2	Th	ד		דאנערש׳
	3	F	ה	שקיעה 5.19	פרייטאג
	4	S	ו	בא	שבת
	5	S	ז		זונטאג
	6	M	ח		מאנטאג
	7	T	ט		דינסטאג
	8	W	י		מיטוואך
	9	Th	יא		דאנערש׳
	10	F	יב	שקיעה 5. 28	פרייטאג
	11	S	יג	בשלח שבת שירה	שבת
Lincoln's Birthday	12	S	יד		זונטאג
	13	M	טו	חמשה עשר	מאנטאג
	14	T	טז		דינסטאג
	15	W	יז		מיטוואך
	16	Th	יח		דאנערש׳
	17	F	יט	שקיעה 5.37	פרייטאג
	18	S	כ	יתרו	שבת
	19	S	כא		זונטאג
	20	M	כב		מאנטאג
	21	T	כג		דינסטאג
Washington's Birthday	22	W	כד		מיטוואך
	23	Th	כה		דאנערש
	24	F	כו	שקיעה 5.46	פרייטאג
	25	S	כז	משפטים מבה״ח	שבת
	26	S	כח		זונטאג
	27	M	כט	ערב ר״ח	מאנטאג

המולד: שבת פארטאג 1 מינוט 3 חלקים נאך 6.

ADAR אדר — 1922 — תרפ״ב

February	28	T	ל	יום א׳ דר״ח	דינסטאג
March	1	W	א	יום ב׳ דר״ח	מיטוואך
	2	Th	ב		דאנערש׳
	3	F	ג	שקיעה 5.55	פרייטאג
Inauguration Day	4	S	ד	תרומה הפסקה	שבת
	5	S	ה		זונטאג
	6	M	ו		מאנטאג
	7	T	ז		דינסטאג
	8	W	ח		מיטוואך
	9	Th	ט		דאנערש׳
	10	F	י	שקיעה 6.02	פרייטאג
	11	S	יא	תצוה פ׳ זכור	שבת
	12	S	יב		זונטאג
Fast of Esther	13	M	יג	תענית אסתר	מאנטאג
	14	T	יד	Purim פורים	דינסטאג
	15	W	טו	שושן פורים	מיטוואך
	16	Th	טז		דאנערש׳
	17	F	יז	שקיעה 6.08	פרייטאג
	18	S	יח	תשא, פ׳ פרה	שבת
	19	S	יט		זונטאג
	20	M	כ		מאנטאג
	21	T	כא		דינסטאג
	22	W	כב		מיטוואך
	23	Th	כג		דאנערש׳
	24	F	כד	שקיעה 6.16	פרייטאג
	25	S	כה	ויקהל־פקודי	שבת
	26	S	כו	מבה״ח	זונטאג
	27	M	כז		מאנטאג
	28	T	כח		דינסטאג
	29	W	כט	ערב ר״ח, יו״כ קטן	מיטוואך

המולד: זונטאג אבענד 35 מינוט 4 חלקים נאך 7.

1922 NISAN ניסן תרפ״ב

March	30	Th	א	ראש חדש	דאנערש
	31	F	ב	שקיעה 6.23	פרייטאג
April	1	S	ג	ויקרא	שבת
	2	S	ד		זונטאג
	3	M	ה		מאנטאג
	4	T	ו		דינסטאג
	5	W	ז		מיטוואך
	6	Th	ח		דאנערש׳
	7	F	ט	שקיעה 6.30	פרייטאג
	8	S	י	צו, שבת הגדול	שבת
	9	S	יא		זונטאג
	10	M	יב		מאנטאג
	11	T	יג		דינסטאג
	12	W	יד	ערב פסח שק׳ 6.35	מיטוואך
1st day Passover	13	Th	טו	א׳ דפסח	דאנערש׳
2nd day Passover	14	F	טז	ב׳ דפסח ספירה	פרייטאג
	15	S	יז	ראה אתה (חול המועד)	שבת
Easter Sunday	16	S	יח	(חול המועד)	זונטאג
	17	M	יט	(חול המועד)	מאנטאג
	18	T	כ	(חול המועד)	דינסטאג
	19	W	כא	ז׳ דפסח	מיטוואך
	20	Th	כב	אחרון של פסח	דאנערש׳
	21	F	כג	אסרו חג שק׳ 6.45	פרייטאג
פרק א	22	S	כד	שמיני מבה״ח,	שבת
	23	S	כה		זונטאג
	24	M	כו		מאנטאג
	25	T	כז		דינסטאג
	26	W	כח		מיטוואך
	27	Th	כט	ערב ראש חדש	דאנערש׳

המולד: דינסטאג פריה 19 מינוט 5 חלקים נאך 11.

1922 IYAR אייר תרפ״ב

April	28	F	ל	א׳ דר״ח שק׳ 6.52	פרייטאג
פרק ב׳	29	S	א	ב׳ דר״ח תזריע־	שבת
	30	S	ב	ומצורע	זונטאג
May	1	M	ג		מאנטאג
	2	T	ד		דינסטאג
	3	W	ה		מיטוואך
	4	Th	ו		דאנערש׳
	5	F	ז	שקיעה 6.59	פרייטאג
פרק ג׳	6	S	ח	אחרי־קדושים	שבת
	7	S	ט		זונטאג
	8	M	י	תענית שני קמא	מאנטאג
	9	T	יא		דינסטאג
	10	W	יב		מיטוואך
	11	Th	יג	תענית חמישי	דאנערש׳
	12	F	יד	פסח שני שק׳ 7.07	פרייטאג
	13	S	טו	אמור פרק ד׳	שבת
	14	S	טז		זונטאג
	15	M	יז	תענית שני בתרא	מאנטאג
	16	T	יח	ל״ג בעומר	דינסטאג
	17	W	יט		מיטוואך
	18	Th	כ		דאנערש׳
	19	F	כא	שקיעה 7.13	פרייטאג
פרק ה׳	20	S	כב	בהר־בחקותי	שבת
	21	S	כג		זונטאג
	22	M	כד		מאנטאג
	23	T	כה		דינסטאג
	24	W	כו		מיטוואך
	25	Th	כז	יו״כ קטן מוקדם	דאנערש׳
	26	F	כח	שקיעה 7.20	פרייטאג
פרק ו׳	27	S	כט	במדבר מבה״ח,	שבת

המולד: מיטוואך נאכט 3 מינוט 6 חלקים נאך 9

1922 SIVAN סיון תרפ״ב

May	28	S	א	ראש חודש	זונטאג
	29	M	ב	יום המיוחס	מאנטאג
Decoration Day	30	T	ג	(שלשה ימי הגבלה)	דינסטאג
	31	W	ד	(שלשה ימי הגבלה)	מיטוואך
June שקיעה 7.23	1	Th	ה	ערב שבוע׳ (שלשה ימי הגבלה)	דאנערש׳
Feast of Weeks	2	F	ו	א׳ דשבועות	פרייטאג
	3	S	ז	ב׳ דשבועות רות	שבת
	4	S	ח	אסרו חג	זונטאג
	5	M	ט		מאנטאג
	6	T	י		דינסטאג
	7	W	יא		מיטוואך
	8	Th	יב		דאנערש׳
	9	F	יג	שקיעה 7.29	פרייטאג
	10	S	יד	נשא פרק א׳	שבת
	11	S	טו		זונטאג
	12	M	טז		מאנטאג
	13	T	יז		דינסטאג
	14	W	יח		מיטוואך
	15	Th	יט		דאנערש׳
שקיעה 7.32	16	F	כ	תענית כ׳ סיון	פרייטאג
	17	S	כא	בהעלותך פרק ב׳	שבת
	18	S	כב		זונטאג
	19	M	כג		מאנטאג
	20	T	כד		דינסטאג
	21	W	כה		מיטוואך
	22	Th	כו		דאנערש׳
	23	F	כז	שקיעה 7.34	פרייטאג
פרק ג׳	24	S	כח	שלח מבה״ח	שבת
	25	S	כט	ערב ר״ח יוכ״ק	זונטאג

המולד: פרייטאג פריה 47 מינוט 7 חלקים נאך 9.

דער אידישער לוח

1922 TAMUZ תמוז תרפ"ב

June	26	M	ל	יום א' דר"ח	מאנטאג
	27	T	א	יום ב' דר"ח	דינסטאג
	28	W	ב		מיטוואך
	29	Th	ג		דאנערש'
	30	F	ד	שקיעה 7.35	פרייטאג
July	1	S	ה	קרח, פרק ד'	שבת
	2	S	ו		זונטאג
	3	M	ז	יום הארוך.	מאנטאג
Independence Day	4	T	ח		דינסטאג
	5	W	ט		מיטוואך
	6	Th	י		דאנערש'
	7	F	יא	שקיעה 7.33	פרייטאג
	8	S	יב	חקת־בלק פרק ה'	שבת
	9	S	יג		זונטאג
	10	M	יד		מאנטאג
	11	T	טו		דינסטאג
	12	W	טז		מיטוואך
	13	Th	יז	שבעה עשר בתמוז	דאנערש'
	14	F	יח	שקיעה 7.30	פרייטאג
	15	S	יט	פנחס פרק ו'	שבת
	16	S	כ		זונטאג
	17	M	כא		מאנטאג
	18	T	כב		דינסטאג
	19	W	כג		מיטוואך
	20	Th	כד		דאנערש'
	21	F	כה	שקיעה 7.26	פרייטאג
	22	S	כו	מטות־מסעי	שבת
	23	S	כז	מבה"ח פרק א'	זונטאג
	24	M	כח		מאנטאג
	25	T	כט	ערב ר"ח יוכ"ק	דינסטאג

המולד: שבת נאכט 31 מינוט 8 ח קים נאך 10.

1922 AB אב תרפ"ב

July	26	W	א	ראש חודש	מיטוואך
	27	Th	ב		דאנערש'
	28	F	ג	שקיעה 7.20	פרייטאג
פרק ב'	29	S	ד	דברים שבת חזון	שבת
	30	S	ה		זונטאג
	31	M	ו		מאנטאג
August	1	T	ז		דינסטאג
	2	W	ח		מיטוואך
Fast of Ab	3	Th	ט	תשעה־באב	דאנערש'
	4	F	י	שקיעה 7.13	פרייטאג
פרק ג'	5	S	יא	ואתחנן שב' נחמו	שבת
	6	S	יב		זונטאג
	7	M	יג		מאנטאג
	8	T	יד		דינסטאג
	9	W	טו	חמשה עשר	מיטוואך
	10	Th	טז		דאנערש'
	11	F	יז	שקיעה 7.04	פרייטאג
	12	S	יח	עקב פרק ד'	שבת
	13	S	יט		זונטאג
	14	M	כ		מאנטאג
	15	T	כא		דינסטאג
	16	W	כב		מיטוואך
	17	Th	כג		דאנערש'
	18	F	כד	שקיעה 6.55	פרייטאג
פרק ה'	19	S	כה	ראה, מבה"ח	שבת
	20	S	כו		זונטאג
	21	M	כז		מאנטאג
	22	T	כח		דינסטאג
	23	W	כט	ערב ר"ח, יוכ"ק	מיטוואך

המולד: מאנטאג ביינטאג 15 מינוט 9 חלקים נאך 11.

1922 ELUL אלול תרפ"ב

August	24	Th	ל	יום א' דר"ח,	דאנערש'
	25	F	א	ב' דר"ח שקי' 6.46	פרייטאג
	26	S	ב	שופטים פרק ו'	שבת
	27	S	ג		זונטאג
	28	M	ד		מאנטאג
	29	T	ה		דינסטאג
	30	W	ו		מיטוואך
	31	Th	ז		דאנערש'
Sptember	1	F	ח	שקיעה 6.35	פרייטאג
	2	S	ט	תצא פרק א' ב'	שבת
	3	S	י		זונטאג
Labor Day	4	M	יא		מאנטאג
	5	T	יב		דינסטאג
	6	W	יג		מיטוואך
	7	Th	יד		דאנערש'
	8	F	טו	שקיעה 6.22	פרייטאג
	9	S	טז	תבא פרק ג' ד'	שבת
	10	S	יז		זונטאג
	11	M	יח		מאנטאג
	12	T	יט		דינסטאג
	13	W	כ		מיטוואך
	14	Th	כא		דאנערש'
	15	F	כב	שקיעה 6.10	פרייטאג
פרק ה' ו'.	16	S	כג	נצבים־וילך	שבת
	17	S	כד	משכימין לסליחות	זונטאג
	18	M	כה		מאנטאג
	19	T	כו		דינסטאג
	20	W	כז		מיטוואך
	21	Th	כח		דאנערש'
שקיעה 5.58	22	F	כט	ערב ר"ה תרפ"ג	פרייטאג

המולד: דינסטאג נאכט 59 מינוט 10 חלקים נאך 11.

די אַמעריקאַן עקספּרעס קאָמפּאַני

עטאַבלירט אין 1841 מיט דעם צוועק אַריבערצושיקען פּעקלאַך פון איין פּלאַץ צו אַ צווייטען, האָט זי באַלד אויך אָנגעפאַנגען אַריבערצושיקען געלד, און היינט צו טאָג שיקט דיעזע קאָמפּאַני אַריבער מעהר געלדזענדונגען נאָך יוראָפּ ווי אירגענד וועלכע אנדערע פינאַנץ אינ־סטיטושאָן אין דיעזעס לאַנד. צוויי גאַנצע פלאָרס פון דעם ריעזיגען בילדינג פון דיעזער קאָמפּאַני וועלכע געפינט זיך אין 65 בראָדוויי, ניו יאָרק, אַ בילד פון וועלכען ווערט געציינט דאָ אויף דער רעכטער זייט, זיינען געווידמעט צו געלדזענדונגען וועלכע קומען פון איבער'ן גאַנצען לאַנד, און די צאָהל עקספּערטען וועלכע זיינען באַשעפטיגט מיט דיעזער אַרבייט איז איבער 200.



הויפּט בילדינג פון דער אַמעריקאַן עקספּרעס קאָ. 65 בראָדוויי, ניו יאָרק

אום צו מאַכען זיכער אַז די געלדזענדונגען זאָלען ריכ־טיג בעהאַנדעלט ווערען אויף דער אנדערער זייט ים, האָט די אַמעריקאַן עקספּרעס קאָמפּאַני אייגענע אָפּיסעס אין בערלין, האַמבורג, ברעמען, קאָבלענץ און אין פיעלע אַנדערע שטעדט פון יוראָפּ און פערטרעטער אין אַנדערע סטראַטעגישע פונקטען אַריינרעכענדיג וואַרשאַ קראַקוי, בודאַפּעסט און בוקאַרעסט.

די קאָמפּאַני האָט יעצט פולע און פאָלקאָמענע מעגליכ־קייטען צו שיקען געלד נאָך דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט אויסער סאָוויעט רוסלאַנד, און פערזיכערט איהרע קליענטען דאָס אַזוי שנעל ווי עס וועט זיין מעגליך צו שיקען געלד נאָך רוסלאַנד מיט פאָלקאָמענע זיכער־הייט, וועט די קאָמפּאַני עס זיכער טאָהן און וועט ווע־גען דעם לאָזען וויסען דורך דער אידישער פּרעסע.



אַן אַמעריקאַן רעילוועי עקספּרעס אָפּיס אין אַ באַהן סטאַנציע.

אין כמעט יעדער שטעדטיל איז פאַראַן אַ באַהן סטאַנציע, און וואו עס איז פאַראַן אַ באַהן סטאַנציע איז דאָרט אויך דאָ אן אָפּיס פון דער אַמעריקאַן רעילוועי עקספּרעס קאָמפּאַני. אַ בילד פון אַזאַ אָפּיס קענט איהר זעהן דאָ אויף דער לינקער זייט.

פון כמעט אַלע דיעזע עקספּרעס אָפּיסעס, 30,000 אין צאָהל, קענט איהר שיקען געלד נאָך אויסלאַנד דורך דער אַמעריקאַן עקספּרעס קאָמפּאַני.

עס זיינען אויך דאָ אין כמעט יעדען געגענד אויסלענדישע געלד איבערשיקונג אָפּיסעס וועלכע האָבען אין זייערע ווינדאָוס סיינס ווי עס איז דאָ אונטען געציינט.

זיי האָבען אַ בלויען הינטערגרונד מיט ווייסע בוכשטאַבען. דיעזע אָפּיסעס זיינען אויטאָריזירט פון דער אַמערי־קאַן עקספּרעס קאָמפּאַני צו פאַר־קויפען איהרע מאָני אָרדערס (געלד־אָנווייזונגען), טשעקס און קייבעל טרענספערס, (טעלעגראַפישע אַנ־ווייזונגען) נאָך דער אַלטער היים. די אַמעריקאַן עקספּרעס געלדזענדונגען וועלכע ווערען געקויפט אין דיעזע אָפּיסעס האָבען די זעלבע פּראָטעקשאָן און גוטע סירוויס ווי די וועלכע ווע־רען געקויפט אין דער קאָמפּאַני'ס אייגענע אָפּיסעס.

די סיין פון דער אַמעריקאַן עקספּרעס קאָמפּאַני.

געהט צו דעם אַגענט, עקספּרעס אָפּיס אַדער אָפּיס וועלכער איז מעהר בעק־וועהם פאַר אייך און זייט זיכער צו

קריעגען אַן אַמעריקאַן עקספרעס רעסיט. עס איז אייער פערזיכערונג געגען פערלוסט. אַ ליסטע פון דער קאָמפּאַני'ס אייגענע אָפיסעס ווערט אָנגעגעבען אונטען, אויף דיעזער פּיידזש.

שיפסקאַרטען און טיקעטס

די אַמעריקאַן עקספרעס קאָמפּאַני זיינען פערטרעטער פאַר אַלע טראַנסאַטלאַנטישע שיפען־ליניעס און וועט זיין העכסט צופריעדען צו געבען אייך פרייע אויסקינפטע וועגען די בעסטע וועג ווי צו פאָהרען. קומט צו אירגענד וועלכען פון אונזערע אָפיסעס פאַר אויסקונפט.

טשעקס פאַר רייזענדע

ווען איהר רייזט ארום אין דיעזען לאַנד אָדער אין אויסלאַנד, טראָגט ניט מיט זיך קיינע גרויסע סומען געלד. נעהמט מיט זיך אַמעריקאַן עקספרעס טרעוולערס טשעקס וועלכע באַשיצען אייער געלד געגען פארלוסט און גנבה, און דאָך קענט איהר בעקומען קעש פאַר דעם כמעט אומעטום. זיי ווערען פערקויפט אין בענק און עקספרעס אָפיסעס איבעראַל.

דזשענעראל אָפיס, 65 בראַדוויי, ניו יאָרק סיטי

איסט סייד אָפיס:

2 איסט בראַדוויי — **2 East Broadway**

קאָרנער טשעטהעם סקווער. — CORNER OF CHATHAM SQUARE

2131 בראָדוויי, 17 וועסט 23טע סטריט, 118 וועסט 39טע סטריט

312 ליווינגסטאָן סט., ברוקלין, נ. י. 876 בראָד סטריט, נואַרק, נ. דזש.

אַמעריקאַן עקספרעס אָפיסעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע:

אטלאַנטאַ, גא., 29 לוקי סטריט
באַלטימאָר, מד., 19 א. באַלטימאָר סט.
בירמינגהאם, אַלאַ.. 4 נאָרטה 19טע סט.
באָסטאָן, מאַסס., 43 פרענקלין סטריט.
באָפלאָ, נ. י.. מעין און אירי סטס.
שיקאַגאָ, איל., 32 נאָרטה דירבאָרן סט.
סינסינעטי. אָ., 4טע און רייס סטס.
קליוולאַנד, אָ.. 2048 איסט 9טע סט
דאללאס. טעק.. 1709 לייוו אָוק סט.
דענווער. קאָל., 1643 סטאוט סט.
דעטראָיט, מיש.. 25 פאָרט סט., וועסט.
אינדיאַנאַפּאָלים, אינד., 32 סאוטה מע־
רידיאַן סטריט.
קענזעס סיטי, מאָ.. 1125 מעקגי סט.
לאָס אַנדזשעלעס. קאָל., 752 ס. בראָדוויי
מעמפים. טענ., 124 נאָרטה קאָורט.
מינעאַפּאָלים. מינג., 619 מאַרקעט עוו.
מילוואָקי. וויס., 368 בראָדוויי
מאָנטרעאל., קענ.. 231 סט. דזשיימס סט.
ניו אָרלינס. לא.. 707—709 גרייוויער
סטריט, סט. טשאַרלס האָטעל בילדינג
פיטסבורג. פּא.. 909 ליבערטי עוועניו
פּאָרטלענד, אָרע.. 6טע און אָוק סטס.
סאָלט לייק סיטי, יוטאַ, 26 וועסט 2טע
סאַוטה סטריט.
סאַן פראַנציסקאָ. קאל.. מאַרקעט סטריט
ביי סעקאָנד.
סט. לואיס, מא., 9טע און לאָקוסט סטס.
סיאַטעל וואש.. 804 דריטע עוועניו.
טאָראָנטאָ, קענ.. 72 בעי סטריט.
וואַשינגטאָן, ד. כ., 1328 עף (F) סט.,
נ. וו.
וויניפעג, קענ.. 368 מעין סט., וועסט.

פאר אַלע אויסקינפטע קומט פערזענליך אָדער שרייבט צו

Foreign Remittance Department

American Express Company

65 Broadway, New York City

צייט אונטערשיעד

אין פארשיעדענע שטעדט און לענדער אין פארגלייך מיט ניו יאָרק

ווען אין ניו יאָרק איז 12 אוהר מיטאָגצייט, איז אין

אנטווערפּען, בעלגיען	5	אוהר	13	מינוט	נאָכמיטאָג
אמסטערדאם, האָלאַנד	5	״	20	״	״
בערלין, דייטשלאַנד	5	״	53	״	״
בערן, שווייץ	5	״	29	״	״
ברעמען, דייטשלאַנד	5	״	33	״	״
בריסעל, בעלגיען	5	״	17	״	״
דענווער, קאָלאָראַדא	10	״	00	״	פאָרמיטאָג
דובלין, איירלאַנד	4	״	34	״	נאָכמיטאָג
האמבורג, דייטשלאנד	5	״	10	״	״
האוואנא, קיובא	11	״	30	״	פאָרמיטאָג
האָנאָלולו, האוואי	6	״	29	״	״
האאג, האָללאַנד	5	״	17	״	נאָכמיטאָג
וויען, עסטרייך	6	״	5	״	״
טאָקיאָ, יאפּאַן	2	״	18	״	פאָרמיטאָג אויף מאָרגען
כריסטיאניא, נאָרוועגען	5	״	42	״	נאָכמיטאָג
ליסאבאָן, פּאָרטוגאל	5	״	00	״	נאָכמיטאָג
לאָנדאָן, ענגלאַנד	5	״	00	״	״
מעקסיקא, סיטי	10	״	24	״	פאָרמיטאָג
מאדריד, שפּאַניען	4	״	45	״	״
מאנילא, פיליפינען	1	״	3	״	פאָרמיטאָג אויף מאָרגען
מעלבאָורן, אסטראליען	2	״	39	״	״ ״ ״
ס. פראנציסקא, קאליפ.	9	״	00	״	״
סיטקא, אלאסקא	7	״	58	״	״
פּאריז, פראנקרייך	5	״	9	״	נאָכמיטאָג
פּעקינג, כינא	12	״	45	״	פאָרמיטאָג אויף מאָרגען
פּעטראָגראד, רוסלאנד	7	״	1	״	נאָכמיטאָג
פרעטאָריא, ס. אפריקא	6	״	55	״	״
רוים, איטאַליען	5	״	49	״	״
שטאָקהאָלם, שוועדען	6	״	12	״	״
שיקאגאָ, אילליגאָיז	11	״	00	״	פאָרמיטאָג
קאָלאָן, פּאנאמא	11	״	40	״	״
קאָנסטאנטינאָפּאָל, טירקיי	6	״	56	״	נאָכמיטאָג
קאָפּענהאגען, דענעמארק	5	״	40	״	״



זעהט טאבעלע אויף זייט 14.

אידישע פּאַסירונגען אין 1920 און 1921

1920

יוני 2. — באָסטאָנער סטייט לעדזשיסלייטשור נעמט איינשטימיג אָן די רעזאָלוציע, וואָס איז אריינגעבראכט געוואָרען פון אליהו ד. סטאָון, צו גראַטולירען די אידישע נאציאָן מיט דער אויפריכטונג פון פּאלעסטינאַ אלס אידיש היימלאנד.

יולי 17. — די אמעריקען דזשואיש קאָמיטע מאכט אויפמערקזאם דעם סטייט דעפּארטמענט אין וואשינגטאָן אויף די ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען וועגען דעם, אז די אנטיסעמיטישע פיהרער קלייבען זיך צו מאַכען א פּאָגראָם אין לעמבערג, גאליציען.

אוגוסט 4. — אויף א מאסענפארזאמלונג, וואָס די פעדעראציע פון די אונגארישע אידען אין אמעריקא האָט גערופען, ווערט אָנגענומען א רעזאָלוציע, ערקלערענדיג, אז די אנוועזענהייט פון דעם אונגארישען אנטיסעמיט, טשארלז הוסאר, דאָ אין לאנד, איז שעדליך פאר די אינטערעסן פון אמעריקא, און דארום מוז ער ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד.

אוגוסט 16. — פארשטעהער פון דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע קאָנפערירען מיט׳ן רומענישען קרוין פּרינץ און מיט מר. ניקאָלאס פילאדאר, פארשטעהער פון דעם רומענישען אויסלענדישען מיניסטעריום, וועלכע פארזיכערען די אידישע פארשטעהער, אז רומעניען האָט מיט׳ן גאַנצען הארצען אָנגענומען די מינאָריטים טריטי און וועט אויספיהרען אלע פּונקטען; זיי זאָגען אויך צו איבערצוגעבען זייער רעגירונג די בקשה פון דער קאָמיטע, אז אלע פּאָליטישע פארברעכער, וואָס זיינען ניט אקטועל שולדיג אין פארראט, זאָלען באַגנאַדיגט ווערען.

סעפּטעמבער. — גאָווערנאָר סטעפענס פון סאָן פראנציסקא באשטימט דריי טעג (דעם 27—30) אלס אפּיציעלע וואָר רעליעף דעיס פאר׳ן שטאַט.

אקטאָבער 13. — לואיס מארשאל, פּרעזידענט פון דער אמעריקען דזשואיש קאָמיטע, דריקט אוים אַ פּראָטעסט צו מיידזשאר דזשאָרדזש הייווען פּאָטנעם, הויפּט פון דער פּאָבלישינג פירמע ב. פּ. פּאטנעם ענד סאָנס, קעגען דעם, וואָס די דאָזיגע פירמע האָט אָבגעדרוקט אן אמעריקאנער אויסגאבע פון דעם ווערק „די אורזאַך פון דער וועלט׳ס אומרוהיגקייט“, אַ סעריע אנאָנימע אנטי־אידישע ארטיקלען, וואָס זיינען אריגינעל געווען געדרוקט אין דער לאָנדאָנער „מאָרנינג פּאָסט“.

אָקטאָבער 24. — א ספּעציעלע קאָנפערענץ פון דער פּראָוויזאָרישער אָרגאניזאציע פאר אן אמעריקאנער אידישען קאָנגרעס נעמט אָן א רעזאָלוציע צו צווינגען די פוילישע רעגירונג אויפצוהערען פארפאָלגען אידען, און באַשטימט אַ קאָמיטע צו קאָנפערירען מיט׳ן פוילישען אמבאַסאַדאָר אין אַמעריקא, גראַף קאזימיר לובאָמירסקי.

נאָוועמבער 1. — די ניו יאָרקער אסאָסי־אציע פון די באפטיסטישע גייסטליכע נעמט אָן א רעזאָלוציע, פארדאמענדיג די פּאָגראָמען אויף אידען אין מזרח אייראָפּא.

נאָוועמבער 11. — אין א קאָנפערענץ מיט א קאָמיסיע פון אמעריקאנער אנגעזעהענע אידען, הערט אוים דער פּוילישער אמבאסאדאָר אין אמעריקא, גראף לובאָמירסקי, רעזאָלוציעס, וואו די פּוילישע רעגירונג ווערט אויפגעפאָדערט אָבצושטעלען די עקסצעסען און די רדיפות אויף אידען. לובאָמירסקי ערקלערט, אז די רדיפות אויף אידען שטאמען פון דעם, וואָס אין פוילען איז א צושטאנד פון קריג.

דעצעמבער 1. — די גרעסטע אידישע אָרגאַניזאציעס אין לאנד פארעפענטליכען א סטייטמענט, אדרעסירט צו אלע בירגער, אז די אזוי גערופענע „פּראָטאָקאָלען פון די חכמי זקני ציון", וואָס ווערען צירקולירט אין גרויסע צאָהלען דורך געהיימע אגענטורען, ווערען פארדאמט אלס געפעלשטע. זיי ווערען פארשפּרייט מיט'ן ציעל ארויסצורופען שנאה צו אידען.

דעצעמבער 2. — דער פּראָוויזאָרישער אמעריקאנישער אידישער קאָנגרעס טעלעגראפירט דעם סטייט דעפּארטמענט, בעטענדיג איהם אויסצואיבען זיין איינפלוס, אז די עסטרייכישע רעגירונג זאָל ניט ארויסשיקען די גאליציאנער אידישע פליכטלינגע פון וויען.

דעצעמבער 9. — דער סטייט דעפּארטמענט, אין ענטפער אויף דער טעלעגראַמע פון דעם פּראָוויזאָרישען אמעריקאנישען אידישען קאָנגרעס וועגען די אידישע פליכטלינגע אין וויען, לאָזט וויסען, אז דער אמעריקאנישער קאָמיסאר אין וויען איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו צושיקען מעהר אינפאָרמאציע וועגען דעם דאָזיגען ענין.

דעצעמבער 23. — די פּאבליק לייברערי אין סיילעם, מאסס., ווארפט ארוים פאָרד'ס אנטיסעמיטישען זשורנאל „דיערבאָרן אינדעפּענדענט".

דעצעמבער 30. — קיימברידזש, מאסס., פאָרד'ס אנטיסעמיטישער זשורנאל „דירבאָרן אינדעפּענדענט" ארויסגעוואָרפען פון דער פּאָבליק לייברערי.

1921

יאנואר 3, וואשינגטאן. — פארשטעהער פון אידישע ארגאניזאציעס טרעטען אויף פאר דער אימיגראציאָנס קאָמיסיע וועגען דעם דזשאהנסאָן אימיגראציאָנס ביל.

יאנואר 7. — פּראָפעסאר אלבערט מייקעלסאָן פארפאָלקאָמט א אינסטרומענט אויף אויסצומעסטען דעם דיאמעטער פון שטערן.

יאנואר 16. — דזשאָן ספּארגאָ פארעפענטליכט א פּראָטעסט פון אנגעזעהענע קריסטען געגען אנטיסעמיטיזם. דער פּראָטעסט איז אונטערגעשריבען פון 119 אנגעזעהענע אמעריקאנער, צווישען זיי פּרעזידענט ווילסאָן, עקס פּרעזידענט טעפט און קארדינאל אָ'קאָנעל.

יאנואר 16. — געשטאָרבען אין ריגא דער העברעאישער שריפטשטעלער ישראל חיים טאוויאָוו.

יאנואר 20. — קאָנגרעסמאן קאָלמאן זילבערט שטעלט צו אין קאָנגרעס א ביל, וואָס פארבאָט פּובליקאציעס פון פארלוימדונגען אויף ראסען, פעלקער און סעקטען.

יאנואר 31, שיקאגאָ. — אויף א מיטינג פון פיער הונדערט פראָטעסטאנטישע גייסטליכע ווערט אָנגענומען א רעזאָלוציע, וואָס פארדאמט דעם אנטיסעמיטיזם.

פעברואר. — אייזעק גראָסס ווערט באַשטימט פאר יונייטעד סטייטס דיסטריקט אטוירני פאר דעם דיסטריקט פון ניו דזשוירסי.

פעברואר 4. — עס ווערט פארעפענטליכט דער טעקסט פון דעם בריטישען מאַנדאַט, וואָס מאכט קלאָר, אז ענגלאנד האָט בדעה צו גרינדען אין פאלעסטינא א נאציאָנאַלע היים פאר'ן אידישען פאָלק, אָבער ניט קיין אידישען שטאַט.

פעברואר 10. — די באָארד אוו אלדערמען אין ניו יאָרק ענדערט דעם נאָמען „דילענסי סטריט" אויף „שיף'ס פארקוויי" אין עהרע פון פארשטאָרבענעם יעקב שיף.

פעב. 16 — דער וויסקאָנסין לעדזשיסלייטשור נעמט אָן א דזשאָינט רעזאָלוציע, וואָס פארדאמט אנטי־ראַסען פראָפּאגאנדע.

פעברואר 19. — דער סענאַט נעמט אָן דעם דילינגהעם אימיגראציאָנס ביל מיט 62 שטימען געגען 2.

פעברואר 23. — דער מעיאר פון קליוולענד, אָהייאָ, פארבאָט צו פארקויפען אויף די גאסען דעם „דירבאָרן אינדעפענדענט" און יעדע אנדערע פובליקאציע, וואָס ציעלט צו באשאפען רעליגיעזע מחלוקות.

פעברואר 26. — דער קאָנגרעס נעמט אָן דעם דזשאָהנסאָן אימיגראציאָנס ביל מיט 296 שטימען קעגען 40.

מערץ. — דער הויפט ריכטער דזשיימס א. פלאהערטי, פון די נייטס אוו קאָלאמבוס, לאָזט וויסען, אז די 2,200 לעקציעס פון דעם אָרדער וועלען אויפ־פאָדערען דעם עולם צו באקעמפען אנטיסעמיטיזם.

אפריל 5. — די באָארד אוו אלדערמען אין ניו יאָרק סיטי באוויליגט „פרידאָם אוו סיטי" פאר פראָפעסאָר חיים ווייצמאן און אלבערט איינשטיין, די דעלעגאטען פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אפריל 6. — דער ניו יאָרקער סטייט סענאט נעמט אָן די רעזאָלוציע, פאָרגעשלאָגען פון נייטהען שטרויס, דזשוניאָר, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אין נאָמען פון דער באפעלקערונג פון שטאַט א ברוך־הבא צו חיים ווייצמאן און אלבערט איינשטיין.

אפריל 10. — די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקא גיט א קבלת פנים אין מעטראָפּאָליטאן אפערא הויז חיים ווייצמאן, אלבערט איינשטיין און די אנדערע דעלעגאטען פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אפריל 17. — חיים ווייצמאן לאָזט ארויס אַן אויפרוף פאר'ן קרן היסוד.

אפריל 22. — דער דילינגהעם־דזשאנסאָן ביל, וואָס באשרענקט די איינוואנדערונג אין אמעריקא אויף 3 פראָצענט פון יעדער נאציאָנאליטעט פון יעדען לאנד, וואָס וואהנט אין אמעריקא, ווערט אָנגענומען אין קאָנגרעס.

אפריל 27. — א מאססענפארזאמלונג אונטער דער אויפזיכט פון דער היברו שעלטערינג אימיגראנט אייד סאָסייטי צו פראָטעסטירען קעגען דעם דילינגהעם־דזשאנסאן ביל.

אפריל 29. — קאלאמבוס, אָהייאָ, דער סטייט סענאט נעמט אָן קארעל'ס ביל, וואָס מאכט פאר א פליכט צו לערנען די ביבל אין די פּאָבליק סקולס.

אפריל 29. –– געשט. אין פעטראָגראד מאַ־זעס אָסטראָגאָרסקי, געלעהרטער, מיטגליד פון דער ערשטער דומע.

מאי 27. — צוזאַמענשטויסען צווישען אראבישע און אידישע ארבייטער אין יאפפא, 27 אידען טויט און ארום 150 פארוואונדעט; היי קאָמישאָנער הערבערט סעמיועלס שטעלט אָב אי־מיגראציע.

מאי 3. — דער סענאט נעמט אָן דעם 3 פּראָצענט קוואָטא ביל.

מאי 19. — פרעזידענט הארדינג שרייבט אונטער דעם דזשאנסאן־דילינגהעם ביל.

יוני 14. — דער פּאַפּסט בענעדיקט, אין אן אדרעס צו א געהיימער פארזאמ־לונג פון גייסטליכע בלאמירט דעם בריטישען מאנדאט אין פאלעסטינא; דער בריטישער קאָלאָניאל סעקרעטער ווינסטאן טשווירטשהיל, וועלכער איז צוריק געקומען פון זיין נסיעה איבער די בריטישע מאנדאט־טעריטאָריעס אין נאָהענטען מזרח, ערקלערט די רעגירונגס פראָגראם, וואָס פארזי־כערט נאָך אמאָל די מינאָריטי אראַ־בער און די פראנצויזען אין סיריען.

אגוסט. — היי־קאָמישיאָנער הערבערט סעמיועל שטעלט צו אין פארלאמענט זיין ערשטען רעפּאָרט פון פאלעסטי־נא.

סעפּט. 14 — דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין קארלסבאד נעמט אָן א בודזשעט פון 7 מילאָן דאלאר אויף אויסצובע־סערען פאַלעסטינא.

אקט. 29. — ראבי דזשאָזעף שאול קארנ־פעלד פון קאלאמבוס אָהייאָ ווערט נאָמינירט פון פרעזידענט הארדינג אלס געזאנדטער אין טעהעראן, פער־זיען.

היסטאָרישע און ביאגראפישע דאטען

י אָ ה ר.

70 — טיטוס מאכט חרוב ירושלים.

756 — די מורישע מלוכה אין שפאניען געגרינדעט.

1096 — אָנגעהויבען די קרייץ־ציגע; דער לעצטער איז געווען אין 1270.

1172 — הענריך דער 2־טער באזיגט אירלאנד.

1204 — געשט. דער רמב"ם, משה מיי־מאָנידעס, דעצ. 13.

1215 — קעניג דזשאהן גיט ענגלאנד די „מאגנא קארטא" (קאָנסטיטור־ציע), יוני 15.

1265 — דער ערשטער רעפּרעזענטאנ־טען פארלאמענט אין ענגלאנד.

1427 — אידען ארויסגעטריבען פון שווייץ.

1431 — דזשאן ד'ארק פארברענט גע־וואָרען, מאי 30.

1453 — טערקען נעמען קאָנסטאנטינאָ־פּאָל.

1481 — פיעלע אידען פארברענט אויפ'ן שייטער הויפען אין סעוויל.

1483 — געבוירען געוואָרען מארטין לוטהער, נאָוו. 10.

1492 — קאָלאָמבוס ענטדעקט אמעריקא; גירוש שפּאַניען אין זעלביגען יאָהר.

1496 — געשט. קאָלאָמבוס, ענטדעקער פון אמעריקא, מאַי 12.

1497 — קעבאָט ענטדעקט דעם מזרח ברעג פון קענעדע, יוני 24.

1517 — די רעפאָרמאַציע זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד.

1535 — געדרוקט די ערשטע ענגלישע ביבעל.

1546 — געשטאָרבען מאַרטין לוטהער.

1564 — געבוירען געוואָרען גאַלילעי.

1564 — געבוירען געוואָרען שעקספּיר, אַפּריל 23.

1572 — די שחיטה אויף די הוגענאָטען אין דער סט. באַרטהאָלאָמעי נאַכט, אוגוסט 24.

1588 — די ענגלענדער פאַרניכטען די שפּאַנישע פלאָטע (ארמאַדא), יולי.

1600 — דזשאָרדאַנא ברונא פאַרברענט אויפ'ן שייטערהויפען, פעב. 9.

1616 — געשט. שעקספּיר, אַפּריל 23.

1618 — דער 30 יעהריגער קריג אין דייטשלאַנד הויבט זיך אָן.

1619 — דער ערשטער נעגער שקלאַף געבראַכט אין אמעריקא.

1619 — דער איטאַליענער, וואַניני, פאַרברענט געוואָרען אויפ'ן שייטערהויפען, אלס אטעאיסט, פעב. 19.

1620 — די פּילגרימען קומען אויף דער „מאַיפלאַוער".

1640 — ענטדעקט געוואָרען דער לייק איריע.

1643 — גבוירען געוואָרען אייזיק ניוטאָן.

1649 — ענגלישער קעניג קאַרל 1־טער הינגעריכט, יאַנואר 30.

1653 — קראָמוועל ווערט לאָרד פּראָטעקטאָר.

1690 — די ערשטע צייטונג אין אמעריקא, אין באָסטאָן.

1677 — געשט. ברוך שפּינאָזא, פעברואר. 21.

1704 — ענגלענדער נעמען גיבראַלטאַר.

1706 — געבוירען געוואָרען בענדזשאַמין פרענקלין, יאַנואר 17.

1707 — דער ערשטער פּאַרלאַמענט פון גרויס בריטאַניען

1717 — געפאַלען א שניי פון 10 ביז 20 פיס טיף אין ניו ענגלענד, פעב. 24—20.

1759 — קענעדע וועקגענומען פון די פראַנצויזען.

1774 — ע. שטער קאָנטינענטל קאָנגרעס, סעפּט. 5 — אָקט. 26, פילאַד.

1775 — קאָנגרעס שטימט איין אויף די ארטיקעלס פון דער קאָנפעדערעיישאָן.

1775 — די 1־טע אמעריק. אנטי־סלייווערי געזעלשאַפט געגרינדעט פון די קוויקערס אין פילאד., אַפּריל 14.

1775 — וואשינגטאָן ערוועהלט אלס הויפּט פון דער אמעריקאנער ארמיי.

1776 — די שלאַכט פון לאנג איילאנד, אגוסט 27.

1776 — די שלאַכט פון הארלעם העיטס, סעפּט. 16.

1776 — דעקלעריישאָן אוו אינדעפּענדענס, יולי 4.

1776 — וואשינגטאן געהט אריבער דעם דעלאַווער ריווער, דעצ. 8.

1777 — קאָנגרעס נעמט אָן די פלאג „סטארס ענד סטרייפּס"", יוני 14.

1777 — די ארטיקעלס פון דער קאָנפעדעריישאָן אָנגענומען פון קאָנגרעס, נאָוו. 15.

1778 — געשטאָרבען וואָלטער, מאַי 30.

1783 — קאָנגרעס דעמאָביליזירט אמעריקאַנער אַרמיי, אָקט. 18 — נאָוו. 3.

1783 — דעפיניטיווע פרידענס טריטי צווישען אמעריקא און ענגלאַנד, סעפּט. 3.

1784 — ערשטע טעגליכע צייטונג אין אַמעריקא, „אדווערטייזער“, ארויסג. אין פילאד.

1786 — געשט. משה מענדעלסאָן, 4טער יאַנואר.

1787 — אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע ראַטיפיצירט אויף אַ קאָנווענשאָן פון דעלעגאַטען פון די שטאַטען אין פילאד., מאי 14 — סעפּט. 17.

1787 — 14־טער (לעצטער) קאָנטינענטל קאָנגרעס פאַרזאַמעלט אין ניו יאָרק, נאָוו. 5.

1789 — ערשטע פּרעזידענט וואַהלען, פעברואַר.

1789 — ערשטע יונייטעד סטייטס קאָנגרעס פאַרזאַמעלט, ניו יאָרק, אַפּריל 6.

1789 — וואַשינגטאָן איינגעשוואָרען אַלס פּרעזידענט, אַפּריל 30.

1789 — פראַנצויזישע רעוואָלוציע הויבט זיך אָן, יולי 14.

1790 — געשט. בענדזשאַמין פרענקלין, אַפּריל 17.

1792 — גילאָטינע צום ערשטען מאָל באַנוצט, אַפּריל 25.

1792 — רוזש דע־ליל פאַרפאַסט די מאַרסעליעזע, אַפּריל 23.

1792 — פראַנקרייך פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק.

1793 — לואיס דער 16־טער פון פראַנקרייך הינגעריכט, יאַנואר 21.

1798 — איירישער אויפשטאַנד.

1800 — געשט. דער אידישער פילאָזאָף שלמה מיימאָן, נאָוו. 22.

1800 — דער 6־טער קאָנגרעס (2־טע סעסיע) פאַרזאַמעלט זיך (צום 1־טען מאָל) אין וואַשינגטאָן, נאָוו. 17.

1801 — ענגלענדער פאַרברענען די קעפּיטל וואַשינגטאָן, יאַנואר 19.

1803 — שפּאַנישע אינקוויזיציע אָפּגעשאַפט פון נאַפּאָלעאָן דעם 1־טען, דעצ. 4.

1804 — נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע ווערט אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך.

1807 — פולטאָן'ס ערשטע דאַמפּער רייזע. — די צווייטע אמעריקאַנישע מלחמה מיט ענגלאַנד.

1808 — נאַפּאָלעאָן'ס מאַניפעסט וועגען אידען, יולי 20.

1809 — געבאָרען געבאָרען דזשאָזעף פּיער פּרודאָן, יאַנואר 15.

1812 — די פראַנצויזען געהן אויף מאָסקווע.

1814 — די דרוק־מאַשין ווערט ערפונדען.

1817 — געשט. דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער קאָסטיושקאָ, אָקט. 15.

1821 — נאַפּאָלעאָן געשטאָרבען אויף סט. העלענא, מאַי 5.

1823 — די מאָנראָ דאָקטרין ווערט ערקלערט, דעצ. 2.

1823 — געשט. דער אידיש־ענגלישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם, דוד ריקאַרדאָ, סעפּט. 11.

1825 — פּעסטעל, ריליעוו און אנדערע רעוואָלוציאָנערען (דעקאַבריסטען) אויפגעהאַנגען, יולי 26.

1825 — געבאָרען פערדינאַנד לאַסאַל, מאַי 11.

1825 — געשט. סען־סימאָן, באַוואוסטער סאָציאַל. דענקער, מאַי 19.

1825 — דער אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטען אין פעטערבורג, דעצ. 26.

1828 — די מלחמה צווישען רוסלאנד און טערקיי.

1831 — געשט. דער דייטשער פילאָזאָף העגעל, נאָוו. 14.

1833 — דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" צום ערשטען מאָל געברויכט אין אן ענגלישער צייטונג, אגוסט 24.

1835 — מאָרז ערפינדעט דעם טעלעגראַף.

1837 — געשט. שארל פוריע דער פראנצ. אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט, אָקט. 8.

1837 — געשט. דער באוואוסטער רוסי־שער פּאָעט פושקין, יאנואר 29.

1837 — געשט. לודוויג בערנע, פעבר. 12.

1837 — אָפּגעשאַפט דעם שאנד־קלאָץ אין ענגלאנד, יוני 30.

1839 — אויפשטאנד פון די טשארטי־סטען אין ענגלאנד, (בוירמינג־העם).

1841 — געשט. דער גרויסער רוסישער פּאָעט לערמאָנטאָוו, יולי 15.

1845 — טעקסעס ווערט אנעקסירט.

1848 — גאָלד ווערט ענטדעקט אין קא־ליפארניא, סעפּט.

1852 — ערשינען ביטשער סטאו'ס ווערק „אָנקעל טאָם'ס קעבין", מערץ 20.

1853 — אָנגעהויבען די קרימער מלחמה.

1858 — סעוואסטאָפּאָל געפאלען, די קרימער מלחמה ענדיגט זיך, סעפּט. 8.

1856 — געשט. הענריך היינע, פעב. 17.

1861 — לייב־אייגענטום (שקלאַפעריי) אָפּגעשאַפט אין רוסלאנד.

1863 — אָנגעהויבען דער פּוילישער אויפשטאַנד.

1863 — די שלאַכט פון געטיסבוירג, יולי, 3—1.

1863 — אָפּגעשאַפט נעגער־שקלאַפעריי אין אמעריקא.

1863 — דרעפט רייאָטס אין ניו יאָרק סיטי, יולי 16—13.

1864 — מלחמה צווישען דייטשלאנד און דענעמארק.

1864 — פערדינאנד לאסאל טויטליך פארוואונדעט אויפ'ן דועל, אגוסט 28.

1864 — געשטאָרבען פערדינאנד לאסאל, אגוסט 30.

1864 — די עמאנציפּאציע פון אידען אין שווייץ.

1864 — טשערנישעווסקי, דער רוסישער שריפטשטעלער און סאָציאל. דענקער, פאר'משפט אויף קא־טאָרגע.

1865 — ענד פון אמעריקאנער בירגער קריג, אפּריל 9.

1865 — אייבראהאם לינקאָלן ווערט דער'הרג'עט, אפּריל 14.

1866 — ערשטער אטענטאט (קראקא־זאוו'ס) אויף אלעקסאנדער דעם 2־טען, אפּריל 17.

1867 — ערשינען „קאפּיטאל" פון קארל מארקס, אגוסט 25.

1867 — געגרינדעט די דאָמיניאָן אוו קענעדע.

1869 — געשט. דער רוסישער קאָמפּאָ־זיטאָר דארגאָמיזשקי, יאנ. 5.

1870 — אָפּגעשאַפט די וועלטליכע הער־שאַפט פון פּאַפּסט, סעפּט. 20.

1870 — נאפּאָלעאָן דער 3טער ערקלערט דייטשלאנד מלחמה.

1870 — געשטאָרבען אלעקסאנדער הער־צען, יאנואר 9.

1870 — אידען באקומען גלייכע רעכט אין שוועדען.

1871 — פּראָקלאמירט די פאריזער קאָ־מונע, מערץ 18.

1872 — געשט. דער איטאליענישער רע־וואָלוציאָנער מאדזיני, מערץ 10.

1872 — געשט. דער דייטשער פילאזאף לודוויג פייערבאך, סעפט. 13.

1873 — רעפובליק פראקלאמירט אין שפאניען.

1875 — געשט. משה העסס, אפריל 6.

1877 — געשט. דער אידיש־דייטשער פרייהייטס קעמפער יאקאבי, מערץ 6.

1878 — גענעראל מעזענצאוו דערשטאכען אין פעטערסבורג פון סטעפניאק, אגוסט 17.

1878 — רוסישע רעוואלוציאנערקע וויערא זאסוליטש שיסט אויף גענעראל טרעפאוו.

1878 — געשט. דזשאן סטוארט מילל, מאי 8.

1878 — געעפענט געווארען אין ניו יארק דער „עלעווייטעד“, אפריל 30.

1879 — די פראנצויזישע ארבייטער פארטיי געגרינדעט פון געד און לאפארג, אקט. 24.

1880 — א דינאמיט אויפרייס אין אלעקסאנדער דעם 2־טענס פאלאץ, פעבר. 5.

1881 — סאפיא פעראווסקאיא, זשעליאבאוו און אנדערע רעוואלוציאנערען אויפגעהאנגען אפריל 16.

1881 — פארפרוירען געווארען דער איסט ריווער, מען איז איבער איהם געגאנגען.

1881 — פרעזידענט גארפילד דערשאסען יולי 2.

1881 — אלעקסאנדער דער 2־טער דערהרג'עט פון א באמבע, וואס רעוואלוציאנערען האבען אויף איהם געווארפען.

1882 — פראפ. קאך ענטדעקט די באציל פון טובערקולאז.

1882 — געשט. טשארלז דארווין, אפריל 19.

1883 — געשטארבען קארל מארקס, מערץ 14.

1883 — געשט. דער אמעריקאנער גרויסער קעמפער פאר דער נעגער באפרייאונג ווענדעל פיליפס, פעבר. 2.

1883 — געשטארבען ריכארד וואגנער. דייטשער קאמפאזיטאר, פעבר. 13.

1883 — ענגלאנד אקופירט עגיפטען.

1883 — פעטער קראפאטקין און אנדערע פארזוכען צו מאכען אן אויפשטאנד אין ליאן, פראנקרייך, יאנואר 8.

1883 — געשט. דער באריהמטער רוסישער שריפטשטעלער טורגעניעוו, אוגוסט 22.

1883 — געעפענט געווארען ברוקלין בריק, מאי 24.

1884 — בארטהאלדי'ס סטעטשו או ליבערטי געשאנקען די פאראייניגטע שטאטען אין פאריז, יולי 4.

1886 — די סטעטשו או ליבערטי אויף בעדלא'ס איילענד ווערט אבגעדעקט אין דער אנוועזענהייט פון א מיליאן מענשען. די „וואירלד“ האט געזאמעלט א מיליאן דאלאר די סטאטוע אויפצושטעלען, אקט. 28.

1886 — געגרינדעט געווארען „ די אמעריקען פעדערייסשאן או לייבאר“, דעצ. 7.

1886 — זיבען אנארכיסטען פאר'משפט צו טויט אין שיקאגא, אגוסט 21.

1886 — גלאדסטאן'ס ערשטער איירישער האום רול ביל.

1888 — געגרינדעט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין ניו יארק, אקט. 9.

1889 — בראזיליען ווערט א רעפובליק.

1889 — געשט. ניקאָלאי טשערנישעווסקי, אָקט. 30.

1889 — הריגה אויף די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאקוטסק, סיביר, אָגוסט 4.

1892 — אלעקסאנדער בערקמאַן'ס אטענטאט אויף פריק'ן, יוני 23.

1894 — קאַפּיטאן דרייפוס דעגראדירט, דעצ. 23; באקומט צוריק זיינע רעכטען יולי 12, 1906.

1894 — געשט. דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר אנטאן רובינשטיין, נאָוועמבער 8.

1895 — פּראָפעסאָר רענטגען ענטדעקט נייע שטראַלען — די רענטגען־שטראַלען.

1895 — די קובאנער רעוואָלוציע זיך אָנגעהויבען, פעבר. 20.

1895 — געשט. פרידריך ענגעלס, אגוסט 5.

1898 — פרידענס פּראָטאָקאָל אונטערגעשריבען צווישען אמעריקא און שפּאַניען, אגוסט 12.

1898 — פרידענס טריטי אונטערגעשריבען פון אמעריקאנער און שפּאַנישע דעלעגאטען אין פּאַריז, דעצ. 10.

1898 — שפּאַניען ערקלעהרט אמעריקא קריג, אפּריל 23.

1899 — אָנגעהויבען די מלחמה אין סאוט אפריקא (בורען־קריג).

1891 — געשט. דער אידישער היסטאָריקער גרעץ, סעפּט. 7.

1896 — געשט. דער ענגלישער שריפטשטעלער וויליאם מאָריס, אקט. 3.

1897 — געגרינדעט געוואָרען דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער בונה פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילען („בונד“), אָקט. 8.

1897 — געשט. דער אמעריקאנער רעפּאָרמער (סינגעל טעקסער) העגרי דזשאָרדזש, אָקט. 29.

1898 — עמיל זאָלא טרעט ארויס מיט זיין בארימהמטען בריף „איך באשולדיג“ וועגען דעם דרייפוס פּראָצעס, יאנואר 13.

1900 — געשטאָרבען פּעטער לאווראָוו (מירטאָוו), יאנואר 25.

1900 — קעניג הומבערט פון איטאַליען דערשאָסען.

1900 — געשט. דער גרויסער אידיש־רוסישער מאהלער י. לעוויטאן, יולי 22.

1900 — געשט. דער רוסישער פילאָזאָף און אידען פריינד וולאדימיר סאָלאָוויאָוו, יולי 31.

1901 — פּרעזידענט מעקינלי, ערמאָרדערט געוואָרען, סעפּט. 6.

1901 — געשטאָרבען די ענגלישע קעניגין וויקטאָריא, יאנואר 22.

1901 — מארקאָני סיגנאַליזירט דראָטלאָז דעם בוכשטאַב „סי“ איבער'ן אטלאַנטיק פון ענגלאַנד צו ניו־פאונדלענד, דעצ. 12; די ערשטע דראָטלאָזע קייבעל געשיקט אין דעצ. 1902.

1901 — רוסישער בילדונגס־מיניסטער באָגאָליעפּאָוו דערשאָסען, פעברואר 27.

1902 — געשט. עמיל זאָלא, סעפּט. 29.

1902 — מארטיניק ווערט חרוב פון א וואולקאן.

1902 — געשט. דער גרויסער אידישער סקולפּטאָר מארק אנטאָקאָלסקי, יוני 26.

1902 — קובא'ער רעפּובליק איינגעשוואָרען, מאי 20.

1902 — עדוארד דער 7־טער ווערט געקרוינט אלס קעניג פון גרויס בריטאניען, אגוסט.

1903 — געגרינדעט די רעפובליק פון פאנאמא.

1904 — פלעווע דער׳הרג׳עט פון א באמבע, וואס סאזאנאוו האט אויף איהם געווארפען, יולי.

1904 — דר. טהעאדאר הערצעל געשט. יולי 3.

1904 — אנגעהויבען די רוסיש יאפא־נעזישע קריג.

1905 — גרוים פירסט סערגעי ערמאר־דעט געווארען אין מאסקווע, פעב. 17.

1905 — קאנסטיטוציע פראקלאמירט אין רוסלאנד, אקט. 30.

1906 — דער ערשטער טאג פון די וואהלען צו דער ערשטער דומא אין רוסלאנד, מערץ 8.

1906 — אונגארן קריגט אויטאנאמיע.

1906 — הערצענשטיין, ראדיקאלער דו־מא־דעפוטאט דערשאסען פון דער שווארצער מאה, יולי 31.

1906 — גלח גאפאן דער׳הרג׳עט פון אי־דישען רעוואלוציאנער רוטענ־בערג, מערץ 28.

1907 — געשט. פאביעדאנאסצעוו, דער רוסישער טארקוואמאדא, מערץ 24.

1907 — געשטארבען דער באריהמטער רוסישער בעמיקער מענדעלע־יעוו, יאנואר 20.

1908 — געשט. גריגארי גערשוני, מערץ 18.

1909 — די האדסאן פולטאן פייערונג אין ניו יארק, סעפט., אקט., נאוו.

1909 — אזעף ווערט ערקלעהרט אלס פראוואקאטאר, יאנואר 4.

1910 — ערשטער סאציאליסט וויקטאר בערגער ערוועהלט אלס קאנ־גרעסמאן, נאוו. 8.

1910 — געשט. גראף לעא טאלסטאי.

1910 — פארטוגאל ווערט א רעפובליק.

1910 — יוניאן פון סאוט אפריקא, מאי 31.

1911 — פאסטעל־בענק געעפענט אין אמעריקא, יאנואר 3.

1911 — קאפיטאן אמונדסען ענטדעקט דעם סאוט פאל, דעצ. 14.

1911 — רעפובליק ערקלערט אין כינא, מערץ 11.

1911 — טרייענגעל קאטאסטראפע אין ניו יארק, 146 מענשען פאר־ברעט אין א שאפ, מערץ 25.

1911 — איטאליען טרעט אריין אין קריג מיט טערקיי און פארכאפט טריפאלים.

1911 — רוסישער פרעמיער סטאליפין דערשאסען פון סטודענט באג־ראוו, סעפט.

1912 — אמעריקא ברעכט אב די האנ־דעלס טריטי מיט רוסלאנד.

1914 — אויסגעבראכען די גרויסע וועלט מלחמה.

1914 — עסטרייכשער גרוים פירסט פראנסים ערמארדעט אין סאראיעווא, יוני 28.

1914 — דייטשלאנד דרינגט אריין אין בעלגיען, אגוסט 2.

1914 — פאנאמא קאנאל געעפענט, אוגוסט 15.

1914 — יאפאן ערקלערט דייטשלאנד קריג, אגוסט 23.

1915 — געשט. י. ל. פרץ, מאי 3.

1915 — דער דאמפער לוזיטייניא גע־זונקען, מאי 7.

1915 — דראטלאזע פארבינדונג צווישען יאפאן און אמעריקא, געגרינ־דעט יולי 27.

1916 — די גרויסע עקספלאזיאן אין דזשוירסי סיטי, יולי 30, 33 מיליאן שאדען.

1917 — די צווייטע רעוואָלוציעס אין רוס־לאַנד, געגרינדעט דער באָלשע־וויסטישער רעזשים, נאָוו. 7.

1917 — רוסישער צאר ניקאָלאי דער 2־טער זאָגט זיך אָפּ פון טראָן, מערץ 15.

1917 — אַמעריקא ערקלערט א צו־שטאַנד פון קריג מיט דייטש־לאַנד, אפריל 6; מיט עסטרייך — דעצ. 7.

1917 — גריכישער קעניג קאָנסטאַנטין זאָגט זיך אָפּ פון טראָן, יוני 12.

1917 — דער פּאפּסט בענעדיקט פּאר־עפענטליכט זיין שלום פּאר־שלאַג, אגוסט 1, אַמעריקא און די עליים ווייזען איהם צוריק.

1917 — די ענגלענדער נעהמען ירושלים, דעצ. 8.

1918 — צאר ניקאָלאי, דער 2טער ווערט דערשאָסען פון באָלשעוויקעס אין יעקאַטערינבורג, יולי 16.

1918 — פּרעזידענט ווילסאָן פאָהרט ארויס קיין פּאריז, דעצ. 4.

1918 — פרידענס קאָנפערענץ געעפענט ניט־פאָרמעל אין פּאריז, יאנו־אר 12; פאָרמעל, יאנואר 18.

1919 — די טריטי צווישען די עליים און דייטשלאנד אונטערגעשרי־בען אין ווערסאַיל פון די פאר־שיידענע באַפולמעכטיגטע, יוני 28; ראַטיפיצירט פון דער דייטשער נאַציאָנאלער פּאר־זאמלונג יולי 9; פון ענגלישען פּארלאַמענט יולי 25; פון קע־ניג דזשאָרדזש יולי 31; פון איטאליענישען קעניג, אָקט. 7; פון פראנקרייך, אָקט 13; פון יאַפּאַן, אָקט 27; צוריקגעווי־זען פון אַמעריקאנישען סענאַט, נאָוו. 19.

1919 — פּרעזידעט ווילסאָן פּארלאָזט פראַנקרייך, פעבר. 15; קומט צוריק צום פרידענס קאָנפע־רענץ, מערץ 14; פארלאָזט ווי־דער פראַנקרייך יוני 29; ער האָט געגעבען דעם סענאַט די טריטי יולי 10; האָט אָנגעהוי־בען זיין אגיטאַציאָנס טור סעפּט. 4; קראַנק געוואָרען אין קענזעס סיטי, סעפּט. 26, זיך אומגעקערט אין ווייסען הויז א קראַנקער נאָוו. 11.

1919 — לופט־שיף פּארקעהר צווישען ניו יאָרק און שיקאַגאָ אָנגעהוי־בען יולי 16.

1919 — א גרויסער סטרייק פון האפען ארבייטער אָנגעהויבען אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, יולי 16.

1919 — סטרייק פון די אייזען ארביי־טער איבער'ן גאַנצען לאַנד אָנ־געהויבען סעפּט. 22.

1919 — דער סטרייק אין די סאָפט קוי־לען מיינס אין אַמעריקא אָנ־געהויבען אָקט. 31.

1919 — סטרייק פון די אייזענבאהן אר־בייטער אין ענגלאַנד, אָנגעהוי־בען סעפּט. 27.

1920 — אַמעריקא שיקט ארויס פון לאַנד עמאַ גאָלדמאַן, אלעק־סאַנדער בערקמאַן און אנדערע 200 קאָמוניסטען (דעצ. 1919, יאַנואר 1920).

1920 — דער 18־טער אַמענדמענט צו דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטו־ציע וועגען פּראָהיבישאָן איז אריין אין קראַפט, יאנואר 16.

1920 — דער 19־טער אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע וועגען פרוי־ען שטימרעכט איז אריין אין קראַפט אגוסט 26.

אונזער קאמף פאר אימיגראציע

פון קאָנגרעסמען אייזיק סיגעל.

אלס מיטגליעד פון קאָנגרעס, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אין נאָוועמבער, 1914, בין איך באשטימט געוואָרען פאַר א מיטגליד פון דער קאָמיסיע וועגען אימיגראציע און נאטוראליזאציע אזוי גיך ווי דער 64טער קאָנגרעס האָט זיך פערזאמעלט אין דעצעמבער, 1915.

דער בוירנעט ביל מיט'ן ליטערעסי טעסט, ס'הייסט, אז אימיגראנטען זאָלען קענען לעזען , איז אָנגענומען געוואָרען אין קאָנגרעס דעם 30טען מערץ, 1916. מיר האָט זיך איינגעגעבען, אז דער קאָנגרעס זאָל אָנעהמען אן אמענדמענט צו דעם דאָזיגען ביל, וואָס איז באשטאַנען אין דעם, אז אזעלכע אימיגראנטען, וואָס אנטלויפען פון רעליגיעזע פארפאָלגונגען אין אייראָפּא, זאָלען אריינגעלאָזט ווערען אין אמעריקא ווען אפילו זיי קאָנען ניט לעזען די 40 געפאָדערטע ווערטער, ווי דאָס פאָרגעשלאָגענע געזעץ פאָדערט.

דער דאָזיגער ביל איז באוואוסט געוואָרען אלס דאָס בוירנעט אימיגראציאָנס געזעץ און איז אָנגענומען געוואָרען אין סענאט דעם 14טען דעצעמבער, 1916. פרעזידענט ווילסאָן האָט דעם דאָזיגען ביל וועטאָאירט דעם 29־טען יאנואר, 1917, נאָר אין דעם ערשטען טאָג פון מאָנאט פעברואד, 1917, האָט דער קאָנגרעס דעם זעלביגען ביל אָנגענומען איבער דעם פרעזידענטס וועטאָ. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער סענאט דעם 5טען פעברואר, 1917. דאָס דאָזיגע געזעץ איז אריין אין קראפט דעם 1טען מאי פון יאָהר 1917 און איז נאָך היינט אין קראפט.

דער קאמף געגען דעם ליטערעסי טעסט איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע, וואָס איז ווען עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען געגען א וועלכען איז ביל. אין ענטפער אויף מיינע פארשידענע אָנפראָגען, וואָס איך האָב געמאכט בנוגע צו דעם דאָזיגען ענין, האָב איך ערהאלטען בריף פון דעם סעקרעטערי אוו דהי נייווי, דזשאָזעפוס דעניעלס, וויליאם האוארד טעפט, עקס פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, וועלכער איז איצט טשיף דזשאָסטים פון יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, דזשאָרדזש ג. דייווים, פרעזידענט פון דעם האָנטער קאלעדזש פון ניו יאָרק סיטי, דר. ניקאָלאס מאָרעי באָטלער, פרעזידענט פון קאלאמביא יוניווערסיטי, דר. ס. ע. מעזעס, פון דעם נויאָרקער סיטי קאָלעדזש, און פון דעם קאָמישאָנער אוו עדיוקיישאָן פון נויאָרק סטייט, מר. פינלי. אט די אלע פערזאָנען זיינען געווען געגען דעם ביל.

איך האָב געזאמעלט סטאטיסטיק וועגען פארברעכענס אין 30 פון די גרעסטע שטעדט אין לאנד. עס זיינען צונויפגעקליבען געוואָרען באווייזען וועגען דעם, אז אין די שטאאטען ווי נויאָרק, פענסילווייניא, אָהייאָ און אילינאָיז, וואו אימיגראנטען האָבען זיך דערהויפט באזעצט, איז דער ארבייטס לוין שטענדיג פארגרעסערט געוואָרען, קינדער ארבייט איז אָבגעשאפט געוואָרען און עס זיינען אָנגענומען געוואָרען געזעצען וועגען אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאָג.

פריהער ווען נאָר די איינוואנדערונג־פראגע פלעגט פארקומען אין קאָנגרעס, פלעגט מען זיך אלעמאָל שטיצען אויף א בריף צו פרעזידענט טעפט, וואו עס איז

אויפגעוויזען געוואָרען, אז אין סאָמערסעט קאונטי, ניו דזשוירסי, איז די צאָהל פארברעכענס צווישען פרעמד געבאָרענע גרעסער, ווי צווישען געבאָרענע אמעריקאנער. איך האָב דעם דאָזיגען ענין אויפגענומען מיט'ן דיסטריקט אטוירני פון קאורט אוו קאממאָן פּלים אין סאָמערסעט קאונטי, ניו־דזשוירסי. איך בין געפאָהרען אין באונד ברוק און אנדערע שטעדט, וואָס האָבען דערצו א שייכות, און האָב געמאכט א פּערזענליכע אונטערזוכונג. דער דיסטריקט אטוירני האָט מיר האָן געשריבען א בריף דעם 19טען יאנואר, 1916, וואָס האָט באוויזען די פאלשקייט פון דער באשולדיגונג, אז די אימיגראנטען אין סאָמערסעט קאונטי גיבען ארויס א גרעסערע צאָהל פארברעכער אין פּראָפּאָרציע מיט דער אמעריקאנער געבאָרענער באפעלקערונג. אָבער די פאָרשלאָגער פון א פרייער איינוואנדערונג האָבען גיך דערזעהן, אז אזוי ווי עס האָט דאן געהערשט ארבייטסלאָזיגקייט אין די פאראייניגטע שטאאטען, און נעהמענדיג אין אנבעטראכט די גרויסע צאָהל מענשען וואָס קענען ניט קיין ענגליש אָדער זיינען ניט קיין בירגער, אויך די סימנים, אז מיר זיינען געווען ערב אריינגעהן אין דער מלחמה, — פאָדערט דאָס אמעריקאנישע פאָלק, אז א ליטערעסי געזעץ זאָל אָנגענומען ווערען. דערביי אָבער האָט מען אָפען צוגעגעבען, אַז דער דאָזיגער ליטערעסי טעסט וועט ניט שטערען קיין איינציגען פארברעכער אריינצוקומען אין אמעריקא.

דאָס געזעץ וועגען א ליטערעסי טעסט פאר אימיגראנטען איז אריין אין קראפט דעם 1טען מאי פון יאָהר 1917. דער קאָנגרעס האָט ערקלעהרט קריג אפּריל דעם 6טען, 1917.

איבער גאנץ אמעריקא האָבען מאנכע פרעמד געבוירענע, וואָס זיינען נאָר לעצטענס אהער געקומען און אין פיעלע פעלען, אזעלכע, וואָס זיינען נאָך ניט קיין בירגער, באלד גענומען עפענטליך אויסדריקען אנשויאונגען, וואָס זיינען געווען אין א דירעקטער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג און צו דער פּראָגראם פון דער נאציאָן בנוגע צו דער מלחמה.

עס האָט גענומען שטייגען א געפיהל אז מיר האָבען ערלויבט אריינצוקומען אין לאנד מאנכע אימיגראנטען, וואָס האָבען ווי עס זעהט אויס ניט פארשטאנען, אז וויבאלד דאָס אמעריקאנישע פאלק האָט עס פארלאנגט, איז די פליכט פון יעדען יחיד צו ער איז א בירגער אדער אנדערש, זיך צו בויגען צו דעם דאָזיגען מאנדאט, צו דער דאָזיגער באפאָלמעכטיגונג. עס האָט זיך גענומען פיהלען א שטארקער פארלאנג פאר ווייטערדיגע באשרענקונגס געזעצען בנוגע צו אימיגראציע.

דעם 29טען יאנואר פון יאָהר 1919 האָט די קאָמיסיע וועגען אימיגראציע און נאטוראליזאציע ביים קאָנגרעס פאָרגעשלאָגען אן אנדער ביל פון קאָנגרעסמען בוירנעט, וועלכער איז פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע, א ביל, וואָס שטעלט פאקטיש אָב די אימיגראציע. דער דאָזיגער ביל איז דורכגעפאלען. דאן איז געקומען דער ביל, וואָס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון קאָנגרעסמען דזשאָהנסאָן, אלס פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע. זיין ביל וואָלט פארשלאָסען אמעריקא'ס טיהרען פאר אימיגראנטען אומגעפעהר אויף צוויי יאָהר.

אין יאָהר 1920 און אין אָנהויב פון 1921 האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען דעם אזוי־גערופענעם דריי פּראָצענט־קוואָטא־געזעץ, אָבער פרעזידענט ווילסאָן האָט איהם ניט אונטערגעשריבען און ניט וועטאָאירט אין פארלויף פון די לעצטע טעג פון 66טען קאָנגרעס. לויט דער קאָנסטיטוציע מוז דער פרעזידענט האנדלען אין אזעלכע פעלען אין פארלויף פון 10 טעג, ווען דער טערמין פון דעם באטרע־

פּענדען קאָנגרעס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. אָבער אין דעם דאָזיגען פאַל האָט דער טערמין פון דעם 66טען קאָנגרעס זיך געהאט געענדיגט פאַר די באַשטימטע 10 טעג, וואָס דער פּרעזידענט האָט צייט צו האנדלען (עקספּיריישאָן פּעריאָד), האָט דער פּרעזידענט דעם ביל פארהאַלטען, אַזוי, אַז ער איז געשטאָרבען אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס מען רופט „א פּאָקעט וועטאָ."

מיין אויפטרעטען פאַר דער קאָמיסיע וועגען אימיגראַציע און נאַטוראַליזאַציע האָט פאַרנומען עטליכע שעה און איך גלויב, אַז מיר האָט זיך איינגעגעבען צו איבערצייגען די קאָמיסיע, אַז די קינדער פון די אימיגראַנטען ווערען ווי עס דאַרף צו זיין געבילדעט און אַמעריקאַניזירט.

באַלד ווי די ספּעציעלע זיצונג פון 67־טען קאָנגרעס איז פאָרגעקומען, איז געוואָרען קלאָהר, אַז צוליב דער אומנאָרמאַלער ארבייטסלאָזיגקייט אין אַמעריקא, איז דאָ א קעגטיגער פאַרלאַנג ביי א גרויסער צאָהל סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט צו באַשרענקען די אימיגראַציע פון די נאָרטוועסטערן אייראָפּעאישע לענדער און אַז דער דריי פּראָצענט קוואָטא ביל וועט ווערען א געזעץ.

איך האָב ביטער געקעמפט אין קאָנגרעס געגען דעם דאָזיגען ביל אלס פיהרער פון דער אָפּאָזיציע, ער איז אָבער צולעצט דורכגעגאַנגען אין קאָנגרעס מיט 280 שטימען צו 41. אין סענאַט האָט נאָר איין סענאַטאָר געשטימט געגען דעם ביל. דער פּרעזידענט האָט דעם ביל גע'חתמה'עט און ער איז געוואָרען א געזעץ, וואָס איז אריין אין קראַפט דעם 3־טען יוני, 1921. דאָס געזעץ איז היינט גילטיג, זייענדיג א צוגאָב צו דעם בוירנעט אַקט פון 5טען פעברואר, 1917.

דער טערמין פון דעם דריי פּראָצענט קוואָטא געזעץ ענדיגט זיך דעם 1טען יולי 1922, אָבער אין דער צייט וואָס איך שרייב דאָס (דעצ. 8, 1921) זיינען דאָ סימנים, אַז דאָס זעלביגע געזעץ וועט אָנגענומען ווערען אויף נאָך א טערמין נאָך מיט א הוספה, אַז די אימיגראַנטען זאָלען מעדיציניש עקזאַמינירט ווערען אויף יענער זייט ים, אין אַזעלכע לענדער וואו דאָס וועט ערלויבט ווערען. אַזעלכע אימיגראַנטען, וואָס וועלען קומען פון לענדער, וואו דאָס וועט ניט ערלויבט ווערען, זאָלען עקזאַמינירט ווערען ביים אָנקומען אין די פּאָרטען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. די וויזע פאָראָרדענונגען וועלען אויך בלייבען אויף ווייטער אין קראַפט.

דער קאַמף אין קאָנגרעס פאַר א ליבעראַלער אימיגריישאָן איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך מיר, אַלס לידער פון די רעפּובליקאַנער און דורך קאָנגרעסמאַן סאַבאַט, פון שיקאַגאָ, פאַר די דעמאָקראַטען.

עס איז שווער צו געפינען ווערטער אויף צו באַשרייבען די אַנשטרענגונג און די גרויסע הילף וואָס מר. לואיס מאַרשאַל האָט אַרויסגעצייגט אין דעם קאַמף פאַר א ליבעראַלער אימיגראַציע.

מיט דער געשעהעניש פון דעם, וואָס אירלאַנד איז איצט געוואָרען א פרייער שטאַאַט, וועלען איצט פיעלע מיטגלידער פון קאָנגרעס, וואָס רעפּרעזענטירען דיסטריקטען, וואָס האָבען א גרויסע צאָהל איינוואוינער פון איירישער אבשטאַמונג, אָהן צווייפעל ניט אַרויסווייזען דעם זעלבען אינטערעס בנוגע צו פרייער איינוואַנדערונג, ווי פריהער, מחמת אונטער דעם דריי פּראָצענט קוואָטא געזעץ וועט די צאָהל פון די וואָס וועלען ערלויבט ווערען אהער אריינצוקומען פון אירלאַנד, זיין גרעסער ווי עס איז געווען געוועהנליך, א חוץ דעם וועלען אַלע פריינדע פון אירלאַנד זיין פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז אירלאַנד זאָל בלייבען ביי איהר איצטיגער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל פון דאָרט וואָס וויניגער אַרויספאָהרען. דערפאַר וועט זיין נויטיג פאַר דעם אידען־

טום פון דער וועלט, סיידען א נייע תקופה קומט אויף, צו קאָנצענטרירען זיינע אנ־שטרענגונגען, כדי צו העלפען יענע, וואָס מוזען אנטלויפען פון פארפאָלגונגען און אונטערדריקונגען, זיך צו באזעצען אין פאַלעסטינא.

אמעריקא׳ס טיהרען, וואָס אויף זיי איז געווען אמאָל אָנגעשריבען: א היים פאר אנטלאָפענע, אונטערדריקטע און פארפאָלגטע — זיינען פארשלאָסען. אפשר מיט דער צייט וועט די געשעפטס באדינגונגען ווערען ווידער גוט און די אמעריקאנער וועלען אָנהויבען קו־קען אויף די פרעמד געבוירענע פון א ברייטען און מעהר יושר׳דיגען שטאנד־פונקט, קאָן דאמאָלט זיין, אז די אימיג־ראציאָנס געזעצען און די אמענדמענטס צו זיי, זאָלען מאָדיפיצירט ווערען.

איך קאָן ניט ענדיגען דעם דאָזיגען אר־טיקעל וועגען דעם קאמף פאר פרייער איינוואנדערונג, ניט אויסדריקענדיג קיין אנערקענונג צו אזעלכע פערזאָנען, וואָס האָבען געדינט דעם אימיגראנט, ווי לעאָן סענדערס, דזשאהן ל. בערענשטיין און הערי פישעל. איינער פון יענע, וואָס דארף אויך דערמאָנט ווערען איז האָנ. הענרי מ. גאָלדפאָגעל, וואָס האָט א סך יאָהרען געקעמפט קעגען אנדערע באַ־שרענקונגס געזעצען.

אונזער פליכט אין דער געגענווערטי־גער צייט איז, זיך צו בעמיהען אין יעדען מעגליכען וועג, אז יענע, וואָס געפינען זיך אין אונזערע רייהען זאָלען אנערקאָ־נען זייער פאראנטוואָרטליכקייט צו אמע־ריקא און קאָנצענטרירען די אנשטרענ־גונג, צו ווערען טרייע אמעריקאנער־בירגער אזוי גיך ווי עס איז מעג־ליך און אין דערזעלביגער צייט זיי לער־נען זייערע פליכטען צו דעם לאנד פון מעגליכקייטען, רעליגיאָנס פרייהייט און פאָליטישער פרייהייט.

אימיגראנטען קוואָטאס

דעם 19־טע מאי פון יאָהר 1921 איז אריין אין קראפט דאָס געזעץ וועגען דער דריי פראָצענטיגער קוואָטא פאר אימי־גראנטען. דאָס מיינט, אז די צאָהל אי־מיגראנטען, וואָס קאָן יעהרליך אריינגע־לאָזט ווערען אין אמעריקא פון פארשי־דענע לענדער, זאָל ניט איבערשטייגען דריי פראָצענט פון די צאָהל אימיגראנטען פון יענע לענדער, וואָס וואוינען שוין אין אמעריקא אין 1910.

לויט דעם דאָזיגען געזעץ קאָנען יעהר־ליך אריינקומען אין די פאראייניגטע שטאַטען 355,825 אימיגראנטען.

אָט זיינען די קוואָטאס פאר יעדען לאנד.

לאנד	קוואָטא	
עסטרייך — — —	7,444	אימיגראנטען
בעלגיען — — —	1,557	"
טשעכאָ־סלאָוואקיא	14,269	"
דענעמארק — —	5,644	"
פינלאנד — — —	3,890	"
פראנקרייך — —	5,692	"
דייטשלאנד — —	68,039	"
גריכענלאנד — —	3,286	"
אונגארן — — —	5,635	"
איטאליען — — —	42,021	"
יוגאָסלאוויא — —	6,405	"
האָלאנד — — —	3,602	"
נאָרוועגיען — —	12,116	"
פוילען — — —	26,019	"
מזרח גאַליציען —	5,781	"
פּאָרטוגאַל — — —	2,269	"
רומעניען — — —	7,414	"
רוסלאנד — — —	34,247	"
שוועדען — — —	19,956	"
שווייץ — — — —	3,745	"
ענגלאנד (יונייטעד קינגדאָם) — —	77,206	"
ארמעניען — — —	1,588	"
שפאניען — — —	663	"

ציוניזם

אן איבערבליק פון הערצל׳ס צייט ביז היינט.

פון י. פישמאן

1. די הערצל פעריאָדע.

עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דער אידישער לאגע אין גלות, אז טהעאָדאָר הערצל, דער גרינדער פון פּאָליטישען ציוניזם, זאָל נישט האָבען געוואוסט פון דעם פערזוך וואָס איז געמאכט געוואָרען כמעט אין דערזעלבער ליניע פון דר. לעאָ פינסקער, בלויז 15 יאָהר פריהער. הערצל האָט אליין שפּעטער צוגעגעבען, אז ער האָט קיין אהנונג געהאַט פון פינסקער׳ס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן“ ווען דער געדאנק פון זיין „יודענשטאאט“ איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען.

אָבער דאָס פערמינדערט נישט אויף איין האָר די גרויסע שטאאטסמאנשאפט וואָס הערצל האָט ארויסגעוויזען אין די קורצע יאָהרען אין וועלכע ער האָט געלעבט אויסשליסליך פאר דאָס אידישע פאָלק, ווי אויך נישט די גרויסע רעזולטאטען וואָס דער ציוניזם האָט צו בעוויזען זייט 1897, די דאטע פון דעם ערשטען קאָנגרעס.

ווען מען גיט אַ טראכט וועגען הערצל און זיין פעריאָדע, שיינט עס נאָך אפילו היינט ווי אַ לעגענדע. די קערנער פון ציוניזם, און זאָגאר דער ציוניזם אליין, איז פערשפּרייט דורך דער גאנצער אידישער גלות געשיכטע. אידען האָבען קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו ליעבען. און חלום׳ען פון זייער אַלטע היים וואו זיי האָבען געלעבט אלס אַ פאָלק מיט פעלקער גליך. און דאָך, האָט זיך אין יאהרהונדערטע נישט געפונען קיין קראפט, קיין פערזענליכקייט, וואָס זאָל זיין ביכולת צו אָרגאניזירען די דאָזיגע ליעבע פאר ציון, די דאָזיגע בענקעניש, אין אַ קאָנקרעטע, ממשות׳דיגע זאך. פיעלע האָבען פּרובירט, פיעלע האָבען געשריעבען וועגען פּלענער, אָבער אין 1895, ווען הערצל טרעט ארויס אויף דער סצענע, געפינען מיר די גאנצע ארבייט פאר ציון קאָנצענטרירט אין עטליכע צעהנדליג קאָלאָניעס געגרינדעט און אויסגעהאלטען פון איין מאן—דער נדיב הידוע, באראָן עדמאָנד ראָטהשילד—, און אין דאָס ביסעל ארבייט פון אָדעסער קאָמיטעט פון די חובבי ציון. קיין פּאָליטישער, און אפילו קיין אומפּאַסענדער עקאָנאָמישער פּלאן, פאר ישוב ארץ ישראל, עקזיסטירט ניט, טראָץ די גוטע רעזולטאטען פון פינסקער׳ס ווערק.

און דאָ ערשיינט אזוי ווי דורך אַ צויבער אַ זשורנאליסט־פעליעטאָניסט מיט אַ וואונדערבארער פערזענליכקייט, אָבער, דאָך אין גאנצען אונבעוואוסט צו דער אידישער וועלט, און אין אַ קורצער צייט עלעקטריזירט ער דאָס גאנצע אידישע פאָלק מיט דערזעלבער אַלט־נייער לאָזונג פאר דער אידישער פראגע, וועלכע פיעלע פאר איהם האָבען שוין פאָרגעשלאָגען אין פארשיעדענע פאָרמען. פּאָליטישער ציוניזם ווערט אַ ווירקליכע בעוועגונג און נישט בלויז אַ קליין־קאָלאָניזאטאָרישע זאך. אידישע קאָנגרעסען מיט ווירדע, און אַ טריבונע אויף וועלכער עס ערשיינען די גרעסטע אידישע מוחות און נאָבעלסטע הערצער ווערען אָבגעהאלטען רעגעלמעסיג, אזוי ווי ביי אַ גוט איינגעאָרדענטע רעגיערונג;

הערשער רעכענען זיך מיט'ן ציוניזם און עמפּפאַנגען זיין פיהרער מיט דער גרעסטע אַכטונג; לאַנדעס אָרגאַניזאַציאָנען וואַקסען מיט אַמאָל ארויס איבעראַל מיט פעסטע און טרייע מיטגליעדערשאַפט וואָס איז גרייט צו ברענגען גרויסע אָפּפער; א נאַציאָנאַל פאָנד ווערט געשאַפען; אַנדערע פינאַנס אינסטרומענטען ווערען אָרגאַניזירט; אָנבאָטען פאַר גרויס קאָלאָניזאַציאָן קומען פון דער מעכטיגער ענגלאַנד. און מיט אַמאָל, ווערט דער גרויסער בעשעפער פון דאָס אַלעס צוגענומען פון דער וועלט גראַדע אזוי אונערקלערליך ווי ער איז ערשיענען.

אָבער זיין ווערק געהט פאָרווערטס. נישט נאָר געהט עס פאָרווערטס, נאָר עס קומט אזוי נאָהענט צו פערווירקליכונג ווי דער גרעסטער ציוניסטישער פאַנטאַזיאָר האָט געקענט טרוימען פאַר היינטיגען דור. די אידישע תביעות אויף ארץ ישראל ווערען אַנערקענט פון די גרויס מעכטע. שוועריגקייטען זיינען דאָ א סך, אָהן א שיעור, אָבער דער הערצל'שער פּרינציפּ פון א „היימלאַנד פאַר דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל" האָט דורכגעבראָכען די שווערע וואַנט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

איז עס נישט א וואונדער, א לעגענדע? הערצל אַליין האָט פאָראויסגעזעהן, אז פיעלע וועלען אָנרופען זיין פּלאַן א לעגענדע, אָדער א מעערכען, (באָבע מעשה,) ווי ער האָט עס אָנגערופען אויפ'ן ציפּערבלאַט פון זיין צווייטעס ווערק „אַלטניילאַנד." „אויב איהר ווילט, איז עס נישט קיין באָבע־מעשה," האָט ער אָנגעשריעבען אַלס זיין מאָטאָ.

וואָס איז געווען דער אימפּולס וואָס האָט בעוואויגען הערצל ארויסצוקומען מיט זיין „יודענשטאַאט?"

עס איז געווען אין פּאַריז וואו דער געדאַנק פאַר זיין „יודענשטאַאט" איז ביי הערצל'ן געבאָרען געוואָרען, אין יאָהר 1895. הערצל איז דאַן געווען דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נייע פרייע פּרעסע." ער איז געווען זאַט פון דעם יִתטרייכישען אַנטסעמיטיזם וואָס האָט גראַדע מעהר געטראָפען די קולטורעלע אידען ווי די פּראָסטע אידישע מאַסען. עס איז געווען דער „וויסענשאַפטליכער אנטיסעמיטיזם" וואָס האָט געגעבען צו שמעקען פעפער די מייסטע אידישע געלעהרטע און פּראָפעסיאָנעלע קלאַסען. אין פּאַריז ווידער, אין דעם „בולוואַר פון ציוויליזאַציאָן," האָט זיך הערצל אָנגעשלאָגען אָן דער דרייפוס אפּערע, וואָס האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין אויפפלאַקערען. צווישען די צוויי אַנטיסעמיטישע שטראָמען פון וויען און פּאַריז, האָט דער בעשיידענער זשורנאַליסט יענומען זיך אָפּגעבען חשבון הנפש. ער איז געקומען צום בעשלוס, אז די אידישע פּראַגע קען נאָר געלייזט ווערען אויף פּאָליטישעקאָנאָמישע יסודות, און האָט אָנגעשריעבען זיין „יודענשטאַאט." וועגען די אידיש־נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע זייט פון ציוניזם האָט הערצל נאָך דאַן ווייניג געקלערט.

אָנגעשריעבען זיין „יודענשטאַאט," האָט ער ווייניג געדאַכט, אז דאָס וועט זיין דער שליסעל צו דער ריזיגער בעוועגונג וואָס דאָס קליינע ווערק האָט שפּעטער געבראַכט. ער האָט עס געשריעבען מעהר צו בערוהיגען זיין בלוטענדעס האַרץ ווי אַלס אַגיטאַציאָן פאַר א בעוועגונג. ער האָט דאָס קליינע ווערק אָבער געוויזען פּריוואַט צו א פּאָאָר פריינד און דיעזע האָבען איהם געראַטהען ער זאָל עס לאָזען אָבדרוקען און זיך נעהמען שטיפּטען א בעוועגונג פאַר דער פערווירקליכונג פון דעם פּלאַן.

עס איז אינטערעסאַנט אין היעזער בעציהונג, אז די ערשטע ערמוטהיגונג האָט הערצל בעקומען אין ענגלאַנד. פאַקטיש איז איזראַעל זאַנגוויל געווען דער

ערשטער וואָס האָט געזעהן דאָס גרויסעס אין הערצל׳ס ווערק, כאָטש זאַנגוויל ווערט נישט טהעטיג ביז א פּאָאָר יאָהר שפּעטער. י. ל. גרינבערג, רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל“ איז אויך געווען איינער פון די וואָס האָט געהאָלפען פערעפענטליכען הערצל׳ס פּלאַן. אין 1895 ערשיינט דר. הערצל פאַר די „מכבים,“ א לאָנדאָנער אידישער פעראיין און ווערט אויסגעהערט מיט טיעפער אינטערעסע. דער וויענער סטודענטען פעראיין „קדימה,“ אונטער דער פיהרונג פון נתן בירנבוים, ווערט אויך שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער בראָשורע. ערשט אין 1896 ווערט דער „יודענשטאַאַט“ אָבגעדרוקט אין וויען און די בעוועגונג נעהמט דאַן פליהען ווי אויף פליגלען איבעראַל וואו מען רעדט וועגען דער אידישער פראַגע. פערשטעהט זיך, אז נישט אַלע זיינען געווען צום גונסטען. די רעפאָרם־ראַבינער פון דייטשלאַנד, לוסיען וואָלף און קלאָד מאָנטעפיאָרע אין ענגלאַנד און די רעפאָרם־ראבינער אין אַמעריקאַ, מיט דער אויסנאַהמע פון דעם זעליגען גוסטאַוו גאָטטהייל, גיבען ארויס ווארנונגען נאָך ווארנונגען, אז א פּאָליטישע לאָזונג פון דער אידישער פראגע איז א העכסט שעדליכע זאַך פאר אידען. די בעריהמטע דייטשע „פּראָטעסט־ראבינער,“ ווי מען רופט זיי, סטראַשען אוועקצונעהמען די דייטשע בירגעררעכטע ביי אַלע וואָס וועלען האָבען צו טהאָן מיט דער נייער בעוועגונג.

די בעוועגונג פאַר א קאָנגרעס איבערשוועמט אָבער די אַלע פּראָטעסטען, און הכנות ווערען געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. נישט נאָר צווישען אידען, נאָר אויך אין דער קריסטליכער וועלט רעדט מען שוין איבער ציוניזם אַלס א פּאָליטישע בעוועגונג. הערצל׳ס פּראָיעקט דערגרייכט דעם סולטאַן׳ס אויערען און אין מאַי, 1896, א יאָהר מיט דריי חדשים פאַר דעם ערשטען קאָנגרעס, שיקט אַבדול האַמיד א ספּעציעלען שליח מיוחד, שעוואַליע דע געוולינסקי, צו הערצל׳ן מיט אַן אָנבאָט, אז דער סולטאַן איז גרייט צו געבען הערצל׳ן א טשאַרטער פאר אידישע קאָלאָניזאציאָן אין ארץ ישראל, אויב ער, הערצל און זיינע חברים, וועלען געברויכען זייער איינפלוס איינצושטילען דעם נרויסען צאָרן וואָס הערשט אין אייראָפּא געגען טערקאי פאר איהרע רציחות אויף ארמעניער. הערצל ווייזט צוריק דעם אָנבאָט, אויף דעם גרונד, אז ער וויל נישט רעאַליזירען זיין פּראָיעקט דורך פערראַטהען אַן אנדער נאַציאָנאַליטעט.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט געזאָלט אָבגעהאַלטען ווערען אין מינכען, בייערן, אין 1898, אָבער די פערביטערונג פון די געגנער איז געווען אזוי שטאַרק אין דייטשלאַנד, אז עס איז בעשלאָסען געוואָרען בעסער נישט צו האַלטען דעם קאָנגרעס אין מינכען. דער ערשטער קאָנגרעס איז דארום אָבגעהאַלטען געוואָרען אין באַזעל, שווייץ, דעם 29טען אויגוסט,1987. די צאָהל דעלעגאטען אויף דיעזען קאָנגרעס איז געווען קליין, בלויז 204, אָבער צווישען זיי זיינען געווען די אָנגעזעהנסטע אידישע פערזענליכקייטען. מאַקס נאָרדוי, וועמעס נאָמען עס האָט דאַן מעהר גע׳שם׳ט אין דער וועלט ווי הערצל׳ס, איז צוגעשטאַנען מיט ראטה און טהאַט. זיין רעפּאָרט איבער דער אידישער לאַגע איז געוואָרען איינע פון די בעריהמטעסטע נומערען אין די קאָנגרעס פּראָגראַמען. עס איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו דערמאָנען אַלע בעריהמטע אידישע פערזענליכקייטען וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן הערצל. דאָך אָבער מוזען דערמאָהנט ווערען די ברידער אָסקאַר און אַלעקסאַנדער מארמאָרעק, פּראָפעסאָר מאַקס באָרענהיימער, פון קעלן, דוד וואָלפסאָן, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, פון קיעוו, און פּראָפעסאָר שאַפּיראָ, דער גרינדער פון אידישען נאַציאָנאַל

פאַנד. עס זיינען אויך געווען אנוועזענד א צאָהל פּראָמינענטע קריסטען.

אין תוך איז דער ערשטער קאָנגרעס געווען נישט מעהר ווי א מאניפעסטאציע, אָדער א פּאָרבערייטונגס פערזאמלונג פאר די ווייטערע קאָנגרעסען, אויף וועלכע די פּראקטישע ארבייט איז אָנגעפאנגען געוואָרען. די הויפּט פערדיענסט פון ערשטען קאָנגרעס איז די פאָרמולירונג פון א פּראָגראם, וואָס זאָגט ארויס קורץ און שארף די שטרעבונג פון ציוניזם. דער פּראָגראם איז ווי פאָלגט:

> „דער צוועק פון ציוניזם איז צו גרינדען פאר דאָס אידישע פאָלק אן עפענטליך, רעכטליך געזיכערטע היים אין פּאלעס־טינא."

דער ערשטער ענטוואורף פון דעם פּראָגראם האָט נישט ענטהאלטען די ווער־טער „אין פּאלעסטינא." הערצל, שיינט עס איז אין דער געבורט תקופה פון זיין „יודענשטאאט"געווען אין דער מיינונג, אז מען דארף לאָזען א טיהר אָפען פאר אן אנדער גוטען קאָלאָניזאציאָנס פּלאן אויסערהאלב ארץ ישראל. ערשט שפּעטער, ווען הערצל איז צוגעטראָטען אביסעל נעהנ־טער צום אידישען לעבען, האָט ער אנער־קענט, אז ארץ ישראל איז ענג צוזאמענגע־קניפּט מיט דאָס אידישע לעבען, און ער האָט אליין צוגעגעבען די ווערטער „אין פּאלעסטינא."

פיעלע ווילען האָבען, אז אין די פאָר־מולירונג פון דיעזען פּראָגראם ליעגט דער גרויסער ערפאָלג וואָס הערצל'ס פּאָליטי־שער ציוניזם האָט געהאט אין פערגלייך מיט די אנדערע פערזוכען וואָס זיינען גע־מאכט געוואָרען פאר איהם. יעדער וואָס האָט איבערגעלעזען די פּאָאר שורות פון פּראָגראם האָט קלאָר געוואוסט וואָס זיי בעדייטען און האָט זיך געקענט אָבגעבען חשבון צו ער קען געהן מיט די ציוניסטען אָדער נישט. אלע אנדערע פאָדערונגען זיינען געווען א נעבענזאך. דער עיקר וואָס מען האָט געפאָדערט פון יעדען ציוניסט איז געווען ער זאָל ערקלערען טרייהייט דעם דאָזיגען פּראָגראם.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויך איינגעפיהרט דעם שקל אלס קאָפּ־שטייער פאר יעדען אָרגאניזירטען ציוניסט און דערמיט זיך געשטעלט אויף א דעמאָקראַ־טישען באזיס. אויך דאָ האָט זיך הערצל ארויסגעוויזען וועלט־זיכטיגער ווי זיינע פּאָרגענגער. ער האָט אפּעלירט דירעקט צום פּאָלק. דאָס איז וויכטיג ווען מען בעטראכט, אז אפילו פינסקער אין זיין ווערק „אויטאָ־עמאנציפּאציאָן" האָט גע־חלום'ט פון א רעאליזירונג פון ציוניזם דורך די כוחות פון די גרויסע אידישע אָרגאניזאציאָנען פון יענער צייט,הויפּט־זעכליך די פּאריזער און וויענער אליאנ־צען. הערצל האָט געוואוסט, אז היעזע אָרגאניזאציאָנען זיינען נישט מסוגל פאר אזא ארבייט און, אז מען קען עס פון זיי נישט פאָדערען, ווייל די מייסטע פון זייערע פיהרער האָבען געהאט דעם פעס־טען גלויבען, אז די אידישע פראגע מוז געלייזט ווערען אין די בעזונדערע לענדער וואו זי וואקסט ארויס. הערצל האָט דארום בעשלאָסען צו געהן צום פּאָלק.

דער צווייטער קאָנגרעס איז אָבגעהאל־טען געוואָרען אויך אין באזעל אין 1898. אויף דיעזען קאָנגרעס האָט זיך דער איינ־פלוס פון די ענגלישע הערעגאטען שוין שטארק געלאָזען פיהלען. דער קאָנגרעס האָט גערופען אין לעבען דעם הויפּט פי־נאנס אינסטרומענט פון דער בעוועגונג, די אידישע קאָלאָניאל באנק Jewish Colonial Trust, געגרינדעט אונטער די סטאטוטען פון דער ענגלישער רעגיערונג. דאָס ווייזט ווידער די גוטע פאָרזעהונג פון הערצל און זיינע קאָלעגען אז ענגלאנד, וואָס שפּיעלט איצט אזא גרויסע ראָלע אין די פערווירקליכונג פון הערצל'ס טרוים,

זאָל ווערען דער פּראַקטישער צענטער פון דער בעוועגונג.

דיעזער קאָנגרעס האָט זיך שוין געהאַט צו רעכענען אין א קליינער מאָס מיט די פּראַקציאָנען אין דער בעוועגונג, די פרומע אידען און די ראַדיקאַלע. די דעבאַטען איבער דער אַרט און ווייזע ווי אזוי די פּראַקציאָנען זאָלען זיין פּערטראָטען אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן האָבען פּערנומען פיעל צייט אין אַלע פאָלגענדע קאָנגרעסען ביז דעם צעהנטען, ווען די פּראַקציאָנען האָבען בעקומען פולע אויטאָנאָמישע רעכטע.

דיעזער קאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען א רעזאָלוציאָן וואָס האָט קלאָר געמאַכט די שטעלונג פון ציוניזם צו דער אידישער רעליגיאָן. זי איז קורץ און דייטליך. זי לויטעט:

„דער ציוניזם אונטערנעהמט
נישט קיין זאַך וואָס ווידער־
שפּרעכט די געזעצע פון דער
אידישער רעליגיאָן.“

די דאָזיגע רעזאָלוציאָן האָט אָבגעראַמט דעם וועג פאַר אָרטאָדאָקסישע אידען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, כאָטש דער „מזרחי“ איז ערשט געגרינדעט געוואָרען פון הרב ר' יצחק ריינעס, אין 1903. ער איז איצט איינע פון די גרעסטע פּאַרטייען אין ציוניזם.

אויפ'ן דריטען קאָנגרעס וואָס איז אויך אָבגעהאַלטען געוואָרען אין באַזעל אין אויגוסט, 1899, האָט שוין דער קאָנגרעס צו טאָן מיט א קאָלאָניזאַציאָנס פּלאַן אין ציפּערן (קפריסין), וועלכער ווערט געפּערדערט פון דוד טריעטש און אַנדערע. אָבער דער קאָנגרעס וויל נישט הערען פון דעם פּאָרשלאַג. הערצל'ס רעדע ביי דער ערעפנונג, ענטהאַלט פאָלגענדען וויכטיגען פּאַראַגראַף:

„נאַטירליך, לייגען מיר פיעל
געוויכט אויף אונזער ליעפערען
בעווייזע פון אונזער טרייהייט,
איבער אַלעס, צו דער טערקישער רעגיערונג. קיין שריט וועט נישט אונטערנומען ווערען פון אונז וועלכער קען אפילו אויף א ווייטען אופן ארויסרופען דעם מיסטרויען פון דער סאָווערענער רעגיערונג פון פּאַלעסטינא. מיר ווילען און קענען געבען די גרעסטע פּאָרציגע צו דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. מיר קענען האַנדלען פּאָלשטענדיג אָפען.“

צו הערצל האָט שוין דאַמאָלס געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט דעם סולטאַן אָדער נישט איז נישט אין גאַנצען קלאָר. עס איז אָבער בעדייטונגספאָל, אז הערצל האָט געמאַכט דיעזע ערקלערונג נאָכדעם ווי ער האָט מיט א פּאָאָר חדשים פריהער געהאַט א געשפּרעך מיט קייזער ווילהעלם דעם צווייטען אין ארץ ישראל. הערצל, צוזאַמען מיט דוד וואָלפסאָן, דר. באָדענהיימער, דער דייטש־אידישער אינזשעניער זיידענער און דר. מ. ט. שנירער זיינען צוערשט עמפּפאַנגען געוואָרען אין אוידיענץ פון קייזער אין דער קאָלאָניע מקוה ישראל, נעבען יפו, דעם 28טען אָקטאָבער, 1898. דעם צווייטען נאָוועמבער איז די דעפּוטאַציע ווידער עמפּפאַנגען געוואָרען פון ווילהעלם'ען אין דעם קייזערליכען געצעלט אין ירושלים. דער שטאַאַטס מיניסטער פאָן בילאָוו איז געווען אַנוועזענד. ענטפּערענדיג אויף דעם אדרעס וואָס הערצל און זיינע חברים האָבען איהם איבערגעגעבען, האָט ווילהעלם געזאָגט, אז „אַלע אַנשטרענגונגען וועלכע ציעלען צו בעפּערדערען די פּאַלעסטינישע אגריקולטור לטובת דער טערקישער אימפּעריע, און וועלכע האָבען געהעריגען רעספּעקט פאַר דער סאָווערעניטעט פון דעם סולטאַן קענען זיין געזיכערט מיט זיין (דעם סולטאַן'ס) גוטען ווילען און אינטערעסע.“

עס שיינט, אז דאָ האָט דער פּאָליטי־

שער ציוניזם בעקומען אויף א ווײַלע א דייטש־אָטאָמאַנישע אָריענטאַציע. הערצל האָט געשיינט צו גלויבען אז דורך דעם איינפלוס פון ווילהעלם וועט איהם געלינגען צו בעקומען ביים סולטאַן א טשאַרטער פאר אידישע גרויס־קאָלאָניזאציאָן אין פאלעסטינא. דער טשאַרטעריזם האָט פון דעם קאָנגרעס אָן גענומען שפּיעלען א גרעסערע ראָלע.

צוויי און א האַלב יאָהר שפּעטער עמ־פפאנגט דער סולטאַן אַבדול האמיד הערצל'ן אין א פּריוואט אוידיענץ. הערצל ווערט פון איהם שפּעטער עמפפאנגען נאָך צוויי מאָל. עס ווערט בעהויפּטעט, אַז אלס רעזולטאַט פון דיעזע אוידיענצען, איז הערצל געקומען צום בעשלוס, אז ער קען קריגען דעם פערלאנגטען טשאַרטער פון סולטאַן ווען די ציוניסטען זאָלען קענען שאַפען אָנדערהאַלבען מיליאָן פונט. הערצל אונטערהאַנדעלט מיט דער יק"א. אָבער די יק"א שטעלט אונמעגליכע פאָדערונגען און פון דער זאַך לאָזט זיך גאָר נישט אויס. מערקווירדיג, די סומא אָנדער־האַלבען מיליאָן פונט איז גראדע דיזעלבע סומא וואָס דער צוועלפטער קאָנגרעס אין קאַרלסבאד האָט אָבגעשטימט פאר דעם ציוניסטישען בודזשעט פאר דעם קומענדען יאָהר.

דער פיערטער קאָנגרעס ווערט אָנגעהאַלטען אין לאָנדאָן, אין אויגוסט, 1900, כדי צו בעאיינפלוסען די עפענטליכע מיינונג אין ענגלאנד. אויף דיעזען קאָנגרעס ווערט ענדליך געגרינדעט דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד. אין דעם יאָהר הערען מיר, אַז די צאָהל ציוניסטישע פעראיינען אין רוסלאנד איז געוואקסען אויף 1,034, אין ענגלאנד 38, אין די פער־איינעגטע שטאַאטען 135, וועהרענד אין א קליין לאַנד ווי בולגאריען זיינען שוין געוועזן 42 פעראיינען.

דער פינפטער קאָנגרעס ווערט ווידער אָבגעהאַלטען אין באַזעל אין דעצעמבער, 1901. אויף דיעזען קאָנגרעס ווערען אָנגענומען נייע אָרגאַניזאציאָנס סטאַטוטען און עס ווערט בעשלאָסען אָבצוהאַלטען ווייטערע קאָנגרעסען אלע צוויי יאָהר אַנשטאַט אלע יאָהר.

אויף דעם פינפטען קאָנגרעס בעווייזט זיך צום ערשטען מאָל די „דעמאָקראַטישע פראַקציע," וועלכע בעשטעהט מייסטענס פון ראדיקאַלען מיט אַן אונטערשלאַג פון אחד העם'ס פאָרגעשלאָגענעם קולטור־צענטער אין פאלעסטינא. די גרופּע האָט געהאַט א קורצען לעבען, אָבער פאר דער קורצער צייט וואָס זי האָט עקזיסטירט, האָט זי שטאַרק אַלאַרמירט די פרומע עלעמענטען אין דער בעוועגונג און די גרינדונג פון דער מזרחי פראַקציע, דענקט מען, איז געוועזן א דירעקטע פאָלגע פון דעם.

מיר קומען איצט צו דעם שטורם צענטער פון הערצל'ס פעריאָדע — דער זעקסטער קאָנגרעס, בעקאַנט אין דער ציוניסטישער געשיכטע אלס דער „אוגאנדא קאָנגרעס." דיעזער קאָנגרעס וועלכער האָט געקאָסט הערצל'ס לעבען, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין באַזעל פון דעם 23טען ביז דעם 28טען אויגוסט, 1903. ער איז געקומען בלויז א צעהן טעג נאָכדעם ווי הערצל האָט בעקומען פון דעם בריטישען קאָלאָניאַל מיניסטער, דזשאָזעף טשעמבערלעין, אַן אַנטראַג, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאציאָן זאָל קאָלאָניזירען אוגאנדא, אין אָסט אפריקא. די הויפּט פונקטען פון דעם אָנבאָט זיינען געוועזן: ענגלאנד וועט געבען אידען א היבשען שטח לאַנד, וועט באַשטימען א אידישען בעאַמטען אלס הויפּט פון דער לאָקאַלער אדמיניסטראַציע און וועט ערלויבען די קאָלאָניע צו האָבען א פרייע האַנד אין מוניציפּאַלע געזעצע ווי אויך אין רעליגיעזע און ריין־אינערליכע ענינים, מיט דעם בעדינג, אז די בריטישע רעגיערונג וועט האָבען דאָס רעכט אויסצואיבען אַן אלגעמיינע קאָנטראָלע.

נאָך אויף א פאַרקאָנפערענץ וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען דעם 22טען אויגוסט, האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו פאַלען שארפע קריטיק געגען די הנהגה. אַלפרעד נאָסיג האָט אָבגעפייערט די ערשטע באָמבע מיט זיין ערקלערונג, אז „נאַציאָנאַלע בילדונג“ איז וויכטיגער ווי דאס בעקומען פון א גרויסען שטח לאנד. דאָס איז אָבער נאָר געווען א פּראָלאָג צו דער שטורם וואָס די רוסישע ציוניסטען האָבען אָנגעפאַנגען ווען דער פּלאַן איז בעקאַנט געוואָרען.

אויפ'ן קאָנגרעס זיינען געווען אַנוועזענד 592 דעלעגאַטען און איבער 2,000 צושויער. די שטימונג איז געווען קלאָר דורכאויס געגען אוגאַנדא און די הנהגה האָט עס ווארשיינליך גוט געוואוסט ווען דער קאָנגרעס איז געווען א פּאָאָר טעג אין גאַנג. הערצל האָט געזוכט קלאָר צו מאַכען אין זיין רעדע, אז אוגאַנדא איז נישט קיין „במקום“ פאַר ארץ ישראל, אז איסט אַפריקאַ קען נישט זיין קיין ציון, און נאָרדאָו האָט צו דער געלעגענהייט אַרויסגעבראַכט זיין בעריהמטען וואָרט „נאַכט־אזיל.“ דער שטורם האָט זיך אָבער נישט געוואָלט בערוהיגען. די אָפּאָזיציע איז געווען אָנגעפיהרט פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, פון כמעט אַלע רוסישע ציוניסטען, די חובבי ציון און מאַנכע פון הערצל'ס פּערזענליכע פריינד. עס איז געווען קלאָר, אז ווען אן אָבשטימונג וואָלט גענומען געוואָרען ביי דעם זעקסטען קאָנגרעס איבער דער עצם פראַגע, וואָלט אוגאַנדא דורכגעפאַלען מיט א ריזיגער מאַיאָריטעט. אָבער אפילו די רעזאָלוציע צו באַשטימען א קאָמיסיע צו אונטערזוכען אוגאַנדא, וועלכע מען קען זאָגען איז געווען דאָס ווינציגסטע וואָס דער קאָנגרעס האָט געקענט טאָן אָהנע צו בעליידיגען די ענגלישע רעגיערונג, האָט אויך אַרויסגערופען הייסע בלוטען.

די דאָזיגע רעזאָלוציע איז צום סוף אָנגענומען געוואָרען מיט א צוגאָב, אז קיין פּעניג פון די שקל אָדער אנדערע ציוניסטישע געלדער טאָר ניט געברויכט ווערען פאַר דעם צוועק פון דער קאָמיסיע. די „יא־זאָגערס“ פאַר דער רעזאָלוציע זיינען געווען 295, די „ניין־זאָגערס“ 178 און 90 האָבען גאָרניט געשטימט.

אז הערצל האָט אַליין ערנסט נישט געהאַלטען פון דעם אוגאַנדא פּלאַן, איז דאָ א גרויסע מעגליכקייט, און מען ערוואַרטעט, אז זיינע מעמואַרען וועלען וואַרפען ליכט אויף דעם. אַלס דער פעראַנטוואָרטליכער פיהרער פון א פעראַנטוואָרטליכע בעוועגונג, האָט ער אָבער נישט געקענט גרינגשעצען אן אָנבאָט פון אזאַ גרויסמאַכט ווי ענגלאַנד. ווי יעדער אויף זיין פּלאַץ, האָט ער עס פערשריבען צו דער גרויסקייט פון דער בעוועגונג. עס איז מעגליך, אז ער האָט געמיינט מיט דעם אוגאַנדא אָנבאָט ווייזען דעם סולטאַן, אז דער ציוניזם איז נישט אין גאַנצען אָבהענגיג אָן טערקאַי, ווייל די אונטערהאַנדלונגען פאַר א טשאַרטער האָט מען שוין דאַמאָלס געקענט רעכענען פאַר מיסערפאָלג. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, דער זעקסטער קאָנגרעס האָט אונטערגעגראָבען הערצל'ס לעבען.

אויף דעמזעלבען קאָנגרעס האָט הערצל אויך בעריכטעט וועגען זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די רוסישע מיניסטאָרען וויטע און פאָן פּלעהווע, און האָט פאָרגעלעזען א מעמאָראַנדום פון פאָן פּלעהווע אין וועלכען דער דאַמאָלסדיגער רוסישער מיניסטער דער אינערן פערשפּרעכט, אז אויב די ציוניסטען וועלען זיך בעשרענקען אויף דער גרינדונג פון א יודענשטאַאַט אין ארץ ישראל און צו אָרגאַניזירען אידישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, וועט די רוסישע רעגיערונג זיי געבען מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע אין זייערע אונטערהאַנדלונגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וועט אויך גרינגער מאַכען די ארבייט פון

די עמיגראַציאָנס געזעלשאַפטען מיט גע־
וויסע געלדער וואָס רוסישע אידען טראָגען
ביי.

אויף דער דאָזיגער דאָקומענט האָט
ארויסגערופען פיעל קריטיק אויף הערצל.
פיעלע האָבען ערקלערט, אז הערצל האָט
נישט בעדאַרפט האָבען קיין מגע ומשא
מיט אזא הענקער ווי פּלעהווע. זיי האָבען
נישט געוואָלט וויסען וואָס הערצל האָט
גענומען דיעזען שריט צו ראַטעווען דעם
רוסישען ציוניזם, ווייל די רוסישע רעגיע־
רונג האָט דאַן אָנגעפאַנגען אונטערדריקען
די ציוניסטישע בעוועגונג איבערהאַלב איה־
רע גרענעצען.

גלייכצייטיג מיט דעם זעקסטען קאָנג־
רעס, איז אויך אָבגעהאַלטען געוואָרען דער
ערשטער פּאַלעסטינער קאָנגרעס אונטער
דער פיהרונג פון מנחם מענדעל אוסיש־
קין, דער אָנפיהרער פון די רוסישע „פּראַק־
טישע ציוניסטען,“ די וואָס זיינען געווען
געגען הערצל׳ס טהעאָריע, אז קליין־קאָלאָ־
ניזאַציאָן קען נאָר ברייננגען שאַדען אָבער
קיין נוצען. ביז 70 דעלעגאַטען זיינען
געווען אַנוועזענד אויף דיעזען קאָנגרעס,
אָבער זיינע רעזולטאַטען זיינען געווען
נישט קיין וויכטיגע.

די רוסישע מיטגליעדער פון דער
צענטראַל קאָמיטעט האָבען אָבגעהאַלטען
א פערזאַמלונג אין כאַרקאָוו, אין אָקטאָ־
בער, 1903, און געשטעלט אַן אולטימאַטום
מיט פאָדערונגען צו הערצל. די הויפּט
פאָדערונג איז געווען, אז הערצל זאָל זיי
געבען א פערשפּרעכען איידער דער זיעב־
טער קאָנגרעס וועט זיך עפענען, אז ער
זאָל אויפגעבען אלע טעריטאָריאַליסטישע
פּלענער. זיי האָבען איינפאַך געסטראַ־
שעט אָבצושניידען זייער שטיצע אויב ער
וועט דאָס נישט צוזאָגען.

אין ענגלאַנד ווידער האָט דיעזער
שריט פון די רוסישע ציוניסטען ארויסגע־
רופען א שטאַרקען ווידער־געפיהל אויס
פּאַטריאָטיזמוס צו דער ענגלישער רע־
גיערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר דעם
אָנבאָט.

די קאָמיסיע וואָס איז געפאָהרען אונ־
טערזוכען אוגאַנדא אין דעצעמבער,1903,
האָט אָבגעגעבען איהר בעריכט צו דער
צענטראַל קאָמיטעע אין מאַי, 1904. זי
האָט עקזאַמינירט דעם שטח לאַנד, אונ־
געפעהר זעקס טויזענד סקוועיר מייל, און
איז געקומען צום בעשלוס, אז דאָס לאַנד
איז פאַסענדער פאַר פּאַשע ווי פאַר
מענשען זיך צו בזעצען, און יעדענפאַלס
איז דאָס אָנגעבאָטענע לאַנד נישט גענו־
גענד פאַר א גרויסע קאָלאָניזאַציע.

דאָס געלד פאַר דער קאָמיסיע׳ס
הוצאות האָבען געגעבען וואָהלטהעטיגע
קריסטען. די יק״א האָט צוערשט גע־
וואָלט דעקען די הוצאות, אָבער שפּעטער
האָט זי חרטה געהאַט.

דעם הריטען יולי, 1903, (כ׳ תמוז,)
האָט הערצל געשלאָסען זיינע אויגען אויף
אימער און די אידישע וועלט איז ערגריפען
געוואָרען פון א צער וועלכען זי האָט שוין
א לאַנגע צייט נישט געפיהלט,

עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען,
אז וועהרענד הערצל האָט געלעבט, האָט
די „נייע פריע פּרעסע,“ די צייטונג אין
וועלכע ער האָט געשריעבען און וועלכע
געהערט צו אידען, קיין מאָל נישט דער־
מאָנט דאָס וואָרט „ציוניזם“ אין איהרע
שפּאַלטען.

2. נאָך הערצל.

הערצל׳ס טויט איז, פערשטעהט זיך,
געווען א שווערער קלאַפּ פאַר דער בעווע־
גונג. דער מאָדערנער, פּאָליטישער
ציוניזם וועלכען ער האָט אין לעבען גערו־
פען, איז געוואָרען אַזוי צוזאַמענגעקניפּט
מיט זיין נאָמען און פּערזענליכקייט, אז
גלייך נאָך דעם קלאַפּ, האָט מען זיך גאָר
נישט געקענט פאָרשטעלען וואָס עס וועט
ווייטער זיין. גליקליכער ווייזע, איז
אָבער שוין די בעוועגונג געווען אַזוי

פערפלאנצט, אז אפילו דער טויט פון דעם גרויסען פיהרער האט נישט געקענט צוריקהאלטען איהר פראגרעס. דאס פערענטפערט זיך דערמיט וואס הערצל איז נישט געווען דער בעשעפער פון עפעס נייעס, זאנדערן וואס ער האט געגעבען לעבען און פארמע צו א בעוועגונג וואס האט אימער געשוועבט אין דער לופט. ציוניזם איז געווארען א לעבענדעס, ווירקענדעס וועזען אין דער אידישער קערפערשאפט און הערצל'ס פערשווינדען האט עס מעהר נישט געקענט פערניכטען.

עס האט נישט געקענט זיין קיין רעדע פון ארויפזעצען אימיצען אויף הערצל'ס פלאץ. עס איז נישט געווען קיין צווייטער הערצל. דער פערשטארבענער פיהרער אליין האט קיין מאל נישט געטראכט וועגען א שטעלפערטרעטער אין פאל פון זיין אבלעבען. נארדאו האט איהם ריכטיג כאראקטעריזירט אין זיין הספד אויף דעם זיבעטען קאנגרעס. „ער איז געווען אזא אפטימיסט,“ האט נארדאו געזאגט, „אז ער האט געמיינט, אז הינטער איהם שטעהען טויזענדע הערצלס.“ הערצל איז געווען נישט נאר א גרויסער מענש, זאנדערן א גרויסער עניו.

פערשידענע מיטלען זיינען אנגעווענדעט געווארען אויסצופילען הערצל'ס פלאץ דורך א קאמיסיע, אמאל פון דריי און אמאל פון זיעבען. דעם 16טען אויגוסט, 1904, האט די גרויסע אקציאנס קאמיטע אבגעהאלטען א פערזאמלונג און אויף מארגען איז אבגעהאלטען געווארען דער יאהרעס־קאנפערענץ וועלכער האט צוגעגעבען א קאמיסיע צו דער ענגער אקציאנס קאמיטע בעשטעהענד פון נארדאו, וואלפסאן, קאצענעלענזאהן, פראפ. ווארבורג, טשלענאוו, אוסישקין, א. מארמארעק און דר. באדענהיימער.

אויף דוד וואלפסאן, דער אינטימער חבר פון דר. הערצל, זיינען געפאלען די **הויפט פאליטישע אויפגאבען וועלכע דר. הערצל האט אנגעפאנגען.**

דערווייל האט די לופט זיך גענומען קריסטאליזירען פאר דעם **זיעבעטען קאנגרעס. די ציוני ציון האבען נאך אלץ מורא געהאט, אז דער ציוניזם וועט אוועקגעשלעפט ווערען אין טעריטאריא**ליסטישע דרכים, טראָץ דעם אונגינסטיגען רעפארט פון דער אוגאנדא קאמיסיע. דעם 14טען יאנואר, 1905, איז אין ווילנא אבגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון 47 בעוואוסטע רוסישע ציוניסטען אויף וועלכען עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציאן, אז אירגענד וועלכע קאלאניזאציאן אין אנדערע לענדער אויסערהאלב ארץ ישראל איז געגען אונזער היסטארישען אידעאל און אויך געגען דעם באזעל פראגראם. נאהענט פאר דעם קאנגרעס האבען די ציוני ציון אבגעהאלטען א קאנפערענץ אין פרייבורג אויף וועלכען ענהליכע רעזאלוציאנען זיינען אנגענומען געווארען.

דער זיעבעטער קאנגרעס איז ערעפענט געווארען דעם 27טען יולי, 1905, אין דעם יאהר־צייט פון הערצל'ס קבורה. מאקס נארדוי איז געווען פרעזידענט און איבער 600 דעלעגאטען זיינען געווען אנוועזענד.

דער אינטערעסאנטסטער רעפארט איז געווען פון דעם פאלעסטינא אמט. עס זיינען אנגעוויזען געווארען וויכטיגע אנפאנגען פון פראקטישע ארבייט אין ארץ ישראל. וואס אנבעטרעפט דעם רעפארט פון דער אוגאנדא קאמיסיע איז די הנהגה געווען אויף דער זייט פון די ציוני ציון און מזרחי, צו מאכען אן ענדע פון דער זאך. עס זיינען נאר געבליבען אויף דער אנדערער זייט די אויסגעשפראכענע טעריטאריאליסטען. עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע מיט א דאנק צו דער ענגלישער רעגיערונג, אבער אנווייזענדיג, אז נאך דעם רעפארט פון דער קאמיסיע, בעשליסט דער קאנגרעס זיך

מעהר נישט צו פערנעהמען מיט דער פראַ־גע. צום שלום זאָגט די רעזאָלוציע:

„דער זיעבעטער ציון קאָנגרעס דערמאָהנט און בעטאָנט דעם פאַקט, אז לויט פּונקט 1 פון די סטאַטוען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציאָן, שליסט די ציוניסטישע אָרגאַ־זאַציאָן איין אַזעלכע אידען וועלכע ערקלערען זיך איינשטימיג מיט דער באַזעל פּראָגראַם.“

די טעריטאָריאַליסטען האָבען זיך אָבגעהאַלטען פון שטימען איבער דער דאָ־זיגער רעזאָלוציאָן, וועהרענד דר. סירקין אין נאָמען פון 28 פּועלי ציון דעלעגאַטען האָט פערלאַנגט אַ פּראָטעסט געגען דעם בעשלוס און האָט צוזאַמען מיט זיינע אַנהענגער פערלאָזען דעם קאָנגרעס.

דער פּראָגראַם פאַר די פּאַלעסטינאַ אַר־בייט איז דאָן דעפּינירט געוואָרען אין פאָלגענדען בעשלוס וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען:

„דער זיעבעטער ציון קאָנגרעס בעשליסט, אז צוזאַמען מיט די פּאָ־ליטישע און דיפּלאָמאַטישע טהע־טיגקייט, און מיט דעם צוועק עס צו פערשטאַרקען, זאָל די סיסטע־מאַטישע ארבייט פאַר אונזער ציעל אין פּאַלעסטינאַ אויסגעפיהרט ווע־רען דורך פאָלגענדע מעטהאָדען: 1. אויספאָרשונג. 2. פערדערונג פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, א. ז. וו. אויף די דעמאָקראַטישע פּרינ־ציפּען מעגליך. 3. קולטורעלע און עקאָנאָמישע אויסבעסערונג און די אָרגאַניזירונג פון די ארץ ישראל אי־דען דורך געווינען נייע אינטעלעק־טועלע קרעפטען. 4. דאָס קריגען פון קאָנצעסיאָנען.

„דער זיעבעטער ציון קאָנגרעס ווייזט צוריק יעדע ציעללאָזע, אונ־סימפּאַטישע און פילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציאָן אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב וועלכע שטימט ניט איין מיט דעם ערשטען פּונקט אין דעם באַזעלער פּראָגראַם.“

דיעזער קאָנגרעס איז, הייסט עס, גע־ווען דער אָנפאַנג פון אַ נייע ווענדונג אין ציוניזם: די בעטאָנונג פון פּראַקטישע ארבייט אין ארץ ישראל אָהנע צו וואַר־טען אויף אַ טשאַרטער. דער איינפלוס פון אַזעלכע מענער ווי אוסישקין פון איין זייט און פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג אַלס פער־טרעטער פון די דייטשע אידען האָט זיך גענומען אַלץ מעהר פיהלען, ביז די זאָ־גענאַנטע פּראַקטישע ציוניסטען האָבען אין גאַנצען בעקומען די הנהגה אין זייערע הענד אויף דעם צעהנטען קאָנגרעס. נאָך דיעזען קאָנגרעס איז געקומען די אָב־שפּאַלטונג פון די טעריטאָריאַליסטען מיט איזראַעל זאַנגוויל אַלס זייער פיהרער.

דער אַכטער קאָנגרעס אין האַאַג און דער נייטער קאָנגרעס אין האַמבורג האָ־בען נישט בעזאָנדערס בייגעטראָגען. אויף דעם אַכטען קאָנגרעס האָט וואָלפסאָן, געהענדיג אין הערצל'ס פוסטריט, וויע־דער אַמאָל בעטאָנט, אז דער ציוניזם איז טריי דער טערקישער רעגיערונג. אויף דעם נייטען קאָנגרעס האָבען די פּועלי ציון בעקומען אַ גרויסע מאָאָס אַנערקענונג דורך דעם וואָס דער קאָנגרעס האָט אָב־געשטימט אַ געוויסע סומע געלד אויסצו־פּרובירען זייערע טהעאָריען דורך גרינ־דען גענאָסענשאַפטליכע קאָלאָניעס אויף לאַנד וואָס געהערט צום נאַציאָנאַל פאָנד.

אונטערדעסען איז אונטערגעקומען די טערקישע רעוואָלוציאָן, אין 1908 — 1909, וואָס האָט אָראָבגעזעצט אַבדול־האַמיד און געמאַכט די זאָגענאַנטע יונג־טערקען, אָדער קאָמיטע פון יוניאָן און פּראָגרעס, פאַר די הויפּט פאַקטאָרען. עס ווערט אַלגעמיין אַנערקענט, אז מיט דער דאָזיגער רעוואָלוציאָן, איז די אידעע פון בעקומען אַ טשאַרטער פון דער טערקישער רעגיערונג אין גאַנצען אַראָב פון טאָגעס

ארדנונג פון ציוניזם. א טרויעריגע ראָלע האָט דאָ געשפּיעלט די אליאנס איזראַעליט פון פּאריז אין דער צייט ווען א יונג־טערקישע דעפּוטאציע איז געקומען קיין פּאריז אין 1910. עס איז געווען צו ערוואַרטען, אז די אליאנס זאָל שיקען א קאָמיטע צו דער דעפּוטאציע אום צו בעטען שוץ פאר איהר טהעטיגקייט אין ארץ ישראל, אָבער די אליאנס לייט האָבען זיך נישט בעגנוגענט דערמיט און האָבען שטארק פער׳מסור׳ט דעם ציוניזם, ערקלעהרענדיג, אז ציוניזם שטימט נישט מיט אָטאָמאַניזם.

טראָטץ דעם אָבער וואָס דער יונג־טערקישער רעזשים איז קיין מאָל נישט געווען פריינדליך צום ציוניזם, האָט אזא פעראנטוואָרטליכע צייטונג ווי די „לאָנדאָן טיימס" געדרוקט ווילדע מעשיות פון א ציוניסטישע פערשווערונג אין וועלכע זי האָט פערמישט דעם מיניסטער דזשאַוויד פּאשא, צוליעב דעם וואָס ער שטאַמט פון שבתי צבי׳ניקעס. עס איז געווען געוויסער מאסען עהנליך צו דעם איצטיגען בלבול וועגען די „זקני ציון."

אָבער טראָטץ דעם וואָס טשארטעריזם איז געווען טויט, האָט דאָך די פּראַקטישע ארבייט אין ארץ ישראל גענומען אויפלעבען. נישט נאָר די קאָלאָניסטען האָבען בעקומען מעהר מוטה, זאָנדערען נייע אינסטיטוציאָנען זיינען געשאַפען געוואָרען, ווי די יפו׳ער גימנאַזיע, בצלאל, אַן אַגריקולטור שוהלע, א. ז. וו. דיעזע ארבייט איז אויך געשטיצט געוואָרען פון פּערזאָנען וועלכע זיינען נישט געווען אין גאַנצען אין איינקלאַנג מיט דעם ציוניסטישען פּראָגראַם.

נאָך אלעמען, האָבען פיעלע אנערקענט, אז עס איז אפשר געווען בעסער וואָס הערצל האָט נישט בעקומען דעם טשארטער פון סולטאַן, ווייל די רעוואָלוציאָן וואָלט איהם העכסט וואַהרשיינליך בטל געמאַכט.

אויפ׳ן צעהנטען קאָנגרעס, ווי געזאָגט, איז די הנהגה אריבער צו די פּראַקטישע ציוניסטען אונטער דער פיהרונג פון פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג און מ. מ. אוסישקין. אויפ׳ן עלפטען קאָנגרעס אין וויען, סעפּטעמבער, 1913, איז קיין בעזאָנדערס נישט געשעהן.

דעם 15טען סעפּטעמבער, 1914, האָט דוד וואָלפסאָן געשלאָסען, זיינע אויגען.

3. די וויצמאַן־סאָקאָלאָוו פּעריאָדע.

זעהר טרויעריג האָט עס אויסגעזעהן פאר דעם ציוניזם ווען דער וועלט־קריעג האָט אויסגעבראָכען, אין אויגוסט, 1914. די ציוניסטישע צענטראַלע איז שוין דאַמאָלס געווען איבערגעטראָגען פון וויען קיין בערלין. מיט אמאָל זיינען אלע אייראָפּעאישע לענדער געוואָרען אָבגעשניטען איינע פון די אַנדערע. רוסלאַנד, דאָס לאַנד וואָס האָט צו יעדער צייט געליפערט מעהר טהעטיגע ציוניסטען ווי אירגענד אַן אַנדער אידישע קבוצה, איז פערבלוטעט געוואָרען כמעט צום טויט און אָבגעשניטען געוואָרען פון יעדע אויסערע פערבינדונג. עס האָט אויסגעזעהן ווי דער גאַנצער ציוניסטישער אפּאַראַט געהט צו גרונדע. הער ציוניזם איז געשטאַנען פאר זיין שווערסטען קריזיס.

אָבער פון די גערעכטע וואָלקענס, אויף דעם שווארצען הימעל, האָט לאַנגזאַם, לאַנגזאַם גענומען דורכברעכען א העלער שיין. מיט אמת אידישע איבערגעבענהייט און עקשנות האָבען זיך געפונען מענשען וואָס האָבען פאָרטגעזעצט די ארבייט. זיי האָבען גע׳טענה׳ט אז איצט, ווערהענד די וועלט מוז איבערגעמאַכט ווערען, איז די העכסטע צייט פאר די אידען צו דערלאַנגען זייערע תביעות אויף פּאַלעסטינא פאר די פעלקער.

דער ערשטער ליכטיגער פּונקט איז

געוועזן אמעריקא. כאטש אמעריקא איז ביז דער מלחמה געוועזן נישט אזא פרוכט־בארער באדען פאר׳ן ציוניזם, האט דער קריעג פון איין זייט אויפגעוועקט די אמעריקאנער אידען, און פון דער אנדער זייט האבען זיך געפונען נייע פיהרער וואס האבען אויף זיך גענומען די גרויסע פעראנטווארטליכקייטען. לואיס ד. בראנדייס איז שוין געוועזן אריינגעקומען אין ציוניזם פאר דעם קריעג, אבער זיין גרעסטע ניצליכקייט האט ער בעוויעזען וועהרענד דעם קריעג. דורך די אנרעגונג פון דר. שמריהו לעווין, וועלכער איז דאמאלסט „געשטראנדעט" געווארען אין אמעריקא צוליעב דעם קריעג, איז דא געגרינדעט געווארען די „פראוויזארישע קאמיטעע פאר ציוניסטישע אנגעלעגענהייטען," וואס האט אויף א פאאר יאהר פעראייניגט אלע היגע ציוניסטישע קרעפטען. זעהר גוט מיטגעהאלפען אין דיזער ארבייט האבען בנציון מאסינזאהן, מ. שיינקין, הרב מאיר בערלין און אנדערע.

דאס ערשטע וואס די פראוויזארישע קאמיטעע האט געטאן, איז געוועזן אויפצוהאלטען דעם ישוב וועלכער איז געוועזן אין געפאהר אונטערצוגעהן פון נויט און פערפאלגונג מצד דער טערקישער רעגיערונג. דורך דעם איינפלוס פון ריכטער בראנדייס מיט זיינע קאלעגען, איז דער ישוב גערעטעט געווארען.

אבער דאס איז נאר געוועזן איין זייט פון דער פראבלעם. איצט האט מען בעדארפט אנפאנגען א פאליטישע אקציאן וואס זאל זיך לאזען פיהלען. פון דעם גרויסען און שרעקליכען ים פון בלוט און פייער האט מען בעדארפט ארויסקריגען א נייעם שטר־חוב אויף דאס וואס אונז קומט אין ארץ ישראל.

דער גורל איז דיזען מאל געפאלען אויף חיים וויצמאן, וועלכער איז דאמאלסט געוועזן א פראפעסאר פון כעמיע אין מאנטשעסטער. מערקווירדיג, דערזעלבער וויצמאן איז געוועזן אין דער ארגאנדא פעריאדע א שטארקער געגנער פון הערצל. מען האט איהם הויפטזעכליך געקענט פאר א קולטורעלען ציוניסט וואס איז געקומען אונטער דער השפעה פון אחד העם. אבער וויצמאן האט דערזעהן זיין פליכט און האט איהר גענומען ערפילען מיט אן איבערגעבענהייט און זעלבסט־פערלייקענונג וואס האט דערמאהנט אן דעם זעליגען הערצל.

וויצמאן האט בעצויגען נאך לאנדאן נחום סאקאלאוו, איינער פון די גלייכסטע קעפ און פעהיגסטע דיפלאמאטען פון דער בעוועגונג, ווי אויך דר. טשלענאוו, וועלכער איז דאמאלסט געוועזן פרעזידענט פון דער אקציאנס קאמיטעע און אויך פרעזידענט פון די רוסישע ציוניסטען. דר. טשלענאוו האט זיך צוריקגעקעהרט אין רוסלאנד אין 1915, און איז צוריקגעקומען אין ענגלאנד אין אקטאבער, 1917. דעם 31טען יאנואר, 1918, איז ער געשטארבען. קיין איינציגע געלעגענהייט איז נישט פארבייגעלאזען געווארען צו פראפאגאנדירען די אידעע, אז איצט איז די צייט פאר דער קריסטליכער וועלט אבצוצאהלען דעם אידען זיין חוב, איהם צוריקצוגעבען פאלעסטינא, און אז ענגלאנד, דאס פאלק וועלכע ליעבט אזוי שטארק די ביבעל, דאס פאלק וואס האט געגעבען א דיזראעלי, א לארענס אליפאנט און א דזשארדזש עליאט, אז דיזע לאנד דארף שפיעלען א הויפט ראלע אין דער זאך. וויצמאן און זיינע קאלעגען זיינען אויסגעהאלפען געווארען פון הערבערט סעמיועל, דר. מאזעס גאסטער, איזראעל זאנגוויל, י. ל. גרינבערג און אנדערע. אחד העם האט אויך געהאלפען מיט ראטה. פיעלע פראמינענטע קריסטען האבען געלייסטעט זייער הילף, דארונטער לארד בראיס, מר. סקאט, דער רעדאקטאר פון „מאנטשעסטער גארדיאן,"

און לאָרד נאָרטהקליף, דער אייגענטהימער פון די „לאָנדאָן טיימס" און אַנדערע גרויסע צייטונגען.

דר. ווייצמאַן און זיינע קאָלעגען זיינען אויך געשטאַנען אין שטענדיגער פערבינדונג מיט ריכטער לואיס ד. בראַנדייס און די אַמעריקאַנער ציוניסטען. יעדער אויסדרוק פון דער עפענטליכער מיינונג אין אַמעריקאַ איז בעריכטעט געוואָרען אין ענגלאַנד און האָט געמאַכט אַן איינדרוק.

דערווייל האָט ענגלאַנד אָנגעפיהרט איהר קאַמפף אין ארץ ישראל און דער אידישער לעגיאָן איז געגרינדעט געוואָרען דורך די בעמיהונג פון זשאַבאָטינסקי.

איין צרה איז אָבער געשטאַנען אין וועג. אַ צייט פריהער האָט ענגלאַנד געשלאָסען אַ געהיימע טריטי מיט פראַנקרייך בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „סייקס־פּיקאָ טריטי." דיעזע טריטי האָט פּאַקטיש צוטהיילט סיריען און פּאַלעסטינאַ צווישען דיביידע לענדער אויף אַזאַ אופן, אַז די ציוניסטישע שטרעבונגען האָבען נישט געקענט פערווירקליכט ווערען. דר. ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו און הערבערט סעמיועל האָבען גענומען אַרבייטען מיט סער מאַרק סייקס, איינער פון די פּאָטערס פון דער טריטי. סער מאַרק האָט נישט נאָר איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון די ציוניסטישע פאָדערונגען, זאָנדערן ער איז געוואָרען אַן אייפריגער ארבייטער פאר זיי.

דעם זיעבעטען פעברואַר, 1917, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ וויכטיגע פערזאַמלונג אין הויז פון דר. מאָזעס גאַסטער. דאָרטען זיינען געווען אַנוועזענד סער מאַרק סייקס, לאָרד ראָטהשילד, הערבערט בענטוויטש, דזשאָזעף קאָוען, דר. גאַסטער, דר. ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו, דזשיימס דע ראָטהשילד, העררי סאַכער און הערבערט סעמיועל. אויף דער פערזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרען די רעזאָלוציע וואָס האָט שפּעטער געפיהרט צו דער באַלפור דעקלאַראַציע.

קיין אָפּאָזיציע האָט דאָ נישט געפעהלט. די אָפיציעלע ענגלישע קהילה איז צורשט אַרויסגעטראָטען געגען די פאָדערונג פון א נאַציאָנאַלע אידישע היימלאַנד, אָבער שפּעטער האָבען די מייסטע פון די פיהרער מאָדיפיצירט זייער בעשלוס און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג. די ענגלישע רעגיערונג האָט דערווייל אויספּרובירט ווי שטאַרק די פאָדערונג איז. זי האָט נאָכגעזוכט די אידישע עפענטליכע מיינונג אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ. זי האָט זיך איבערציינגט, אַז די אידען וואָס ווילען ארץ ישראל זיינען דער גרעסטער און בעסטער טהייל פון יודענטהום.

דעם צווייטען נאָוועמבער, 1917, איז געקומען די באַלפור דעקלאַראַציע וועלכע לויטעט ווי פאָלגט:

„זיין מאַיעסטעט'ס רעגיערונג בעטראַכט מיט גונסט די גרינדונג אין פּאַלעסטינאַ פון אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דאָס אידישע פאָלק, און וועט אָנווענדען איהרע בעסטע אַנשטרענגונגען צו פערגרינגערען די דורכפיהרונג פון דיעזען ציעל, מיט דער קלאָרער פערשטענדיגונג אָבער, אַז קיין זאַך וועט נישט געטאָן ווערען וואָס קען שטעלען אין געפאַהר די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכטע פון עקזיסטירענדע ניט־אידישע געמיינדען אין פּאַלעסטינאַ אַזוי גוט ווי די רעכטע און דעם פּאָליטישען בעשטאַנד וואָס אידען געניסען אין אירגענד וועלכען אַנדער לאַנד."

די לעצטע ווערטער זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען אַלס הנחה צו געוויסע ענגלישע אידען וואָס האָבען זיך געשראָקען, אַז די דעקלאַראַציע וועט שטעלען אין געפאַהר זייערע רעכטע אין ענגלאַנד גופא. דאָס איז אייגענטליך דער שטאַנד־

פונקט פון אַלע ניט־נאַציאָנאַלע אידען וועלכע האָבען מורא, אַז אַ אידישע פּאַלעסטינאַ וועט זיי מאַכען פאַר „עליענס" אין די לענדער וואו זיי וואָהנען.

דורך די בעמיהונגען פון סאָקאָלאָוו זיינען עהנליכע דעקלאַראַציעס בעקומען געוואָרען פון פראַנקרייך, איטאַליען און כינא. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויך געשריבען אַ סימפּאַטישען בריעף צו דר. וויז און האָט פיעל מיטגעהאָלפען צו שאַפען שטימונג אין דיפּלאָמאַטישע קרייזען אין ענגלאַנד.

אין מערץ, 1918, איז צום ערשטען מאָל אָבגעפאָהר'ען נאָך פּאַלעסטינאַ אַ האַלב־אָפיציעלע פּאַלעסטינאַ קאָמיסיע אונטער דער פיהרונג פון דר. ווייצמאַן, מיט דעם אַנטהייל פון מעידזשאָר אָרמסבי־גאָור, וועלכער האָט געדיענט אַלס דער פערמיטלער צווישען דער קאָמיסיע און די ענגלישע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע.

דעם 24טען יולי, 1918, איז אין דער אַנוועזענהייט פון אַן אימפּאָזאַנטע פערזאַמלונג פון אידען, קריסטען און אַראַבער, געלייגט געוואָרען דער גרונד־שטיין פאַר דעם אידישען אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל. לאָרד אַלענבי, דער הויפּט קאָמאַנדיר פון די בריטישע טייל האָט פערטראָטען דער ענגלישער רעגיערונג.

מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע האָבען זיך נאַטירליך געעפענט אַ גאַנצע רייהע מיט נייע שוועריגקייטען. פיעלע שטיינער זיינען געלייגט געוואָרען אין וועג. פראַנקרייך האָט אַרויסגעוויזען געגנערשאַפט אין דער גרענעץ־פראַגע. די אַראַבער זיינען אויפגעהעצט געוואָרען פון זייערע עפענדים. פיעל ענגלישע מיליטערישע בעאַמטע האָבען זיך בענומען זעהר קאַלט און זאָגאַר פיינדליך צו דער באַלפור דעקלאַראַציע און געגעבען דעם איינדרוק אזוי ווי עס וואָלט מעהר נישט געווען ווי אַ שטיקעל פּאַפּיער. די אַלע שוויריגקייטען ווערען ביסלעכווייז בעזייטיגט.

נאָך דעם ירושלים'ער פּאָגראָם פון אַפּריל 1920, איז געקומען דער בעשלוס פון סאַן רעמאָ, וואָס האָט בעשטעטיגט דעם ענגלישען מאַנדאַט און די היסטאָרישע אידישע תביעות, אויך די בעשטימונג פון הערבערט סעמיועל אַלס נציב העליון (האַי קאָמישאָנער). איצט ווערען די אַראַבער נאָך אַלץ געהעצט און די מאַנדאַטען פראַגע איז נאָך נישט ערליידיגט צוליעב אינטערנאַציאָנאַלע שוועריגקייטען, אָבער אַז די ענלישע רעגיערונג וועט בלייבען פעסט נישט נאָר ביי דעם בוכשטאַב זאָנדערען אויך ביי דעם גייסט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז דער אויפריכטיגער גלויבען פון אַלע טהעטיגע ציוניסטען.

איינע פון די הויפּט שוועריגקייטען איז דאָס, וואָס די אידישע וועלט איז ניט געווען פאָרבערייטעט פאַר אזא גוואַלדיגען זיעג. אין פּראָסטע ווערטער, עס פעהלען די מיטלען וואָס פאָדערען זיך אום געהעריג אנקעגען צו קומען אזא גרויסע אַרבייט. אין ענגלאַנד פעהלען נישט קיין דעמאַגאָגען וואָס שרייען, אַז די ענגלישע טעקס צאָהלער דאַרפען נישט צאָהלען שטייערען פאַר אַן אַרמעע און פאַר אנדערע קאָסטען פאַר א אידישען לאַנד. ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט געבראַכט די פּאַסיגע אָפּפער נאָך אזאַ היסטאָרישע עראייגנים, וואָלט די לאַגע אָהן ספק געווען פיעל בעסער.

די זאָגענאַנטע „אַמעריקאַנער מחלוקה", ווידער, האָט געגעבען אַ געלעגענהייט פיעלע האַלב־גלייכגילטיגע אידען וואָס זוכען תירוצים זיך אַרויסצודרעהען פון זייער פליכט, זיך צו בעהאַלטען הינטער די מאַנטלען פון ריכטער בראַנדייס, ריכטער מעק און די אנדערע פון זייער גרופּע און נישט געבען קיין געלד פאַר קיי:

אונטערנעהמונג אין ארץ ישראל. עס פאלט מיר, נאטירליך, נישט איין צו מאַכען די בראנדייס גרופּע דירעקט פעראנטוואָרטליך פאר דעם, אָבער דער פאקט איז, אז דיפערענצען וואָס האָבען זיך בעדאַרפט ענדיגען מיט אן אָבשטימונג און מיט א מעהרהייט, ווערען איצט פערשלעפּט צוליעב עקשנות, און טאָמער וויל א איד נישט געבען אויף ארץ ישראל, רופט ער זיך א „בראנדייסיסט".

וואָס איז דאָ געשעהן?

דאָס מאטעריאל פון דיעזער מחלוקה איז נאָך צו פריש און דער שרייבער פון דיעזע אָבהאַנדלונג איז פּיעלייכט נישט די פּאסענדסטע פערזאָן צו געבען א אָביעקטיווע ערקלעהרונג דאריבער. א פּאָאר פאקטען מוזען אָבער קאָנסטאטירט ווערען:

ווען ריכטער בראנדייס איז צוריק געקומען פון זיין רייזע אין ארץ ישראל אין 1918, האָבען פּיעלע בעמערקט אין איהם א שטימונג וואָס האָט געקלונגען מיט ענטטוישונג און זאָגאר יאוש. ביז דאן איז ריכטער בראנדייס נישט געקומען אין פערזעהנליכע בעריהרונג מיט די פיהרער פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידען. עס שיינט, אז זיין קאָנטאקט מיט זיי, האָט איהם נישט צוגעגעבען קיין בעגייסטערונג, זאָנדערן פּיעל אָבגעקיהלט. דאָס איז לייכט צו פערשטעהן. עס מוז דאָ געזאָגט ווערען, אז אפילו פאר אמעריקאניזירטע רוסישע אידען איז איצט שווער אויסצוקומען מיט דיעזע פיהרער. מיר דאָ אין אמעריקא האָבען זיך אָבגעלערנט „ביזנעס מעטהאָדען," אז די פערשווענדונג פון צייט איז שעדליך. זיי דאָרטען זיינען ניט אזוי מקפּיד אויף די זאכען און טהעאָריע און דעבאטע איז נאָך עד היום ביי פּיעלע פון זיי וויכטיגער ווי די פּראַקטישע טהאטען.

דער צושטאנד אין ארץ ישראל האָט אויך זעהר שטאַרק ענטוישט ריכטער בראנדייס'ן. ער האָט דאָרטען געפונען מאלאריא; ער האָט געפונען די אלטע ארץ ישראל אונאָרדנונג; ער האָט גערענקט אז צו פּיעל געוויכט ווערט געלייגט אויף דער קולטורעלער זייט, א. ז. וו.

דיעזע אלע ענטוישונגען און ערפאהרונגען קענען נישט בעאיינפלוסען א שטאַרקען נאציאָנאליסט, אָבער זיי האָבען געמוזט האָבען אן איינפלוס אויף א מאן וועסעמ קומען צום ציוניזם איז געוועזען מעהר פערבונדען מיט דער עקאָנאָמישער פּראָבלעם פון די אידען ווי מיט דער נאציאָנאלער אָדער רעליגיעזער.

די לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט געבראכט ריכטער בראנדייס ווייטערע ענטוישונגען. עס האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט א טהעאָריע, אז די אמעריקאנער ציוניסטען דאַרפען נאָר אָנהאַלטען א פּלאַטאָנישע פערבינדונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָן, אָבער ווייטער דאַרפען זיי טאָן די ארבייט אלס פּראקטישע אמעריקאנער „ביזנעס-לייט".

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אין פּיטסבורג אָנגענומען געוואָרען די בעריהמטע „פּיטסבורגער פּראָגראם," וועלכע איז געוועזען האַלב-סאָציאליסטיש, אָבער נאָך די נייע ערפאהרונגען וואָס ריכטער בראנדייס האָט דורכגעמאַכט, איז די „פּיטסבורגער פּלאטפאָרם" אין גאנצען פּערדוקט געוואָרען, און מען האָט גענומען ענטוויקלען א פּראָגראם פון „פּריוואטע איניציאטיווע" מיט סאָציאל - רעפאָרמאטאָרישע תקנות.

ריכטער בראנדייס האָט אָבער נישט גענומען אין אָנבעטראכט די סענטימענטס פון די מאַסען אמעריקאַנער ציוניסטען, וועלכע זיינען מעהר נאציאָנאַל געזאָנען ווי ער איז און וועלכע שעצען טייער די פערבינדונג מיט זייערע ברי־

דער און פיהרער אויף יענער זייט ים. זיי האָבען איהם אריבערגע׳פסקנ׳ט און זייט דאן האַלט די בראנדייס גרופּע אָן דיזעלבע טאַקטיק צו דער אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן ווי זי האָט געוואָלט, אז די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציאָן זאָל אָנהאַלטען צו דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. דאָס הייסט, זיי זיינען מיטגלידער, צאָהלען זייערע דיוס, אָבער בעטהייליגען זיך נישט אין קרן היסוד און אין די אנדערע זאַכען וואָס זיינען בעשלאָסען געוואָרען פון קאָנגרעס.

יעדענפאַלס, פון הערצל ביז סאַן רעמאָ איז דער ציוניזם ווייט אוועק.

די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים

דאָס פערגאַנגענע יאָהר, תרפ״א, איז געווען דאָס ערשטע יאָהר, ווען די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים איז געשטאַנען אונטער׳ן שוץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. איינשטימיג מיט די בעשלוסען, וואָס דער גרויסער ציוניסטישער אקציאָנס קאָמיטעט האָט אָנגענומען אין לאָנדאָן אין פריהלינג תרפ״א, האָט די נייע ביבליאָטעק־פערוואַלטונג זיך געשטעלט דריי אויפגאַבען:

א) צו מאַכען א ליסטע פון אַלע ביכער, וואָס געפינען זיך שוין אין ביבליאָטעק; ב) צו זאָרגען וועגען אריבערפיהרען די ביכער, וואָס זיינען אָנגעזאַמעלט אין אויסלאַנד פאַר דער ביבליאָטעק; ג) צו עפענען ווי ווייט מעגליך די ביבליאָטעק פאַר׳ן ברייטעסטען פּובליקום, בעפרידיגען אַלע זיינע פאָדערונגען און מאַכען די אנשטאַלט צום צענטער פון גייסטיגען לעבען.

די דאָזיגע דריי צוועקען זענען דערגרייכט געוואָרען בעפרידיגענד. חוץ א נישט בעזונדערס גרויסער צאָהל פון אונבעדייטענדע און ווערטהלאָזע ביכער, זענען פערצייכענט געוואָרען אין קאַטאַלאָג אַלע ספרים, וואָס געפינען זיך אין ביבליאָטעק. לויט׳ן בעשלוס פון דער ביבליאָטעק־פערוואַלטונג איז דער דאָזיגער קאַטאַלאָג געמאַכט געוואָרען אי לויט׳ן אלף־בית פון די ביכער, אי לויט די פאַכען. א פאַכענקאַטאַלאָג איז בעזונדערס וויכטיג דערפאַר, ווייל די ביבליאָטעק איז אינגאַנצען געשאַפען צופעליג פון מתנות, דאַריבער איז דער לעזער נישט זיכער, צי וועט ער דאָס בוך, וואָס איז איהם בעקאַנט, געפינען לויט׳ן נאָמען פון מחבר, און דער פאַכענקאַטאַלאָג גיט איהם דאָך די מעגליכקייט צו געפינען די ביכער פון זיין פאַך. חוץ דעם איז דער ארץ־ישראל׳דיגער לעזער געוועהנט נישט צו זוכען א בוך לויט׳ן נאָמען פון מחבר, נאָר לויט׳ן פאַך.

אין פערלויף פון פערגאַנגענעם יאָהר, איז דער פערוואַלטונג געלונגען אריבערצופיהרען דאָס רוב ביכער, וואָס האָבען זיך געפונען אין אויסלאַנד און זענען דאָרט געזאַמעלט געוואָרען פאַר דער קינפטיגער אוניווערזיטעט. צווישען די דאָזיגע מתנות דאַרף מען פערצייכענען א טראַנספּאָרט פון פופציג קאַסטענס, א מתנה פון די אמעריקאַנער ציוניסטען, 105 קאַסטענס, וואָס זענען

געזאַמעלט געוואָרען אין דייטשלאַנד
דורך'ן פּראָפעסאָר לעווע, א זעהר גרוי־
סע צאָהל ביכער געזאַמעלט אין קעמ־
ברידזש און געבראַכט דורכ'ן זוהן פון
נציב העליון. לויט דער השתדלות פון
די האָלענדער ציוניסטען, האָבען פער־
איינען פון האָלענדישע געלעהרטע גע־
שיקט זייערע אויסגאַבען צו דער ביב־
ליאָטעק. גרויס איז די צאָהל פון קליינע
מתנות, וואָס ווערען געשיקט צו דער
ביבליאָטעק. כמעט טעגליך פון אלע
עקען וועלט; פון יאַפּאַן, טוניס, אױ־
סטראַליען, דאַניען. די דאָזיגע אלע בי־
כער זענען שוין איינגעשריבען און
שטעהען גרייט פאַר די לעזער. עס איז
נאָך נישט פערשריבען א גרויסע צאָהל
מעדיצינישע ביכער, וואָס זענען אָנגע־
קומען די לעצטע צייט און עס ווערען
וועגען זיי געפיהרט אונטערהאַנדלונגען
מיט'ן דאָקטוירים פעראיין. ערשט די
וואָך פאַר ראש השנה זענען דערהאַלטען
געוואָרען דרייסיג קאַסטענס פון אמע־
ריקא.

דאָס איינאָרדנען אָט די אלע ביכער
האָט שטאַרק געענדערט דאָס אויסזעהן
פון דער ביבליאָטעק. מיט א יאָהר צו־
ריק האָט דער לעזער געפונען אין דער
ביבליאָטעק פון דער נישט אידישער לי־
טעראַטור ב ל ו י ז די ביכער פון פער־
שטאָרבענעם פלעסקאָוו, וואָס זיינען
מעהרסטענטייל באַשטאַנען פון רוסישער
בעלעטריסטיק און א קליין ביסעל אלטע
דייטשע ביכער. איצט האָט שוין די
ביבליאָטעק דערגרייכט אַזוי וויט, אַז
זי האָט א געוויסע צאָהל וויכטיגערע
ביכער אויף אלע וויסענשאַפטליכע גע־
ביטען. אמת, נאָך איצט פיהלט דער
לעזער, אַז די ביבליאָטעק איז צונויפ־
געשטעלט געוואָרען צופעליג אָהן א
סיסטעם, אַז די ביכער זענען געשענק־
טע, נישט געקויפטע, און עס פיהלט
זיך דער מאַנגעל פון עלעמענטאַרע בי־
כער, וואָס אָהן זיי קאָן מען זיך נישט
פאָרשטעלען קיין גרינדליכע ביבליאָ־
טעק. דאָך, וואָס איז נאָר מעגליך גע־
ווען צו דערגרייכען אָהן מיטלען, איז דער־
גרייכט געוואָרען מיט דער הילף פון די
פיעלע ליעבהאָבער, וואָס די ביבליאָ־
טעק האָט אין דער גאַנצער וועלט. אין
פיעל לענדער ארבייטען איצט קאָמיסיעס
פאַר דער ביבליאָטעק, צווישען די דאָ־
זיגע קאָמיסיעס איז כדאי צו בעצייכע־
נען די אמעריקאַנישע קאָמיסיע, די
דייטשע, א רייהע קאָמיסיעס, וואָס זע־
נען געגרינדעט געוואָרען דורך דער אינ־
טעראוניווערסיטעטישער געזעלשאַפט אין
אלע ענגלישע אוניווערסיטעט־
שטעדט, קאָמיסיעס אין שפּאַניען און
פּאָרטוגאַל, אין טריעסט, אין וויען און
די קאָמיסיע „פּראָ ביבליאָטעקא יודאי־
קא“ אין דער שווייץ.

די צאָהל פון די זשורנאַלען און צייי־
טונגען, וואָס די ביבליאָטעק האָט זיך
פערשאַפט (אומזיסט), איז זעהר גרויס,
העכער הונדערט צייטונגען געפינען זיך
איצט רעגולער אין לעזע־זאַל פון דער
ביבליאָטעק. וואָס גרעסער די ביבליאָ־
טעק ווערט, אַלץ גרעסער ווערט די
צאָהל לעזער, ממש פון טאָג צו טאָג,
און דער לעזע־זאַל איז שוין צו ענג. עס
זיינען פאַרשריבען אַן ערך 1300 שטענ־
דיגע לעזער, און די צאָהל פון די טעגליכע
בעזוכער דערגעהט ביז הונדערט. ווי
וויט דאָס פּובליקום איז פעראינטע־
רעסירט אין דער ביבליאָטעק איז צו
זעהן דערפון, וואָס א היבשע צאָהל
יונגע לייט פון ביידע געשלעכטער האָ־
בען פריוויליג געשענקט זייער צייט
אויף איינצואָרדענען דאָס קאַטאַלאָגיזירען
פון די ביכער.

50 יאָהר סאָציאַליזם אין אמעריקא

פון י. מאַגידאָוו

די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַמעריקאַ איז אַ ריין דייטשער פּראָדוקט. „מייה אין דזשוירמעני". זי איז אַריבערגעבראַכט געוואָרען אין אַמעריקאַ פון דייטשע אימיגראַנטען, מיט אונגעפעהר פופציג יאָהר צוריק. און אין פערלויף פון צעהנדליגע יאָהרען איז זי אויפגעהאַלטען געוואָרען בלויז פון דייטשען. די אידען האָבען אָנגעפאַנגען שפּיעלען אַ ראָלע אין דער בעוועגונג פיעל שפּעטער און די אַמריקאַנער האָבען גענומען אַן אינטערעסע אין איהר ערשט זייט אַ קורצע צייט. דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער בעוועגונג און פון דער פּאַרטיי האָבען געלייגט די דייטשען.

די יעצטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקאַ איז ערשט 20 יאָהר אַלט. זי איז אַ קינד פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. אָדער, ווי זי איז בעסער בעקאַנט, די ס. ל. פּ. וועלכע לעבט נאָך אַלץ און האָט ניט געמאַכט אַ שריט פּאָרווערטס זייט די לעצטע 50 יאָהר. די נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בעהויפּטעט אייגענטליך, אַז זי איז אַ געבוירענע יענקי און האָט מיט דער אַלטער ס. ל. פּ. גאָרניט צו טהאָן. אָבער דער אמת איז אַז זי איז דער געזעצליכער יורש פון דער אַלטער פּאַרטיי און איז פון דעם זעלבען פלייש און ביינער. ווען מען וויל אַלזאָ געבען אַן איבערבליק איבער דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַמעריקאַ און וועגען דער יעצטיגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מוז מען אָנפאַנגען מיט דער אַמאָליגער ס. ל. פּ.

דיזע פּאַרטיי, ווי געזאָגט, איז געווען אַ דייטשער פּראָדוקט. צעהנדליגע יאָהרען לאַנג איז זי געווען אין גאַנצען אין דייטשע הענד, איהר אָפּיציעלע שפּראַך איז געווען דייטש. זי האָט געפיהרט פּראָפּאָגאַנדא בלויז אין דייטש. זי איז געווען אָרגאַניזירט אויפ'ן דייטשען מוסטער און איז די גאַנצע צייט געווען פרעמד צום אַמעריקאַנער לעבען.

צו יענער צייט האָט דער דייטשער עלעמענט איבערהויפּט געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע ווי יעצט. איבעראַל האָט מען אָנגעטראָפען דייטשען. איבעראַל האָט זיך געהערט די דייטשע שפּראַך און די דייטשע סאָציאַליסטישע פּראָפּאָגאַנדא איז דאַרום גאָרניט געווען אויסער פּלאַץ. די דייטשע אימיגראַציאָן איז דאַן געווען אין פולען גאַנג און די דייטשען האָבען זיך דאַן געוואָרפען מעהר אין די אויגען ווי די אידען יעצט אין ניו יאָרק. דער דייטשער איינפלוס האָט זיך דאַן געפיהלט ניט נור אין ניו יאָרק, נור איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין ניו יאָרק האָט דער דייטשער עלעמענט צו יענער צייט בעהערשט אפילו די איסט סייד. סעקאָנד עוועניו און ספּעציעל הויסטאָן סטריט האָבען זיך גערופען קליין דייטשלאַנד. עס איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ דייטשע לידעל: „אָ, דו ליעבער הויסטאָן סטריט". אפילו די בויערי איז דאַן געווען דייטש. טהאַליא טהעאַטער, אין דער בויערי, איז געווען דער צענטער פון דייטשער קונסט. אַטלאַנטיק גאַרדען און פּאָלקס גאַרדען, ביידע אויף דער בויערי, זיינען יעדע נאַכט געווען געפּאַקט מיט טויזענדע דייטשען, וועלכע פלעגען דאָרט פערברייגען ביי אַ גלעזעל ביער, הערענדיג דייטשע ליעדער. די גרעסטע מאַסען דייטשען פלעגט

צוציהען מיט 35 יאָהר צוריק דער פאָלקס־גאַרטען, וואו דער בעריהמטער אידישער קאָמיקער אבראַמאָוויץ פלעגט פאָרלעזען דייטשע קופּלעטען און זינגען דייטשע ליעדער און פלעגט ארויסרופען דעם גרעסטען אפּלאָוז.

אונטער דיזע אומשטענדען איז לייכט צו פארשטעהן אז די דאַמאַלסדיגע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדא האָט געהאַט א ברייטען פעלד. דער פעלד איז אָבער נאָך ווייט ניט געווען בעהערשט פון די סאָציאַליסטען. דער בורזשואַזער עלעמענט ביי די דייטשען איז געווען פיעל שטאַרקער. די דייטשע שטאַאטס־צייטונג האָט דאַן געבליהט און איז געווען א מאַכט אין ניו יאָרק. זי האָט דאַן געהערט צו אסוואַלד אַמענדאָרפער, איינער פון די דייטשע רעוואָלוציאָנערען פון 1848. עס איז דאַן געווען אויך א דייטשער מאָרגען זשורנאַל וועלכער האָט געהערט צו אַלבערט פּוליצער, א ברודער פון דזשאָזעף פּוליצער פון דער „ניו יאָרק וואָירלד“.

דער פונדאַמענט פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון יענער צייט איז געווען דער דייטשער טרייד יוניאָניזם. די גרעסטע צאָהל פון די דייטשע טרייד יוניאָנס איז געווען ראַדיקאַל און זיי זיינען דאַן געווען פערבונדען אין א „פעראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען“, וועלכע איז שפּעטער גענומען געוואָרען אלס מוסטער פון די אידישע סאָציאַליסטען פאַר די אידישע געווערקשאַפטען.

די יעצטיגע דייטשע פאָלקס־צייטונג איז דאַן געווען מעהר פּאָפּולער און מעהר איינפלוסרייך. זי איז געווען רעדאַקטירט פון א רוס, סערגעי שעוויטש, וועלכער איז דאַן געווען דער אַנערקענטער פיהרער פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אייגענטליך איז שעוויטש געווען מעהר דייטש ווי רוס און ער האָט געשטאַמט פון די באַלטישע באַראָנען. ער איז געווען א בעגאַבטער רעדנער, און האָט גערעדט דייטש ווי א דייטש, ענגליש ווי א יענקי אָדער ענגלענדער און איטאַליעניש ווי אַן איטאַליענער. דערצו איז ער געווען זעהר א סימפּאַטישע פּערזאָן. ער האָט געהאַט א מוזיקאַלישע און העכסט אנגענעהמע שטימע, און ער איז געווען זעהר שעהן פיזיש, הויך געוואַקסען מיט אַן אויסזעהן פון א פירסט. שעוויטש איז געווען פערהייראַט מיט העלענא פאָן ראַקאָוויצא, די בעריהמטע דייטשע שעהנהייט, צוליעב וועלכער לאַסאַל האָט פערלאָרען זיין לעבען אויף א דועל. און עס קען זיין, אז דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכען ווארום מען האָט איהם דאָ בעטראַכטעט אלס לאַסאַל'ס נאָכפאָלגער. אין 1890 האָט שעוויטש פּלוצלונג געזאָגט „גוד ביי“ צו אמעריקא און צו דער בעוועגונג און איז אָבגעפאָהרען אהיים אין רוסלאַנד אָפּנעהמען א ירושה. נאָך דעם האָט ער זיך בעזעצט אין דייטשלאַנד וואו ער איז געוואָרען רעדאַקטאָר פון דעם בעריהמטען דייטשען הומאָריסטישען זשורנאַל „סימפּליציסימוס“.

דער הויפּט פיהרער פון די דייטשע סאָציאַליסטען פון יענער צייט איז געווען אַלעקסאַנדער יאָנאַס. ער איז געווען א איד און האָט געשטאַמט פון דער בורזשואַזער קלאַסע, אָבער ער איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און אַן עכטער אידעאַליסט. דערצו איז ער געווען א העכסט סימפּאַטישע פּערזענליכקייט. אונטער דער פיהרונג פון שעוויטש און יאָנאַס איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג פון יענער צייט געווען מעהר אידעאַליסטיש און ווייניגער פּראַקטיש. פון יאָהר צו יאָהר איז דיזע דייטשע אָרגאַניזאַציאָן געגאַנגען אין אמעריקאַנער פּאָליטישען קאַמפּף, אויפשטעלענדיג קאַנדידאַטען אין יעדען דיסטריקט. און יעדעס יאָהר

פלעגט מען ציהען די זעלבע פּאָאר טויזענד וואוטס. צעהנדליגע יאָהרען לאַנג האָט עס זיך אזוי ניט געריהרט פון אָרט. פלעגען אמאָל צוקומען אַ פּאָאר וואוטס איז געווען אַ שמחה און מען פלעגט פּייערען דעם זיעג. זיינען אָפּגעקומען אַ פּאָאר וואוטס, דורך דעם וואָס איינינע סאָציאַליסטען האָבען געמופּט און ניט גע־קענט וואוטען, איז געווען אַ גרויסער טרויער. דאָס צעהלען פון די געווינסען און פערלוסטען איז דאַן געווען די הויפּט טהעטיגקייט פון דער פּאַרטיי. דער כראָנ׳שער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר איז געווען אַלעקסאַנדער יאנאס.

די אַנאַרכיסטען.

צו יענער צייט האָבען אויך די אַנאַרכיסטען געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע ווי היינט. נאַטירליך איז די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג געווען אַ דייטשער פּראָדוקט פּונקט ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בעוועגונג. דער פּאָטער פון דיזער באַוועגונג איז געווען דער בעריהמטער יאָהאַן מאָסט, אַ געוועזענער דייטשער אָפּגעאָרדענטער. נאָך דעם ווי מאסט איז אָפּגעזעסען אין די פּריזאָנס פון גאַנץ אייראָפּאַ איז ער געקומען אין אַמעריקאַ, און האָט גלייך געמאַכט בעקאַנטשאַפט מיט אַמעריקאַנער פּריזאָנס. און עס איז ניט געווען קיין וואונדער. מאסט האָט אָפּען געפּרעדיגט רעוואָלט. ער האָט פערפאַסט און צירקולירט אַ בוך אין וועלכען ער האָט געלערנט ווי צו געברויכען באָמבעס. ער האָט געפּרעדיגט די פּראָפּאַגאַנדא דער טהאַט. זיין מאָטאָ איז געווען: „פּולווער און בליי מאַכען די וועלט פריי“. איינמאָל איז ער אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד, און אויסגערופען: „אָט דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו אונזער ציעל“. און פאַר דיזע ווערטער איז ער געשיקט געוואָרען אין פּריזאָן.

מאסט איז געווען אַ פייערדיגער אָראַטאָר. פיעלע ניט אַנאַרכיסטען און ניט סאָציאַליסטען פלעגען איהם געהען הערען בלויז צו געניסען די אָראַטאָריע. ער פלעגט אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע דייטשע צייטונג „די פרייהייט“, וועלכע איז אויך פיעל געלעזען געוואָרען פון אידען. זיין העדקוואָדערס איז געווען שוואַב׳ס סאַלון אין דער ערשטער סטריט, וואו ער פלעגט אימער זיצען ביי אַ גלאָז ביער. מאָסט׳ס נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ. קוריאָז איז דאָס די ניו יאָרקער פּרעסע האָט פאַר איהם ניט געפונען קיין אַנדער צונעמענים ווי „הערר“ מאָסט, דער מאָסט וואָס האָט געקעמפּפט געגען אַלע הערשאַפט.

מאסט׳ס הויפּט טהעטיגקייט איז בעשטאַנען אין בעקעמפּפען די סאָציאַל דעמאָקראַטען, זיי זיינען ביי איהם געווען טריף פאַר אַנטהייל נעהמען אין דעם פּאָליטישען קאַמפּף, אָבער יעדעס מאָל ווען מאסט פלעגט אַריינפאַלען, פלעגען די סאָציאַל דעמאָקראַטען די ערשטע קומען איהם צו הילף. זיי פלעגען דאַן פערגעסען אַלעס.

מאסט האָט געהאַט איינינע דייטשע געווערקשאַפטען, וועלכע זיינען געווען מיט איהם. זיין הויפּט אַדיוטאַנט איז געווען אַ מעבעל אַרבייטער און יוניאָן פיהרער בראַונשווייג, אַ מאַן פון אַ ריעזיגער פיגור און אַ ריעזיגע פיזישע קראַפט. מאסט האָט אַמאָל געזאָגט: „גיט מיר אַ 500 בראַונשווייגס און איך מאַך אַ רעוואָלוציאָן אין אַמעריקאַ.“ און געמיינט האָט מאסט ניט בראַונשווייגס פיזישע, נור זיין מאָראַלישע מאַכט, דאָס הייסט זיין איבערגעבענהייט צו מאָסט.

די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטען.

דעם גרעסטען ערפאָלג האָט מאָסט געהאַט אין שיקאַגאָ. דאָרט האָט זיך געבילדעט אַן ענערגישע גרופּע פון אַנאַרכיסטען, צווישען וועלכער עס זיינען גע־

ווען טעטיג ניט נור דייטשען, נור אויך איינינע פעהיגע אמעריקאנער. אבער גראד ווייל דיזע גרופע האט זיך ניט בענוגענט ווי די ניו יארקער בלויז מיט פראזען און האט פרובירט די פראפאגאנדא דער טהאט, האט זי געפיהרט צו א קראך, וואס האט אפגעקלונגען איבער דער גאנצער וועלט.

עס איז געווען אין צייט פון דער גרויסער אכט־שטונדען בעוועגונג פון יאהר 1886, וואס איז אנגעגאנגען אין גאנץ אמעריקא און אויך אין אייראפא. שיקאגא איז געווען דער צענטער פון דער בעוועגונג אין אמעריקא, און די אנארכיסטען האבען זיך אריינגעמישט אין מיטען, אבוואהל זיי זיינען געווען אפענע געגנער דערפון. זיי האבען אפען גערעדט געגען דעם אלס א גאנץ נוצלאזע זאך. דאך ווי געזאגט זיינען זיי געווען אין מיטען וואו עס איז געווען טראבעל. און ווען די שיקאגא'ער פאליס האט אטאקירט אן ארבייטער דעמאנסטראציאן אויף העי מארקעט האט איינער אן אנארכיסט געווארפען א באמבע, וועלכע האט געטויטעט 7 פאליסלייט.

ביז יעצט וויים מען נאך ניט ווער איז געווען דער באמבען ווארפער. די אנארכיסטען האבען גע'טענה'ט אז דאס איז געווען די ארבייט פון א פראוואקאטאר. די פאליס האט דירעקט בעשולדיגט אלע הויפט פיהרער פון דער אנארכיסטישער בעוועגונג. ביידע בעהויפטונגען זיינען געווען אהן צווייפעל פאלש. א פאליס פראוואקאטאר וועט ניט טויטען זיינע אייגענע חברים, און אז די אנארכיסטישע אראטארם זאלען אליין פראקטיצירען אזא טהאט לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל און וואס די הויפט זאך איז — דערצו זיינען ניט געווען אבסאלוט קיינע בעווייזע. אין דער אויפרעגונג וואס האט אבער דאן געהערשט איז פאר די פאליס געווען לייכט צו ארעטירען זיעבען פון די הויפט פיהרער פון די אנארכיסטען, די סאמע קעפ און זיי אינדייטען אלס די מערדער. און זיי זיינען טאקי אלע פעראורטהיילט געווארען. בלויז איינער פון זיי איז געבליבען לעבען. איינער האט בעגאנגען זעלבסטמארד אין פריזאן און די איבעריגע האט מען הינגעריכטעט. ערשט עטליכע יאהר שפעטער איז געקומען גאווערנאר אלטגעלד און האט פעסטגעשטעלט אז דער אורטהייל איז געווען א פאלשער, אז עס איז געווען א יוסטיץ מארד.

פראטעסט פאראד אין ניו יארק.

די שיקאגא'ער אנארכיסטען זיינען הינגעריכטעט געווארען דעם עלפטען נאוועמבער, 1887. די נאכט בעפאר, דעם צעהנטען נאוועמבער איז אין ניו יארק אפגעהאלטען געווארען א דעמאנסטריישאן געגען דעם אורטהייל. צעהן טויזענד ארבייטער, סאציאליסטען און אנארכיסטען האבען מארשירט דורך פינפטע עווענויו אין איין איינדרוקספאלען טרויער־פאראד. עס איז געווען א מערקווירדיגע דעמאנסטריישאן, אהן מוזיק און אהן פאקלען. עס איז געווען א פינסטערע, קאלטע נאכט. און די טויזענדע דעמאנסטראנטען האבען זיך געצויגען דורך די גאסען שטיל ווי שאטענס. אבער דאס איז געווען די שטילקייט פאר א שטורם. עס האט געפעהלט א האאר דיזע שטילע דעמאנסטריישאן זאל פערוואנדעלט ווערען אין די גרעסטע און בלוטיגסטע הריגה אין דער היסטארי פון ניו יארק. דער פאקט איז אז א גרויסע טהייל פון די דעמאנסטראנטען זיינען געווען בעוואפפענט, ווער מיט רעוואלווערס, ווער זאגאר מיט באמבעס. מען האט זיך געריכטעט אויף א פאליס איבערפאל און מען איז געווען צוגעגרייט צו א ווידערשטאנד. עטליכע טעג בעפאר דער דעמאנסטריישאן האבען די אנארכיסטישע פיהרער

אָפען אגיטירט פאַר באוואפנונג און זיי האָבען געוואַרנט אז קיינער וואָס איז ניט בעוואפענט זאָל ניט קומען צום פּאַראַד. ווי אזוי דער אבענד איז פאַרלאָפען אָהן א בלוטבאַד איז פשוט א נס. עס זעהט אוים אז ביידע צדדים, די פּאָליס און די אַנאַרכיסטען האָבען ניט געוואָלט נעהמען די אפענסיווע. יעדער צד האָט ערוואַרטעט אַן אַטאַקע פון אנדער צד און איז געווען גרייט צו בעגעגענען די אַטאַקע מיט א קאָנטער אָפענסיווע. די פּאָליס רעזערווען זיינען געווען קאָנצענטרירט אין פערשיעדענע פּונקטען און בעהאַלטען אין בילדינגס און יאַרדס ארום פינפטע עווע־ניו, וועהרענד די אַנאַרכיסטען האָבען געהאַלטען די באָמבעס גרייט אין די פּאַקעטס. און אזוי ווי קיין צד האָט ניט געמאַכט קיין אנגריף איז דיזע דעמאָנסטריישאָן פאַרבליבען די פריעדליכסטע וואָס איז ווען געווען אין ניו יאָרק.

צווישען די צעהן טויזענד דעמאָנסטראַנטען זיינען ניט געווען קיין טוץ אַמעריקאַנער. זיי זיינען געווען הויפּטזעכליך דייטשען מיט א פּאָר צעהנדליג אידען. די גרעסטע צאָהל איז בעשטאַנען פון סאָציאַל דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען געפיהרט דעם שטאַרקסטען פּראָטעסט געגען דעם אורטהייל. זיי זיינען נאַטירליך געקומען אונבעוואָפענט און זיי האָבען געמאַרשט ביי דער זייט פון די אַנאַרכיסטען, ניט האָבענדיג קיין אָהנונג אז זיי מאַרשען איבער א וואָלקאַן.

די העברי דזשאָרדזש בעוועגונג.

איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע פּעריאָדען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַמעריקאַ איז געווען אין יאָהר 1886, אין צייט פון דער העברי דזשאָרדזש בעוועגונג, אָבוואָהל דאָס איז געווען בלויז אַן ארבייטער בעוועגונג אָנגעפיהרט פון טרייד יוניאָנס, איז זי געווען ענג פערבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און מוז דארום פאַרנעהמען א וויכטיגען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

די גאַנצע איניציאַטיווע פון דיזער בעוועגונג האָט געשטאַמט פון די סאָציאַליסטען. זיי האָבען דערפיהלט אז די צייט איז רייף פאַר א שטאַרקע ארבייטער בעוועגונג. ווי געזאָגט, עס איז געווען אין דער צייט פון גרויסע סטרייקס פאַר דעם 8-שטונדיגען ארבייטס טאָג. די יוניאָנס האָבען געבליהט, און דער קלאַסען בעוואוסטזיין איז געווען שטאַרק ערוועקט. אין ניו יאָרק האָט דאַן עקזיסטירט א מעכטיגע צענטראַל ארבייטער קערפּערשאַפט, די סענטראַל לייבאָר יוניאָן, און יענעם לייבאָר דעי האָבען 60 טויזענד אָרגאַניזירטע ארבייטער געמאַרשט דורך יוניאָן סקווער. צו יענער צייט איז נאָך לייבאָר דעי ניט געווען קיין אָפיציעלער יום טוב. אום צו פייערען דיזען טאָג האָבען די ארבייטער געמוזט דיזען טאָג סטרייקען.

און די סאָציאַליסטען האָבען זיך אונטערנומען אויסצונוצען דיזען מאָמענט. אויסצונוצען די ארבייטער בעוועגונג און דעם הערשענדען קלאַסענבעוואוסטזיין צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדא פאַר זייער פּאַרטיי. און דאָס האָבען זיי געטאָן אזוי: זיי האָבען יענעם יאָהר זיך אָפּגעהאַלטען פון געהן אין פּאָליטישען קאַמפּעין אויף זייער אייגענעם חשבון. אנשטאָט דעם האָבען זיי פאָרגעשלאָגען די ארבייטער צו אָרגאַניזירען געמיינשאַפטליך אַן אינדעפּענדענט ארבייטער פּאַרטיי און אויפשטעלען אייגענע ארבייטער קאַנדידאַטען פאַר אַלע אָפּיסעס.

דיזער פאָרשלאָג איז געמאַכט געוואָרען אין דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן פון דעם סאָציאַליסטען לודוויג יאַבלינאָווסקי. דעלעגאַט פון דער סיגאַר מייקערס יוניאָן נומער 90 און איז פון אַלע דעלעגאַטען אויפגענומען געוואָרען מיט בעגייסטע־

רונג. עס איז דאָן נאָך געווען אַ „נאָווינע“, עס איז געווען דער ערשטער פּערזוך פון אַרבייטער פאַר פּאָליטישע אַקציאָן. מען האָט נאָך ניט געוואוסט פון ענטוישונגען און דער ענטוזיאַזם איז געווען גרויס.

אַזוי ווי די סאָציאַליסטען זיינען געווען די הויפּט איניציאַטאָרס און זיי האָבען שוין אויך געהאַט ערפאַהרונג אין פּאָליטיקס און האָבען זאָגאַר געהאַט רעגולערע אָרגאַניזירטע עלעקשאָן דיסטריקטען, זיינען זיי געווען די הויפּט פיהרער פון גאַנצען קאַמפּעין. די פּלאַטפאָרם פון דער נייער פּאַרטיי איז געווען אַ זעהר ראַדיקאַלע, מען קען זאָגען אַ סאָציאַליסטישע, און די מאָטאָס פון דעם קאַמפּעין זיינען געווען סאָציאַליסטישע. ווען עס איז אָבער געקומען צו נאָמינירען אַ קאַנדידאַט פאַר מעיאָר זיינען שוין די סאָציאַליסטען ניט געווען אין דער היים. זיי האָבען פּשוט ניט געהאַט קיין פּאַסענדען מאַן צווישען זיך, זיי זיינען געווען לויטער דייטשען. זייער איינציגער קאַנדידאַט, אַלעקסאַנדער יאָנאַס האָט גערעדט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם דייטשען אַקצענט. מען האָט אַלזאָ געמוזט זוכען אַ קאַנדידאַט אויטסייד פון די רייהען פון די סאָציאַליסטען און מען האָט אַ פּאַסענדען מאַן טאַקע געפונען. דאָס איז געווען הענרי דזשאָרדזש.

הענרי דזשאָרדזש איז געווען אַ ראַדיקאַל, פון אַן איינפאַכען אַרבייטער, אַ שריפטזעצער, איז ער דורך אייגענע שטודירען געוואָרען אַ דענקער, אַ פילאָזאָף, אַן עקאָנאָמיסט און אַ בריליאַנטענער שריפטשטעלער און אַגיטאַטאָר. ער האָט געהאַט ערפונדען אַ טהעאָריע, וועלכע איז בעקאַנט אַלס סינגעל טעקס, און וועלכע האָט געפונען אַנהענגער אין פיעלע לענדער. ער האָט אָבער ספּעציעל אויסגענומען ניט אַזוי מיט זיין סינגל טעקס טהעאָריע, ווי מיט זיין קריטיק אויף די מאָדערנע געזעלשאַפט. זיין בוך „פּראָגרעס ענד פּאָווערטי“ האָט פאַראורזאַכט אַן אויפזעהן. ער איז געוואָרען בעריהמט איבער'ן לאַנד. ווען מען האָט איהם געאָפערט די נאָמינײשאָן פאַר מעיאָר אַלס אַרבייטער קאַנדידאַט, האָט ער עס גערן אָנגענומען און ער האָט אין דיזען קאַמפּעין געלאָזט צורוה אפילו זיין סינגל־טעקס אידעע. ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער מוז דאָ זיין אין פּאַרטנערשיפּ מיט די סאָציאַליסטען און ער האָט דאָס אויך אַקצעפּטירט. אַלע זיינען אַלזאָ געווען צופריעדען מיט'ן מסחר און אַלעס איז געגאַנגען גלאַט.

דער הענרי דזשאָרדזש קאַמפּעין איז געווען דער אינטערעסאַנטסטער פּאָליטישער קאַמפּעין אין דער היסטאָרי פון ניו יאָרק. די אַרבייטער זיינען געווען בעגייסטערט פאַר זייער פּאַרטיי און זייער קאַנדידאַט. דער נאָמען הענרי דזשאָרדזש איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּען. ערב עלעקשאָן האָבען 60,000 אַרבייטער געמאַרטשט פאַר הענרי דזשאָרדזש. פיעלע האָבען ווירקליך ערוואַרטעט אַז ער וועט עלעקטעט ווערען. זיין רעפּובליקאַנער געגנער איז געווען דער קינפטיגער פּרעזידענט, טהעאָדאָר רוזוועלט. און רוזוועלט האָט געשפּיעלט דאָן אַ גאַנץ קליינע ראָלע. אום צו רעטען די עלעקשאָן האָט טעמעני נאָמינירט איהר בעסטען מאַן, אייבראַם ס. יוהאיט.

ווי געזאָגט, די סאָציאַליסטען האָבען געפיהרט די רעדעל אין דיזען קאַמפּעין. צוזאַמען מיט הענרי דזשאָרדזש איז אויף יעדען גרויסען מיטינג אויפגעטראָטען דער סאָציאַליסט שעוויטש, און ער האָט גערעדט ווי אַ סאָציאַליסט, וועהרענד הענרי דזשאָרדזש האָט זיין סינגל־טעקס אידעע פאַרשוויגען. די מעהרסטע אַסעמבלי דיסטריקט אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען אין סאָציאַליסטישע הענד. דערצו האָבען די סאָציאַליסטען געגרינדעט פאַר

דיזען קאמפעין א טעגליכע ענגלישע צייט־טונג „די לידער", וועלכע איז ארויסגע־געבען געווארען פון אפיס פון דער סאָ־ציאליסטישער דייטשער פאלקס־צייטונג, איז געווען רעדאקטירט פון סאָציאליסט שעוויטש, און איז פראקטיש געווען א סאָציאליסטישער ארגאן, וואס איז געווען אינדארסירט פון דער לייבאר פארטיי און פון הענרי דזשארדזש.

דער סאָציאליסטישער פלאן צו נעה־מען די ארבייטער פון ניו יארק אונטער זייער פיהרונג איז פאר דעם מאָמענט אלזאָ געלונגען. עס איז געווען א גלענ־צענדער ערפאָלג. און ווען דער טאָג פון עלעקשאָן איז געקומען האט הענרי דזשארדזש געצויגען 68,000 וואוטס, שלאָגענדיג רוזוועלט'ן מיט 10,000 וואוטס. נאטירליך, איז דער טעמעני קאנדידאט עלעקטעד געווארען, אבער ער האט געצויגען בלויז 91,000 וואוטס.

נאטירליך זיינען די סאָציאליסטען גע־ווען אין זיעבעטען הימעל. זיי האבען מיט רעכט בעטראכטעט דאס אלעס אלס זייער ארבייט. און זיי האבען געמיינט אז זיי וועלען אויך ווייטער געניסען די פריכטע פון דיזער ארבייט. אבער אין דעם האבען זיי זיך באלד ביטער ענטוישט. באלד נאך עלעקשאָן האט הענרי דזשארדזש אויפגעגעבען די פארטנערשיפ מיט די סאָציאליסטען. ער האט זיי גע־זאגט: „פון יעצט אן געהט איך אייער וועג און איך וועל מיר געהן מיין וועג". און ער האט אויך פרובירט פון יעצט אן אנצוצווינגען אויף די נייע פארטיי זיין פראגראם פון סינגל־טעקס. די סאָציא־ליסטען האבען נאטירליך דערפון ניט גע־וואלט הערען. זיי האבען גע'טענה'ט, אז די נייע פארטיי איז זייערע, און אז זי האט קיין פלאץ פאר הענרי דזשארדזש'ס סינגל־טעקס אידעע. עס איז ענטשטאנען א ביטערער אינערליכער קאמפף אין דער נייער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי. און די ענטשיידונג איבער דעם קאמפף איז געקומען ביי דער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער פארטיי אין סיראקיוז. אין דיזער קאנווענשאן איז הענרי דזשארדזש ארויס־געקומען אלס פאלשטענדיגער זיעגער און די סאָציאליסטען זיינען פון דארט פשוט אויסגעשלאסען געווארען. דערמיט האט זיך געענדיגט זייער חלום וועגען נעהמען מיט אמאל די גאנצע ארבייטער בעווע־גונג אונטער זייער פליגעל. דעם נעקסטען יאהר האבען די סאָציאליסטען נאך פרו־בירט אויפשטעלען אן אפאזיציאן ארביי־טער פארטיי געגען הענרי דזשארדזש, אבער זיי האבען געצויגען בלויז 5,000 שטימען. און זיי האבען דעם פלאן נאך דעם דעפיניטיוו אויפגעגעבען. הענרי דזשארדזש האט ניט געהאט מעהר מזל פאר זיי און ער האט אין א יאהר ארום אויפגעלייזט זיין פארטיי, און האט פארט־געזעצט זיין פראפאגאנדא פאר סינגל־טעקס בלויז אויף פאפיער.

די גלח מעקגלין אפעיר.

אין דעם הענרי דזשארדזש קאמפעין האט אויך געשפיעלט א בעדייטענדע ראָ־לע א קאטוילישער גלח, „פאדהער" מעק־גלין. מעקגלין האט זיך אנגעשלאסען אן די אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, ניט אזוי צוליעב די ארבייטער ווי צוליעב זיין אנהענגערשאפט הענרי דזשארדזש און זיין סינגל־טעקס אידעע. זיין צושטעהן צו דער בעוועגונג האט אבער געהאט א גרויסע בעדייטונג, ערשטענס צוליעב זיין שטעלע אלס גלח און הויפטזעכליך צו־ליעב די גרויסע מאכט וואס ער האט אויס־געאיבט אלס רעדנער. ער איז געווען א זעלטענער אראטאר, און מיט זיין אראטא־רישע קונסט פלעגט ער צוציהען מאסען צוהערער. צווישען זיינע חסידים זיינען געווען פיעלע דייטשע און אידישע סאָ־ציאליסטען. זיי פלעגען איהם בעזוכען אין זיין טשוירטש און ארייננווארפען געלד אין זיין פושקע.

מעקגלין׳ס טהעטיגקייט איז נאטירליך שטארק ניט געפעהלען געווארען די הויכע בעאמטע פון דער קאטוילישער קירכע און זיי האבען איהם געווארענט ער זאל זיך פון דער בעוועגונג צוריקציהען. מעקגלין האט זיי אבער ניט געוואלט פאלגען און זיי האבען גע׳פועל׳ט ביים פאפסט אין רוים ער זאל אריינווארפען דעם גלח אין חרם. ווען די נייעס פון רוים איז אנגעקומען אין ניו יארק, האט עס פעראורזאכט א געוואלדיגע סענסיישאן. עס איז געווען אין רעכטען מיטען פון הענרי דזשארדזש׳ס קאמפעין, אין דעם מאמענט פון דער העכסטער בעגייסטערונג און גלח מעקגלין איז געווארען דער העלד פון טאג. די איירישע ארבייטער, וועלכע זיינען זאנסט גוטע קאטאליקען זיינען געבליבען טריי צו מעקגלין. זיי זיינען אבער אויך געבליבען טריי דעם פאפסט. זיי האבען דארום גאנץ קאנסעקווענט ארגאניזירט א דעמאנסטריישאן צו צייגען דעם פאפסט זייער טרייהייט צו מעקגלין. עס איז געווען זעהר אן אינטערעסאנטע דעמאנסטריישאן. אבער ווער דענקט איהר זיינען געווען אויף דער שפיצע פון דיזער קאטוילישער דעמאנסטריישאן?—דייטשע און אידישע סאציאליסטען! דייטשען און אידען האבען אפעלירט צום פאפסט ער זאל אראפנעהמען דעם חרם פון „פאטער“ מעקגלין. עס איז זיי ווירקליך געגאנגען אום לעבען!

דעליאן קומט צום פראנט.

צו דיזער צייט, אין 1886 איז צום ערשטען מאל געקומען צום פראנט פראפעסאר דעניעל דעליאן, וועלכער איז שפעטער געווארען דער פיהרער און צושטערער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דעליאן איז אנפאנגס צוגעצויגען געווארען צו דער בעוועגונג דורך הענרי דזשארדזש׳ס סינגל־טעקס פראפאגאנדא. ווען הענרי דזשארדזש האט ביי דער סיראקיוז קאנווענשאן אויסגעשלאסען די סאציאליסטען איז נאך דעליאן פארבליבען מיט דזשארדזש. ערשט ווען דזשארדזש׳ס פארטיי איז אונטערגעגאנגען האט זיך דעליאן אנגעשלאסען אן די ס. ל. פ., און איז דאן געווארען א קאמפראמיסלאזער סאציאליסט.

דעליאן איז געווען זעהר א פעהיגער און ענערגישער מענש. אבער די הויפט אורזאך ווארום ער איז גלייך געווארען פיהרער און דיקטאטאר, ווי נור ער איז פון א סינגל־טעקסער געווארען א סאציאליסט איז דער פשוט׳ער פאקט וואס די פארטיי איז געווען ארעם ניט נור אין אמעריקאנער נור איינפאך אין ענגליש־שפרעכענדע מעמבערס. אבער וועגען דעליאן׳ס ראלע אין דער באוועגונג וועלען מיר רעדען שפעטער.

דער אנפאנג פון דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג.

וועהרענד די אלגעמיינע סאציאליסטישע בעוועגונג אין אמעריקא איז אריבערגעבראכט געווארען פון דייטשלאנד און איז צעהנדליגע יאהרען לאנג אויפגעהאלטען געווארען פון די דייטשען, איז די אידישע סאציאליסטישע בעוועגונג אין אמעריקא אימפארטירט געווארען פון רוסלאנד. ניט נור זיינען די ערשטע אידישע פראפאגאנדיסטען געווען פון רוסלאנד און האבען געבראכט מיט זיך דעם גייסט פון דער רוסישער רעוואלוציאן, נור זיי האבען זייער פראפאגאנדא אין די ערשטע יאהרען געפיהרט בלויז אין רוסיש. אבער פון דיזער רוסישער פראפאגאנדא האט זיך שפעטער ענטוויקעלט די גאנצע אידישע סאציאליסטישע און אפילו יוניאניסטישע בעוועגונג.

דער צענטער פון דער דאמאלסדיגער רוסיש אידישער סאציאליסטישער פראפאגאנדא איז געווען דער „רעד סטאר האלל“ אין דער אלטער בילדינג פון 165

איסט בראָדוויי. דאָרט פלעגען יעדען זונטאג נאכמיטאג אָפּגעהאלטען ווערען פּאָבליק מיטינגס, לעקטשורס און דעבאטען וועגען סאָציאליזם, אנארכיזם און די ארבייטער בעוועגונג אין אלגעמיין. און די אָפּיציעלע שפּראך ביי אלע דיזע פערזאמלונגען איז געווען רוסיש. דיזע מיטינגען זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פון אן אָרגאניזאציאָן פון רוסיש־אידישע אינטעליגענטען, סטודענטען און געוועזענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען. דער נאָמען פון דעם פעראיין איז געווען „רוסקי ראבאָטשי סאָיוז“. שפּעטער איז ער פערוואנדעלט געוואָרען אין א „רוסקי פּראָגרעסיווני סאָיוז“. דער סאָיוז איז בעשטאנען פון צוויי עלעמענטען, וועלכע פלעגען זיך שטענדיג רייסען צווישען זיך, די סאָציאל דעמאָקראטען און אנארכיסטען. די פיהרער פון די סאָציאל דעמאָקראטען זיינען געווען לואי מילער און מ. זאמעטקין. די פיהרער פון די אנארכיסטען זיינען געווען ראָמאן לואיס, מ. גירזדאנסקי, ש. יאנאָווסקי און דר..ה. זאָלאָטאראָוו. די דעבאטען אויף די פּאָבליק מיטינגס זיינען געווען זעהר הייסע און אויך ערנסטע. עס האָט צו יענער צייט געהערשט א ריינער אידעאליזם. דער קאמפּף צווישען די צוויי עלעמענטען האָט זיך ספּעציעל צופלאקערט ביים גרינדען דעם רוסישען פּראָגרעסיווני סאָיוז. די מעמבערס האָבען אָפּגעהאלטען עקזעקוטיוו זיצונגען, וועלכע האָבען געדויערט גאנצע נעכט, און וואו מען האָט זיך געשפּארט וועגען א פּלאטפּאָרם און פּראָגראם. איינע פון די פּראגען איבער וועלכע מען האָט זיך ניט געקענט אייניגען איז געווען א פּונקט אין דער פּלאטפּאָרם וועגען בעוואפּנונג. די אנארכיסטען האָבען געפּאָדערט א פּונקט אז מען מוז אויפפּאָדערן די ארבייטער זיך גלייך צו באוואפּנען, אום ווען די רעוואָלוציאָן וועט קומען זאָלען זיי זיין „פּריפּערד“. די סאָציאל דעמאָקראטען זיינען געווען געגען דעם. מאנכע פון זיי האָבען צוגעגעבען אז א רעוואָלוציאָן וועט קומען און מען וועט זיך אָהן וואפּען ניט קענען באגעהן, אָבער זיי האָבען געהאלטען אז דערצו איז נאָך ווייט און עס איז איבעריג זיך שוין צו בעוואפּנען. אלס הויפּט געגנער פון די אנארכיסטען איז אויפגעטראָטען לואי מילער׳ס פערשטאָרבענער ברודער, באנדעס, אן אלטער רוסישער רעוואָלוציאָנער וועלכער האָט פערבראכט פיעלע יאָהרען אין רוסישער טורמע. דער הויפּט טשעמפּיאָן פון די אנארכיסטען, וועלכער האָט געפּאָדערט זאָפּאָרטיגע בעוואפּנונג איז געווען דר. ח. זאָלאָטאראָוו. עס האָט אָפּט געהאלטען ביי קלעפּ. אם ענדע איז צווישען זיי פּאָרגעקומען א שפּאלטונג. די סאָציאל־דעמאָקראטען האָבען זיך געשיעדען פון די אנארכיסטען און זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די סאָציאליסטישע פּארטיי, וועהרענד די אנארכיסטען זיינען אוועק צו יאָהאן מאָסט.

אין דער צייט פון יענע שטורמישע זיצונגען האָט צום רוסקי פּראָגרעסיווני סאָיוז בעלאנגט א יונגער גימנאזיסט פון ריגא, וועלכער פלעגט בעזוכען אלע פערזאמלונגען און פלעגט רעגעלמעסיג וואָטען פּאר דעם סאָציאל־דעמאָקראטישען פליגעל, נור וועלכער פלעגט אליין קיינמאָל ניט נעהמען דאָס וואָרט, קיינער האָט זיך אויף איהם דאן ניט ארומגעקוקט, מען האָט געמיינט אז ער קען קיין צוויי ניט צעהלען. שפּעטער אָבער האָט ער זיך ארויסגעצייגט אלס דער קלאָהרסטער קאָפּ ביי די סאָציאליסטען און אלס געניאלער רעדנער. און ער איז טאקע געוואָרען דער הויפּט פיהרער פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי אין אמעריקא, דאָס איז געווען מאָריס הילקוויט.

אין יאָהר 1890 איז דר. אייזיק הורוויטש געקומען פון מינסק. און זיין ערשטע אידעע איז געווען צו שאפען א

„בריק" צווישען די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. ער האָט געהאַלטען פּיעלע לעקטשורס און דעבאַטען. אָבער דערפון איז גאָרניט געוואָרען.

דיזע גאַנצע בעוועגונג, ווי געזאָגט, איז אָנגעגאַנגען אין דער רוסישער שפּראַך. דער פעהיגסטער רעדנער אין רוסיש איז אָהן צווייפעל געווען זאַמעטקין. ער און מילער זיינען געווען די הויפּט סטאַרס און זיי האָבען געקראָגען אַ גרויסע נאָכ-פאָלגערשאַפט. אַמאָל פּלעגט אויך אב. קאַהאַן לעקטשורען אין רוסיש, אָבער ער פלעגט רק אַריינמישען ענגליש אָדער מאַמע לשון.

דער אָנפאַנג פון דער אידישער פּראָפּאַגאַנדא.

די ערשטע וואָס האָבען דאָ אָנגעפאַנגען די פּראָפּאַגאַנדא פאַר'ן סאָציאַליזם אין אידיש זיינען געווען אייניגע יונגע לייט, וועלכע זיינען אריבערגעקומען פון לאָנדאָן. די בעוועגונג אין לאָנדאָן, ווי בעוואוסט, איז געווען פיעל עלטער ווי אין ניו יאָרק. דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדא זייט דעם אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען. די דאָרטיגע סאָציאַליסטען האָבען געהאַט אַ קלאָב אין בערנער סטריט, און זיי האָבען געהאַט אַן אָרגאַן „דער ארבייטער פריינד". ווי אין ניו יאָרק זיינען דאָרט די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען פון אָנפאַנג געווען פעראייניגט און פיהרען אין דערזעלבער צייט אונענדליכע דעבאַטען צווישען זיך. אין „ארבייטער פריינד" האָבען מיטגעווירקט סאָציאַל-דעמאָקראַטען ווי קראַנץ און אַנאַרכיסטען ווי י. יאַפּע. צווישען די מיטאַרבייטער זיינען אויך געווען ווינטשעווסקי און פיינענבוים, וועלכע זיינען נאָך דאַן געווען אויפ'ן מיטענוועג.

אייניגע מעמבערס פון בערנער סטריט קלאָב פון לאָנדאָן, וועלכע זיינען דאָ אַריבערגעקומען, האָבען דאָ גענומען פערשפּרייטען דעם „ארבייטער פריינד" און אַלערליי ראַדיקאַלע בראָשורען. וואו נור אַ פערזאַמלונג זיינען זיי געווען אויפ'ן פּלאַץ מיט זייער ליטעראַטור.

די ערשטע אידען וואָס האָבען גענומען אַן אַקטיווען אנטהייל אין דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען געווען יאַקאָב שעהן, דער גרענד סעקרעטער פון א. אָ. ב. א. און בענדזשאַמין גרעטש, אַן אָדעסער סטודענט. גרעטש איז געווען סעקרעטערי פון דער ס. ל. פּ. זיין גאַנצעס לעבען ביז זיין טויט.

אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען האָבען יאַקאָב שעהן און גרעטש געבילדעט דעם אידישען ארבייטער פעראיין. ער האָט אָבער קיין גרויסען איינפלוס ניט געהאַט, ווייל ביידע, שעהן און גרעטש האָבען גערעדט בלויז דייטש. ווען דער רוסישער פּראָגרעסיווער סאָיוז האָט זיך צושפּאָלטען האָבען זיך די סאָציאַל-דעמאָקראַטען צווישען זיי גלייך אָנגעשלאָסען אַן די ס. ל. פּ. און זיי האָבען צוזאַמען מיט גרעטש און יאַקאָב שעהן געגרינדעט אַן אידישען ברענטש פון דער פּאַרטיי, דעם ברענטש 8. דאָס איז געווען דער אמת'ער אָנפאַנג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדא. די רוסישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע האָט ענדליך אָפּגעוואָרפען די רוסישע שפּראַך און גענומען ריידען אידיש. נור מילער און זאַמעטקין האָבען זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אַן דער רוסישער שפּראַך. מילער האָט זאָגאַר ארויסגעגעבען אַ רוסישע צייטונג די „זנאַמיא". שפּעטער האָבען אויך מילער און זאַמעטקין אויפגעגעבען רוסיש און זיינען געוואָרען אויסגעצייכענטע אידישע אַגיטאַטאָרס.

די בעוועגונג האָט ספּעציעל גענומען וואַקסען פון דעם מאָמענט ווי די סאָציאַל-דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען האָבען זיך צושיידען. ביידע האָבען גענומען אַרבייטען אינטענסיוו. עס איז צווישען

זיי ענטשטאנען א שטארקע קאָנקורענץ.

די אידישע אנארכיסטען זיינען דאן
געווען פערבונדען אין א גרופע, וועלכע
האָט זיך גערופען די „פיאָניערען דער
פרייהייט“. זייער הויפט־קווארטיר איז
געווען 56 אָרטשארד סטריט, ווע־
רענד די הויפט קווארטיר פון ברענטש
8 ס. ל. פ. איז געווען 101 העס־
טער סטריט. איןביידע פלעצער פלעגען
יעדען פרייטאג אבענד אָפּגעהאלטען ווע־
רען אגיטאציאָנס־פערזאמלונגען, און ביי־
דע גרופען פלעגען רייסען קאָסטאָמערס
ביי דער פאָלע, איינער פון דעם אנדערען.

מען מוז צוגעבען אז די אנארכיסטען
פון יענער פעריאָדע זיינען געווען פיעל
מעהר ענערגיש און פראקטיש פאר די
סאָציאל־ דעמאָקראטען. מעגליך איז, אז
גראד זייער ראדיקאליזם און פאנאטיזם
האָט זיי געמאכט מעהר ענערגיש. די לעצ־
טע פאסירונגען אין רוסלאנד בעשטעטי־
גען דיעזע טהעאָריע. אום צו האָבען ער־
פאָלג, מוז מען זיין א ריקזיכטסלאָזער פא־
נאטיקער.

ווי ־הי מעשה איז, די אידישע אנאר־
כיסטען פון יענער צייט האָבען ענטווי־
קעלט א שטארקע טהעטיגקייט. זיי האָבען
געהאט א היבשע צאָהל פעהיגע אגיטא־
טאָרס ווי: לואיס, זאָלאָטאראָוו, גירז־
דאנסקי, יאנאָווסקי, ברענער, מ. קאטץ
און פיעלע אנדערע. עמא גאָלדמאן און
אַלעקסאנדער בערקמאן זיינען דאן נאָך
ניט געווען בעקאנט. מעהרסטע פון דיזע
אנארכיסטישע אגיטאטאָרס האָבען זיך
שפעטער אָפּגעזאָגט פון אנארכיזם. איי־
ניגע זיינען געוואָרען סאָציאל־דעמאָקרא־
טען, אנדערע אידישע נאציאָנאליסטען
און אנדערע גאָר בורזשואס.

די אידישע סאָציאל־דעמאָקראטען, ווי
געזאָגט, האָבען אָנפאנגס ארויסגעצייגט
א שוואכע טהעטיגקייט. אָבער דערפאַר
איז זייער טעטיגקייט וואָס א יאָהר
מעהר געוואקסען. און ווען מען זוכט
דורך די ליסטע פון דיזע פיאָנערען פון די
סאָציאליסטען, וועט מען געפינען אז כמעט
אלע פון זיי וואָס זיינען געבליבען לעבען
זיינען פארבליבען ביז היינטיגען טאָג סאָ־
ציאליסטען, פיעלייכט מיט בלויז א פּאָאר
אויסנאהמען.

־די הויפט אורזאכע פון זייער מיסער־
פאָלג אין דעם אָנפאנג איז געווען, וואָס
זיי האָבען ניט געברויכט דעם מאמע לשון
אין זייער פראָפּאָגאנדא. אָנפאנגס, ווי
מיר האָבען געזעהן, האָבען זיי גערעדט
בלויז רוסיש, און שפעטער, ווען זיי האָבען
זיך אָנגעשלאָסען אָן די דייטשע סאָציא־
ליסטישע פּארטיי, האָבען זיי גערעדט
דייטש, אָדער ריכטיגער דייטשמעריש. צו
די אגיטאציאָנס פערזאמלונגען פלעגט
מען איינלאדען דייטשע רעדנער, ווי יאָ־
נאס. א קורצע צייט אין די אכציגער
יאָהרען האָט עקזיסטירט א פּריוואטע סאָ־
ציאליסטישע צייטונג „די אידישע פאָלקס־
צייטונג“, רעדאקטירט פון מינץ און ברעס־
לאָווסקי, איז זי געווען געשריבען בלויז
אין דייטשמעריש. עס האָט אויסגעזעהן
אז די שרייבער האָבען זיך געשעהמט צו
געברויכען א אידיש וואָרט, און אזוי איז
עס אויך אָנגעגאנגען אין דער מינדליכער
פראָפּאָגאנדא.

עס איז געווען בלויז איין סאציאליסט.
וועלכער האָט שטענדיג געברויכט א ריי־
נעם מאמע־לשון און דאָס איז געווען אב.
קאהאן, און דאָס איז געווען דער סוד פון
זיין גרויסער פּאָפּולאריטעט פון אָנפאנג
אָן.

די אידישע געווערקשאפטען.

אין 1889 האָבען די אידישע סאָציא־
ליסטען געגרינדעט די פעראייניגטע אי־
דישע געווערקשאפטען. זיי האָבען איינ־
פאך קאָפּירט די דייטשע געווערקשאפטען.
דער אונטערשיעד איז נור געווען דאָס די
פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען
איז געשאפען געוואָרען בעפאָר עס איז

נאָך געווען איין אידישע געווערקשאַפט. דער פּלאַן איז געווען צו שאַפען פריהער די צענטראַל אָרגאַניזאַציאָן, און דאַן דורך איהר ערשט אָנפאַנגען אָרגאַניזירען יוניאָנס. די אָריגינעלע אָרגאַניזאַציאָן פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איז בעשטאַנען פון פערטרעטער פון דער אידישער ברענטש פון דער ס. א. פּ., פון די כאָריסטען יוניאָן און אקטיאָרען יוניאָן, און פון דער שריפטזעצער יוניאָן. דער פּלאַן איז אָבער געלונגען. עס האָבען זיך גענומען בילדען איין יוניאָן נאָך דער צווייטער און אין גיכען האָבען די אידישע געווערקשאַפטען איבערגעיאָגט די דייטשע. דיזער געלונגענער צוג האָט צוגעגעבען היבשע קראַפט צו די אידישע סאָציאַליסטען, און דאָס האָט זיי געהאָלפען צוריק צו געווינען באָדען וואָס זיי האָבען אָנפאַנגס געהאַט פערלאָרען צו די אנאַרכיסטען.

די „אַרבייטער צייטונג“.

אין יאָהר 1890 האָבען די אידישע סאָציאַליסטען געגרינדעט די „ארבייטער צייטונג“, די ערשטע סאָציאַליסטישע אידישע וועכענטליכע צייטונג אין אמעריקא. די „אַרבייטער צייטונג“ איז ערשטענס געווען א רעגולערער-פּאַרטיי אָרגאַן, און דערצו איז זי געווען פאָלשטענדיג אידיש. זי האָט בענוצט זאָגאַר א בעסערען אידיש ווי די איבעריגע אידישע צייטונגען. מען קען זאָגען, אז די „אַרבייטער צייטונג“ איז געווען דער פּיאָניר פון אידישען זשורנאַליזם אין ניו יאָרק.

דער סוד דערפון איז אַן איינפאַכער. דער לייטענדער גייסט פון דער „אַרבייטער צייטונג“ איז געווען אב. קאַהאַן. ער האָט זיך דאַן אַריינגעוואָרפען אין דער בעוועגונג מיט אַלע כחות, און ער האָט געמאַכט די „אַרבייטער צייטונג“ פאַר אַן ערפאָלג.

די גרינדער פון דער „אַרבייטער צייטונג“ זיינען געווען אָרעמע לייט. זעלטען איז צווישען זיי געווען א פערדיענער פון מעהר ווי צעהן דאָלאַר א וואָך. די גרעסטע טהייל פון דער נויטיגער סומע אָנצופאַנגען די צייטונג האָט מען געקראָגען ביי די דייטשע יוניאָנס, וועלכע האָבען גערן געקויפט שערס פאַר דער נייער אונטערנעהמונג. דער פעראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר איז געוועזן פיליפּ קראַנץ, וועלכער איז ספּעציעל אריבערגעבראַכט געוואָרען דערצו פון לאָנדאָן, און זיין סאַלארי איז דאַן געווען זיבען דאָלאַר א וואָך. אב. קאַהאַן האָט גאָר קיין סאַלארי ניט גענומען. ווי געזאָגט, עס איז געווען א צייט פון ריינעם אידעאַליזם. שפּעטער זיינען צוגעקומען פייגענבוים און ווינטשעווסקי.

אין 1894 איז געגרינדעט געוואָרען דאָס „אבענד בלאַט“, א טעגליכע צייטונג, און קינד פון „אַרבייטער צייטונג“. דער הויפּט-רעדאַקטאָר איז ווידער געווען קראַנץ, וועהרענד קאַהאַן האָט איבערגענומען די רעדאַקציאָן פון דער „אַרבייטער צייטונג“. ביידע צייטונגען האָבען דאַן געהאַט א היבשען איינפלוס אין דעם אידישען קוואַרטאַל, און זיי האָבען רעפּרעזענטירט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי ביי אידען.

די צוויי ספּליטס אין דער פּאַרטיי.

צו דיזער צייט האָבען די אידישע עלעמענטען גענומען שפּיעלען א בעדייטענדע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. צו דיזער צייט האָט אין דער פּאַרטיי געוואונען קאָנטראָל דעניעל דעליאָן, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פערלאָזען הענרי דזשאָרדזש. דער הויפּט עלעמענט אין דער פּאַרטיי איז אָבער נאָך אַלץ פערבליבען דער דייטשער.

דעניעל דעליאָן'ס הערשאַפט אין דער פּאַרטיי האָט ענדליך געפיהרט צום אונטערגאַנג פון דער אַלטער ס. א. פּ., און צו דער גרינדונג פון דער יעצטיגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעליאָן האָט געבו-

שעוועט אין דער פּאַרטיי ווי אַ דעספּאָט. ער האָט איינגעפיהרט אין דער פּאַרטיי אַ מאַשין, וועלכע האָט אונטערדריקט יעדען פרייען געדאַנק. ער איז געוועזן מעהר ווי אַ פּאָליטישער באָס אין אַמעריקאַנער זין פון וואָרט. אַ פּאָליטישער באָס איז אַ דיקטאַטאָר בלויז איבער דער אָרגאַניזאַציאָן, זאָלאַנג מען לאָזט איהם קאָנטראָלירען די אָרגאַניזאַציאָן לאָזט ער די מעמבערס פיהרען זיך ווי זיי ווילען. דעליאָן האָט געהאַט פאָרשריפטען פאַר מעמבערס ווי צו פיהרען זיך אפילו אין פּריוואַט לעבען. ער האָט געהאַט שפּיאָנען, וועלכע האָבען געוואַטשט די מעמבערס אום אויסצוגעפינען אויב זיי זיינען אין האַרצען טריי צו דעליאָן.

די ערשטע וואָס האָבען רעוואָלטירט געגען דעליאָן'ס הערשאַפט זיינען געוועזן אַ טהייל פון די אידישע סאָציאַליסטען, אונטער דער פיהרונג פון אב. קאַהאַן, לואי מילער, ווינטשעווסקי און זאַמעטקין. קראַנץ און פייגענבוים זיינען אויך געוועזן געגען דעליאָן'ס הערשאַפט, אָבער ביי זיי איז די אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּאַרטיי געוועזן הייליג און זיי האָבען געהאַלטען אַז מען מוז לאָזען געהן ווי עס געהט, אַז מען טאָר ניט מאַכען קיין לייטישע געלעכטער. אַז מען מוז אָפּוואַרטען. אָט דאַרום זיינען עס קראַנץ און פייגענבוים געבליבען ביים „אַבענד בלאַט", וועלכען דעליאָן האָט קאָנטראָלירט דורך זיינע משרתים, ווערענד די אָפּאָזיציאָן אונטער קאַהאַן, מילער און ווינטשעווסקי, איז אַרויסגעטראָטען פון „אַבענה בלאַט" און פון דער פּאַרטיי און זיי האָבען געגרינדעט דעם „פאָרווערטס".

אַ יאָהר שפּעטער האָבען אויך די דייטשע עלעמענטען גענומען פּראָטעסטירען געגען דעליאָן'ס דעספּאָטיזם. זיי האָבען גענומען אַרבייטען פאַר די עלעקשאָן פון נייע אָפיסערס אין דער פּאַרטיי. אָבער דעליאָן האָט גענומען בענוצען די אַלטע מיטלען און פיקסען די עלעקשאָנס ווי איהם האָט געפּאַסט. די דייטשען האָבען אָבער ניט געלאָזט זיך באַשווינדלען און עס איז געקומען צו אַ פּשוט'ען פייט מיט קולאַקעס. און אין דיזען פייט זיינען די דייטשען אַרויס די זיעגער.

אין דיזען רעוואָלט געגען דעליאָן האָבען שוין די פאַרבליבענע אידען אין דער פּאַרטיי, הילקוויט, פייגענבוים, קראַנץ און אַנדערע גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל. דער רעזולטאַט איז געוועזן, אַז דעליאָן איז טאַקע פאַרבליבען ביי דער פּאַרטיי־מאַשין, אָבער די פּאַרטיי גופא האָט ער פאַרלאָרען. די אָפּאָזיציאָן האָט דאַן געגרינדעט די יעצטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צוזאַמען מיט דער ערשטער אָפּאָזיציאָן, ווערענד דעליאָן'ס ס. ל. פּ. האָט גענומען אונטערגעהן. זי עקזיסטירט נאָך אויפ'ן פּאַפּיער, אָבער זי איז אַבסאָלוט אָהן שום מאַכט און איינפלוס.

צו יענער צייט איז יודזשין דעבס צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטען. דער פאַרלאָרענער באַהן־סטרייק, איבער וועלכען ער איז געוועזן פיהרער, און זיין פאַראורטהיילונג צו פּריזאָן פאַר ניט פאָלגען אַן אינדזשאָנקשאָן, האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ ראַדיקאַל, און ער איז זייט דאַן אויפגעטראָטען אַלס באַננער־טרעגער פון דער נייער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די וויטערע ענטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז שוין מאָדערנע היסטאָרי, און איז ניט דער געגענשטאַנד פון דיזען אַרטיקעל. אונזער צוועק איז בלויז געוועזן צו כאַראַקטעריזירען דעם אָנפאַנג פון דיזער אינטערעסאַנטער באַוועגונג פון דירעקטע נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט איהר.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען

א איבערבליק *)

פון אלטער עפשטיין.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, איז פון די באקאנטסטע און אלגעמיין באוואוסטע ארבייטער קערפערשאפטען, וואס עקזיסטירען דא אין לאנד. יעדער געזעלשאפטליכער טוער, יעדע טעטיגע גרופע מענשען, ווייס פון דער צענטראלע פון די אידישע יוניאנס. עס איז אפשר ניטא א אידישער ארבייטער אין דער שטאדט ניו יארק, וואס זאל ניט האבען געהערט פון די געווערקשאפטען און דאס איז קיין וואונדער ניט. יעדער ארבייטער וואס געהט ארום פאדערען פאר זיך בעסערע לעבענס באדינגונגען; יעדע ארבייטער געזעלשאפט וואס רופט איהרע מיטגלידער אין קאמפף פאר א בעסערען לעבען, מוז אנקומען פריהער אדער שפעטער צו די געווערקשאפטען. נאך שטיצע און גאנץ אפט איז די הילף וואס די דאזיגע ארגאניזאציאן גיט, פון גאנץ היבשען ווערט, סיי פאר'ן כלל, דאס הייסט פאר דער יוניאן און סיי פאר די איינצעלנע די מעמבערס פון דער יוניאן. אין דער געשיכטע פון די ארבייטער קעמפפע פאר די לעצטע יאהרען אין דער שטאדט ניו יארק האט פיעל מאל געטראפען, אז די אדער יענע אידישע יוניאן איז געבליבען גאנץ א דאנק די ענערגישע אריינמישונג פון די געווערקשאפטען און פיעל ארבייטער וואלטען געקאנט דערצעהלען ווי אזוי די פיהרער פון די געוו. האבען זיך פאר זיי איינגעשטעלט אין א צייט פון נויט.

דורך די געווערקשאפטען האבען זיך פארשטארקט אויך אנדערע ניט קיין פראפעסיאנעלע ארגאניזאציאנען. דער ארבייטער רינג, די סאציאליסטישע פארטיי, די סאציאליסטישע פרעסע, זיינען געשטיצט געווארען פון דער דאזיגער קערפערשאפט. די בעסטע רעדנער אין דער צייט פון קאמפיין שטעלט צו די געוו. דער ערשטער מאי איז געווארען אזוי פאפולער אלס ארבייטער יום טוב, אדאנק די ברייטע אגיטאציאן פון די געוו. און אט אויף אזא ארט זיינען זיי געווארען איינע פון די וויכטיגסטע עלעמענטען אין דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען זיינען געגרינדעט געווארען אין דעם יאהר 1888 און אין געגענזאץ צו דער ניט אידישער טרייד יוניאניסטישער באוועגונג דא אין לאנד זיינען זיי פון סאמע אנפאנג אן געוועזען א קינד פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. דער געדאנק צו גרינדען אזא קערפערשאפט איז בעשאפען געווארען אין דעם ברענטש 8 פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי ס. ל. פ. דער וואס האט פארגעשלאגען דעם פלאן צו פאראייניגען די יוניאנס פון אידישע ארבייטער אין א פארבאנד, איז געוועזען י. מאגידאוו, און ער מיט אנדערע צוויי, לעדערער און וויינשטיין, זיינען ערוועהלט געווארען אלס

---

*) מאטעריאל פאר דעם ארטיקעל האב איך גענומען פון די פאלגענדע קוועלען:
ה. בורגין. — געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג; פון „פארווערטס" יובילעאום זשורנאל 1918; אפישעל דזשורנעל ענד הענד בוק אוו די יונייטעד היברו טריידס; און פון א פערזענליכען געשפרעך מיט מאקס פיין.

א קאָמיטע צו טאָן אין דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט.

מיט דעם גרויסען עמיגראַציאָנס שטראָם וואָס האָט זיך אריבערגעטראָגען פון רוסלאַנד, נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציגער יאָהרען זיינען אויך מיטגעשלעפּט געוואָרען פיעלע וואָס זיינען געוועזן אָנגעשטעקט מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען, דאָס זיינען געוועזן היימישע אינטעליגענטען, קינדער פון בעלי בית'שע עלטערען, וואָס האָבען גענאָסען א גוטע ערציהונג. געקומען איז מען אהער מיט פּלענער ווי אזוי צו פארווירקליכען דעם סאָציאַליזם און אריינגעפאַלען איז מען אין די ערגסטע באדינגונגען פון דער „סוועטינג סיסטעם", וועלכע די דייטשע יהודים האָבען דאָ איינגעפּלאַנצט און וואָס האָט צו יענער צייט אזוי שטאַרק געבליהט. אָט די פיין ערצויגענע יונגע לייט, האָבען אויף זייערע אייגענע פּלייצעס דערפיהלט די גאנצע שווערקייט פון די דאמאָלסדיגע אינדוסטריעלע פארהעלטניסע און מיט דעם גאנצען פייער פון דעם מזרח אידען, האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען אין קאַמפּף געגען דער מורא'דיגער און אונמענשליכער סיסטעם.

אין די אכציגער יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט דאָ אין אמעריקא עקזיסטירט א שטאַרקע סאָציאַליסטישע באוועגונג, אמת ניט פון די אמעריקאַנער, נאָר פון די דייטשען; די עמיגראַנטען וואָס זיינען אנטלאָפען נאָך דער רעוואָלוציע פונ'ם יאָהר 1849 און וואָס האָבען דאָ געבילדעט א גרויסען טייל פון דער באַפעלקערונג, די טראַדיציע פון א סאָציאַלער באוועגונג, האָבען זיי מיטגעבראַכט פון זייער היים. דורך די פּאָר צעהנדליג יאָהרען האָבען זיי זיך דאָ איינגעפונדעוועט און זיך באַטראַכט אלס בירגער פון לאַנד. זיי האָבען געהאט זייערע פאַראיינען, זייערע טעאַטערע און זייערע צייטונגען,

די אינטעליגענטע אידישע איינגעוואַנדערטע האָבען באלד זיך באַקאַנט מיט זייערע דייטשע גענאָסען, זיי האָבען זיך צו געקוקט צו אלץ וואָס יענע טהוען און גענומען אלעס נאָכטאָן: די דייטשען האָבען געהאט פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען וואו מ'האָט גערעדט דייטש, האָבען די אידען גענומען מאַכען פאראיינען, וואו מען האָט גערעדט אידיש. (אזוי איז די געוועהנליכע שפּראַך ביי די אינטעליגענטען געוועזן רוסיש.) מ'האָט איבערגענומען די דייטשע פּאַרלאַמענטאַרישע געניטקייט און אַנדערע זאַכען וואָס זיינען דעם אידען, וואָס איז געקומען פון דער אָפּגעשטאַנענער רוסלאַנד, געווען פרעמד און צווישען דעם איז אויך געווען די דייטשע געווערקשאַפטען.

און אָט געפינען מיר אויף דער ערשטער קאָנפערענץ צו גרינדען די אידישע געווערקשאַפטען, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9טען אָקטאָבער, 1888, די פאָלגענדע קערפּערשאַפטען פאַרטראָטען:

ברענטש 8 און ברענטש 17 פון דער ס. ל. פּ., די שריפטזעצער יוניאָן, די כאָריסטען יוניאָן, די אַקטיאָרען און די דייטשע געווערקשאַפטען.

די דעלעגאַטען וואָס האָבען פאַרטראָטען די דאָזיגע קערפּערשאַפטען זיינען געוועזן:

פון סאָציאַליסטישע ברענטשעס, מאָריס הילקוויט, באַנדעס, י. מאַגידאָוו און ב. וויינשטיין. פון די שריפטזעצער מ. וועבער, פון די כאָריסטען י. קרינסקי און לענצנער. פון די אַקטיאָרען מ. סימאָנאָף.

דער ערשטער סעקרעטער וואָס איז ערוועהלט געוואָרען ביי יענער קאָנפערענץ איז געווען ב. וויינשטיין, אלס קאָרעספּאָנדענט סעקרעטאר מ. הילקוויט.

פון די גרעסטע אויפטהואונגען אין יענער צייט איז די גרינדונג פון יוניאָנס ביי די פּענטס מאַכער, שוירט מאַכער און קלאָוק מאַכער.

עס איז שפּעטער אויך געמאַכט געוואָרען אַ פּארזוך צו גרינדען אן אַלגעמיינעם פּאַר־באַנד פון אידישע יוניאָנס איבער'ן גאַנ־צען לאַנד, אָבער דאָס איז ניט פארווירק־ליכט געוואָרען, ווייל אין די אַנדערע שטעדט זיינען נאָך ניט געווען גענוג אידי־שע אַרבייטער אין די אינדוסטריען און וועגען שטאַרקע אידישע יוניאָנס האָט דאָך קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

אין די צוויי יאָהר פון — 88 ביז 90 — איז אַדאַנק די ענערגישע אַרבייט פון די יוניאָנס און פון די געווערקשאַפטען אויסגעוואַקסען אַ שטאַרקע אַרבייטער באַוועגונג (פארהעלטניסמעסיג). אין 1890 קומען שוין פאָר פיעל סטרייקס: ביי די קלאָוק מאַכער, ביי די סוספּענדער מאַ־כער, פּענטס מאַכער, סאָדא וואַסער אַר־בייטער און ביי די בעקער. די דאָזיגע סטרייקס זיינען געפיהרט געוואָרען מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען, וואָס האָט שוין דאַן אָנגעפאַנגען שפּילען די ראָ־לע פון אַן אַגענטור פאַר די יוניאָנס. דורך זיי האָט זיך איין יוניאָן געקאָנט צוזאַ־מענריידען און פארשטענדיגען מיט אַנדע־רע יוניאָנס און אַ דאַנק די שטיצע פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן, זיינען טאַקע דאַן פיעלע סטרייקס געוואונען געוואָרען.

* * *

די געווערקשאַפטען איז אַ קינד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט זיי געהאַלטען אונטער איהרע פליגלען. די בעסטע טהוער איהרע זיינען געווען טעטיג אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. די גאַנצע אידישע אַרבייטער באַוועגונג איז געווען פארבונדען און פאַרקניפּט צווי־שען זיך און ווען עפּעס האָט פּאַסירט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבען עס די יוניאָנס באַלד דערשפּירט און אָט ווען עס האָבען אויסגעבראָכען קריגעריען צווי־שען די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פראַקציעס פון יעדער צייט, איז אויך די געוו. אין דעם אריינגעשלעפּט געוואָרען.

די דאָזיגע קערפּערשאַפט איז פון אַנפאַנג געשטאַנען לאָיאַל צו דער ס. ל. פּ., זי האָט ביטער באַקעמפּט די ס. פּ. און דעם „פאָר־ווערטס", וואָס האָט זיך דאַן געגרינדעט און וואָס האָט געאַרבייט פאַר דער אָפּאָ־זיציאָן. דער „פאָרווערטס" האָט דאַן געגרינדעט אַ צווייטע געווערקשאַפטען, אונטער'ן נאָמען „פעדערייטעד היברו טריידס" און אין רעזולטאַט פון די דאָזי־גע רייסערייען, וואָס האָבען געדויערט פון 1894 ביז 1897 זיינען די געווערקשאַפּ־טען פאַרבליבען מיט 4 יוניאָנס.

די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, צו וועל־כע די געווערקשאַפטען האָבען בעלאַנגט ביז יענער צייט, איז געווען די „סאָשיא־ליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס".

אין דעם יאָהר 1899, האָט די גע־ווערקשאַפטען פאַרלאָזען די ס. ל. פּ. און זיך פאַראייניגט מיט די פעדערייטעד היב־רו טריידס און עס איז געגרינדעט געוואָ־רען אַן אייגענע וועכענטליכע צייטונג „דער אידישער אַרבייטער".

די באַוועגונג ביי די שניידער איז טהיילווייז אַרויסגערופען געוואָרען פון די געווערקשאַפטען; זעקס יאָהר האָט גע־דויערט די אַרבייט צו אַגיטירען און אויפ־קלעהרען די מענשען פון דעם דאָזיגען טרייד, ביז זיי האָבען אָנגעפאַנגען פאַר־שטעהן, אַז די באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבען זיינען אוממעגליכע, אַז די „סוועט־טינג סיסטעם" איז אַ קללה, אַן אַנשיקעניש פון וואָס די אַרבייטער דאַרפען פּטור ווע־רען. צו דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרען די „אַנטי סוועטינג סיסטעם ליעג" צו וועלכע עס זיינען צוגעצויגען געוואָרען אויך פיעלע פון די זאָגענאַנטע ליבעראַלע עלעמענטען. מען האָט אָנגעפאַנגען צו אַטאַקירען די באַדינגונגען, אונטער וועל־כע די אַרבייטער לעבען, מען האָט אָנגע־וויזען ווי שעדליך עס איז דער קליינער שאָפּ וואו עס זיצען אַרבייטער דורך טעג

און נעכט ארויסיאָגענדיג פון זיך די כחות, פאַר א הונגער לוין. און די ארבייט איז ניט געגאַנגען פארלאָרען. דער ערשטער גרויסער אויפשטאנד איז פאָרגעקומען אין 1912. דאָס איז געווען דער סטרייק אין וועלכען איבער הונדערט טויזענד ארבייטער פון דער שניידער אינדוסטרי האָבען געוואָרפען די ארבייט אויף׳ן רוף פון זייער אָרגאַניזאציאָן.

דער העפטיגער קאמפף וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען געגען די קליינע שעפער און טהיילוויז אונטער׳ן דרוק פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג געגען דער סוועטינג סיסטעם, האָבען די קליינע קאָנטראקטאָרלאך אָנגעפאַנגען צו פארשווינדען און אויף זייערע ערטער זיינען געקומען די גרויסע פעקטאָרים, וואו עס ארבייטען הונדערטע מענשען, אָבער וואו עס מוז הערשען סאניטארע באדינגונגען און וואו די ארבייטס צייט ווערט רעגולירט דורך דער יוניאָן. אין דער דאָזיגער באוועגונג האָבען די געווערקשאַפטען געשפילט א גרויסע ראָלע.

די געווערקשאַפטען האָבען אנטייל גענומען אין אלע גרויסע פאסירונגען, ווי למשל אין דעם היסטאָרישען פראָצעס פון מאָער הייוואוד און פעטיבאון, האָבען זיך די געווערקשאַפטען אריינגעוואָרפען מיט א זעלטענער ענערגיע. זיי האָבען געשיקט געלד, אַגיטירט, געשטורעמט און געוועקט די געזעלשאַפטליכע מיינונג. אויך אין דער מוני קיים האָבען די געווערקשאַפטען פיעל געטאָן, פונקט ווי זיי ארבייטען איצט אין 1921 אזוי ענערגיש פאר דער באפרייאונג פון די פאָליטישע אַרעסטירטע.

די געווערקשאפטען שפיעלט אָבער ניט תמיד די פיהרענדע ראָלע. מיט דעם וואוקס פון די גרויסע יוניאָנס, מיט דער ענטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע ארבייטער קערפערשאַפטען, פארלירען זיי פיעל פון דעם פרעסטיזש. א גרויסע יוניאָן וואָס האָט פיעלע לאָקאַלען איז א מלוכה פאר זיך, די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, די „דזשאָינט באָארד“, דער דיסטריקט קאונסיל, נעמען פאר זיך צו די פונקציאָנען, וואָס האָבען אמאָל באַלאַנגט צו די ג ע ו ו ע ר ק ש א פ ט ע ן אַלס צענטראלע קערפערשאפט פון די יוניאָנס; אזוי גיך ווי א גרויסע יוניאָן ווערט שטארק, פאַרלאָזט זי די געווערקשאַפטען, (פּאַקטיש) און די וואָס האַלטען זיך יא זיינען קליינע יוניאָנס, וואָס מוזען תמיד האָבען שטיצע פון אנדערע. די גרויסע קערפערשאַפטען וועלען ניט קומען בעטען אן ענדאָרסמענט אויף א סטרייק ביי די געוו. עס פאַלט אפילו קיינעם ניט איין, אז די געוו. זאָל האָבען א רעכט צו זאָגען למשל צו די קלאוק מייקער, סטרייקט ניט אָדער סטרייקס יא, און אויב מען האָט זיך נאָך ניט אין גאנצען אוועקגעריסען איז עס נאָר אויס טראַדיציאָן. עס איז א מנהג צו בעלאַנגען צו די געוו.. דערפאר ווען מיר וועלען אָנגעבען די צאָל ארבייטער וואָס געפינען זיך אונטער דער פיהרערשאפט פון דער דאָזיגער קערפערשאפט, דאַרף מען עס ניט נעמען בוכשטעבליך.

וויפיל איז די צאָל מיטגלידער פון די יוניאָנס וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אן די געווערקשאַפטען?

די צאָל ווערט אָנגעגעבען אלס 225 טויזענד לויט די פאָלגענדע טריידס:

אינטערנעשיאָנאל לײדיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן — — — — — — 90,000
לעדער גודס וואָירקערס — — 10,000
בוטשערס — — — — — — 5,000
קעפ מייקערס — — — — — 3,000
דזשולערי — — — — — — 1,000
שמיעדען — — — — — — 1,600
פיינטערס — — — — — — 10,000
מואווינג פיקטשורס אפרייטארס 3,000
שריפטזעצער — — — — — — 500
פאָריערס — — — — — — — 1,500

טיעמסטערס — — — — —	1,500
סטיידזש־קארפּענטערס — —	1,500
אקטיאָרען — — — — —	300
אמברעלא הענדעל מאכערס —	300
בארבער יוניאָן — — — —	400
באטאן האָל קעריערס — —	300
גראָסערי קלוירקס (דיירי) —	500
בעד ספּרינגס — — — — —	125
כּאָריסטען — — — — —	200
עמבראָידערי — — — — —	200
קליינערס און פּרעסערס — —	500
דעליקאטעסען קלוירקס — —	300
אייז קרים ארבייטער — — —	400
ביל פּאוסטערס — — — —	40
דאָרמען — — — — — —	70
בעקערס — — — — — —	3,000
מילינערי — — — — —	5,000
פּרץ פאראיין — — — — —	140
סוועטער מאכער — — — —	1,000
סוספּענדער מאכער — — —	250
מאטראצען מאכער — — —	500
מינעראל סעל. — — — —	100
סיגארעטס — — — — —	60
פּליטערס פּאלצען — — —	120
ריטייל קלאט. סייל — — —	500
דרעס גודס קלוירקס — —	200
ליידיעס גארמענט סיילס פּיפּעל	150
שוה סיילסמען — — — —	300
סוט קיים און בעג מייקערס —	2,000
טהעאטריקאל קאָסטיומערס —	100
טראָנק מייקערס — — — —	300
נעקווער מייקערס — — — —	3,000
ווייטערס יוניאָן — — — —	3,000

די געווערקשאַפטען זיינען געגרינדעט געוואָרען דערפאר, ווייל די דאמאָלסדיגע יונגע יוניאָנס, האָבען ניט געקאָנט שטעהן אליין אין קאמפּף מיט די באָסעס. עס האָט זיך געפאָדערט זייטיגע הילף, ווען א מאנופעקטשורער האָט זיך איינגעינקשנ'ט און געוואָלט ארויסוואַרפען די טעטיגע מיטגליעדער פון דער יוניאָן, אָדער ווען עס האָט זיך איהם פארוואָלט צאָלען ווייניגער פאר דער ארבייט. עס האָט זיך געפאָדערט די סאלידאריטעט פון די אנדערע טריידס, כדי צו דערגרייכען א זיעג. די געווערקשאפטען איז געווען דער נאטירליכער אויסדרוק פון דעם ארבייטערס איינינקייט און אָט דאָס איז וואָס האלט אויך אויף די דאָזיגע קערפּערשאפט איצט אין דעם יאָהר 1921 און וואָס וועט איהר אויך געווים אויפהאלטען ווייטער.

די קליינע יוניאָנס קאָנען ניט שטעהן אליין אין זייער קאמפּף פאר בעסערע באדינגונגען, וואָס פארביסענער עס ווערט דער שטרייט צווישען דעם ארבייטער און דעם ארבייטס־געבער, אלץ מעהר מוזען זיך די שוואכערע יוניאָנס האלטען צוזאמען. די געווערקשאפטען דיענען אויך אלס די טריבונע פון וואנען ארבייטער אפּעלירען צום פּובליקום: דער אפּיעל פאר'ן יוניאָן־לייבעל, דער פּראָטעסט געגען די פארפאָלגונגען מצד די ריכטער און דער פּאָליציי, קלינגט אָפּ פון דעם זאל וואו די מיטינגען פון די געווערקשאפטען קומען פאָר, איבער אלע יוניאָנס און די באזונדערע לאָקאלען. אין דער לעצטער צייט האָט די אידישע פּרעסע גענומען שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט די מיטינגען פון די געווערקשאפטען. עס ווערען געדרוקט באריכטען אין מאנכע פון די גרויסע טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען דאָס גיט א מעגליכקייט דעם ברייטען עולם זיך צו באקאָנען מיט די פראגען וואָס ווערען דאָרט פארהאנדעלט און מיט דער לאגע פון דעם אידישען ארבייטער דאָ ביי אונז אין שטאָדט.

די געווערקשאפטען פארבינדט די אידישע ארבייטער מיט דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג דאָ אין לאנד, כאָטש די געוו. איז אפיציעל ניט קיין טהייל פון דער אמעריקאן פעדערישאָן אָף לייבאָר, זיינען זיי אָבער אין פריינדליכע באציהונ־

גען מיט דער פיעל מיליאָנענדיגער ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן. די פעדעריישאַן קאָן ניט אויסאיבען קיין אויטאָריטעט אויף די געוו., אָבער די טירען איהרע זיינען תמיד אָפען פאַר די פאָרשטעהער פון די אידישע יוניאָנס צוקומען און פאַרלאַנגען אָדער פאָדערען דאָס וואָס עס איז נויטיג.

די געווערקשאַפטען זיינען טראַדיציאָנעל און פאַקטיש סאָציאַליסטיש געשטימט, אין די פּאָליטישע קעמפּיינס ארבייט מען פאַר דעם ס.אַ. טיקעט, מען געהט אָפט האַנד אין האַנד מיט דער ס. פּ., אָבער מען איז ניט קיין טייל פון דער ס. פּ. די באַציהונגען זיינען די זעלבע ווי מיט דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר, פריינדליך אָבער ניט געצוואונגען.

די איינקונפט פון די געווערקשאַפטען איז 10 דאָלאַר א חודש פון יעדע יוניאָן וואָס איז אָן זיי אָנגעשלאָסען, די דאָזיגע הכנסה איז אָבער ניט גענוג צו דעקען די אויסגאַבען פון אָפיס, די קאַסע איז תמיד פוסט און מען מוז אָפטמאָל אַנקומען צו טעאטער־בענעפיטס און אנדערע אַזעלכע אונטערנעהמונגען.

די געווערקשאַפטען האָבען געגרינדעט אַן עמיגריישאָן ביוראָ, דאָס איז געטהאָן געוואָרען כדי צו העלפען די אידישע איינוואַנדערער געפינען ארבייט און זיי באַשיצען פון די באַסעס וואָס זוכען זיי אויסצוזויגען. אויף דער אינציאַטיווע פון די געווערקשאַפטען איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַן „אַמנעסטי קאָמיטע“ וואָס האָט געארבייט פאַר דער בעפרייאונג פון די פּאָליטישע ארעסטירטע.

דער איצטיגער סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען איז מאַקס פיין, דער אַסיסטענט סעקרעטער פיינסטאַון, פרעזידענט גוסקין, וויס־טשערמאַן אייבראַמסאָן.

דער אָפיס פון די געווערקשאַפטען איז 175 איסט בראָדוויי, „פאָרווערטס“ בילדינג.

אַמעריקאַנער פאַבריקען האָבען פּראָדוצירט סחורות פאַר 63 ביליאָן דאָלאַר אין 1920.

פאַר דעם יאָהר 1920 זיינען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען געווען 289,768 פאַבריקען, וואָס האָבען באַשעפטיגט 9 מיליאָן און 103 טויזענט ארבייטער און אָנגעשטעלטע. אַלע פאַבריקען צוזאַמען האָבען אין יענעם יאָהר פּראָדוצירט פאַרשיעדענע סחורות אין ווערטה פון 63 ביליאָן דאָלאַר. דאָס איז דריי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז פּראָדוצירט געוואָרען מיט 10 יאָהר צוריק, ד. ה. אין יאָהר 1910 און פינף מאָל אַזוי פיעל, ווי אין יאָהר 1900. אַזוי האָט מיט עטליכע טעג צוריק פאַרעפענטליכט די צענזוס־ביוראָ אין וואַשינגטאָן.

ניו יאָרק איז דער וויכטיגסטער שטאַאט אין דעם הינזיכט. אָט דער שטאַאט אַליין האָט פּראָדוצירט אַרום איין צוועלפטעל פון אַלץ, וואָס אַלע שטאַאטען צוזאַמען האָבען פּראָדוצירט. אין דעם שטאַאט ניו יאָרק זיינען אין יענעם יאָהר געווען איין מיליאָן און 229 טויזענד ארבייטער און אָנגעשטעלטע, וואָס האָבען פּראָדוצירט פאַרשיעדענע סחורות אין ווערטה פון אכט מיט דריי פערטעל ביליאָן דאָלאַר.

דער צווייטער וויכטיגסטער שטאַאט איז פענסילווייניאַ, וואו 1 מיליאָן און 137 טויזענט ארבייטער און אָנגעשטעלטע האָבען אין יענעם יאָהר פּראָדוצירט פאַרשיעדענע סחורות אין ווערטה פון 7 ביליאָן און 312 מיליאָן דאָלאַר.

די צענזוס ביוראָ באַריכטעט אויך, אַז פאַר דעם זעלבען יאָהר 1920 האָט די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען אויסגעגעבען 500 מיליאָן דאָלאַר צו שטיצען די קירכען, טעמפּלען און אַנדערע רעליגיעזע אַנשטאַלטען פון לאַנד.

אידישע פאַרמעריי אין אמעריקא

אין די פאראייניגטע שטאאטען געפינען זיך ארום צעהן טויזענד אידישע פאמיליען — 50 טויזענד נפשות — וואס זיינען באזעצט אויף פארמס. „די דזשואיש אגריקאלטשורעל ענד אינדאסטריעל אייד סאסייעטי", וואס העלפט אידען מיט ראט און טהאט זיך צו באזעצען אויף פארעמס, האט אין יאהר 1920 געהאט די גרעסטע צאהל אפליקאנטען און האט באזעצט די גרעסטע צאהל אידען אויף פארעמס אין פארלויף פון דער גאנצער צייט זינט די דערמאנטע געזעלשאפט עקזיסטירט — אומגעפעהר 20—21 יאהר. די געזעלשאפט האט אויך באזארגט מיט ארבייט א גרויסע צאהל אידען, וואס האבען געזוכט באשעפטיגונג אויף פארעמס.

אין יאהר 1920 האבען זיך אין דער געזעלשאפט געווענדעט 1,736 פערזאנען, בעת אין יאהר 1919 האבען זיך געווענדעט 994. פון די דאזיגע 1,736 האבען זיך באזעצט אויף פארעמס 171 — דאפעלט, ווי אין 1919 און מעהר ווי דרייפאך, ווי אין יאהר 1918.

די פערזאנען, וואס האבען זיך געווענדעט אין דער „דזשואיש אגריקאלטשורעל ענד אינדאסטריעל אייד סאסייעטי", געהערען צו פארשיידענע קלאסען: ארבייטער אדער קליינע געשעפטס מענשען, וואס שפארען אפ אין גוטע צייטען עטליכע טויזענד דאלאר, וואס גיט זיי די מעגליכקייט צו פארווירקליכען זייער האפנונג זיך צו באזעצען אויף א פארם. דאס איז דער, וואס וויל ארייגלעגען זיין קאפיטאל אין א זיכערער זאך און אין דער אייגענער צייט זיין פארזיכערט מיט היונה. דאן קומען ציוניסטען, וואס ווילען קריגען אמעריקאנער ערפאהרונג אין ערד־ארבייט, אין פארמעריי און שפעטער זיך באזעצען אין ארץ ישראל. עס זיינען אויך דא אזעלכע, וואס צוליעב זייער געזונד זיינען זיי געצוואונגען זיך צו באזעצען אויף פארמס. עס איז גאנץ פארשטענדליך, אז אין יאהר 1920, בעת קיין פראספעריטי איז ניט געווען, געשעפטען זיינען געווען שלעכט, סטרייקס, קלאוזד שאפס און אז. וו., — אז אזא יאהר זאל ברענגען אין ביורא פון דער דערמאנטער געזעלשאפט א סך אפליקאנטען, וואס ווילען זיך באזעצען אויף פארמס און א סך ארבייטער, וואס זוכען באשעפטיגונג אויף פארמס.

די פאלגענדע טאבעלע צייגט, ווי גרויס עס זיינען געווען די קאפיטאלען פון די 1,736 אפליקאנטען פאר פארמס.

צאהל	קאפיטאל
479	צווישען 1,000 $ אדער ווייניגער
459	" 1,000 $ און 2,000 $
347	" 2,000 $ און 3,000 $
307	" 3,000 $ און 5,000 $
126	" 5,000 $ און $10,000
18	איבער $10,000
1736	סך הכל

פון די 171, וואס האבען זיך באזעצט אויף פארעמס, האבען 53½ פראצענט געהאט א וועלכע איז פארמע פון פארמינג ערפאהרונג — 10 זיינען געווען גראדואירטע פון באראן דע הירש אגריקולטור שול — 1 האט געענדיגט די אגריקולטור שול אין פארמינגדייל, לאנג איילענד — 19 זיינען געווען פארעם ארבייטער אין אמעריקא — 14 האבען געהאט ערפאהרונג אין פארמעריי אין אנדערע לענדער —

47 האָבען פריהער געהאַט פאַרעמס. כדי צו העלפען אַט די אַלע פאַרמערס האָט די געזעלשאַפט געמאַכט 93 הלואות. די איבריגע האָבען ניט געדאַרפט קיין פינאַנציעלע הילף.

די צאָהל פאַרעם־ארבייטער, וואָס האָבען באַקומען באשעפטיגונג דורך דער ביוראָ פון דער „דזשואיש אגריק. ענד אינדאַסטריעל אייד סאָסייעטי“, איז געוועזען 1030, מיט 200 מעהר, ווי אין יאָהר 1919. זיי זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען איבער 19 שטאַטען.

דער לעבענס־דויער פון פאַרשיידענע חיות און עופות.

אן אייזעל — — — פון 25 ביז 50 יאָהר.
א ביהן — — — — — — — 4 „
א ביבער — — — — — — — 50 „
פויגלען — — — — — 3 — 30 „
א קעמעל — — — — 50 — 60 „
א קאַרפּ — — — — 100 — 150 „
א קאַץ — — — — — — — — 18 „
א קוה — — — — — — — 20 „
אַ קראָקאָדיל — — — — — 100 „
קראָהען — — — — — — — 100 „
א הירש — — — — — — — 20 „
א הונד — — — — — 23 — 30 „
אן אָדלער — — — — — — 100 „
א העלפאַנד — — — — 150 — 200 „
א פוקס — — — — — — — 15 „
א גאַנז — — — — — — — 50 „
א פערד — — — — — 25 — 30 „
א לייב — — — — — — — 60 „
א מאַנקי — — — — — 16 — 18 „
א טויב — — — — — — — 20 „
א פּייק — — — — — — — 100 „
א האָז — — — — — — 8 — 9 „
א לאַקס (סעמען) — — — — — 10 „
א שעפּס — — — — — — — 10 „
א שפּין — — — — — — — 1 „
א וועווערקע — — — — — — 7 „
א טשערעפּאַכע — —איבער 100 „
א סוואַן — — — — — — — 100 „
א וואָלף — — — — — — — 20 „
א טיגער אָדער לעמפּערט — — — 25 „

פלאַנצען איין מיליאָנען פיש.

אין די אָזערעס און טייכלאַך פון יעלאָוסטאָון פּאַרק ווערען פאַרפלאַנצט מיליאָנען פיש א יאָהר. די פיש פלאַנצונג באשטעהט אין דעם וואָס עס ווערען געזאמעלט די רייגען (איקרע) פון פיש און געהאַלטען ביז זיי „בריהען“ זיך אויס. די ניי־אויסגעבריהטע פישלאַך ווערען דאַן אריינגעלאָזען אין די וואַסערען פון יעלאָוסטאָון פּאַרק און זיי האָדעווען זיך און וואַקסען דאָרט ביז מען פאַנגט זיי.

די געפלאַנצטע פיש זיינען פון דעם פאָרעל (טראַוט) סאָרט. לעצטען יאָהר זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרען אין די וואַסערען פון יעלאָוסטאָון פּאַרק פינף מיליאָן מיט 996,000 פיש.

ים וואַסער איז געווען ניט געזאַלצען.

פיעלע וויסענשאַפטס לייט גלויבען, אז עס איז געווען א צייט ווען דאָס וואַסער אין די אָקעאַנען איז ניט געווען געזאַלצען. דאָס איז געווען מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק. זייער השערה איז, אז די זאַלץ אין ים האָט זיך ענטוויקעלט דורך א פּראָצעס פון עוואָלוציע, ענטוויקלונג.

עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז ווען מען וואָלט געקענט ארויסנעהמען דאָס גאַנצע זאַלץ פון אַלע ימים וואָלט מען דערמיט געקענט באדעקען די גאַנצע ערד 400 פוס דיק.

באקענט זיך מיט די פאראייניגטע שטאטען [1]

ALABAMA.
אַלאַבאַמאַ.

אַלאַבאַמאַ איז א שטאַט אין דער סאָוט מיט א באַפעלקערונג פון 2,348,174 נפשות, דארונטער 11,086 אידען. א גרויסער טייל, אפשר א העלפט פון דער באַפעלקערונג זיינען ניגערס. דער שטאַט פארנעהמט א שטח פון 51,998 קוואדראט מייל, זיין עקסטרעמע לענג איז 330 מייל, זיין עקסטרעמע ברייט 200 מייל. די הויפּ־שטאָדט (קעפּיטעל) פון שטאַט איז מאָנטגאָמערי. אַלאַבאַמאַ איז געוואָרען א שטאַט אין יאָהר 1819. אין אלאבאמא זיינען דאָ גרויסע טייכען אויף וועלכע עס שווימען דאַמפּערס. דער קלימאַט איז א ווארעמער, דער באָדען זעהר א פעטער. אַלאַבאַמאַ פּראָדוצירט בוימוואָל, האָט א סך וואלד, מינעראלען און מעטאַלען.

ARIZONA.
אַריזאָנאַ.

אַריזאָנאַ איז געוואָרען א שטאָט ערשט אין 1912. אַריזאָנאַ געפינט זיך אין דער סאָוט, צווישען מעקסיקאָ, ניו־מעקסיקאָ, יוטאַ, קאַליפאָרניא און נעוואַדאַ, פארנעהמט א שטח פון 113,956 קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 333,903, דארונטער 1,013 אידען. די לענג איז 390 מייל, די ברייט 335 מייל, די הויפט־שטאָדט איז פעניקס. די איבריגע וויכטיגע שטעדט זיינען: טאַקסאָן, גלאָב, יומא און טומסטאן.

אין אריזאָנאַ איז דער קלימאַט זעהר א געזונטער און ווארימער, דאָרט וואַקסט צוויי מאָל אין יאָהר. אין אריזאָנאַ זיינען דאָ הויכע שעהנע בערג, וואָס זיינען פול מיט מעטאַלען—גאָלד, זילבער, קופּער און בליי. דער שטאַט איז אויך רייך אין געהילץ פון אלערליי סאָרטען, דאָרט וואקסען אפּעלסינען, ציטרינען, פייגען און אנדערע פרוכטען.

ARKANSAS.
ארקאָנזאס.

דער שטאַט ארקאַנזאס געפינט זיך אין דרומית מערבית (סאָוט־וועסט) צווישען מיזורי, טענעסי, מיסיסיפּי, לואיזיאנא, פארנעהמט א שטח פון 53,335 קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 1,752,204 נפשות, דארונטער 5,012 אידען. זיין לענג איז 275 מייל, זיין ברייט 240 מייל, די הויפּט־שטאָדט איז ליטל ראק.

דער מערב זייט פון ארקאנזאס איז אויף בערג. נאָר 5 פּראָצענט פון באָדען איז ניט גוט פאר אַקערבוי, דער איבריגער באָדען איז פרוכטבאַר. אין באָהען איז דאָ מאַסען קויהלען, אייזען, בליי, צינק, קופּער און אַנדערע מעטאַלען אויך מינעראלען. ארקאנזאס איז אָבער הויפּט־זאכליך אַן אַגריקולטור שטאַט. אין די לעצטע צייטען ענטוויקעלט זיך דאָרט האַנדעל און אינדוסטרי.

ALASKA.
אלאסקא.

דער האַלב־אינזעל אַלאַסקאַ איז א טעריטאָריע פון די פאראייניגטע שטאַטען אין צפונית־מערבית (נאָרד־וועסט) פון אמעריקאַנער קאנטינענט, וואָס פאר־

[1] די ציפער, וואָס ווערען אָנגעגעבען אין דעם דאָזיגען ארטיקעל זיינען פון לעצטען צענזוס, וואָס די רעגירונג האָט געמאכט אין 1920. וועגען אידען איז דערווייל ניטאָ קיין אנדער סטאַטיסטיק, ווי פון יאָהר 1918.

נעהמט א שטח פון 590,884 קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 54,899 נפשות, דארונטער 500 אידען. דער שטח איז אזוי גרויס ווי דער שטח פון ענגלאנד, שאָטלאנד, אירלאנד, פראנקרייך און שפאניען צוזאמענגענומען. די דאָזיגע טעריטאָריע האָט אמעריקא אָבגעקויפט פון רוסלאנד אין יאָהר 1867 פאר זיבען מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד דאָלאר. אין אלאסקא איז דאָ גאָלד, פוטערוואַרג, געהילץ, פיש אין ווערט פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאר.

דער קלימאַט אין אַלאַסקאַ איז שרעקליך קאַלט אין צפון זייט און מילד אין דרום זייט ביי די ברעגען פון ים. אַלאַסקאַ גרעניצט זיך אין מזרח זייט מיט קענעדע, אין צפון זייט מיט'ן ים־הקרח (אייז־ים) און אין דרום און מערב זייט מיט דעם שטילען ים און אנדערע ים־וואַסערען. א גרויסער פראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען רוסען. אַלאַסקאַ איז אזוי נאָהענט פון סיביר דורכ'ן וואסער, אז איין צייט האָט מען גערעדט וועגען א טונעל, וואָס זאָל פאראייניגען סיביר מיט אַלאַסקאַ. אין אַלאַסקאַ געפינען זיך די באַריהמטע מיינס פון קלאָנדייק. אין נאָרד אַלאַסקאַ האַלט אָן דער זומער נאָר עטליכע וואָכען. אין זיד אַלאַסקאַ קאָן וואקסען תבואה. אין אלאסקא זיינען דאָ א סך רויב־חיות. די וויכטיגסטע שטעדטלאך זיינען: נאָווי אַרכאַנגעל, פאָרט אַרכאַנגעל, מיכאילאָווסק און איליאליק. די קעפיטאָל פון דער אַלאַסקאַ טעריטאָריע איז סיטקא. אַלאַסקאַ קאָן מיט איהרע פיש, קויהלען, מינעראַלען און מעטאַלען און מיט איהר פרוכטבארען באָדען אין דרום זייט שפייזען א באַפעלקערונג פון 65 מיליאָן מענשען.

CALIFORNIA.
קאַליפאָרניא.

קאַליפאָרניא איז איינער פון די גרעסטע שטאַטען אין אמעריקא, ער פארנעהמט א שטח פון 158,297 קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 3,426,861 נפשות, דארונטער 63,652 אידען. זיין לענג איז 770 מייל. זיין ברייט 375 מייל. די הויפט־שטאָדט איז סאַקראַמענטאָ. אין נאָרד פון קאַליפאָרניא איז ארעגאָן, אין דער איסט—נעוואדא און אַריזאָנאַ; אין דער וועסט דער שטילער ים, דער ים הגדול. דער ים־ברעג פון קאַליפאָרניא איז 900 מייל לאנג.

קאַליפאָרניא איז דער גן עדן פון אמעריקא. דער באָדען איז אומגעהויער פעט און פרוכטבאר, דער קלימאַט איז א וואונדערליכער. דער שטאַט קאַליפאָרניא איז פול מיט בערג און מיט קוואלען פון הייסע און קאַלטע וואסער, וואָס האָבען א וויכטיגען מעדיצינישען ווערט. ביים ברעג ים טרעפען אַמאָל ערדציטערנישען. דאָרט זיינען דאָ בערג, וואָס זייינען שטענדיג באדעקט מיט שניי. דער באַרג וועיטני איז ארום 15 טויזענד פוס הויך.

סאַן פראַנציסקאָ איז די גרעסטע שטאָדט פון קאַליפאָרניא און דער וויכטיגסטער פאָרט אין אַמעריקאַ ביים שטילען ים. אין קאַליפאָרניא איז ניט קאַלט און ניט הייס, דער קלימאַט איז זעהר אן אנגענעהמער, אויסער ארום דעם גרויסען לייק (אָזערא) טאַלייק, וואו עס געפינען זיך זומפען. זומער רעגענט ניט אין קאַליפאָרניא, עס זיינען ניטאָ קיין היצען. די ווינטען, וואָס בלאָזען כמעט שטענדיג בדענגען א טהוי־פייכטקייט, וואָס טרינקט אָן די פלאַנצונגען. דער אונטערשייד אין דער טעמפעראַטור צווישען זומער און ווינטער איז א גאנץ קלייַנער. עס קומען אַמאָל פאָר פארפליי־

צונגען, בעת דער שניי הויבט אן שמעלצען פון די סיערא נעוואדא בערג. פון די זעלבינע בערג ציהען זיך א סך קליינע און גרויסע טייכען, איבער וועלכע מען קאן פאהרען אין שיפען און אין וועלכע עס זיינען דא אלערליי מינים פיש. אין קאליפארניא וואקסט א גאנץ יאהר כסדר. אויך געפינען זיך דארט די גרעסטע בוימער אין דער וועלט, וואס זיינען ביז 40 פוס ברייט און ביז 350 פוס הויך.

עס זיינען דא בוימער ארום דעם „גאלדענעם טויער," ניט ווייט פון סאן פראנציסקא, וואס צייכענען זיך אויס מיט א לעבענס קראפט יאהרען נאך דעם, ווי מען שניידט זיי אב פון זייערע ווארצלען. פון די ווארצלען שפראצען ווידער ארויס בוימער נאכדעם ווי מען זעגט אב אדער מען ברענט אב די פריהערדיגע בוימער. אין די וועלדער אויף די סאנטא קרוז בערג זיינען דא בוימער איבער 200 פוס הויך און איבער 20 פוס ברייט. אין די שטאמען (סטוואלען) פון די דאזיגע בוימער וואוינען גאנצע פאמיליען.

אין יאהר 1848 האט אמעריקא אבגענומען פון מעקסיקא קאלפארניא און אין יאהר 1850 איז קאליפארניא געווארען א שטאט. פון וויסטען, ווילדען לאנד, פול מיט חיות, האט אמעריקא געמאכט א רייכע ציוויליזירטע מדינה. קאליפארנער באדען פארמאגט א סך מעטאלען—גאלד, זילבער, קוועקזילבער, קופער און אנדערע מעטאלען. אבער דאס הויפט רייכטום פון דעם דאזיגען וואונדערליכען שטאט ליעגט אבער אין דעם, וואס דער דארטיגער באדען גיט ארויס אזוי פיעל תבואות, פרוכטען און גרינסען, וואס טראגען איין מעהר פון גאלד און זילבער, וואס מען קאן געפינען אין באדען. אין קאליפארניא וואקסען אראנזשען, לעמאנען, פייגען, אליוועו, וויינטרויבען און אנדערע סארטען פרוכט. עס איז ניטא קיין מין פרוכט בוים אויף דער וועלט, וואס זאל זיך ניט קאנען צופאסען צום וואונדערליכען קלימאט פון קאליפארניא. קאליפארניא האט גוטע שוהלען און אוניווערזיטעטען, אייזענבאהנען און פאבריקען. די דאמפפערס פון קאליפארניא פאראייניגען דעם האנדעל פון אונזער רעפובליק מיט יאפאן, כינא און מעקסיקא. קאליפארניא האט א גרויסע צוקונפט צוליב דעם פאנאמא קאנאל, וואס פאראייניגט דעם אטלאנטישען אקעאן מיט'ן שטילען אקעאן; דער פארט סאן פראנציסקא קאן ווערען דער וויכטיגסטער אין דער וועלט.

COLORADO.
קאלאראדא.

דער שטאט קאלאראדא געפינט זיך צווישען די שטאטען וויאמינג, נעבראסקא, קענזעס, אינדיען טעריטאריע און ניו־מעקסיקא, ער פארנעהמט א שטח פון 103,498 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 939,629, דארונטער 14,565 אידען. זיין לענג איז 390 מייל, זיין ברייט 270 מייל. די הויפט־שטאדט איז דענווער. דער קלימאט איז דארט זעהר א טרוקענער און געזונטער. אין דענווער געפינט זיך א אידישער סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע, דארט איז בכלל דא א גוט ארגאניזירטע אידישע קהלה. קאלאראדא איז רייך אין מעטאלען. די זון שיינט העל אין קאלאראדא 300 טעג אין יאהר. אויף א שטרעקע פון 16 טויזענד קוואדראט מייל געפינען זיך געדיכטע וועלדער פון צעדער־בוימער. אין שטאט בליהט אגריקולטור.

CONNECTICUT.
קאנעקטיקוט.

דער שטאט קאנעקטיקוט פארנעהמט א שטח פון 4,965 קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 1,380,631 נפשות, דארונטער 66,862 אידען. זיין לענג איז 90 מייל, זיין ברייט 75 מייל. די הויפט־שטאדט איז הארטפארד. ער איז איי־

נער פון די אָריגינעלע 13 שטאטען, וואָס פון זיי האָט זיך געגרינדעט אונזער רע־פּובליק.

אין שטאַט קאָנעקטיקוט זיינען דאָ פיעלע אידישע פּארמערס, וואָס פלאַנצען טאבאַק. מאַנכע פון זיי מאַכען א לעבען פון אנדערע פּארם־פּראָדוקטען, ווי מילך, פּוטער און אייער. קאָנעקטיקוט איז ארומגערינגעלט פון ניו־יאָרק, מעסעטשו־זעטס, רהאָוד איילענד און לאָנג איילענד סאונד. די הויפּט באשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז פּאבריקאַציע, דאָרט זיינען דאָ אייזען פּאבריקען, בוימוואָל מילען, די פּאבריקאציע פון זיידענס, שיך, היט, זייגערס און מאשין־פּאבריקאציע. קאָ־נעקטיקוט עקספּאָרטירט א סך סחורה קיין אויסלאנד, ווי זייגערס, מאַשינען און אז. וו. אין ניו־הייווען (שטאַט קאָנעקטיקוט) געפינט זיך דער גוט באוואוסטער יעיל קאָלעדזש.דער שטאַט פּארמאָגט אויך נאָ־טירליכע רייכטהימער — קופּער, אייזען, מאַרבעל און אפילו טהייערע שטיינער. דער פּאָרט פון ניו־לאָנדאָן איז דער בעס־טער אין שטאַט, ער פריהרט קיינמאָל ניט איין. האַרטפאָרד און ברידזש־פּאָרט זיינען בליהענדע שטעדט מיט א באדייטענדער אידישער באַפעלקערונג.

דער קלימאַט אין קאָנעקטיקוט איז ניט קיין גאַנץ געזונטער פאר מענשען מיט שוואכע לונגען, מחמת דער וועטער ענ־דערט זיך שנעל פון קאַלט אויף ווארים און פון ווארים אויף קאַלט. דער שטאאַט האָט א גוטע ערציהונגס סיסטעמע.

DELAWARE.
דעלאווער.

דעלאַווער איז דער קלענסטער שטאַט נאָך רהאָוד איילענד. זיין שטח איז סך הכל 2,370 קוואדראַט מייל, די לענג 110 מייל, די ברייט 35 מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 223,003 נפשות, דארונטער 3,805 אידען. די הויפּט שטאָדט איז דאָווער.

דעלאַווער איז ביים אַטלאַנטישען אָקעאַן אויף א האַלב אינזעל צווישען פּענסילווייניע און מערילענד. דער טשי־זעפּיק און דעלאַווער קאַנאַל איז א וואַסער־וועג, וואָס פאראייניגט פילאַדעל־פיע און באַלטימאָר. ניט קוקענדיג אויף דעם קליינעם שטח איז דעלאַווער א בליי־הענדער שטאַט מיט פאבריקען אין צפון זייט און מיט פּראַכטפולע פעלדער און גערטנער אין דרום זייט. דאָרט וואַק־סען די בעסטע פּיטשעס. דעלאַווער גיט ארויס די בעסטע קעז און פּוטער. אין ווילמינגטאָן זיינען פארהאַן מאַשין שע־פּער, אייזען פאבריקען, מיהלען, פּולווער פאבריקען און אז. וו. די שטאָדט ניו־קעסעל פאַרמאָגט וואָל און בוימוואָל פאבריקען. דער דעלאַווער אייזענבאַהן שניידעט דורך דעם גאַנצען שטאַט.

DISTRICT OF COLUMBIA.
דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא
(די שטאָדט וואַשינגטאָן).

וואַשינגטאָן, אָדער דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא, איז די הויפּט שטאָדט פון אונזער רעפּובליק. וואַשינגטאָן פאַר־נעהמט א שטח פון 69 קוואדראַט מייל, פון וועלכע נאָר א טייל איז באַזעצט. דער דאָזיגער דיסטריקט ווערט רעגירט פון קאָנגרעס. ער האָט א באַפעלקערונג פון 437,571, דארונטער 4,900 אידען. דער דאָזיגער דיסטריקט איז ביים פּאָטאָמאַק ריווער, 40 מייל פון באַלטימאָר, 135 מייל פון פילאַדעלפיא און 225 מייל פון ניו יאָרק.

אין וואַשינגטאָן זיינען דאָ עטליכע בנינים, וואָס צייכענען זיך אויס, צווישען זיי „דהי ווהייט האוז“—דער פּאַלאַץ וואו דער פּרעזידענט וואוינט, א צוויי־שטאָ־קיגער בנין אָבגעפאַרבט אויף ווייס, און א געביידע פון 567 פוס לאַנג, וואו עס געפינען זיך דער סטייט, וואָר און נייווי דעפּאַרטמענטס. דאָרט געפינט זיך אויך

די קאָנגרעס לייברערי, א בנין, וואָס האָט אָבגעקאָסט 6 מיליאָן דאָלאר. האנדעל און פאבריקאציע זיינען אומבאדייטענד אין דעם דאָזיגען דיסטריקט, דער האנדעל איז אן אינערליכער.

FLORIDA.
פלאָרידא.

דער שטאַט פלאָרידא איז אין סאמע דרום פון די פאראייניגטע שטאַטען, ער פארנעהמט א האלבען אינזעל, זיין שטח איז 58,666 קוואדראט מייל, 460 מייל די לענג און 400 מייל די ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 968,471 נפשות, דארונטער 6,451 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז טאללאהעססי.

פלאָרידא האָט אין צפון זייט פאר שכנים דזשאָרדזשיא און אלאבאמא און די איבריגע דריי זייטען זיינען ארומגע־רינגעלט מיט ים. די שטאָדט קי וועסט, דרום פלאָרידא, איז מיט'ן ים 100 מייל פון האוואנא, קובא. דער דאָזיגער שטאַט האָט טויזענד מייל ים־וואַסער ארום זיך.

פלאָרידא איז ערטערוויז א גן עדן און ערטערוויז, ארום די זומפּען, א גיהנום, וואו עס ווילדעוועט פיבער און אנדערע קראנקהייטען. אין פלאָרידא זיינען דאָ טייכען און אָזערעס, איבער וועלכע עס קאָנען געהן שיפען. פלאָרידא פּראָדוצירט בוימוואָל, טאבאק, רייז, צוקער, פלאַקס, קאַפע, אָראנזשען און אנדערע פּרוכטען. דאָרט איז אויך דאָ א סך פיש, געפליגעל, געהילץ, מעטאַלען און מינעראַלען. דאָרט זיינען דאָ שוהלעס און נאָרמאל קאָלעדזשעס איינגעטיילט פאר ווייסע און פאר שווארצע. דער קלימאַט אויסערהאלב די זומפּיגע געגענדען איז אן אויסגעצייכענטער. קיין פרעסט זיינען כמעט ניטאָ, דאָסגלייכען קיין גרויסע היצען. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: דזשעקסאָנוויל, פענסאַקאָלא, קי וועסט.

GEORGIA.
דזשאָרדזשיא.

דער דרום שטאַט דזשאָרדזשיא איז צווישען טענעסי, די קאראָליינעס, פלאָרידא, אלאבאמא און דעם אטלאנטישען אָקעאן, פארנעהמט א שטח פון 59,265 קוואדראט מייל, 315 מייל לאנג, 250 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 2,895,832 נפשות, דארונטער 22,414 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז אטלאנטא.

דזשאָרדזשיא איז איינער פון די אָריגינעלע דרייצעהן שטאַטען, וואָס מיט זיי האָט זיך געגריינדעט אונזער רעפּובליק. דזשאָרדזשיא פּראָדוצירט צוקער, בוימוואָל, סוויט־פּאָטייטאָס, אָראנזשען, טאבאק, באנאנעס, א. ז. וו. דער שטאַט פארמאָגט אויך מאַסען אייזען, געהילץ און פיש. דאָרט זיינען אויך דאָ א סך אייזענבאהנען. סאוואנא איז א וויכטיגער פּאָרט, פון וועלכען עס געהען שיפען נאָך ניו יאָרק, פילאדעלפיא און אנדערע שטעדט. אטלאנטא, אגוסטא, בייקאן, קאָלאָמבוס, אטהענס און מילעדזשוויל—דאָס זיינען אלץ בליהענדע שטעדט אין דער שטאַט דזשאָרדזשיא. דזשאָרדזשיא האָט א גוטע שוהל סיסטעם. א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג באַשטעהט פון ניגערס.

HAWAII.
די האוואי אינזלען.

די האוואי אינזלען (סענדוויטש איילענדס) איז א גרופּע פון 12 אינזלען אין דעם נאָרד טייל פון פאסיפישען (שטילען) אָקעאן 2,100 מייל פון סאן פראנציסקאָ, וועלכע זיינען א קאָלאָניע פון די פאראייניגטע שטאַטען. די באפעלקערונג באשטעהט פון 255,912 נפשות, דארונטער 150 אידען. אין 1907 זיינען דאָרט געוועזען 100 אידען.

די האוואי אינזלען זיינען ענטדעקט געוואָרען פון א שפּאנישען רייזענדער אין יאָהר 1555, אָבער אזוי ווי שפּאניען

האָט נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער ענטדעקונג, זיינען די אינזלען פאַרגעסען געוואָרען.

אין יאָהר 1778 האָט דער ענגלישער קאַפּיטאַן קוק באַזוכט די אינזלען און זיי א נאָמען געגעבען די „סענדוויטש אינזלען”, און ווידער זיינען די אינזלען געבליבען אונבאַוואוסט, ביז דעם יאָהר 1789 , ווען די ערשטע אַמעריקאַנישע שיף, פון באָסטאָן, האָט זיך דאָרט אָבגעשטעלט. די שיף איז געווען די ערשטע פון פיעלע אנדערע וואָס זיינען געקומען פון באָסטאָן פיהרענדיג אהין געשעפטסלייט, וואַלפישפאַנגער און גלאַט באַזוכער. אַזוי האָבען זיך די איינוואוינער פון האַוואַי דערוואוסט פון דעם וועלט־טייל אין מזרח.

יעדער פון די האַוואַי אינזלען איז דאַן רעגירט געוואָרען פון א באַזונדערען קעניג. איינער פון זיי האָט מיט דער הילף פון די האַנדעלס־לייט וואָס האָבען זיך דאָרט אָבגעשטעלט באַקומען געוועהר און אמוניציע און אויסגעבויט א גרויסע פלאָטע, און אַזוי איז האַוואַי געוואָרען דורך אַמעריקאַנער הילף דער נאַפּאָלעאָן פון די פּאַסיפישע אינזלען.

דער האַנדעל צווישען די אַמעריקאַנער און די האַוואַיער האָט זיך גוט באַצאָהלט פאַר די אַמעריקאַנער. זיי האָבען פאַרקויפט דעם קעניג פון האַוואַי און זיינע נאָבעללייט אַלץ פון קליידער און ציערונג ביז יאַכט שיפען און ביליארד טישען, און אנשטאַט דעם פלעגען זיי צוריקבריינגען שיפען מיט ווערטפולען סאַנדאַל־האָלץ. אין 1820 איז אָנגעקומען אין האַוואַי א שיף מיט מיסיאָנערען פון באָסטאָן, און דאָס איז געווען א שטאַרקער קלאַפּ פאַר׳ן האַנדעל, ווייל די מיסיאָנערען האָבען געלערנט די איינוואוינער פון האַוואַי דעם ווערט פון געוויסע ארטיקלען און דער האַנדעל מיט זיי האָט שוין נישט געקאָנט בריינגען אַזעלכע גרויסע פּראָפיטען ווי פריהער.

אונטערדעסען האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר אַמעריקאַנער באַזעצט אין האַוואַי און די האַוואַיער האָבען זיי באַטראַכט אַלס זייערע בעסטע פריינד. ווען די פּיאָנערען פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען זיך אָנגעהויבען באַזעצען אַלץ ווייטער וועסט צו קאַליפאָרניא, פּונקט פאַר דער מלחמה מיט מעקסיקאָ, האָט אן ענגלישער קאָמאַנדיר פון דער פלאָטע, פאַרשטעהענדיג די סטראַטעגישע וויכטיגקייט פון די אינזלען, פאַרכאַפּט די האַוואַי אינזלען, אָבער ענגלאַנד האָט עס נישט אַנערקאַנט. נאָך א סכסוך מיט פראַנקרייך האָט אַמעריקאַ ערקלערט א מין מאָנראָו דאָקטרין איבער די אינזלען. אין 1851 האָט די האַוואַיער רעגירונג, מורא האָבענדיג פאַר ווייטערע סכסוכים מיט אַנדערע נאַציאָנען, אָבגעגעבען צייטווייליג די אינזלען צו די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער דאָס איז ניט אָנגענומען געוואָרען. פיעלע אנדערע פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען דעם פאָלגענדען האַלבען יאָהר הונדערט צו מאַכען די אינזלען א טייל פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער אין 1898, אין דער צייט פון דעם שפּאַניש - אַמעריקאַנער קריעג, האָט דער קאָנגרעס באַשטימט צו מאַכען האַוואַי אַלס אַמעריקאַנער טעריטאָריע, און דעם 14־טען יוני, 1900, איז עס אָרגאַניזירט געוואָרען אַלס אַזעלכע.

דאָס אינטערעסאַנטעסטע וועגען האַוואַי איז די פערשידענהייטען פון די ראַסען וואָס שטעלען צוזאַמען איהר באַפעלקערונג. ווען האַוואַי איז געוואָרען באַקאַנט צו די אַמעריקאַנער, איז דאָרט געווען בלויז א האַוואַיער באַפעלקערונג פון אייניגע הונדערט טויזענד פּערזאָן. פאַרשיעדענע קראַנקהייטען האָבען זינט דאַן געטויטעט א גרויסען טייל פון זיי, און אין יאָהר 1920 זיינען דאָרט געווען ניט מעהר ווי 22 טויזענד פול־בלוטיגע האַ־

וואיער און ארום 16 טויזענד פון געמיש־טען בלוט. דיעזע צוויי גרופען שטעלען צוזאמען בלויז 15 פּראָצענט פון די 255,912 איינוואוינער פון האוואי פאר דעם יאָהר 1920. די אמעריקאנער און נאָרד אייראָפּעער האָבען צוזאמענגע־שטעלט 10 פּראָצענט, די פּאָרטוגעזער — ארום 9½, און פּאָרטאָ־ריקער און שפּאַ־ניער — ארום 2½ פּראָצענט. די גאנצע קאווקאזער באפעלקערונג האָט צוזאמענ־געשטעלט עטוואס מעהר ווי צוואנציג פּראָצענט אָדער א פינפטע טייל פון דער גאנצער באפעלקערונג. די יאפּאנעזער זיינען געווען 44 פּראָצענט, און די יאַ־פּאנעזער, כינעזער און פיליפּינער צוזאַ־מענגענומען — איבער זעכציג פּראָצענט.

די הויפּט־שטאָדט פון האוואי איז האָנאָלולו. דער הויפּט פּראָדוקט איז צו־קער. דאָרט וואקסען די בעסטע און טייערסטע פרוכטען.

IDAHO.
איידאַהאָ.

דער שטאַט איידאַהאָ איז אין נאָרד־וועסט (צפונית־מערבית) פון אונזער רע־פּובליק, צווישען קענעדע, מאָנטאַנאַ, וויאָמינג, יוטאַ, נעווארא, אָרעגאָן און שטאַט וואשינגטאָן. איידאַהאָ פאר־נעהמט א שטח פון 83,888 קוואדראט מייל, 490 מייל לאַנג, 305 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 431,866, דארונטער 1,078 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז באָיז. אין איידאַהאָ איז דאָ ארום 40 טויזענד קוואדראט מייל וואלד מיט בערען, הירשען און אנדערע חיות. די הויפּט באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז מייגינג — גאָלד, זילבער, קופּער און בליי גרעבעריי. פאר אגרי־קולטור איז איידאַהאָ ניט קיין באזונדער גוטער פּלאַץ, ווייל דאָרט רעגענט וועניג, פונדעסטוועגען זיינען דאָרט דאָ פאר־מערס.

איידאַהאָ האָט זעהר גרויסע בערג און טהאָלען. אין די טהאָלען איז דאָ מאסען לאנד, וואו עס וואקסט גוטע פּאשע פאר בהמות.

ILLINOIS.
אילינאָי.

דער נאָרד־וועסטערן שטאַט אילינאָי פארנעהמט א שטח פון 56,665 קוואד־ראט מייל, 380 מייל לאַנג, 205 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 6,485,280 נפשות, דארונטער 246,637 אידען. די הויפּט־שטאָדט (קעפּיטאל) איז ספּרינגפיעלד. אין שיקאַגאָ אליין געפינען זיך ארום 225 טויזענד אידען, בעת די אלגעמיינע באפעלקערונג פון שיקאַגאָ באשטעהט פון 2,701,705 — די צווייטע שטאָדט נאָך ניו יאָרק. אין שיקאַגאָ ליעגט דער הויפּט־האנדעל און איז דער אינדוסטרי צענטער פון שטאַט און פון דער גאנצער וועסט.

שיקאַגאָ האָט א ריזיגע אינדוסטרי פון אייזען פּראָדוקטען, פלייש, קליידער און אז. וו. שיקאַגאָ איז א אומגעהויער גרויסער אייזענבאהן צענטער. די געאָ־גראפישע לאגע פון שיקאַגאָ — ביים גרוי־סען לייק מישיגען און ביים שיקאַגאָ ריווער — האָט די דאָזיגע שטאָדט פאר־וואנדעלט אין דעם וויכטיגסטען אינלענ־דישען פּאָרט אין אמעריקאַ.

דער שטאַט אילינאָי, אויסער שיקאַ־גאָ, באשעפטיגט זיך אמעהרסטען מיט ערד ארבייט און מייגינג. קאָרן, ווייץ, האָבער, אינדיען קאָרן, גערשטען, קאר־טאָפעל, טאבאק, קויהלען, בליי, זאַלץ און אנדערע מינעראלען און מעטאלען — זיינען די פּראָדוקטען פון דעם דאָזיגען שטאַט. מיט א יאָהר 2—23 צוריק האָט מען אין אילינאָי ענדעקט קעראָסין און די קעראָסין־אינדוסטרי האָט זיך דאָרט שטארק ענטוויקעלט.

INDIANA.
אינדיאנא.

דער שטאט אינדיאנא פארנעהמט א שטח פון 36,354 קוואדראט מייל, 265 מייל לאנג, 160 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 2,930,390 נפשות, דארונטער 25,833 אידען. די הויפט־שטאדט איז אינדיאנאפאלים. דער שטאט געפינט זיך צווישען אילינאי, מי־שיגען סטייט, מישיגען לייק און אהייא סטייט. אין אינדיאנא איז דא א סך קויהלען, פיעל טייכען איבער וועלכע מען קאן פאהרען מיט דאמפערס, אייזענבאה־נען, וואס פאראייניגען דעם מזרח און דעם מערב פון אונזער רעפובליק. די הויפט באשעפטיגונג איז ערד ארבייט. די הויפט פראדוקטען אין יענעם שטאט זיינען—ווייץ, קארן, קארטאפעל, היי, פלייש, מילך־פראדוקטען. דער קלימאט איז א קאלטער ווינטער־צייט אבער א געזונטער. אינדיאנא האט עטליכע קא־לעדזשעס און אוניווערזיטעטען.

IOWA.
אייאווא.

אייאווא איז איינער פון די באפעל־קערטע שטאטען פון דער נארד־וועסט, געפינט זיך צווישען מינעסאטא, וויס־קאנסין, אילינאי, מיזורי, נעבראסקא און סאוט דאקאטא. ער פארנעהמט א שטח פון 56,147 קוואדראט מייל, 300 מייל לאנג, 210 מייל ברייט, מיט א באפעל־קערונג פון 2,404,021 נפשות, דארונטער 15,555 אידען. די הויפט־שטאדט איז דעמאין. די טייכען מיסיסיפי און מיזורי ווערען פאנאנדערגעטיילט דורך א שטח לאנד אין אייאווא, וואס איז ארום 1,700 פוס הויך. דער שטאט האט נאך עט־ליכע טייכען, נאר דער מיסיסיפי און מיזורי זיינען די בעסטע טייכען פאר דאמפערס. די הויפט באשעפטיגונג איז ערד ארבייט און פיה־צוכט. אין אייאווא איז אויך דא מאסען קויהלען, א ביסעל בליי און אנדערע מעטאלען.

KANSAS.
קענזעס.

דער שטאט קענזעס געפינט זיך אין מערב (וועסט), צווישען נעבראסקא, מי־זורי, אקלאהאמא און קאלאראדא. זיין שטח איז 82,158 קוואדראט מייל, 400 מייל די לענג, 200 מייל די ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 1,769,257 מענשען, דארונטער 9,450 אידען. די הויפט־שטאדט איז טאפיקא. קענזעס האט עטליכע גרויסע טייכען און אייזענבאה־נען. דער באדען איז זעהר א פעטער, וואס גיט ארוים א סך תבואה, באזונ־דערס קארן און ווייץ. דארט וואקסען א סך פרוכטען. קענזעס גיט ארוים מאסען פלייש, מילך, קעז, פוטער, אייער און וואל.

דער דאזיגער שטאט פארמאגט א סך קוואלען, וואס באוואסערן דאס לאנד און דארום האט קענזעס קיין מורא ניט פאר א טרוקענעם וועטער. ווינטער איז דארט דער קלימאט גאנץ קאלט און טרו־קען. זומער איז דארט גוט ווארים. קענזעס איז א שטאט דערהויפט פון ערד ארבייט און פיה־צוכט.

KENTUCKY.
קענטאקי.

קענטאקי, אזוי ווי קענזעס, איז אויך א שטאט פון לאנדווירטשאפט, נאר ער פארמאגט אויך מיינס פון קויהלען און אייזען. דער דאזיגער שטאט פארנעהמט א שטח פון 40,598 קוואדראט מייל, 350 מייל די לענג, 175 מייל די ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 2,416,630, דארונ־טער 13,362 אידען. די הויפט־שטאדט איז פרענקפארט.

קענטאקי איז באוואוסט מיט זיין „בלויען גראז דיסטריקט" און מיט זיין מאמאטה הייל אין עדמאנסאן קאונטי.

א חוץ תבואות, פיה און פרוכטען איז דער שטאט באריהמט מיט זיין גוטען טאבאק, מיט זיינע גוטע פערד און אייזלען. קענטאקי איז ביז דער פראהיבישאן גזירה אויך געווען באריהמט מיט זיינע בראנפען - דיסטילעריס. קענטאקי'ער שנאפס האט געהאט א שם איבער'ן גאנצען לאנד. די וויכטיגסטע האנדעל שטאדט איז לואיזוויל, וואו עס געפינט זיך א גרויסע אידישע קהלה. קאווינגטאן, ניו־פארט, לעקסינגטאן און פאדוקא זיינען באדייטענדע שטעדט.

LOUISIANA
לואיזיאנא.

לואיזיאנא איז א שטאט אין דער סאוט, וואס פארנעהמט א שטח פון 48,506 קוואדראט מייל, 280 מייל לאנג, 275 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 1,798,509 נפשות, דארונטער 12,723 אידען. די הויפט־שטאדט איז בייטאן רוזש. לואיזיאנא איז ארומגערינגעלט פון מעקסיקאנער ים, פון ארקאנזא, מיסיסיפי און שטאט טעקסעס, דער קלימאט איז א ווארימער. ביים ברעג ים זיינען דא זומפען. דער באדען איז א גאנץ פעטער און גיט ארויס א סך בוימוואל, תבואה, פרוכטען, וואלד. אויסער זאלץ האט ניט דער דאזיגער שטאט קיין מינעראלען, אויך האט ער ניט קיין מעטאלען. די וויכטיגסטע שטאדט פון שטאט איז ניו־ארלינס, דער גרעסטער פארט אין דרום (סאוט), ביים ארייננגוס פון טייך מיסיסיפי אין מעקסיקאנער ים.

MAINE.
מעין.

דער נארד אסטליכער שטאט מעין פארנעהמט א שטח פון 33,040 קוואדראט מייל, 235 מייל לאנג, 205 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 768,014 נפשות, דארונטער 7,387 אידען. די הויפט־שטאדט איז אגוסטא. ער ליעגט צווישען קענעדע, אטלאנטישען ים און שטאט ניו העמפשייר. מעין איז באריהמט מיט זיינע פיש און גרויסארטיגע וועלדער. דער קלימאט איז א קאלטער און א טרוקענער. דארט זיינען דא גוטע סקוהלס. די דארטיגע באפעלקערונג איז פון די אלטע יענקים.

MARYLAND.
מערילענד.

מערילענד איז איינער פון די אריגינעלע 13 שטאטען, וואס מיט זיי האט זיך געגרינדעט די רעפובליק. מערילענד פארנעהמט א שטח פון 12,327 קוואדראט מייל, 200 מייל לאנג, 120 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 1,449,681 דארונטער 62,652 אידען. די הויפט־שטאדט איז אנאפאליס. ניט קוקענדיג אויפ'ן קליינעם שטח, וואס דער דאזיגער שטאט פארנעהמט, איז ער זעהר גרויס אין נאטירליכע רייכטהימער. דער באדען איז זעהר א פעטער און גיט ארויס א סך תבואה און פרוכטען, אויך א סך קויהלען און אייזען איז דא אין באדען.

דער שטאט האט א גינסטיגע פאזיציע ביים אטלאנטישען ים, צווישען די סאוט און איסט. די קאנאלען, און אויך די אייזענבאהנען, וואס געהען נאך פילאדעלפיע און ניו יארק, האבען א סך געהאלפען דער ענטוויקלונג פון די נאטירליכע רייכטהימער פון מערילענד. באלטימאר איז די גרעסטע שטאדט פון מערילענד. זי האט א באפעלקערונג פון 733,826 נפשות, דארונטער 60 טויזענד אידען. זי איז די 8־טע גרעסטע שטאדט אין אמעריקא.

קאמבערלאנד, פרעדעריק, הייגערסטאן און אנאפאלים זיינען די נעקסטע וויכטיגסטע שטעדט פון דעם דאזיגען שטאט. דער קלימאט איז א מילדער.

MASSACHUSETTS
מעסעטשוזעטס.

מעסעטשוזעטס איז אויך איינער פון די 13 אָריגינעלע שטאַטען. ער פאַר־נעהמט א שטח צווישען ניו יאָרק, רהאָוד איילענד, ניו העמפּשייר, קאָנעקטיקוט און דעם אַטלאַנטישען ים, — פון 8,266 קוואדראט מייל, זיין עקסטרעמע לענג איז 190 מייל, זיין עקסטרעמע ברייט— 110 מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 3,852,356, דארונטער 189,671 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז באָסטאָן, וועלכע האָט א באַפעלקערונג פון 748,060, דאַ־רונטער 77,500 אידען. באָסטאָן איז די גרעסטע שטאָדט פון שטאַט מעסע־טשוזעטס און די 7־טע גרויסע שטאָדט אין אַמעריקא.

באָסטאָן רופט מען "די עטהענס פון אַמעריקא", דערמיט וויל מען באַצייכענען, אז באָסטאָן איז א שטאָדט פון בילדונג און אינטעליגענץ. מעסע־טשוזעטס איז בכלל א שטאַט פון בילדונג, באַהנען און פאַבריקען, דאָרט זיינען דאָ וואָל און בוימוואָל פאַבריקען, פאַב־ריקען פון שיך, אייזענוואַרג, מאַשינען, פּאַפּיר, ראָבער, זיידענצייג, מעבעל, קאַר־פּעטס, גלאָז, אָטאָמאָבילען, שריפט, לאָ־קאָמאָטיווען, זייגערס, קנעפּ, האָלץ־כלים, גיעטאָלענע כלים, קונסטווערק און אז. וו. דער שטאַט האָט אויך באַדייטענדע שטעדט אויסער באָסטאָן: וואָוסטער, לאָועל, פּאָל־ריווער, קיימברידזש, לין, לאָורענס, סיילעם, ניו־בעדפאָרד און אַנ־דערע. דער באָדען איז ניט קיין פעטער, דער קלימאַט ניט גאָר גינסטיג, דאָך, א דאַנק די פעהיגקייטען פון דער באַפעל־קערונג, איז מעסעטשוזעטס געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע שטאַטען.

MICHIGAN.
מישיגען.

דער שטאַט מישיגען פאַרנעהמט א שטח פון 57,980 קוואדראט מייל, 400 מייל לאַנג, 310 מייל ברייט, צווישען די גרויסע לייקס (אָזערעס) סופּיריאָר, יוראָן, מישיגען, סט. קלעיר און אירי, און צווי־שען די שטאַטען וויסקאָנסין, אָהאַיאָ און אינדיאַנא. מישיגען האָט א באַפעלקע־רונג פון 3,668,412 נפשות, דארונטער 63,254 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז לענסינג.

דער דאָזיגער שטאַט האָט א סך וואַלד, פּיטשעס, געהילץ און פיש. דאָרט זיי־נען דאָ פאַבריקען פון מעבעל און זעג־מיהלען. מישיגען גיט אַרויס די בעסטע אייזען אין אַמעריקא. די מיינס אין קאַלורעט גיבען אַרויס א אויסערגעוועהנ־ליך גוטען סאָרט קופּער, וואָס איז שווער צו געפינען ערגיץ אַנדערשוואו אין דער וועלט. דער דאָזיגער שטאַט פאַרמאָגט א שטיק לאַנד פון 8 טויזענד קוואדראט מייל שטיין־זאַלץ, וואָס איז אַרום 2 טוי־זענד פוס טיף און קאָן באַזאָרגען די גאַנצע מענשהייט מיט זאַלץ. אין מי־שיגען איז דאָ די בעסטע שטיין קויהלען, גיפּס, קליי. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: דעטראָיט, גרענד רעפּידס, בעי סיטי, איסט סאַגינא, זשעקסאָן, מאַש־קעגאָן, סאַגינא, ען אַרבאָר און אַנדערע. דעטראָיט האָט א באַפעלקערונג פון 993,739, דארונטער 50 טויזענד אידען. זי איז די 4־טע גרויסע שטאָדט אין אַמעריקא.

MINNESOTA.
מינעסאָטא.

מינעסאָטא איז א שטאַט אין נאָרד־וועסט, וואָס פאַרנעהמט 84,682 קוואַד־ראַט מייל, 400 מייל לאַנג, 350 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 2,387,125, דארונטער 31,462 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז סט. פּאָל. דער שטאַט געפינט זיך צווישען לייק סופּי־ריאָר, אייאָווא, די דאַקאָטאס, וויסקאָנסין און קענעדע. אין מינעסאָטא געפינען זיך די גרעסטע וועלדער, וואָס גיבען

מאַטעריאַל אויף פּאַפּיר, מעבעל און ד. ג. דער שטאַט איז באַריהמט מיט זיינע וואַסערן. דער גרויסער טייך מיסיסיפּי הויבט זיך אָן אין מינעסאָטאַ פון לייק איטאַסקאַ. מינעסאָטאַ האָט נאָך אַנדערע טייכען און ארום זיבען טויזענד אָזערעס. מינעסאָטאַ איז אַן אַגריקולטור שטאַט. די פּראָדוקטען זיינען ווייץ, קאָרן, גערשטען, בעבלאַך, ארבעס, פלאַקס, צוקער, טאַבאַק, עפּעל און גרייפּס. דאָרט זיינען אויך פאַרהאַן גרויסע מיהלען און זעג־מיהלען. די מעהל פון דולוטה ווערט צושיקט איבער דער גאַנצער וועלט. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: סט. פּאָול (קעפּיטאָל), מינעאַפּאָליס, ווינאָנא און סטילוואָטער.

MISSISSIPPI.
מיסיסיפּי.

מיסיסיפּי איז א דרום שטאַט צווישען דעם ברעג ים פון מעקסיקאָ און די שטאַטען לואיזיאַנאַ, ארקאַנזאַ, טענעסי, אַלאַבאַמאַ. דער שטאַט פאַרנעהמט 46,865 קוואַדראַט מייל, 340 מייל לאַנג, 180 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 1,790,618, דארונטער 3,881 אידען. די הויפּט שטאָדט אין דזשעקסאָן. דער נאָמען מיסיסיפּי שטאַמט פון טייך מיסיסיפּי, וואָס פליסט פאַרביי דעם שטאַט אויף א שטרעקע פון 5 הונדערט מייל לאַנג. די פּראָדוקטען פון דעם דאָזיגען שטאַט זיינען: בוימוואָל, צוקער, אָראַנזשען, איילבערטען, ניס, ווייץ, קאָרן און אַנדערע זאָרטען תבואה און פרוכטען.

אין מיסיסיפּי זיינען דאָ זומפּען אין מאַנכע פלעצער, וואו דער קלימאַט איז ניט קיין געזונטער. די גרעסטע העלפט פון דער באַפעלקערונג באַשטעהט פון שווארצע. די וויכטיגסטע שטעדט פון שטאַט זיינען: וויקסבורג, מערידיען, נאַטשעטז און דזשעקסאָן (קעפּיטאָל). דער קלימאַט איז א גאַנץ וואַרימער אין דרום זייט פון שטאַט און קיהלער אין דער נאָרד זייט, פרעסט טרעפען דאָרט גאַנץ זעלטען אפילו אין נאָרד פון שטאַט.

MISSOURI.
מיזורי.

מיזורי איז א צענטראַל שטאַט צווישען אילינאָי, קענטאָקי, טענעסי, אייאָווא, אַרקאַנזאַ, וואָס פאַרנעהמט 69,420 קוואַדראַט מייל, 300 מייל לאַנג, 280 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 3,404,055, דארונטער 80,807 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז דזשעפערסאָן סיטי. דער מיסיסיפּי ריווער געהט ביים ברעג פון שטאַט, דער מיזורי ריווער צוטיילט דעם שטאַט אויף נאָרד און סאָוט. דער קלימאַט איז ווינטער זעהר קאַלט און זומער זעהר וואַרים.

מיזורי איז א שטאַט פון אַגריקולטור, מיינינג און פאַבריקאַציע. מיזורי האָט אייזען, בליי, קופּער, קויהלען, ווייץ, קאָרן, גערשטען, היי, האָבער, טאַבאַק און א סך בהמות. דער שטאַט עקספּאָרטירט א סך פליישען. סט. לואיס איז די גרעסטע שטאָדט אין מיזורי, מיט א באַפעלקערונג פון 772,897, דארונטער 60 טויזענד אידען און די 6טע גרויסע שטאָדט אין אַמעריקאַ. די איבעריגע גרויסע שטעדט זיינען: קענזעס סיטי, סט. דזשאָזעף, האַניבאַל.

MONTANA.
מאָנטאַנאַ.

מאָנטאַנאַ איז א צפון שטאַט צווישען קענעדע און די שטאַטען: ווייאָמינג, איידאַהאָ, נאָרד און סאָוט דאַקאָטאַ. מאָנטאַנאַ פאַרנעהמט 146,997 קוואַדראַט מייל, 580 מייל לאַנג, 315 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 548,889 נפשות, דארונטער 2,518 אידען. די הויפּט־שטאָדט פון שטאַט איז העלענאַ. מאָנטאַנאַ איז א שטאַט פון מיינינג,

דאָרט איז דאָ גאָלד, קופער, בליי, פּראָדו־צירט אויך וואָל און פלייש. מאָנטאַנאַ קאָן זיך ניט ענטוויקלען אלס אגריקולטור שטאַט צוליב מאַנגעל אין וואַסער.

NEBRASKA.
נעבראַסקאַ.

נעבראַסקאַ איז א צענטראַל שטאַט צווישען קאָלאָראַדאָ, קענזעס, מיזורי, אייאָווא, פארנעהמט 77,520 קוואדראט מייל, 415 מייל לאַנג, 205 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 1,296,372, דארונטער 13,547 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז לינקאָלן. אין שטאַט זיינען דאָ א סך טייכען, דער גרעסטער איז דער מיזורי ריווער. דער באָדען איז זעהר א פעטער. דאָרט וואקסט ווייץ, האָבער, קאָרן, גערשטען, פלאַקס, פּרוכטען; וויינ־טרויבען און פלייש זיינען די הויפּט פּראָדוקטען פון אָט דעם גרויסען אגרי־קולטור שטאַט. אין נעבראַסקאַ איז אויך דאָ א סך פיש און שטיינקויהלען, נאָר די קויהלען ליעגען דאָרט זעהר טיף אונטער'ן באָדען. אָמאַהאַ, לינקאָלן, נעבראַסקאַ סיטי זיינען די וויכטיגסטע שטעדט. אין אָמאַהאַ איז דאָ א אידי־שע קהלה פון 10 טויזענד נפשות. די אלגעמיינע באַפעלקערונג איז 210 טוי־זענד.

NEVADA.
נעוואַדאַ.

נעוואַדאַ איז א שטאַט פון דער וועי־טער וועסט צווישען קאַליפאָרניא, אָרע־גאָן, איידאַהאָ, יוטאַ און אריזאָנאַ, פאר־נעהמט 10,690 קוואדראט מייל, 485 מייל לאַנג, 315 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 77,407 נפשות, דארונ־טער 503 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז קארסאָן סיטי. נעוואַדאַ איז אן אָרט פון בערג און מדבר, עס זיינען אָבער אויך דאָ פּרוכטבארע ערטער, וואו עס וואַקסט ווייץ, האָבער, היי, גערשטען און קארטאָפעל.

NEW HAMPSHIRE.
ניו העמפּשייר.

ניו העמפּשייר איז א ניו ענגלאנד שטאַט צווישען מעין, ווערמאָנט און דעם אטלאַנ־טישען אָקעאַן, פארנעמט א שטח פון 9,341 קוואדראט מייל, 185 מייל לאַנג, 90 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 443,083, דארונטער 3,257 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז קאָנקאָרד. ניו העמ־פּשייר איז א שטאַט פון פאַבריקאַציע. די שטעדט מאַנטשעסטער, דאָווער, נאַשוא און גרייט פאָללס פארמאָגען פיעל פאַב־ריקען. דער שטאַט האָט אויך מיינס פון אייזען, קופער, צינק און אויך גאָלד און זילבער אין א קליינער מאָס. ניו העמפּ־שייר איז אויך אן אגריקולטור שטאַט, וואָס פּראָדוצירט קאָרן, ווייץ, גערשטען, האָבער, היי און קארטאָפעל. אין ניו העמפּשייר זיינען דאָ אייזענבאַהנען, גרוי־סע בענק, סקוהלס, ביבליאָטעקען און גאָר באַדייטענדע ערציהונגס אנשטאַלטען.

NEW JERSEY.
ניו דזשוירסי.

ניו דזשוירסי איז איינער פון די אָרי־גינעלע 13 שטאַטען פון דער רעפּובליק, ער געפינט זיך צווישען דעם אטלאַנטי־שען ים און די שטאַטען ניו יאָרק, פּענ־סילווייניא און דעלאַוועיר. דער דאָזי־גער שטאַט פארנעהמט 8,224 קוואדראט מייל, 160 מייל לאַנג, 70 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 3,155,900 נפשות, דארונטער 149,476 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז טרענטאָן.

ניט קוקענדיג אויף זיין קליינעם שטח, איז ניו דזשוירסי א מעכטיגער שטאַט מיט גרויסע פאַבריקען און גע־שעפטען, מיט גרויסע פּאָרטען און טיי־כען, מיט קאָלעדזשעס און אוניווערזיטע־טען, מיט גרויסע שטעדט און פארמס, וואָס גיבען ארויס פיעל ווייץ, קארטאָ־פעל, קאָרן, היי, פּרוכטען און עופות. אין אָט דעם רייכען שטאַט זיינען דאָ

פאבריקען פון מאשינען, שיך, טוך, הוט, פאפיר, גאלד־זאכען, נעה־מאשינען, צוקער, סיראפ, ראבער ארטיקלען, וואלענע סחורות, כעמישע שטאפען, מעדיצינען און אז .וו. די וויכטיגסטע פאבריק שטעדט זיינען: נוארק, עליזאבעטה, פעטערסאן, פאסייק, האבאקען, דזשוירסי סיטי, פארט עמבאי. קעמדען איז א גרויסע שטאדט ביים דעלאווער ריווער קעגענאיבער פילאדעלפיע, אראנדזש איז באוואוסט אלס פלאץ, וואו טהאמאס עדיסאן מאכט זיינע עקספערימענטען. אין ניו דזשוירסי זיינען דא פיעל אידישע פארמס און די בארימהטע אידישע שטעדטעל וואודביין, וואו עס איז געווען באראן הירש אגריקולטור שוהל. ניו דזשוירסי איז אויך באקאנט אלס נעסט פון ריזיגע קארפארייזשאנס, טראסטס און מאנאפאליעס.

NEW MEXICO.
ניו מעקסיקא.

ניו מעקסיקא איז ערשט אין יאהר 1912 געווארען א שטאט, ביז יענער צייט איז ניו מעקסיקא געווען א טעריטאריע. דער דאזיגער שטאט פארנעהמט א שטח פון 122,634 קוואדראט מייל, 390 מייל לאנג, 350 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 360,350 נפשות, דארונטער 858 אידען. די הויפט־שטאדט איז סאנטא־פעי. ניו מעקסיקא איז אן ארט פון גרויסע בערג און טייכען. דער באדען פון ניו מעקסיקא איז רייך אין זילבער, קופער און אנדערע מעטאלען. דער שטאט האט אויך קויהלען. די פאבריקאציע איז דארט ניט באדייטענד. אגריקולטור קאן זיך דארט ניט ענטוויקלען, מחמת דארט רעגענט גאנץ ווייניג. דארט זיינען אבער דא גרויסע פעלדער, וואו עס וואקסט פאשע פאר בהמות. ווען דאס לאנד זאל באוואסערט ווערען, ערווארט ניו מעקסיקא א גרויסע צוקונפט.

NEW YORK.
ניו יארק.

דער שטאט ניו יארק איז דער גרעסטער אין באפעלקערונג, רייכטהום, האנדעל און אינדוסטרי פון אלע פאראייניגטע שטאטען. זיין שטח איז 49,204 קוואדראט מייל, 320 מייל לאנג, 310 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 10,384,829 נפשות, דארונטער 1 מיליאן מיט 603,923 אידען. די הויפט־שטאדט (קעפיטאל) איז אלבאני.

די באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז פאבריקאציע, האנדעל, אגריקולטור, באנק־געשעפט, שיפינג און אויך מייניגג. חוץ דעם, וואס דער שטאט ניו יארק איז דער גרעסטער שטאט אין פאבריקאציע און האנדעל, איז ער אויך איינער פון די וויכטיגסטע אגריקולטור שטאטען. אין דעם דאזיגען שטאט איז דא א סך פארמס. ניו יארק שטאט פארמאגט אויך מעטאלען און מינעראלען. די געאגראפישע לאגע פון שטאט ניו יארק איז זעהר א גינסטיגע. ער איז ארומגערינגעלט פון קענעדע, לייק אנטעריא, אטלאנטישען אקעאן, ווערמאנט, מעסעטשוזעטס, קאנעקטיקוט, ניו דזשוירסי און פענסילווייניא. דער אירי לייק פארבינדעט ניו יארק מיט די שטאטען אין דער וועסט דער אטלאנטישער אקעאן פארבינדעט איהם מיט אלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט. דער האדסאן ריווער, דער בלעק ריווער, דער מאוהאק און אייניגע אנדערע טייכען האבען דעם דאזיגען שטאט געגעבען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען נאך איידער אייזענבאנען זיינען געווען גוט ענטוויקעלט.

דער קלימאט אין ניו יארק שטאט איז פארשידען אין נארד, ווי אין סאוט. אין די אדיראנדעק בערג און אין די קעטסקילס איז א סך קעלטער ווי אין שטאדט ניו יארק און די שטעדלאך ארום. דער ווינטער קומט דארט פריהער און האלט

אַן לענגער. אין די געגענדען פון די אדיראָנדעקס בערג פאַלט אַן א שניי אויף 3-4 פוס טיף, בעת אין דער דרום זייט פון שטאַדט איז דער ווינטער פיעל שוואַכער. אין לאָנג איילענד איז דער קלימאַט מעסיגער זומער ווי ווינטער. אויף דעם דאָזיגען לאַנגען אינזעל איז זומער ניטאָ קיין גרויסע היצען, ווינטער איז די קעלט שוואַכער, מחמת לאָנג איילענד איז ארומגערינגעלט פון אטלאַנטישען אָקעאַן און פון לאָנג איילענד סאונד און די ווינטען פון די ים וואַסערן שוואַכען אָב זומער די היץ און ווינטער די קעלט.

אויסער דער שטאַדט ניו יאָרק, וועלכע האָט א באַפעלקערונג פון 5,620,048, דארונטער א מיליאָן מיט א האַלב אידען, און איז די גרעסטע שטאַדט אין אמעריקאָ און די צווייטע גרעסטע שטאַדט אין דער וועלט, זיינען דאָ אין שטאַט ניו יאָרק אנדערע גרויסע האַנדעלס שטעדט, ווי באַפאַלאָ, ראָטשעסטער, סיראַקיוז, סקענעקטעדי, אָלבאַני, טראָי און אנדערע.

NORTH CAROLINA.
נאָרטה קאַראָליינאַ.

דער שטאַט נאָרטה קאַראָליינאַ פאַרנעהמט 52,426 קוואַדראַט מייל, 520 מייל לאַנג, 200 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 2,559,123 נפשות, דאַרונטער 4,915 אידען. די הויפט שטאַדט איז רעלעי. נאָרטה קאַראָליינאַ איז אַן אגריקולטור שטאַט אָהן גרויסע שטעדט, ניט אכטענדיג דארויף, וואָס דער דאָזיגער שטאַט איז ביים אטלאַנטישען ים און איז ארומגערינגעלט פון אַזעלכע באַפעלקערטע שטאַטען, ווי ווירדזשיניא און סאַוט קאַראָליינאַ. דער קלימאַט איז דאָרט פארשידען. אין צפון טייל אויף די בערג איז ווינטער קאַלט, אין דרום טייל פון שטאַט איז וואַרים. בכלל איז דאָרט דער קלימאַט א גוטער. נאָרטה קאַראָליינאַ גיט אַרוים בוימוואָל, קאָרן, ווייץ, טאַבאַק, פלייש, פּרוכטען, אויסער אָראַנזשען. אין באָדען געפינען זיך אַלערליי מינים מעטאַלען, גאָלד, זילבער, קופּער און זאָגאַר בריליאַנטען. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: ווילמינגטאָן, שאַרלאָט, ניו בערנע, עשוויל, ווינסטאָן.

NORTH DAKOTA.
נאָרטה דאַקאָטאַ.

נאָרטה דאַקאָטאַ איז א צענטראַל נאָרדליכער שטאַט צווישען קענעדע, וויסקאָנסין, סאַוטה דאַקאָטאַ און מאָנטאַנאַ. זיין שטח איז 70,837 קוואַדראַט מייל, 360 מייל לאַנג, 210 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 645,680, דארונטער 1,492 אידען. די הויפּט־שטאַדט איז ביסמאַרק. דער קלימאַט איז ווינטער זעהר קאַלט און אין מיטען זומער זעהר היים. דאָרט איז פאַרהאַן „די בעד לענדס", דאָס שלעכטע לאַנד, וואָס טויג ניט אויף צו באַארבייטען און צו וואוינען, און וועלכע לאָזען פון זיך אַרויס זעהר אָפט א שלעכטען, שעדליכען גערוך פון שוועבעל. אין באָהען זיינען דאָ אָדערן פון שטיינקויהלען, וואָס ציהען זיך אַליין אָן און רויכערן אין מאַנכע פלעצער אָהן אַן אויפהער. לויט די טייכען—דער רעד ריווער—וואָס גיסט זיך אריין אין די וואַסערן פון קענעדע, און דער מיזורי, וואָס פליסט איבער פיעל אַנדערע שטאַטען, האָט דער דאָזיגער שטאַט זיך שוין לאַנג געקאָנט ענטוויקלען אין א רייכען באַפעלקערטען שטאַט, נאָר „די בעד לענדס" און דער אומרעגעלמעסיגער קלימאַט שטערען זיין ענטוויקלונג. די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז אגריקולטור און פיה־צוכט. ארום „די בעד לענדס" זיינען דאָ א סך שטיקער לאַנד, וואָס האָבען אויסגעצייכענטע פּאַשע פאַר בהמות.

OHIO.
אָהייאָ.

דער שטאַט אָהייאָ געפינט זיך צווישען שטאַט מישיגען, לייק אירי, פּענסילווייניא, וועסט ווירדזשינא, קענטאַקי און אינדיאנאַ. זיין שטח איז 41,040 קוואדראט מייל, 230 מייל לאנג, 205 מייל ברייט, מיט א באַפּעלקערונג פון 5,759,394 נפשות, דארונטער 166,361 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז קאָלאָמבוס. אָהייאָ האָט זיך ענטוויקעלט אין א רייכען שטאַט אַ דאַנק זיינע ריווערס — לייק אירי, אָהייאָ ריווער און אַנדערע — און אויך די מאַסען גוטע שטיינקויהלען, וואָס דער שטאַט פּארמאָגט.

אָהייאָ איז איינער פון די רייכסטע שטאַטען אין דער רעפּובליק. די הויפּט באשעפטיגונג איז אגריקולטור, דאן פאבריקאציע און מיינינג. די שטעדט קליוולאנד, קאָלאָמבוס, דעיטאָן, טאָלידאָ, ספּרינגפיעלד, יאָנגסטאַן און א סך אנדערע זיינען פול מיט פאבריקען און שעפּער. דאָרט איז אויך ענטוויקעלט די שניידער אינדוסטרי. אויך סינסינעטי איז א אינדוסטריעלע שטאָדט, מיט א רייכער אידישער קהלה, מיט אַ ראַבינער סעמינאַריום. אָהייאָ האָט א סך פּאָבליק סקוהלס, קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען.

דער קלימאַט פון אָהייאָ ענדערט זיך פון גאנץ קאלט אין ווינטער אויף גאנץ ווארים אין זומער. די גרויסע קעלטען ווינטער האַלטען אָבער ניט אָן גאנץ לאנג. אין א פּאָר שעה פארוואַנדעלט זיך א גרויסער פראָסט אין א ווארימען וועטער. אין אָהייאָ איז דאָ ווייץ, קאָרן, גערשטען, קאַרטאָפעל, פרוכטען, פלייש, קעז, פוטער, קויהלען, קעראָסין, אויך איז דאָרט די פּראָדוקציאָן פון וואָל זעהר גרויס; אין דער פּראָדוקציאָן פון אגריקולטור מאשינען שטייגט אָהייאָ איבער אלע אנדערע שטאַטען.

OKLAHOMA.
אָקלאהאָמא.

אָקלאהאָמא איז אן אגריקולטור שטאַט אין צענטראל סאוטה צווישען קאָלאָראדאָ, קענזעס, מיזורי, ארקאנזא און טעקסעס. ער פּארנעהמט 70,057 קוואדראט מייל, 585 מייל לאנג, 210 מייל ברייט, מיט א באַפּעלקערונג פון 2,028,283 מענשען, דארונטער 5,186 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז אָקלאהאָמאַ סיטי. אין אָקלאהאָמא זיינען דאָ די אזארק בערג, וואָס זיינען באדייטענד הויך און ענטהאלטען מעטאַלען און מינעראַלען. דאָרט זיינען אויך דאָ פּריירים (סטעפּעס) און קליינע טייכלאך. אָקלאַהאָמאַ פּארמאָגט א סך בהמות. די הויפּט פּראָדוקטען זיינען— בוימוואָל, ווייץ, אינדיען קאָרן, ברום קאָרן, קאַסטאָר בעבלאך און אז. וו. אָקלאהאָמאַ האָט אויך קויהלען, קעראָסין, בליי, צינק, גיפּס, סלייט און א סך אנדערע מעטאַלען און מינעראלען. אין דעם דאָזיגען שטאַט זיינען אויך דאָ גרויסע וועלדער מיט טהייערע נים בוימער, האַרדוואוד בוימער און אז. וו. אָקלאַהאָמאַ איז אַ גאַנץ יונגער שטאַט און האָט א ראדיקאלע קאָנסטיטוציע. פרויען האָבען דאָרט א סך פּריווילעגיען. אָקלאַהאָמאַ איז געוואָרען א שטאַט ערשט אין יאָהר 1907.

OREGON.
אָרעגאָן.

אָרעגאָן איז אַ גרויסער שטאַט פון 96,699 קוואדראט מייל, 375 מייל לאנג, 290 מייל ברייט, מיט אַ באַפּעלקערונג פון 783,389 מענשען, דאַרונטער 9,767 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז סיילעם. דער דאָזיגער שטאַט איז ביים ברעג פון שטילען אָקעאן, גרענעצט זיך מיט קאַליפאָרניא, נעווואדא, איידאַהאָ און וואשינגטאָן שטאַט. אין אָרעגאָן איז דאָ מאַסען געהילץ, תבואה, גאָלד, זילבער, קופּער, ניקעל, פּלאַטינום, צעמענט און קויהלען.

אָרעגאָן קאָן שפּייזען צעהנדליגע מיליאָנען מענשען. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: פּאָרטלאַנד, אסטאָריא, אָרעגאָן סיטי און אנדערע.

PENNSYLVANIA.
פּענסילוויניא.

פּענסילוויניא איז דער צווייטער רייכסטער שטאַט אין דער רעפּובליק. ער פאַרנעהמט א שטח פון 45,126 קוואדראט מייל, 300 מייל לאַנג, 180 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 8,720,017 נפשות, דארונטער 322,406 אידען. די הויפּט־שטאָדט (קעפּיטאָל) איז העריסבורג. דער דאָזיגער שטאַט גרענעצט זיך מיט'ן אטלאַנטישען אָקעאַן, ניו דזשוירסי, ניו יאָרק, אָהייאָ, דעלאַווער, מערילענד, און וועסט ווירדזשיניא. דער שטאַט פאַרמאָגט א סך נאַטירליכע אוצרות, דאָרט געפינען זיך די בעסטע און ווערטפולסטע קויהלען גרובען פון אמעריקא. דאָרט איז אויך דאָ אייזען און קעראָסין קוואלען. פּענסילוויניא איז א שטאַט פון בערג און טהאָלען, וואָס זיינען פול מיט מעטאַלען און מינעראַלען. אין די אגריקולטור ראיאָנען איז דער באָדען זעהר א פעטער, דאָרט וואַקסען ארום זעקס הונדערט מינים פלאַנצונגען, דאָרט וואַקסט ווייץ, האָבער, גערשטען, קאַרטאָפעל, טאָמייטאָס, פּיטשעס, עפּעל און א סך אנדערע פּרוכטען. אין דעם דאָזיגען שטאַט איז אויך די פאַבריקאציע העכסט ענטוויקעלט—נעקסט צו ניו יאָרק. דאָרט איז אומגעהויער ענטוויקעלט די אייזען אינדוסטרי. פּיטסבורג רופט מען די אייזענשטאָדט, דאָרט געפינען זיך די ריזיגסטע אייזען און שטאָהל פאַבריקען.

אין פּענסילוויניא, באַזונדערס אין פילאדעלפיא, האָט זיך ענטוויקעלט די קליידער אינדוסטרי, דאָרט זיינען דאָ א סך פאַבריקען פון בוימוואָל און וואָל סחורות. אין פילאדעלפיא איז דאָ די באַלדווין לאָקאָמאָטיוו פאַבריק, וואָס איז אפשר די גרעסטע פאַבריק פון דעם דאָזיגען מין אין דער גאַנצער וועלט. פילאדעלפיא האָט א באַפעלקערונג פון 1,823,158 נפשות, דארונטער 2 הונדערט טויזענד אידען. פילאדעלפיא איז די דריטע גרעסטע שטאָדט אין אמעריקא, זי פאַרמאָגט קאָלעדזשעס און א אוניווערזיטעט. דאָרט געפינט זיך דער אידישער דראָפּסי קאָלעדזש. אין דאָילסטאָן איז דאָ די אידישע נעשאָנעל פאַרם סקוהל. אין שטאַט פּענסילוויניא זיינען אויך דאָ אידישע פאַרמערס.

PHILIPPINE ISLANDS.
די פיליפּינען.

די פיליפּינען זיינען א גרופּע אינזלען, וואָס פאַרנעהמען א שטח פון 115,026 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 10,350,640 נפשות. די דאָזיגע גרופּע אינזלען האָט אמעריקא אָבגעקויפט פון שפּאַניען נאָך דער מלחמה מיט איהר אין 1898. די פיליפּינען געפינען זיך אין דרומית־מזרחית (סאַוטה־איסט) פון אזיען. די באַפעלקערונג באַשטעהט פון טאַגאַלען, בינעזער, מאַלאַיער, קרעאָלען, יאַפּאַנעזער, שפּאַניער און אויך אייראָפּייער. אידען זיינען דאָרט דאָ 500. די פיליפּינען זיינען אן אמעריקאנישע קאָלאָניע. דער גרעסטער אינזעל פון דער גרופּע איז ליוצאָן, וואו עס געפינט זיך די הויפּט־שטאָדט מאַנילא.

PORTO RICO.
פּאָרטאָ ריקאָ.

פּאָרטאָ ריקאָ איז א רייכער, פעטער אינזעל פון די וועסט אינדיעס (הינטער קובא), וואָס אמעריקא האָט צוגענומען פון שפּאַניען נאָך דער מלחמה מיט איהר. דער שטח פון פּאָרטאָ ריקא איז 3,435 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 1,299,809 נפשות, דארונטער ארום 200 אידען. פּאָרטאָ ריקאָ פּראָדוצירט צוקער און טאַבאַק. די הויפּט שפּראַך איז שפּאַניש.

RHODE ISLAND.
רהאָוד איילענד.

רהאָוד איילענד איז דער קלענסטער שטאַט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. ער איז א ניו ענגלאַנד שטאַט פון די 13 אָריגינעלע שטאַטען. זיין שטח איז 1,248 קוואדראט מייל, 50 מייל לאַנג, 35 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 604,397 נפשות, דארונטער 20,502 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז פּראָווידענס. דער דאָזיגער שטאַט געפינט זיך צווישען מעסעטשוזעטס, קאָנעקטיקוט און דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן. דער שטאַט רהאָוד איילענד איז א רייכער, ער האָט אייזען, קויהלען, פּראַכטפולע פאַרמס און א סך פאַבריקען. די וויכטיגסטע שטאָדט איז ניו פּאָרט, וואו עס געפינט זיך איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין אַמעריקא. די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז פאַבריקאַציע.

SOUTH CAROLINA.
סאוטה קאראָליינא.

סאוטה קאראָליינא איז איינע פון די אָריגינעלע 13 שטאַטען. ער איז אין דער סאָוטה, צווישען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, נאָרטה קאראָליינא און דזשאָרזשיא. ער פאַרנעהמט א שטח פון 30,989 קוואדראט מייל, 285 מייל לאַנג, 215 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 1,683,724 נפשות, דארונטער 4,816 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז קאָלאָמביא. סאָוטה קאראָליינא איז אן אגריקולטור שטאַט. דער באָדען איז זעהר א פעטער, וואָס גיט ארויס בוימוואָל, טאַבאַק, אָראַנזשען, לעמאָנען, אַפּריקאָסען און אנדערע טייערע פּרוכטען. דאָרט וואַקסט אויך תבואה, גרינסען און פלאַקס. רייז וואַקסט דאָרט אין די זומפּיגע געגענדען, וואו עס הערשט א שטענדיגער פיבער. אויסערהאַלב די זומפּיגע געגענדען איז דער קלימאַט זעהר א מילדער און געזונטער.

צו דער דאָזיגען שטאַט באַלאַנגט א גרופּע אינזלען ביים ברעג ים, אויף פיעלע פון זיי איז דער קלימאַט אויסגעצייכענט אין אלע צייטען פון יאָהר. סאָוטה קאראָליינא איז אויך א מיינינג שטאַט, וואָס האָט גאָלד, זילבער, קופּער, אייזען און אנדערע מעטאַלען. דער דאָזיגער שטאַט האָט אויך א סך פלייש און עופות.

טשאַרלסטאָן איז די גרעסטע און וויכטיגסטע שטאָדט, דאָרט געפינט זיך איינע פון די עלטסטע אידישע קהלות אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אין יאָהר 1756 איז שוין געווען אין טשאַרלסטאָן א אידישע געמיינדע פון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען.

SOUTH DAKOTA.
סאָוטה דאַקאָטאַ.

סאָוטה דאַקאָטאַ איז א צענטראַל שטאַט צווישען נאָרטה דאַקאָטאַ, מינעסאָטאַ, אייאָווא, נעבראַסקא, וויאָמינג און מאָנטאַנא. ער פאַרנעהמט 77,615 קוואדראט מייל, 380 מייל לאַנג, 245 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 636,547 דארונטער 1,262 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז פּיערע. סאָוטה דאַקאָטאַ איז אן אגריקולטור שטאַט, ער פאַרמאָגט א סך תבואות, פלאַקס, בהמות, האָט אויך מיינס פון גאָלד, זילבער, גראַניט און מאַרבעל. דאָרט געפינען זיך אויך קוואלען פון קעראָסין און פון נאַטירליכען גאַז. דער קלימאַט איז ווינטער גאַנץ קאַלט, עס קומען פאָר מאַנכעסמאָל גרויסע פרעסט.

TENNESSEE.
טענעסי.

טענעסי איז א שטאַט צווישען נאָרטה קאראָליינא, דזשאָרדזשיא, אַלאַבאַמאַ און מיסיסיפּי, פאַרנעהמט 42,022 קוואדראט מייל, 430 מייל לאַנג, 120 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 2,337,885 נפשות, דארונטער 14,034 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז נעשוויל. די טייכען

מיסיסיפי, טענעסי און קאמבערלאנד האָבען א סך געהאָלפען דער ענטוויקלונג פון דעם שטאַט. טענעסי איז א שטאַט פון פארמעריי און מיינינג. תבואה, בוימוואָל, טאבאק, קויהלען, פינאטס, אייזען, קופּער, צינק, בליי—דאָס זיינען די הויפּט פּראָדוקטען. דאָרט זיינען אויך דאָ פאבריקען פון מאַשינען, בוימוואָל־סחורות, אייזען און שטאָהל און פאבריקען וואו מען פּרעסט ארויס אויל פון די קאַטאָן זאָמען. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: נעשוויל, מעמפיס, טשאַטאַנוגא, נאַקסוויל.

TEXAS.
טעקסעס.

דער שטאַט טעקסעס פארנעהמט א שטח פון 265,896 קוואדראט מייל צווישען מעקסיקאָ, ניו מעקסיקאָ, לואיזיאנא אר־קאנזא און דעם מעקסיקאַנישען ים, מיט א באפעלקערונג פון 4,663,228, דארונטער 30,839 אידען. זיין עקסטרעמע לענג איז 760 מייל, זיין עקסטרעמע ברייט איז 620 מייל. די הויפּט־שטאָדט איז אָוסטין. דער טייך ריאָ גראַנד פאראייניגט טעקסעס מיט'ן מעקסיקאַנישען ים. דאָרט זיינען דאָ נאָך פיעלע טייכען. טעקסעס האָט אויך א סך וועלדער און גוטען לאנד, וואָס קאָן שפּייזען צעהנדליגע מיליאָנען מענשען. דער באָדען ביים ברעג ים איז זומפּיג אָבער דער גרעסטער טייל פון שטאַט טעקסעס האָט זעהר א געזונטען און מילדען קלימאַט. דאָרט איז דאָ א סך לאנד, וואו מען קאָן ניט זייהען צוליב מאַנגעל אין וואסער, עס זיינען אָבער דאָרט דאָ גענוג ערטער, וואו עס איז דאָ גענוג רעגען און דער באָדען גיט ארויס א סך בוימוואָל, תבואות, פרוכטען, מילך פּראָדוקטען און אז. וו. טעקסעס שיקט ארויס דורך זיין פּאָרט גאַלוועסטאָן מאַסען בהמות, פעל און וואָל. דער שטאַט האָט א סך אייזענבאַהנען. די הויפּט האַנדעל שטאָדט איז גאַלוועסטאָן. די שטעדט סאן אַנטאָניא, על פאזאָ, פּאָרט וועין, לארעדא, זיינען שטעדט ביי דער גרענעץ פון מעקסיקאָ. טעקסעס האָט אויך קויהלען, אייזען און אנדערע מעטאַלען. אין מאַנכע ערטער זיינען דאָ מיינס פון גאָלד און זילבער, זיי ברענגען אָבער ניט קיין גרויסע פּראָפיטען.

UTAH.
יוטאָה.

יוטאַ איז א מערב (וועסטערן) שטאַט צווישען וויאָמינג, קאָלאָראדאָ, אריזאָנא און נעוואדא, וואָס פארנעהמט 84,990 קוואדראט מייל, 345 מייל לאנג, 275 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 449,396, דארונטער 3,737 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז סאָלט לייק סיטי. יוטאה איז א שטאַט מיט הויכע בערג, מיט טהאָלען, מיטווילדע חיות און שלאַנגען. סאָלט לייק סיטי, אגדען, פּראָווא און לאגאן זיינען די באדייטענדסטע שטעדט. די גרעסטע איז סאָלט לייק סיטי. אין יוטאָה וואוינען די מארמאָנען, וואָס האָבען צו עטליכע ווייבער. ערד ארבייט און מיינינג זיינען די הויפּט באשעפטיגונגען. דאָרט זיינען דאָ גרובען (מיינס) פון זילבער און בליי.

VERMONT.
ווערמאָנט.

ווערמאָנט איז א ניו ענגלאנד שטאַט צווישען קענעדע, ניו העמפשייר, מעסע־טשוזעטס און ניו יאָרק. ער פארנעהמט 9,564 קוואדראט מייל, 155 מייל לאנג, 90 מייל ברייט, מיט א באפעלקערונג פון 352,428, דארונטער 2,221 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז מאָנטפּעליער. די הויפּט באשעפטיגונג איז אגריקולטור, פּאבריקאַציע און פישעריי. ווערמאָנט האָט א סך קליינע טייכען. רוטלענד, בוירלינגטאָן, סט. אלבאנס, בענינגטאָן און ברעטל באָראָ, זיינען באדייטענדע שטעדט־לאך.

VIRGINIA.
ווירדזשיניא.

ווירדזשיניא איז איינער פון די אָריגינעלע 13 שטאַטען, ער פאַרנעהמט א שטח, צווישען אַטלאַנטישען אָקעאן, וועסט ווירדזשיניא, קענטאָקי, נאָרטה קאַראָליינא און טענעסי, ער פאַרנעמט א שטח פון 42,627 קוואַדראַט מייל, 425 מייל לאַנג, 205 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 2,309,187 נפשות, דאַרונטער 15,403 אידען. ווירדזשיניא איז אן אגריקולטור און מיינינג שטאַט, וואָס גיט ארויס טאַבאַק, בוימוואָל, קאָרן, ווייץ און אנדערע מאַסען תבואה און פרוכטען; קויהלען, אייזען, גראַניט, גאָלד, זילבער, קופער, מאַסען פיש און עופות. דער שטאַט, פאַרמאָגט א סך טייערע וואלד, שוועבעל, אָלים, מאַרבעל, גיפס, זאַלץ, הייסע און קאַלטע קוואַלען פון מינעראַל וואַסער. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: ריטשמאָנד (קעפיטאָל), נאָרפאָלק, פעטערסבורג, לינשבורג.

WASHINGTON.
וואַשינגטאָן.

וואַשינגטאָן איז דער וויטסטער שטאַט פון דעם נאָרד־וועסט (צפון מערב) צווישען דעם שטילען ים, קענעדע, שטאַט איידאהאָ און אָרעגאָן, פאַרנעהמט 69,127 קוואַדראַט מייל, 340 מייל לאַנג, 230 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 1,356,621 דאַרונטער 9,117 אידען. די הויפט־שטאָדט איז אָלימפּיאַ. די קאַסקייד בערג צוטיילען דעם שטאַט אויף צוויי טייל, וועלכע זיינען פאַרשיידען אין קלימאַט. אין מערב זייט פון די בערג רעגענט פון מאי ביז אָקטאָבער. אין מזרח זייט רעגענט וועניגער און דער קלימאַט איז אן אויסגעצייכענטער. זומער איז קיהל און אַנגענעהם. דער קאָלאָמביא ריווער. דער אָקאַנאַגאַן און סנעיק ריווערס און אנדערע, באַוואַסערן דעם שטאַט. אין דעם קאָלאָמביא ריווער איז דאָ די בעסטע לאַקס אין דער וועלט. אין יענע טייכען זיינען דאָ א סך אנדערע גוטע מינים פיש. דער שטאַט האָט אויך קויהלען, אייזען, גאָלד, זילבער, קופער, גרויסע געדיכטע וועלהער מיט די טהייערסטע מינים געהילץ; דער שטאַט פאַרמאָגט אויך תבואה, טאַבאַק. בוימוואָל, עופות, מילך פּראָדוקטען און פרוכטען. די גרויסע וועלדער מיט די טייכען און פּאָרטען האָבען ענטוויקעלט די אינדוסטרי פון שיפען געבוי.

סיאַטעל איז די וויכטיגסטע שטאָדט פון שטאַט וואַשינגטאָן און איז אפשר די געזונטסטע שטאָדט אין אמעריקאַ, די שטערבליכקייט איז האָרט א קליינע.

WEST VIRGINIA.
וועסט ווירדזשיניא.

וועסט ווירדזשיניא פאַרנעהמט א שטח צווישען ווירדזשיניא, קענטאָקי, אָהייאָ, פּענסילוויינא און מערילענד, פון 24,170 קוואַדראַט מייל, 225 מייל לאַנג, 200 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 1,463,701 נפשות, דאַרונטער 5,129 אידען. די הויפט־שטאָדט איז טשאַרלסטאָן. וועסט ווירדזשיניא איז אן אגריקולטור שטאַט, ער האָט אויך קויהלען, זאַלץ און גרויסע געדיכטע וועלדער. די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: ווהילינג, פּאַרקערסבורג, טשאַרלסטאָן גראַפטאָן.

WISCONSIN.
וויסקאָנסין.

וויסקאָנסין איז א נאָרד־איסטערן (צפונית־מזרחית) שטאַט צווישען די לייקס מישיגען, סופּיריאָר, מישיגען שטאַט, מינעסאָטאַ, אייאָוואַ און אילינאָי, פאַרנעהמט 56,066 קוואַדראַט מייל, 300 מייל לאַנג, 290 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 2,632,067, דאַרונטער 28,531 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז מעדיסאָן. אין מילוואָקי, וועלכע איז די וויכטיגסטע שטאָדט אין האַנדעל און פאַבריקאַציע,

איז דאָ א גרויסע אידישע קהלה. מיל־וואָקי געפינט זיך ביים לייק מישיגען, נים וויים פון שיקאגאָ. אין וויסקאָנסין איז דאָ זעהר פיעל יאגדעס: קרעמבעריס, בלעקבעריס און אז. וו. דאָרט איז אויך דאָ מאסען געהילץ, תבואה, קויהלען, פיש. פאר דער פּראָהיבישאָן גזירה זיינען דאָרט געווען פיעל ביר־ברויעריייען.

WYOMING.
ווייאָמינג.

דער שטאַט ווייאָמינג פארנעהמט א שטח פון 97,914 קוואדראט מייל, 365 מייל לאנג, 275 מייל ברייט, מיט א באַפעלקערונג פון 194,402 נפשות. דארונטער 498 אידען. די הויפּט־שטאָדט איז טשייען. ווייאָמינג איז ארומגערינגעלט פון קאָלאָראדאָ, יוטאה, איידאהאָ, מאָנטאַנא, נאָרטה דאקאָטאַ און נעבראסקא. דער שטאַט האָט הויכע בערג (די ראָקי מאָונטיינס) מיט ריזיגע וועלדער, מיט מעטאלען און מינעראלען, וואָס זיינען נאָך נים גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרען. די באַפעלקערונג איז א שיטערע. דער יעללאָו סטאָון פּאַרק איז איינער פון די וואונדער פון שטאַט ווייאָמינג און פון די נאַטורס וואונדער בכלל.

פון וואנען שטאמען די נעמען פון די שטאַטען?

פון אונזערע 48 שטאַטען, וואָס בילדען די אמעריקאנישע רעפּובליק, זיינען 25 נעמען פון אינדיאנישען אורשפּרונג, 12 ענגלישע, 6 שפּאַנישע, 3 פראנצויזישע און 2, פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, מוזען באצייכענט ווערען פאר אמעריקאַנישע.

ניו־העמפּשייר האָט דעם דאָזיגען נאָמען באקומען אין יאָהר 1629 נאָך דעם נאָמען פון דער ענגלישער גראפשאפט, פון קאפּיטאן דזשאָן מייסאָן, וואָס האָט געהאַט א פּאטענט (דער פּאטענטי) פון דער פּלימוט קאמפּאני.

רהאוד איילאנד פארדאנקט זיין נאָמען דעם האָלענדישען ים־פאָהרער אדריאן בלאָק, וואָס האָט אין יאָהר 1614 ענטדעקט אן אינזעל פון א פייערדיגען אויסזעהן און האָט איהם א נאָמען געגעבען „ראָטהע אינזעל" — רויטער אינזעל. מיט דער צייט איז דאָס וואָרט „ראָטהע" פארוואנדעלט געוואָרען אין „רהאוד", — „רהאָדע איילענד". אנדערע ווידער באהויפּטען, אז אין יאָהר 1644 האָט דער גענעראל געריכט פון דער דאָזיגער קאָלאָניע אויסגעקליבען דעם דאָזיגען נאָמען נאָך דעם אינזעל רהאָדעס.

דער שטאַט ניו יאָרק, ווי באוואוסט, האָט צוערשט געהייסען ניו־נידהערלאנדס, בעת די שטאָדט ניו יאָרק האָט געהייסען ניו־אמסטערדאם. שפּעטער איז דער נאָמען געענדערט געוואָרען אויף ניו יאָרק, צו עהרע פון דעם הערצאָג אוו יאָרק (1664), וועלכער האָט באקומען דעם פּאטענט, די פּריווילעגיע פון זיין ברודער, קעניג טשארלז דעם 2־טען פון ענגלאנד, און האָט געשיקט אן עקספּעדיציע, וואָס האָט צוגענומען ניו־נידהערלאנדס.

ניו דזשוירסי: — אין יאָהר 1664 האָט דער הערצאָג פון יאָרק, פון ענגלאנד, געגעבען א פּריווילעגיע לאָרד דזשאָן בערקעלי, און סער דזשאָרדזש קאַרטערעט אויף די גרעניצען, וואָס זיינען אנגערופען גע־

וואָרען נעווא קאעזאריע, אָדער ניו דזשוירסי. קאעזאריא, אָדער קאעזארייע, איז געווען דער פארצייטיגער נאָמען פון דעם אינזעל דזשוירסי פון וועלכען קאר־טערעט איז געווען אדמיניסטראַטאָר.

פענסילווייניא: — פענן־סילוואַניא — פון פענן און סילווא, צוויי לאטיינישע ווערטער פאר וועלדער, גרופען פון וועל־דער; דאָס איז דער נאָמען צו עהרע פון וויליאם פענן, וועלכער האָט אין 1681 באקומען די פּריווילעגיע אויף יענעם שטיק לאנד פון ענגלישען קעניג טשארלז דעם 2־טען פאר א חוב, וואָס די בריטישע רעגירונג איז שולדיג געבליבען זיין פאָ־טער. וויליאם האָט יענעם לאנד א נאָמען געגעבען סילווייניא און דער קעניג האָט מוסיף געווען „פענן“.

דער שטאט דעלאַוועיר טראָגט דעם נאָמען פון דעם ענגלישען לאָרד דע לא וואַרר, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר פון ווירדזשיניא און האָט אין יאָהר 1630 געמאַכט א פאָרשונגס רייזע איבער דעם דאָרטיגען ים־אויסגוס.

מערילאַנד טראָגט דעם נאָמען פון טשארלז דעם ערשטענס קאטוילישער פרוי, קעניגין הענריעטא מאריע (מערי), די טאָכטער פון הענרי פון נאַווארע.

די שטארקע נייגונג פון די ערשטע ענגלישע קאָלאָניסטען צו פאראייביגען אין זייערע קאָלאָניעס קעניגליכע נעמען, צייגט זיך ווייטער ארויס אין די נעמען פון ווירדזשיניא, קאראָליינא און דזשאָר־דזשיא שטאטען.

ווירדזשיניא טראָגט דעם נאָמען פון עליזאַבעט, די טאָכטער פון ענגלישען קע־ניג הענרי דעם 8־טען, וועלכע די הויף לייט פלעגען אמאָל רופען „דהי וואויר־דזשין קווין אוו אינגלענד“.

עס איז ניט גאנץ קלאָר נאָך וועלכען קעניג קארל די קאראָליינא שטאטען ווע־רען אָנגערופען. אין יאָהר 1663 האָט מען אויסגעפונען, אז די קאראָליינאס רופען זיך אויף'ן נאָמען פון קארל (טשארלז) דעם 2־טען. אנדערע ווידער באהויפּטען, אז אין יאָהר 1560 האָט א פראנצויזי־שער פאָרשער יענע געגענד אזוי א נאָמען געגעבען נאָך קארל דעם 9־טען פון פראנק־רייך.

דער שטאאט דזשאָרדזשיא טראָגט דעם נאָמען פון קעניג דזשאָרדזש דעם 2־טען, פון ענגלאַנד.

פון די דריי שטאאטען, וואָס טראָגען פראנצויזישע נעמען, איז דער אורשפּרונג פון איין נאָמען ניט באשטימט. די פראנ־צויזען האָבען אפילו גרויסע ענטדעקונ־גען געמאַכט, ווי צום ביישפּיעל, זיי האָבען ענטדעקט דעם סט. לארענס ריווער און דעם לייק טשאמפּליין, אָבער קיין אויסגע־צייכענטע קאָלאָניסטען זיינען זיי ניט געווען.

ווערמאָנט האָט צוערשט באקומען דעם דאָזיגען נאָמען פון סעמועל דע טשאמפּ־ליין, וועלכער האָט יענע געגענד ער־פאָרשט אין יאָהר 1609 און האָט זי א נאָמען געגעבען ווערד מאָנט — צוויי פראנצויזישע ווערטער, וואָס באדייטען — גרינע בערג.

עס ווערט אויך אָנגענומען, אז דער שטאאט מעין רופט זיך אזוי אויף דעם נאָמען פון א פארצייטיגער פראנצויזי־שער פראָווינץ, וואָס האָט געהערט צו דער ענגלישער קעניגין הענריעטא מאריע פון ענגלאַנד, די פרוי פון קעניג טשארלז דעם 1־טען. אַנדערע ווידער באהויפּטען, אז די פישער פלעגען פעסטע לאנד, יבשה, רופען „מעין לענד“.

דער דריטער שטאט, וואָס טראָגט א פראנצויזישען נאָמען, איז לואיזיאַנא, אויפ'ן נאָמען פון דעם פראנצויזישען קע־ניג לואיס דעם 14־טען. דעם דאָזיגען נאָ־

מען האט געגעבען דער דרייסטער פראנ־
צויזישער פארשער פון דעם מיסיסיפי רי־
ווער, ראבערט דע לא סאלע, אין יאהר
1682.

דער ערשטער שטאט מיט א שפאני־
שען נאמען איז געווען פלארידא, וואס
איז ענטדעקט געווארען פון דעם שפאניער
דזשאן פאנסע דע לעאן אסטערזונטאג
אין יאהר 1512. „פאסקוא פלארידא"
מיינט אין שפאניש — בלומענפעסט, בלו־
מען־יום טוב, אין יענעם זונטאג ווערען
אין שפאניען אלע קירכען באפוצט מיט
בלומען. מעגליך, אז דער ענטדעקער האט
יענע געגענד א נאמען געגעבען פלארידא
נאר דערפאר, וואס די געגענד איז רייך
אין בלומען און פלאנצונגען.

די אנדערע שטאטען מיט שפאנישע
נעמען ליגען אין ווייטען מערב. ווער עס
האט נאר געזעהן ווי די שפיצען פון די
בערג אין נעוואדא זיינען באדעקט מיט
שניי, וועט באלד דערקאנען די טרעפענדע
באצייכענונג פון נאמען: נעוואדא בא־
דייט אין שפאניש באקליידט מיט שניי
— שנייאיג.

אויך מאנטאנא איז א שפאניש ווארט,
וואס באדייט בארגיג. די פערואוויער בא־
נוצען דעם אייגענעם ווארט פאר זייערע
דיסטריקטען, וואו עס געפינען זיך די
אנדען־בערג.

קאלאראדא מיינט אין שפאניש רויט
אדער רויטליך. אין מאנכע טיילען פון דעם
שטאט קאלאראדא איז די ערד רויטליך.

קאליפארניא איז צוזאמענגעזעצט פון
צוויי שפאנישע ווערטער — „קאלידא
פארמאקס", וואס מיינט א הייסער פויר־
נעס, א הייסער אויווען, ס'הייסט א היים
לאנד.

פארשיידענע מיינונגען זיינען דא וועגען דער אפשטאמונג פון דעם שטאט־
נאמען — ארעגאן. מאנכע זאגען, אז דאס
ווארט באדייט אויף שפאניש גרויסע
אויערן, ס'הייסט מענשען מיט גרויסע
אויערן (אינדיאנער). אנדערע ווידער בא־
הויפטען, אז דאס ווארט ארעגאן איז א
אינדישער און באדייט א פלאץ, וואו אלץ
איז דא גענוג; עס איז אויך דא א מיינונג,
אז דאס ווארט איז א פראנצויזיש־שפאני־
שעס און באדייט, פאלענדיגס וואסער,
אדער דאס איז גאר א ריין פראנצויזיש
ווארט, וואס באדייט שטורעמס, אורא־
גאנען.

די צוויי שטאטען מיט אמעריקאנישע
נעמען זיינען — וואשינגטאן, אויף דעם
נאמען פון דעם פאטער פון לאנה
דזשארדזש וואשינגטאן, און אינדיאנא,
ווייל אין יענער געגענד האבען זיך געפו־
נען אויף א גרויסען שטח פיעלע אינדיא־
נער משפחות.

דער ערשטער שטאט, וואס טראגט אן
אינדיאנער נאמען איז מעסעטשוזעטס,
וואס באדייט אויף א געוויסען אינדיאני־
שען דיאלעקט — „א גרויסער בארג, א
קליינער פלאץ".

אויך קאנעקטיקוט איז א אינדיאנער
נאמען — קואנעקטאקוט — וואס מיינט
א לאנגער טייך.

אין דעם יאהר 1541 האט דער שפא־
נישער ענטדעקער פון דעם מיסיסיפי,
הערנאנדא דע סאטא, געהאט א קאמף מיט
אן אינדיאנער שבט אויף דעם ארט, וואס
האט געהייסען אליבאמא, ביים פאזא־
טייך אין מיסיסיפי. אט דער פלאץ איז
געווען די פעסטונג פון א העלדישען אינ־
דיאנער שבט, וואס האט זיך גערופען
אליבאמאנס אדער אליבאמאס. נאכ'ן
קאמף מיט הערנאנדא דע סאטא האבען
די אינדיאנער אויסגעוואנדערט ווייטער
איסט ביי די ברעגען פון א קליינעם טייך,
וואס זיי האבען א נאמען געגעבען נאך
זייער שבט אלאבאמא טייך און נאך דעם

דאָזיגען טייך האָט שפּעטער דער שטאַט באקומען זיין נאָמען אַלאַבאַמאַ. מאנכע זאָגען אז אַלאַבאַמאַ באדייט, — „דאָ רוהען מיר"; אנדערע ווידער באהויפּטען, אז פון די אינדיאנישע ווערטער „אַלבא איאַ מולע", וואָס באדייטען „איך עפען, איך טרעט אָפּ דעם גערדיכטען וועלדעל", — שטאמט דער נאָמען אַלאַבאַמאַ.

מיסיסיפּי איז אויך אינדיאניש, דאָס וואָרט באשטעהט פון צוויי ווערטער: „מי־שע סעפּע", וואָס באדייטען — דער פאָטער פון וואסערן, אָדער א צוזאמענגוס פון אַלע וואסערן, אָדער גרויסער טייך. אזוי האָבען זיי גערופען דעם גרויסען טייך — מיסיסיפּי און דעם דאָזיגען נאָמען האָט מען אויך געגעבען דעם שטאַט.

טעקסעס איז אן אינדיאניש וואָרט, וואָס באדייט „פריינד" אָדער „עליים". שפּעטער האָט מען דארונטער פארשטאנען א צאָהל פון אינדיאנער שבטים, וואָס האָבען זיך פאראייניגט געגען די „עפּעשאיש" (אמעריקאנער אינדיאנער) פון אריזאנא.

די באדייטונגען פון די נעמען טענעסי און קענטאָקי זיינען ניט קלאָר. טענעסי זאָל באדייטען אויף אינדיאניש „אן אויסגעבויגענע לעפעל" (טען־אססע); קענטאָקי זאָל באדייטען אויף אינדיאניש א פּלאנצונג — דער בינא־וואָרצעל, וואָס ווערט אָנגערופען אויף׳ן ווימענשאפטליכען לשון „סמיילעקס פּסודא טשיינע". אנדערע ווידער באהויפּטען, אז דאָס וואָרט קענטאָקי מיינט אויף אינדיאניש א לאַנד פון לאַנקעס (קאַנטאַקע).

דער שטאַט אָהייאָ טראָגט דעם נאָמען פון טייך אָהייאָ — אן אינדיאניש וואָרט, וואָס באדייט „פיין" אָדער „גוט", עס הייסט, דער שעהנער טייך.

אילנאָיז ווערט אָנגערופען נאָך דעם אינדיאנער שבט איליני, וואָס האָט זיך געפונען אין יענער געגענד. איליני מיינט „מענער". הי ענד „אָיז" האָבען די פראַנצויזען מוסיף געווען.

אייאָווא רופט זיך אויף נאָך אן אינדיאנער שבט — אַה־הע־אָאָ־בא. דאָס וואָרט באדייט — „פארשלאָפענע מענשען".

מישיגען איז אויך אן אינדיאניש וואָרט — „מישיגאַמאָוו" אָדער „מישאוויגונא". די דאָזיגע ווערטער באדייטען „א גרויסער טייך". די אינדיאנער האָבען אזוי גערופען דעם טייך מישיגען. „מישי" מיינט „גרויס" און „גאמא" מיינט „וואַסער". די אינדיאנער פון יענעם שבט האָט מען גערופען „מישיגאַמאָוו", אָדער „מישאוויגונאר".

דער נאָמען פון דעם שטאַט וויסקאָנסין איז ניט גאנץ קלאָר. עס ווערט באהויפּטעט, אז דער דאָזיגער נאָמען איז אויך אינדיאניש. אין אָנהויב איז דאָס וואָרט אויסגעלייגט געוואָרען „אָואיסקאָנסין". אזוי האָבען אויסגעלייגט דאָס וואָרט די פראנצויזישע מיסיאָנערען. אין מאנכע דאָקומענטען איז דאָס וואָרט געשריבען "מיסקאָנסינג", „אואיסקאָנטשינג", „אָוראיסקענסינג". די ערשטע יענקי סעטלערס האָבען דאָס וואָרט אויסגעלייגט „וויסקאָנסאַן", דערנאָך „וויסקאָנסין". אָבער דער קאָנגרעס האָט געענדערט אויף „וויסקאָנסין". מען גלויבט, אז דאָס וואָרט באדייט אויף אינדיאניש „א ווילד רוישענדיגער קאנאַל".

מינעסאָטא איז אן אינדיאניש וואָרט, וואָס באדייט, „וואָלקענדיגעס וואסער", אָדער „הימעלפארביגעס וואסער". אזוי האָבען די אינדיאנער גערופען דעם דאָרטיגען טייך און נאָך יענעם טייך האָט מען א נאָמען געגעבען דעם שטאַט.

מיזורי — די מיזורי זיינען געווען אינדיאנער, וואָס האָבען געטראָגען אזא נאָמען. די אינדיאנער האָבען דאָרט גערו־

פען דעם ריווער „מיזורי", וואס באדייט אויף אינדיאניש „טריבעס, אנגעכמורע־טעם וואסער". דאס וואסער פון יענעם טייך איז געלבלאך, טריב.

ארקאנזאס רופט זיך אויף דעם נאמען פון אן אינדיאנער שבט מיט אזא נאמען. דער שבט האט זיך גערופען „אלקאנזאס" אדער „אלקאנזיא". די באדייטונג פון דעם ווארט איז פארלוירען געגאנגען.

די שטאטען נארט דאקאטא און סאוט דאקאטא טראגען אויך אינדיאנישע נע־מען. „דאקאטא" באדייט אויף אינדיאניש „פריינד", „עליים פון פריינד". אין מאנכע דיאלעקטען ווערט דאס ווארט געשריבען „לאקאטא", „לאהקאטא", אדער „נאקא־טא".

נעבראסקא (און אויך דאס ווארט אמאהא) זיינען אינדיאנישע ווערטער, וואס באדייטען — „א ברייט וואסער".

דער שטאט קענזאס איז אויף דעם נאמען פון אן אינדיאנער שבט, וואס בא־דייט „ווינדפאלק", „דאס פאלק פון זידלי־כען ווינד".

אקלהאמא טראגט אויך דעם נאמען פון אן אינדיאנישען שבט. דאס ווארט באדייט — „דאס רויטע פאלק".

דער היסטאריקער פון שטאט ווייא־מינג, יוניס ענדערסאן, באהויפטעט, אז דאס ווארט ווייאמינג איז גענומען געווא־רען פון ווייאמינג וועלי, פענסילווייניא, פון קעמפבעלס פאעמע „גערטרוד או ווייאמינג". דאס ווארט מיינט „בערג מיט טהאלען אבוועקסלענדיג", ס'הייסט גאט האט ארונטערגעבויגען זיינע בערג, כדי די מענשען זאלען ווערען זיינע איינוואוי־נער.

ניו־מעקסיקא רופט זיך אויף דעם נא־מען פון דעם נאציאנאלען מלחמה גאט פון די אצטעקען „מעקסיטילי", די אצטעקען זיינען געווען א אינדיאנישער שבט. אנ־דערע זאגען, אז דאס ווארט מיינט „די דירה פון דעם מלחמה גאט".

אריזאנא איז דער נאמען פון א קליי־נעם אינדיאנישען שבט אין זיד־וועסט פון דעם לאנד, א פרידליך שבט, וואס האט פיעל געליטען פון די קריגערישע „עפעש־איש". דאס ווארט „אריזאנא" (פון „אריאנאק"), באדייט „א געגענד פון קליי־נע קוועלען".

דער מארמאנען שטאט יוטאה טראגט דעם נאמען פון דעם אינדיאנישען שבט די יוטעס. די באדייטונג פון ווארט ווייס מען ניט.

איידאהא איז אן אינדיאניש ווארט, וואס באדייט „די ליכטיגקייט, די ליכטי־גע, טייערע זאכען אויף די בערג" (עדאה האע).

אלאסקא — פון אל־עי־עס־קא — א עסקימא ווארט, וואס מיינט — א גרויס לאנד.

קאלאמביא (דיסטריקט אוו קאלאמ־ביא) — פון קאלאמבוסעס נאמען, אנגע־נומען אין יאהר 1791 פון די פעדעראל קאמישאנערס.

האוואי — די ענגלישע אויסלייגונג פון אווהייהי, וואו די געבירטיגע האבען ערמארדעט קאפיטאן קוק אין 1779.

פהיליפינען — שפאניש. די פיליפיני־שע אינזלען זיינען ענטדעקט געווארען אין 1521 פון מאגעלאן, וועלכען די גע־בירטיגע האבען ערמארדעט אין א צוזא־מענשטויס; מען האט די אינזלען א נא־מען געגעבען נאך דעם שפאנישען קעניג פיליפ דעם 2־טען.

פארטא ריקא — פון די שפאנישע ווערטער „פוערטא ריקא", וואס מיינט א רייכער פארט.

ווייטקייט צווישען אַמעריקאַנער גרויסע שטעדט.

די טאַבעלע צייגט אָן וויפיעל מייל עס איז צווישען די שטעדט, וועלכע זיינען דאָ אויסגערעכענט.

ביז / ← פון	ניו יאָרק	שיקאַגאָ	פילאַדעלפיא	סיינט לואיס	באָסטאָן	באַלטימאָר	קליוולאַנד	סאַן פראַנציסקאָ	פיטסבורג	סינסינעטי
אָלבאַני	145	832	236	1,028	202	333	480	3,106	567	724
אַטלאַנטאַ	876	733	785	611	1,106	688	736	2,805	805	492
באַלטימאָר	188	802	97	934	418	—	474	3.076	334	593
באָסטאָן	217	1,034	321	1.230	—	418	682	3 308	674	926
באָפאלאָ	442	525	416	731	499	398	183	2,799	270	427
שיקאַגאָ	912	—	821	284	1,034	802	357	2.274	468	298
סינסינעטי	757	298	666	341	926	593	244	2.572	313	—
קליוולאַנד	584	357	493	548	682	474	—	2,631	135	244
קאָלאָמבוס	637	314	546	428	820	511	138	2,588	193	116
דענווער	1,934	1,022	1,843	916	2,056	1,850	1,379	1,371	1,490	1,257
דיטראָיט	693	272	669	488	750	649	173	2,546	321	263
גאַלוועסטאָן	1,792	1,144	1,691	860	2,012	1,594	1,408	2,157	1,481	1,157
גרענד רעפּידס, מיש.	821	178	815	462	878	796	332	2,452	462	308
אינדיאַנאַפּאָליס	825	183	734	240	965	704	283	2,457	381	111
דזשעקסאָנוויל, פלא.	983	1,097	892	975	1,213	795	1,085	3,098	1,057	841
קענזעס סיטי	1,342	458	1,251	277	1,466	1.211	755	1,981	898	618
לאָס אַנדזשעלעס	3,149	2,265	3,058	2,084	3,273	3,018	2,562	475	2,705	2,425
לואיזוויל	871	304	780	274	1,040	703	358	2,468	427	114
מעמפיס	1,157	527	1,066	311	1,387	969	738	2,439	807	494
מילוואָקי	997	85	906	369	1,119	887	442	2,359	553	383
מינעאַפּאָליס	1,332	420	1,241	586	1,454	1,222	777	2,096	888	718
מאָנטרעאל, קענ.	386	841	477	1,051	330	574	623	3,115	704	826
נואַרק, ניו דזשוירזי	9	903	82	1,056	226	179	575	3,177	435	748
ניו הייווען, קאָנ.	76	980	167	1,141	140	264	628	3,254	520	833
ניו אָרלינס	1,372	912	1,281	699	1,602	1,184	1,073	2,482	1,142	829
ניו יאָרק	—	912	91	1,065	217	188	584	3.186	444	757
אָמאַהאַ	1,405	493	1,314	413	1,527	1,295	1,750	1,781	961	791
פילאַדעלפיא	91	821	—	974	321	97	493	3,095	353	666
פיטסבורג	444	468	353	621	674	334	135	2,742	—	313
פּאָרטלאַנד, מעין	332	1,149	436	1,345	115	533	797	3,423	789	1,041
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן	3,204	2,292	3,113	2,212	3,326	3,094	2,649	772	2,760	2,590
פּראָווידענס	190	1,034	281	1,230	45	378	682	3,308	634	926
קוויבעק	530	1,013	621	1,343	402	718	795	3,287	876	1,039
ריטשמאָנד, ווא.	343	879	252	918	573	155	553	3,153	417	581
ראטשעסטער, נ. י.	373	603	361	799	430	354	251	2,877	338	495
סיינט לואיס	1,065	284	974	—	1,230	934	548	2,194	621	341
סיינט פּאָול	1,322	410	1,231	576	1,444	1,212	767	2.086	878	708
סאַן אַנטאָניאָ	1.943	1,204	1,852	920	2,150	1,755	1,468	1,911	1,541	1,217
סאַן פּראַנציסקאָ	3,186	2,274	3,095	2,194	3,308	3,076	2,631	—	2,742	2,572
סיאַטעל	3,151	2,239	3,060	2,332	3,273	2,941	2,596	957	2,707	2,537
ספּרינגפיעלד, מאַסס.	139	935	230	1,131	99	327	583	3,209	583	827
טאָלידאָ	705	244	615	437	795	595	113	2,518	261	203
וואַשינגטאָן	228	790	137	894	458	40	437	3,064	302	553

ווי אזוי אמעריקא ווערט רעגירט

די קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע איז געשאפען געווארען דעם 17־טען סעפטעמבער אין דעם יאהר 1787 פון דער פעדעראלער קאנוועגשאן און באשטעטיגט געווארען דעם 4טען מערץ אין דעם יאהר 1789 פון אמעריקאנישען קאנגרעס, האט אויפגעבויט די רעגירונג פון דער רעפובליק אויף צוויי גרונד יסודות: דער ערשטער גרונד יסוד איז — דער פעדעראלער פרינציפ; דער צווייטער איז — די צוטיילונג פון דער רעגירונגס מאכט.

דער פעדעראלער פרינציפ באדייט: די פאראייניגטע שטאטען בילדען פון איין זייט א בונד פון זעלבסטשטענדיגע (אויטאנאמישע) שטאטען. די איינצעלנע שטאטען האבען זיך ניט אויפגעלייזט, נאר זיי זיינען פארבליבען זעלבסטשטענדיגע קערפערשאפטען; זיי האבען נאר א טייל פון זייערע רעגירונגס טעטיגקייטען און רעכטען (פונקציאנען) איבערגעגעבען צו דער פעדעראלער (נאציאנאלער) רעגירונג. פון דער צווייטער זייט באדייט עס, אז די דאזיגע פעדעראלע (נאציאנאלע) רעגירונג איז פאר זיך אליין א פעסטע רעגירונגס־קערפערשאפט; אין די ראהמען, וואס זיינען אנגעצייכענט געווארען איז זי זעלבסטשטענדיג, אומאבהענגיג. פון איין זייט אונטערשיידט זיך די פעדעראלע רעגירונג פון א צענטראליזירטער רעגירונג, וואו דאס גאנצע פאליטישע לעבען געהט ארויס פון איין צענטער; פון דער צווייטער זייט אונטערשיידט זי זיך פון א קאנפעדעראציע, וואו די איינצעלנע שטאטען האבען די גאנצע דעה.

דער צווייטער פרינציפ פון דער צוטיילונג פון דער פעדעראלער רעגירונגס מאכט (און דערזעלביגער פרינציפ איז אויך געלייגט געווארען אלס גרונדלאגע פאר די איינצעלנע שטאטען אין זייערע קאנסטיטוציעס) באשטעהט אין פאלגענדעם: די רעגירונגס מאכט איז צו־טיילט אויף דריי טיילען: 1) די געזעצ־געבענדע (לעדזשיסלייטיוו), 2) די געזעצ־אויספיהרענדע (עקזעקוטיוו) און 3) געזעצאויסטייטשענדע (דזשודישיעל).

דער קאנגרעס

די געזעצגעבענדע מאכט פון די פאראייניגטע שטאטען ליעגט אין די הענד פון קאנגרעס. דער קאנגרעס באשטעהט פון צוויי הייזער: דאס אויבער־הויז (סענאט) און דאס דעפוטאטען־הויז (האוז אוו רע־פרעזענטעטיווס).

די דעפוטאטען (קאנגרעס־לייט) ווע־רען ערוועהלט דירעקט פון פאלק אויף א משך פון צוויי יאהר. אום צו קאנען ער־וועהלט ווערען אלס קאנגרעסמאן (דעפו־טאט), מוז מען זיין אלט ווייניגסטענס 25 יאהר און ווייניגסטענס 7 יאהר א בירגער און וואוינען אין דעם סטייט, פון וועלכען מען ווערט געוועהלט. די צאהל פון די קאנגרעסלייט באשטימט דער קאנגרעס איטליכעס מאל נאך א פאלקסצעהלונג (צענ־זוס) אויפ'ן גרונד פון דער דאזיגער פאלקסצעהלונג.

דער קאנגרעס באשטעהט יעצט פון 435 מיטגלידער. דער פארזיצענדער פון קאנגרעס ווערט אנגערופען דער ספיקער און ער פארנעהמט א וויכטיגען אמט. ער באשטימט קאמיטעטען, באשליסט ווער עס האט דאס רעכט צו ריידען און גיט זיין ענטשיידונגס שטימע אין פאל א פראיעקט

האט דיזעלבע צאהל שטימען פאר און געגען.

דער געהאלט פון א קאנגרעסמאן איז 7500 דאלאר א יאהר מיט באהנגעלד פון זיין וואוינונגס פלאץ. דער ספיקער (פארזיצענדער פון קאנגרעס) באקומט 12,000 דאלאר א יאהר געהאלט.

דער סענאט באשטעהט פון צוויי מיטגלידער פאר יעדען שטאט, אהן אונטערשייד צו די שטאטען זיינען גרויסע אדער קליינע. די סענאטארען ווערען אויך ערוועהלט דירעקט פון פאלק. אזוי ווי מיר האבען 48 סטייטס זיינען יעצט דא 96 סענאטארען. דאס געהאלט פון א סענאטאר איז 7500 דאלאר א יאהר מיט באהןגעלד פון זיין וואוינונגס פלאץ, 20 סענט פער מייל.

אום צו קאנען ערוועהלט ווערען פאר סענאטאר, מוז מען אלט זיין וועניגסטענס 30 יאהר, זיין וועניגסטענס 9 יאהר א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען און וואוינען אין דעם זעלביגען שטאט פון וועלכען מען ווערט געוועהלט.

דער קאנגרעס מוז זיך צוזאמענקומען וועניגסטענס צו איין זיצונג דעם ערשטען מאנטאג אין מאנאט דעצעמבער.

יעדער געזעץ־פראיעקט (ביל), אום צו ווערען א געזעץ, מוז אנגענומען ווערען פון ביידע הייזער (פון קאנגרעס און סענאט) און דאן באשטעטיגט און אונטערגעשריבען ווערען פון פרעזידענט. אויב דער פרעזידענט ווייזט צוריק (וועטירט) אזא ביל, דאן געהט דער ביל צוריק צום קאנגרעס. און אויב ביידע הייזער (דער קאנגרעס און סענאט) נעהמען דעם ביל פון דאס ניי אן מיט א צוויי דריטעל מאיאריטעט, ווערט עס א געזעץ אויך אהן די באשטעטיגונג פון פרעזידענט.

דער קאנגרעס האט פאלגענדע רעכטען: באשטימען טעקסעס (שטייערן), ערקלעהרען קריג, מאכען רעגירונגס הלואות, באשטימען געזעצען וועגען דעם, ווי צו ווערען א בירגער (נאטוראליזיישאן), ארויסצולאזען געלד, איינצופיהרען פאסט־אמטען און פאסט־וועגען, רעגולירען דעם האנדעל, און העלפען דעם פארטשריט פון וויסענשאפט און נוצליכע קונסטען (דאס ארויסגעבען פאטענטען און דרוק־רעכטען), דורכצופיהרען געזעצען, וואס זיינען פאסיג און נוצליך פאר דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען.

אויפ'ן גרונד פון די דאזיגע פונקטען האט די פעדעראלע רעגירונג מיט דער צייט גאנץ ווייט אויסגעשפרייט איהר מאכט און איבערגענומען א סך פונקציעס, ווי צום ביישפיעל, די גאנצע אימיגראציאנס אדמיניסטראציע, דאס רעגולירען פון דעם צווישען שטאט האנדעל (אינטערסטייט קאמערס) און נאך אנדערע פונקציעס.

פרעזידענט און קאבינעט.

די אויספיהרענדע (עקזעקוטיווע) מאכט פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען ליגט אין די הענד פון פרעזידענט. דער פרעזידענט און וויס־פרעזידענט ווערען אויסגעקליבען אויף פיער יאהר פון וואהל־מענער (עלעקטארס), וועלכע ווערען ערוועהלט פון די בירגער. זייער צאהל איז גלייך צו דער צאהל פון סענאטארען און קאנגרעסלייט צוזאמען, צו וועלכער יעדער שטאט איז בארעכטיגט. נאר די וואס זיינען אלט 35 יאהר און זיינען געבארען געווארען אין לאנד, קאנען ערוועהלט ווערען פאר פרעזידענט און וויס־פרעזידענט. די נעקסטע וואהלען פאר פרעזידענט און וויס פרעזידענט וועלען פארקומען אין 1924.

דער וויס־פרעזידענט פארנעהמט די שטעלע פון פרעזידענט אין פאל ווען דער פרעזידענט שטארבט, רעזיגנירט, ווערט ארונטערגעזעצט, אדער ווערט אומפעהיג צו ערפילען זיינע פליכטען. אין געוועהנליכע צייטען איז ער דער פארזיצענדער פון סענאט.

דער פּרעזידענט איז דער אויבער־קאָמאנדיר איבער דער ארמיי און פלאָט פון די פאראייניגטע שטאטען, ווי אויך איבער דער מיליץ פון איינצעל־שטאטען, ווען זיי ווערען געשטעלט אין אקטיווען דינסט פון די פאראייניגטע שטאטען; ער האָט דאָס רעכט צו באַגנאַדיגען פאַרברעכער; מיט דער צושטימונג פון צוויי דריטעל פון סענאט, קאָן ער שליסען אָפּמאַכען מיט אַנדערע רעגירונגען; ער שלאָגט פאָר געזאנדטע, קאנסולס, ריכטער פון העכסטען געריכט אין לאנד (יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט) און אלע אנדערע באאמטע, וועמענס אפּאָינטמענט עס איז ניט אנדערש באשטימט, און אויב דער סענאט איז מסכים, באשטימט ער זיי. ער קאָן אויך צוזאמענרופען דעם קאָנגרעס אויף ספּעציעלע זיצונגען (עקסטרא סעשאָנס) אין דרינגענדע פעלען.

דער פּרעזידענט פיהרט אָן די רעגירונגס עסקים מיט דער הילף פון די מיניסטאָרען (דער קאבינעט), ער באשטימט די מיניסטאָרען, זיי ווערען אָנגערופען „סעקרעטערים". אזעלכע סעקרעטערים זיינען איצט דאָ צעהן:

1) מיטינסטער פון אויסלענדישע ענינים (סטייט סעקרעטער). ער רעכענט זיך פאר דעם ערשטען מיניסטער. דעם דאָזיגען אמט פארנעהמט איצט טשארלס עוואנס יוהז.

2) פינאַנץ מיניסטער (סעקרעטערי אוו טרעזשורי), וואָס פארוואלטעט אלע פינאַנסען. דעם דאָזיגען אמט פארנעהמט איצט ענדרו וו. מעלאָן פון פּענסילווייניא.

3) קריגס מיניסטער (סעקרעטערי אָוו וואָר), איצט איז דזשאהן ווינגעיט וויקס פון מאסאטשוזעטס.

4) אָבער־פּראָקוראָר (אטוירני דזשענעראל) יוסטיץ מיניסטער. איצט איז הערי ע. דאָהערטי, פון אָהייאָ.

5) גענעראל פּאָסט־מייסטער (פּאָסט־מייסטער דזשענעראל) — וויל. ה. העיס, פון אינדיאַנאַ.

6) פלאָט־מיניסטער (סעקרעטערי אָוו די נייווי) — עדווין דענבי, פון מישיגען.

7) מיניסטער פון אינערליכע ענינים (סעקרעטערי אוו אינטעריאָר) — אַלבערט בייקאָן פאָל, פון ניו מעקסיקאָ.

8) אגריקולטור מיניסטער (סעקרעטערי אוו אגריקולטשור) — הערי קענטוועל וואלאס, פון אייאָווא.

9) מיניסטער פון קאמערץ (סעקרעטערי אָוו קאָמערס) — הערבערט ק. הואווער, פון קאליפארניא.

10) מיניסטער פון ארבייט (סעקרעטערי אוו לייבאָר) — דזשיימס דזשאהן דייוויס, פון פּענסילווייניא.

(דאָס מיניסטעריום פון ארבייט עקזיסטירט זינט דעם 4־טען מערץ 1913.)

דאָס געהאלט פון יעדען מיניסטער איז 12,000 א יאָהר. דער וויים פּרעזידענט באקומט אויך דאָס זעלביגע געהאלט — 12,000 דאלאר א יאָהר. דער פּרעזידענט באקומט 75,000 דאָלאר א יאָהר געהאלט און 25 טויזענד דאָלאר א יאָהר אויף ארומפאָהרען.

דער פּרעזידענט איז איצט (זינט דעם 4־טען מערץ 1921) ווארען גאמאליעל הארדינג, פון אהייאָ; דער וויצע־פּרעזידענט איז קאלווין קולידזש, פון מעסעטשוזעטס.

געריכטען.

די אויסטייטשונג פון געזעצען געהערט דעם העכסטען געריכט פון די פאראייניגטע שטאטען (יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט), וואָס באשטעהט פון 9 ריכטער און די אונטערשטע געריכטען, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען פון קאָנגרעס. וויליאם האוארד טעפט איז יעצט דער הויפּטריכטער פון דעם יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט.

אזעלכע געריכטען זיינען געשאפען געװאָרען: 89 דיסטריקט קאורטס און 9 סוירקויט קאורטס. אלע ריכטער װערען באשטימט פון פרעזידענט מיט דער צושטימונג פון סענאט, אויף לעבענס לאַנג.

דער העכסטער געריכט, דער יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, איז דער איינציגער, װאָס האָט דאָס ענטשיידענדע װאָרט צו באשטימען אויב דער אָדער יענער נייער געזעץ איז קאָנסטיטוציאָנעל.

ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע.

אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאאטען קאָנען געמאכט װערען ענדערונגען (אמענדמענטס) אויף פאָלגענדע צװיי אַרטען: ענטװעדער די איניציאַטיװע קומט פון קאָנגרעס, דאַן מוזען צװיי־דריטעל פוןביידע הייזער די ענדערונגען אָננעהמען, אָדער די איניציאַטיװע קומט פון די לעדזשיסלייטשורס פון די איינצעלנע שטאַטען. אויב ⅔ פון די לעדזשיסלייטשורס פאָדערען עס, דאַן מוז צונויפגערופען װערען א ספּעציעלע קאָנװענשאָן פאַר דעם דאָזיגען צװעק.

אין ביידע פעלען מוזען די אמענדמענטס באשטעטיגט װערען פון ¾ פון די לעדזשיסלייטשורס פון די שטאַטען, איידער זיי װערען א געזעץ. ביז איצט זיינען אַנגענומען געװאָרען 19 אמענדמענטס צו דער קאָנסטיטוציע.

די שטאַטס רעגירונג.

די שטאַטס רעגירונג װערט אויך צוטיילט אויף דריי צװייגען אָדער אפּטיילונגען:

1. די עקזעקוטיװע — דער גאָװערנאָר.
2. די געזעצגעבענדע — די שטאַטס געזעצגעבונג.
3. די געריכטליכע—די געריכטס־הייזער.

1. די עקזעקוטיװע — דער גאָװערנאָר.

דער גאָװערנאָר איז דער הויפּט פיהרער פון דער שטאַטס רעגירונג און אין ניו יאָרק סטייט װערט ער ערװעהלט אויף א טערמין פון צװיי יאָהר פון דער דירעקטער שטימונג פון פאָלק. די הויפּט שטאָט פון שטאַט איז דער צענטער פון דער רעגירונג און דאָס װאוין־אָרט פון דעם גאָװערנאָר די גאַנצע צייט פון זיין אמט. די הויפּט שטאָדט פון ניו יאָרק סטייט איז אלבאני.

דער גאָװערנאָר שטעלט אָן די באאמטע פאר אזעלכע קערפּערשאפטען און קאָמיסיעס װעלכע זיינען נויטיג צו אָנפירען די פינאנציעלע, בילדונגס און װאוילטעטיגע אַנגעלעגענהייטען פונ׳ם שטאַט. ער איז דער הויפּט קאָמאַנדיר פון די שטאַטס מיליטער און קאָן שיקען סאָלדאטען צו אירגענד װעלכען טייל פון שטאַט װאו עס איז נאָר נויטיג. ער טוט דאָס אין פאַל פון בונטען, אויפשטענדע אָדער מאסענפארזאמלונגען צוליעב אונגעזעצליכע צװעקען, אום צו האַלטען אָרדנונג און פאַרזיכערען מיט זיכערקייט יעדען פרידליכען בירגער. ער האָט אויך די מאכט פון "װעטאָ" און דאריבער א גרויסען איינפלוס אויפ׳ן איינפיהרען פון שטאַטס געזעצען. די שטימען פון צװיי דריטעל פון דער שטאַטס געזעצגעבונג זיינע נויטיג אום דורכצופיהרען א געזעץ טראָץ דעם גאָװערנאָר׳ס „װעטאָ". דער גאָװערנאָר פון ניו יאָרק סטייט איז יעצט ניימהען ל. מילער. זיין געהאלט איז 10,000 דאלאר א יאָהר און האָט א היים אין אַלבאַני.

דער יעצטיגער ליוטענאַנט גאָװערנאָר איז דזשערעמיאה װאוד. זיין סאלערי איז 5,000 דאלאר א יאָהר.

2. די געזעצגעבענדע — שטאַטס געזעצגעבונג.

די אלגעמיינע פארזאמלונג אָדער שטאַטס געזעצגעבונג איז א קערפּערשאפט װעלכע מאוט געזעצען פאר׳ן שטאַט. זי קאָן דורכפיהרען אירגענד װעלכען געזעץ

פאר'ן אלגעמיינעם וואויל און בעסטען פון דעם שטאט, נאָר דיזע געזעצען מוזען זיין אין איינקלאנג מיט דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען. יעדער שטאט פירט דורך זיינע אייגענע געזעצען, און דערפאר זיינען דאָ אזוי פיעל אונטערשידען, אין די געזעצען פון די פארשידענע שטאטען (48), וועלכע בילדען די פאראייניגטע שטאטען.

דער גאָווערנאָר קאן באאיינפלוסען דאָס מאכען פון געזעצען אין דעם שטאטס געזעצגעבונג אין דעם זעלבען ארט ווי דער פרעזידענט באאיינפלוסט געזעצגעבונג אין דעם קאָנגרעס, ווייל געזעצען ווערען דורכגעפיהרט אין שטאטס געזעצגעבונג פונקט ווי זיי ווערען דורכגעפיהרט אין דעם קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאטען.

די ארגאניזאציע איז אויך עהנליך צום קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאטען. זי באשטייט פון צוויי הייזער — די אסעמבלי און סענאט.

די אַסעמבלי־הויז פון די פאָרשטעהער.

דאָס הויז פון פארשטעהער פונ'ם שטאט (אסעמבלי) ערוועהלט זיין אייגענעם פאָרזיצער, וועלכער הייסט „ספיקער פונ'ם הויז“. ער באשטימט קאָמיטעען דורכצוקוקען פראָיעקטען, וועלכע ווערען אריינגעבען צו דער געזעצגעבונג און צו באריכטען אין דער אסעמבלי וועגען אָננעמען די פראָיעקטען, פונקט ווי פראָיעקטען ווערען אריינגעטראָגען אין דעם קאָנגרעס. אין ניו יאָרק סטייט זיינען יעצט דאָ 150 אסעמבלי־לייט: 96 רעפובליקאנער און 54 דעמאָקראטען. אסעמבלי לייט ווערען דאָ ערוועהלט יעדען יאָהר.

דער שטאטס סענאט.

דער שטאטס סענאט האָט אלס זיין פאָרזיצער דעם ליוטענאנט גאָווערנאָר. שטאטס סענאטאָרען ווערען ערוועהלט אויף א טערמין פון צוויי יאָהר. אין ניו יאָרק סטייט זיינען יעצט דאָ 51 סענאטאָרען, 39 רעפובליקאנער, 11 דעמאָקראטען און 1 סאָציאליסט.

---

3. די געריכטליכע — די געריכטס הייזער.

יעדער שטאט האָט זיך זיין געריכטליכע אפטיילונג, זיין העכסט געריכט, עהנליך צו דער נאציאָנאלער רעגירונג אין וואשינגטאָן. די ריכטער פון די שטאטס געריכט הייזער טוען די זעלבע פליכטען פאר'ן שטאט, ווי די פעדעראלע ריכטער פאר די פאראייניגטע שטאטען.

די שטאָדט רעגירונג.

די שטאָדט רעגירונג איז געגרינדעט אויף א טשארטער פון דער שטאטס געזעצגעבונג און האט צוויי אבטיילונגען: די עקזעקוטיווע — דער מעיאָר; און די געזעצגעבענדע — שטאָדט ראט (באָארד אוו אלדערמען).

דער מעיאָר איז דער הויפט פארוואלטער פון שטאָדט און אין ניו יאָרק ווערט ער ערוועהלט אויף א טערמין פון פיער יאָהר פונ'ם דירעקטען שטימען פון פאָלק. דער מעיאָר זעהט אז די געזעצען פון שטאָדט זאָלען דורכגעפיהרט ווערען, שרייבט אונטער אָדער ווייזט צוריק אָרדינענסעס אָדער רעזאָלושאָנס וואָס ווערען אָנגענומען פון דער באָארד אוו אָלדערמען, אפּאָינטעט וויכטיגע שטאָדט באאמטע און האט אנדערע פליכטען און מאכט. דער מעיאָר קאָן ארונטערגעזעצט ווערען פון דעם גאָווערנאָר פון דיזער סטייט נאָכדעם ווי קלאָגען זיינען אויסגעהערט געוואָרען געגען דעם מעיאָר און ווייזען זיך ארויס צו זיין ריכטיג.

די באָארד אוו אלדערמען (שטאָדט ראָט) מאכט די פארשיידענע געזעצען פאר דער שטאָדט. די געזעצען וואָס ווערען גע־

מאכט פון דיזען שטאדט־ראט הייסען פאראָרדנונגען. דיזע פאראָרדנונגען טאָרען ניט ווידערשפּרעכען די קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען, שטאט אָדער שטאָדט טשארטער. אין דער שטאָדט ניו יאָרק האָט די באָארד אוו אלדערמען א פּאָרזיצענדען, וועלכער ווערט ערוועהלט דירעקט פון פאָלק. ער הייסט פּרעזידענט באָארד אוו אלדערמען. ער האָט פיעלע פּריווילעגיעס און פליכטען. אין דער אב־וועזענהייט פון מעיאָר איז ער עקטינג מע־יאָר. די מיטגלידער פון דער באָארד אָוו אָלדערמען ווערען אין ניו יאָרק ערוועהלט אויף צוויי יאָהר.

דער יעצטיגער מעיאָר פון דער שטאָדט ניו יאָרק איז דזשאהן פ. היילען. ער איז ערוועהלט געוואָרען אין 1921 פאר נאָך א טערמין פון פיער יאָהר. זיין סאלערי איז פופצעהן טויזענד דאָלאר א יאָהר. דער פּרעזידענט פון דער באָארד אָוו אלדערמען איז יעצט מאָרעי האָלבערט. זיין סאלערי איז 7,500 דאָלאר א יאָהר. אין דער באָארד אוו אלדערמען געפינען זיך יעצט 65 מיטגלידער, זייער סאלערי איז 3,000 דאלאר א יאָהר.

די שטאדט ניו יאָרק איז איינגעטיילט אין פינף באָראָוס און די פּרעזידענטען פון די פארשיידענע באָראָוס פון שטאָדט זיינען ווי פאָלגט:

מאנהעטען — דזשוליוס ד. מילער.
בראָנקס — הענרי ברוקנער.
ברוקלין — עדוואַרד ריעגעלמאן.
קווינס — מאורים קאָנעלי.
ריטשמאנד — מעטהיו דזש. קאָהיל.

די סאלערי פון א באָראָו פּרעזידענט איז 10,000 דאלאר א יאָהר.

ווי צו ווערען אן אמעריקאנער בירגער

יעדע פּערזאָן וועלכע איז ניט קיין גע־באָרענער בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען, אָדער א בירגער לויט דעם אקט פון קאָנגרעס, קאָן ווערען א בירגער דורך נאטוראליזירונג.

דער אָקט פון נאטוראליזירונג איז צו־טיילט אויף צוויי טייל:

1. די דערקלערונג צו וועלען ווערען א בירגער, אָדער די ערשטע פּאפּירען.

2. די פּעטיציע פאר נאטוראליזירונג, אָדער די צווייטע פּאפּירען.

דיזע פּאפּירען ווערען ארויסגעגעבען פון געוויסע געריכטס הייזער: די "דיסט־ריקט" געריכטס הייזער פון די פאראייניג־טע שטאטען, און די „סופרים" געריכטס הייזער פון יעדען שטאט.

1. די ערשטע פּאפּירען. — אויב איר זייט ניט ווייניגער ווי אכצעהן (18) יאָהר אלט, קאָנט איהר ארויסנעהמען די ערש־טע פּאפּירען דורך אריינגעבען, מיט א שבועה אָדער באהויפּטונג, א פּאפּיר דער־קלערענדיג אייער באגער צו ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען און אויפצוגעבען אייער טרייהייט צו אירגענד וועלכען אויסלענדישען הערשער, שטאטען אָדער רעגירונגען. איהר מוזט אויך גע־בען אייער נאָמען, עלטער, באשעפטיגונג, פּערזענליכע באשרייבונג, פּלאץ פון גע־בורט, דאָס לעצטע אויסלענדישע וואוי־נונגס אָרט און אונטערטעניגקייט, דאטום

פון איינוואנדערונג, נאָמען פון שיף אויף וועלכען איהר זייט געקומען צו די פאראייניגטע שטאטען, און אייער איצטיגען וואוינונגס־פּלאַץ.

2. די לעצטע פּאפּירען. — נאָכדעם ווי איהר האָט אָפּגעוואוינט צום וויניגסטען פינף (5) יאָהר אין די פאראייניגטע שטאטען און צום וויניגסטען איין (1) יאָהר אין איין געוויסען שטאט, און אויב ניט וויניגער פון צוויי (2) יאָהר און ניט מעהר פון זיבען (7) יאָהר זיינען פאַרגאנגען זינט איהר האָט ארויסגענומען אייערע ערשטע פּאפּירען, קאָנט איהר קריגען אייערע לעצטע פּאפּירען, דורך אריינגעבען א פּעטיציע פון אייער נאטור־ראַליזירונג, אין איינע פון די אויבענדער־מאָנטע געריכטס־הייזער. די פּעטיציע מוז אונטערגעשריבען ווערען מיט אייער איי־גענער האנד, איהר מוזט אויך געבען די אינפאָרמאציעס וועגען זיך, וועגען אייער איינוואנדערונג צו דיזען לאנד און אייער משפּחה, לויט ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ. איהר מוזט אויך בעטען צום וויניגסטען צוויי פּערזאָנען, וועלכע זיינען שוין בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען, עדות זאָגען אז זיי קענען אייך אַלס אן איינ־וואוינער פון די פאראייניגטע שטאטען צום וויניגסטען פינף (5) יאָהר נאָכא־נאנד, און פון דעם שטאט צום וויניג־סטען איין (1) יאָהר פאַר דעם, און אז איהר האָט אַ גוטען מאָראַלען כאראקטער און זייט ווערט צוגעלאָזען צו ווערען צו בירגערטום. די באשטעטיגונג פון דיזע עדות ווערט צוגעזעצט צו אייער פּעטיציע, און אויב איהר זייט געקומען צו דיזען לאנד נאָך יוני 29־טען, 1906, מוזט איהר אויך צוגעבען א סערטיפיקייט פון דעם דעפּארטמענט פון האַנדעל און ארבייט, אָנגעבענדיג דעם דאַטום פון איינוואַנדע־רונג, ארויסנעמען פון די ערשטע פּאַפּירען און אזוי ווייטער.

וואָס עס ווערט געפאָדערט אום צו ווערען א בירגער.

אום צו קאָנען קריגען די לעצטע פּאַ־פּירען אלס א בירגער, —

מוזט איהר האָבען געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטען צום וויניגסטענס פינף יאָהר נאָכאַנאנד פאר דעם, און אין אַ געוויסען שטאַט ניט וויניגער פון איין יאָהר פאר'ן ארויסנעמען די צווייטע פּאַ־פּירען;

איהר מוזט וועלען ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאַטען און דאָ די גאַנצע צייט וואוינען און אויפגעבען אייער אונטערטעניגקייט צו אירגענד וועלכען אויסלענדישען הערשער, שטאַט אָדער רע־גירונג;

איהר מוזט האָבען א גוטען מאָראלען כאַראַקטער;

איהר טאָרט ניט זיין קיין פּאָליגא־מיסט;

איהר טאָרט ניט זיין קיין אַנאַרכיסט;

איהר מוזט קאָנען רעדען ענגליש, סיידען איהר זייט פיזיש אומפעהיג;

איהר מוזט וויסען די פּרינציפּען פון דער רעגירונג און קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און מוזט זיין טריי צו זיי.

נאָכדעם ווי איהר האָט זיך געווענדעט נאָך אייערע צווייטע אָדער לעצטע פּאַ־פּירען, וועט איהר דאַרפען וואַרטען נײַנ־ציג (90) טעג ביז וואַנען איהר וועט זיי קריגען.

פיעלע מענשען זיינען ענטוישט געוואָ־רען, ווייל זיי האָבען דאָס ניט געוואוסט. אין א סך פעלע האָבען מענשען געוואָלט האָבען זייערע פּאפּירען פאַר פּרעזידענט אָדער אנדערע וואהלען, נאָר זיי האָבען זיך צו שפּעט נאָך זיי געווענדעט אום צו קריגען זיי אין צייט. דרייסיג (30) טאָג פאַר וואַהלען ווערען קיין פּאַפּירען ניט ארויסגעגעבען.

אום צו פארמיידען ענטוישונגען, און צו קריגען די מעגליכקייט צו באזיצען די רעכטע און פריווילעגיעס פון א בירגער וואס אם פריהסטען, טוט אט די פיר זאכען:

קריגט אייערע ערשטע פאפירען באלד ווי איהר קומט אין דיזען לאנד;

פאדערט אייערע צווייטע פאפירען באלד נאך פינף (5) יאהר וואוינען דא;

פאנגט אן לערנען ענגליש באלד ווי איהר קומט אן אין לאנד.

ענגליש ווערט געלערענט פריי אין פאבליק־סקולס;

לערענט אלץ וואס איהר קענט נאר וועגען די פליכטען פון א בירגער, און די פרינציפען פון דער אמעריקאנער רעגי־רונג.

אלס א נאטוראליזירטער בירגער, וועט איהר האבען אלע רעכטע און פליכטען פון א געבארענעם בירגער, חוץ וואס איהר קענט ניט ווערען קיין פרעזידענט אדער וויס־פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. די רעכטע פון אזעלכע בירגער זיינען פאלגענדע:

צו נעמען אנטייל ביי די ערשטע וואה־לען אין נאמינירען קאנדידאטען פאר שטאט און שטאדט עמטער, ווי צום ביי־שפיעל, גאווערנאר פון שטאט, מעיאר פון שטאדט, די „אלדערמען“, א. ז. וו.

צו שטימען ביי די וואהלען פון די נא־מינירטע קאנדידאטען;

צו ווערען א קאנדידאט פאר אירגענד וועלכען אמט, חוץ פאר א פרעזידענט אדער וויס־פרעזידענט;

צו קויפען ערד פון דער רעגירונג און צו פארנעמען רעגירונגס שטעלעס, וועלכע ווערען געעבען נאר צו בירגער;

צו פאדערען די שוץ פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען, ווען איהר זייט אין א פרעמדען לאנד.

די פראגע צי א נאטוראליזירטער ביר־גער קאן באזוכען זיין פריהערדיגע היים אהן מורא פאר שווערינקייטען פון וועלכען עס איז סארט דארף קיינעם ניט ליגען אין זינען. א נאטוראליזירטער בירגער איז אזוי זיכער ווי אירגענד וועלכער אמערי־קאנער בירגער אין אירגענד וועלכען לאנד. עס זיינען געווען פעלע וואו נאטוראליזיר־טע בירגער האבען געהאט שוועריגקייטען מיט אויסלענדישע באאמטע, אבער אזעל־כע פעלע זיינען זעלטען, און אין יעדען פון דיזע פעלע האט דער בירגער געקאנט אפע־לירען צו דעם אמעריקאנעם קאנסול און קריגען הילפע.

נור א בירגער פון דיזען לאנד קאן קריגען ארבייט אין דער פעדעראלער רע־גירונג, שטאט אדער שטאדט. אמעריקא־נער בירגערטום האט פאר אייך דאריבער א גרויסע ווערדע, און איהר זאלט זיך באלד פאר דעם צוגרייטען.

וואס מען דארף וויסען.

אויב איהר האט ארויסגענומען די ערש־טע פייפערס דריי יאהר נאכדעם ווי איהר זיינט אהער געקומען, קאנט איהר גלייך צו די פינף יאהר ווערען א בירגער.

אויב, אבער, איהר נעמט ארויס די ערשטע פייפערס ווען איהר זיינט שוין דא אבגעוועזען 5 יאהר אדער 10 יאהר, אדער 15 יאהר, מוזט איהר ווארטען נאך צוויי יאהר איידער איהר קריגט די צוויי־טע פייפערס.

אויב איהר נעמט ארויס די ערשטע פייפערס, און איהר פארנאכלעסיגט און איהר קומט ניט נאך די צווייטע פייפערס, און עס געהט אוועק 7 יאהר, דאן ווערען די ערשטע פייפערס בטול, און איהר מוזט אויף ס'נייע ארויסנעמען ערשטע פייפערס.

ווען איינער נעמט ארויס די ערשטע פייפערס און ער שטארבט איידער זיי געהען אויס, קאן זיין אלמנה ארויסקריגען די צווייטע פייפערס, או זי און די מינד־יעהריגע קינדער קאנען אויף דיזען אופן ווערען סיטיזענס.

פראגען און ענטפערס וועגען בירגערשאפט

מיר גיבען דא איבער א צאהל פראגען וואס ווערען געפרעגט ביי די וועלכע ווענדען זיך נאך די צווייטע פייפערס און די אנטווארטען צו דיזע פראגען. דיזע פראגען און אנטווארטען זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דער ניו יארקער נעטשוראליזיישאן אייד ליעג.

---

1. פראגען וועגען דער לאנד־רעגירונג.

האט איהר געלעזען די דעקלערייישאן או אינדעפענדענס?

— יא.

וואס איז די דעקלערייישאן או אינדעפענדענס, און ווען און וואו איז זי אונטערשריבען געווארען?

— דאס איז א פראקלאמאציאן אין וועלכער אונזער לאנד האט צוערשט ערקלעהרט איהר אונאבהענגיגקייט פון ענגלאנד; זי איז אונטערגעשריבען געווארען דזשולי 4, 1776. אין פילאדעלפיא.

האט איהר געלעזען די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— יא.

וואס איז אזוינס די קאנסטיטוציאן?

— די קאנסטיטוציאן איז דאס העכסטע געזעץ פון די פאראייניגטע שטאאטען.

גלויבט איהר אין די פרינציפען פון דער קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— יא.

דורך וועמען, ווען, און וואו איז די קאנסטיטוציאן אנגענומען געווארען?

— די קאנסטיטוציאן איז אנגענומען געווארען דורך די דרייצעהן אריגינעלע שטאאטען, סעפטעמבער 17, 1787, אין פילאדעלפיא.

וואס גאראנטירט די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— פרייהייט פון רעדע, פון פרעסע, און פון רעליגיאן.

ווי אזוי קען די קאנסטיטוציאן אמענדירט (געענדערט) ווערען?

— דורך צוויי־דריטעל מאיאריטעט פוןביידע הייזער פון קאנגרעס און מיט דער צושטימונג פון דריי פערטעל פון די שטאאטען.

וואס פאר א פארם רעגירונג האט די פאראייניגטע שטאאטען?

— די פאראייניגטע שטאאטען איז א רעפובליק.

וואס הייסט א רעפובליק?

— א לאנד וועמעס בעאמטע ווערען ערוועהלט פון'ם פאלק אדער באשטימט דורך זיינע ערוועהלטע בעאמטע, און וועמעס געזעצע ווערען געמאכט פון זיינע פארטרעטער.

וואס איז א מאנארכי?

— א לאנד וואס ווערט רעגיערט פון א קעניג, אן אימפעראטאר, א צאר, אדער אן אנדער הערשער וואס ווערט ניט ערוועהלט פון דעם פאלק.

וואו איז די הויפט־שטאדט, אדער רעגיערונגס־זיץ, פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— אין וואשינגטאן, דיסטריקט פון קאלאמביא (ד. ק.)

אויף וויפיעל צווייגען איז די רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען איינגעטיילט ?

— אויף דריי צווייגען.

וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער רעגיערונג ?

— די געזעצמאכענדע, די געזעצדורכפירענדע, און די געזעצפערטייטשענדע.

ערקלעהרט, בקיצור, דעם צוועק פון יעדען איינעם פון די צווייגען פון דער רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען.

— דער געזעצמאכענדער צווייג, אדער קאנגרעס, מאכט די געזעצען; דער געזעצדורכפיהרענדער צווייג, אדער דער פרעזידענט מיט זיין קאבינעט (מיניסטעריום) פיהרט דורך די געזעצען; און דער געזעץ־פערטייטשענדער צווייג, אדער דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאאטען, פערטייטשט די געזעצען.

ווער מאכט די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאאטען ?

— דער קאנגרעס אין וואשינגטאן.

פון וואס באשטעהט דער קאנגרעס ?

— פון צוויי הייזער, דער סענאט און דאס רעפרעזענטאנטען הויז.

ווי אפט מוז זיך דער קאנגרעס צוזאמענקומען ?

— ווייניגסטענס איינמאל א יאהר, דעם ערשטען מאנטאג אין דעצעמבער.

ווי ווערען די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאאטען געמאכט ?

— א ביל ווערט פארגעשלאגען אין רעפרעזענטאנטען הויז אדער אין סענאט. דיעזער ביל ווערט א געזעץ אויף דריי וועגען: 1, ווען ער קריגט א מאיאריטעט שטימען אין „הויז" (קאנגרעס) און אין סענאט, און אויך דעם פרעזידענט'ס אונטערשריפט; 2, ווען ער קריגט צוויי דריטעל מאיאריטעט אין'ם „הויז" און אין סענאט, אין פאל דער פרעזידענט וועטאאירט דעם ביל (שרייבט איהם ניט אונטער), אדער 3, ווען ער קריגט א מאיאריטעט שטימען אין „הויז" און אין סענאט, אויב דער ביל ווערט פערהאלטען פון'ם פרעזידענט אויף צעהן טעג אהן אונטערשרייבען אדער וועטאאירען איהם.

ווי אזוי, און אויף ווי לאנג ווערען די יונייטעד סטייטס סענאטארס ערוועהלט ?

— דורך דעם דירעקטען וואוט פון'ם פאלק, פאר א טערמין פון זעקס יאהר.

ווי פיעל יונייטעד סטייטס סענאטארס זיינען דא ?

— 96.

ווי פיעל יונייטעד סטייטס סענאטארס ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאאט ?

— **צוויי.**

ווי אזוי, און אויף ווי לאנג, ווערען רעפרעזענטאנטען אדער קאנגרעסלייט, ערוועהלט ?

— דורכ'ן דירעקטען וואוט פון'ם פאלק, פאר א טערמין פון צוויי יאהר.

ווי פיעל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט, זיינען דא ?

—עס זיינען איצט (ביז'ן יאהר 1920) דא 435 רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט.

ווי פיעל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט, ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאאט ?

— די צאהל ווענדעט זיך אין דער באפעלקערונג — וואס גרעסער די באפעלקערונג אלץ גרעסער די צאהל קאנגרעסלייט.

ווי פיעל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט האט ניו יארק סטייט ?

— 43.

ווער איז דער הויפט בעאמטער פון די פאראייניגטע שטאאטען ?

— דער פרעזידענט.

ווי אזוי ווערען דער פרעזידענט און דער וויס־פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען ערוועהלט ?

— פון'ם פאלק, אינדירעקט, דורך

זיינע עלעקטארס, וואס ערוועהלען דעם פרעזידענט און דעם וויס־פרעזידענט די־רעקט.

אויף ווי לאנג ווערען דער פרעזידענט און דער וויס־פרעזידענט ערוועהלט?

— אויף א טערמין פון פיער יאהר.

ווער מעג ווערען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— יעדע הי־געבארענע פערזאן, מאן אדער פרוי, 35 יאהר אלט.

וואס זיינען די פליכטען און מאכט פון דעם פרעזידענט?

— **דער פרעזידענט** (1) פיהרט אויס די געזעצע (2) שרייבט אונטער בילס (3) וועטאאירט (ענטזאגט זיך אונטערצו־שרייבען) בילס (4) איז דער עלטסטער פון דער ארמעע און פלאטע (5) פיהלט אן דערוויילינגע וואקאנסיעס (פלאץ־ערלעדי־גונגען) אין סענאט (6) רופט צוזאמען עקסטרא סעשאנס (7) שליסט דעם קאנ־גרעס אין פאל פון א ניט־איינשטימענים (8) שענקט בעגנאדיגונגען; און מיט דעם ראטה און צושטימונג פון סענאט (9) באשטימט ער קאבינעט־בעאמטע, פע־דעראלע ריכטער, אמבאסאדארען, און אנ־דערע (10) שליסט אבמאכען (טריטים), און האט אנדערע פליכטען און מעכטע.

אין פאל פון טויט אדער אומפעהיג־קייט פון דעם פרעזידענט ווער נעהמט איבער זיינע פליכטען?

— דער וויס־פרעזידענט.

ווי פיעל סעקרעטערע (מיניסטארען), אדער עלטסטע פון רעגירונגס־אבטיי־לונגען, זיינען דא?

— צעהן.

רעכענט אויס איינינע סעקרעטערע, אדער קאבינעט־מיניסטארען, דורך זייערע אפיציעלע עמטער.

— פרעמיער. קריעגס מיניסטער. פלאטען מיניסטער. פינאנס מיניסטער.

וואס שטעלען די צעהן מיניסטארען צונויף?

— דעם פרעזידענט׳ס קאבינעט.

וואס איז דאס העכסטע געריכט אין די פאראייניגטע שטאאטען?

— דער יונייטעד סטייטס סופרים קאורט.

ווי פיעל דזשאדזשעס זיינען דא אין דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאורט?

— 9. — 1 טשיף דזשאסטיס, און 8 אסאשיאייט דזשאסטיסעס.

ווער באשטימט די דזשאסטיסעס פון דעם סופרים קאורט און אנדערע דזשא־דזשעס פון די יונייטעד סטייטס געריכ־טען?

— זיי ווערען באשטימט אויף׳ן גאנ־צען לעבען, דורך גוטער אויפפיהרונג, פון דעם פרעזידענט, מיט׳ן ראטה און צושטי־מונג פון דעם סענאט.

ווי אלט מוז זיין דער פרעזידענט, א סענאטאר, און א קאנגרעסמאן?

— דער פרעזידענט מוז זיין ווענינ־סטענס 35, א סענאטאר 30, און א קאנ־גרעסמאן 25 יאהר אלט.

---

2. פראגען וועגען דער סטייט רעגירונג

וואס איז דאס העכסטע געזעץ פון דער סטייט?

— די סטייט קאנסטיטושאן.

וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער סטייט רעגירונג?

— די געזעצמאכענדע, די געזעצ־דורכפיהרענדע, און די געזעצ־פערטייט־שענדע.

ווער איז דער הויפט בעאמטער פון דעם שטאאט?

— דער גאווערנאר.

וואס איז די הויפט־שטאדט פון דער סטייט ניו יארק?

— אלבאני.

ווער מאכט די געזעצען פאר דעם שטאאט ניו יארק?

— די לעדזשיסלייטשור (געזעץ־אב־טיילונג) אין אלבאני.

פון וואס באשטעהט די לעדזשיסליי־טשור?

— פון'ם סטייט סענאט און דעם סטייט אסעמבלי.

ווי אזוי און אויף ווי לאנג ווערען סטייט סענאטארס און אסעמבלי־לייט ער־וועהלט?

— דורך דעם דירעקטען אפשטימען פון דעם פאלק, סטייט סענאטארס אויף צוויי יאהר און אסעמבלי־לייט אויף 1 יאהר.

אויף ווי לאנג ווערט דער גאווערנאר ערוועהלט?

— אויף צוויי יאהר.

וואס זיינען די פליכטען און מאכט פון'ם גאווערנאר?

דער גאווערנאר (1) פיהרט אויס די געזעצען (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטאאירט (ענטזאגט זיך אונטערצושריי־בען) בילס, (4) רופט ספעציעלע זיצונגען פון דער לעהזשיסלייטשור, (5) איז מוחל בעשטראפטע, (6) ערנאנט איינינע סטייט בעאמטע.

---

3. פראגען וועגען די שטאדט־רעגירונג.

וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער שטאדט (מוניציפאלער) רעגירונג?

— די געזעצמאכענדע, די געזעצ־דורכפיהרענדע, און די געזעץ־פערטייט־שענדע.

ווער איז דער הויפט־בעאמטער פון דער שטאדט?

— דער מעיאר.

ווי אזוי ווערט דער מעיאר ערוועהלט?

— דורך'ן דירעקטען ווארט פון דעם פאלק.

אויף ווי לאנג ווערט דער מעיאר פון ניו יארק ערוועהלט?

— אויף 4 יאהר.

וואס זיינען די פליכטען און מעכטע פון דעם מעיאר?

— דער מעיאר (1) פיהרט אויס די געזעצען, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטאאירט (ענטזאגט זיך אונטערצושריי־בען) בילס, (4) ערנאנט איינינע שטאדט בעאמטע, און האט אנדערע פליכטען און מעכטע.

ווער מאכט די געזעצען פאר דער שטאדט ניו יארק?

— די באארד או אלדערמען.

אויף ווי לאנג ווערט אן אלהערמאן ערוועהלט?

— אויף 2 יאהר.

א נייע דירה פאר אונזער קאנסטיטוציע.

די צוויי וויכטיגסטע היסטארישע דא־קומענטען פון די פאראייניגטע שטאא־טען, — די קאנסטיטוציע און די דעקלע־ראציע פון אונאבהענגיגקייט — זיינען ביז מיט א קורצער צייט צוריק געלעגען אין סטייט דעפארטמענט אין וואשינגטאן איצט האט פרעזידענט הארדינג אויף דער רעקאמענדאציע פון סעקרעטערי או סטייט יוהז באפוילען אריבער צופיהרען די דאזיגע צוויי דאקומענטען אין דער קאנגרעס לייברערי.

די אורזאך דערפון איז, ערשטענס, ווייל די געביידע פון דעם סטייט דעפארט־מענט איז ניט גענוג געשיצט פון פייער און צווייטענס, ווייל פיעלע רייזענדער און געסט, וועלכע קומען אין וואשינגטאן ווי־לען זעהן די צוויי בעריהמטע דאקומענ־טען אין אריגינאל, און מען האט ניט געקענט צופרידענשטעלען זייער וואונש, דערפאר, וואס דער סטייט דעפארטמענט האט ניט קיין ספעציעלען צימער פאר אן אויסשטעלונג, בעת די קאנגרעס לייברערי האט אויסשטעלונגס צימערען.

די פרעזידענטען פון די פאראייניגטע שטאאטען

דער נאמען פון יעדען פרעזידענט, ווען ער איז געבוירען, ווען ער איז ערוועהלט געווארען, ווי לאנג ער איז געווען אין אמט, וויפיעל יאהר ער האט געלעבט און אין וועלכען יאהר ער איז געשטארבען.

די צאהל	נאמען	געבוירען			אין אמט איבערגענומען	געוועזן פרעזידענט			געלעבט יאהרען	געשטארבען		
		טאג	מאנאט	יאהר		טעג	מאנאטען	יאהר		טאג	מאנאט	יאהר
1	דזשארדזש וואשינגטאן	22	פעב.	1732	1789	4	10	7	67	14	דעצ.	1799
2	דזשאהן אדעמס	30	אקט.	1735	1797	—	—	4	90	4	יולי	1826
3	טהאמאס דזשעפערסאן	13	אפר.	1743	1801	—	—	8	83	4	יולי	1826
4	דזשיימס מעדיסאן	16	מאר.	1751	1809	—	—	8	85	28	יוני	1836
5	דזשיימס מאנראו	28	אפר.	1758	1817	—	—	8	73	4	יולי	1831
6	דזשאהן קווינסי עדעמס	11	יולי	1767	1825	—	—	4	80	23	פעב.	1848
7	ענדריו דזשעקסאן	15	מאר.	1767	1829	—	—	8	78	8	יוני	1845
8	מארטין וואן ביורען	5	דעצ.	1782	1837	—	—	4	79	24	יולי	1862
9	וויליאם ה. העררימאן	9	פעב.	1773	1841	—	1	—	68	4	אפר.	1841
10	דזשאהן טיילאר	29	מאר.	1790	1841	—	11	3	71	17	יאנ.	1862
11	דזשיימס נאקס פאלק	2	נאוו.	1795	1845	—	4	—	53	15	יוני	1849
12	זאבארי טעילאר	24	נאוו.	1784	1849	5	4	1	65	9	יולי	1850
13	מיללארד פילמאר	7	יאנ.	1800	1850	26	7	2	74	8	מאר.	1874
14	פריינקלין פיערס	23	נאוו.	1804	1853	—	—	4	64	8	אקט.	1869
15	דזשיימס בוקהענען	23	אפר.	1791	1857	—	—	4	77	1	יוני	1868
16	איברעהעם לינקאלן	12	פעב.	1809	1861	11	1	4	56	15	אפר.	1865
17	ענדרו דזשאנסאן	29	דעצ.	1808	1865	19	10	3	66	31	יולי	1875
18	יוליסיס סימפסאן גרענט	27	אפר.	1822	1869	—	—	8	63	23	יולי	1885
19	רוטהערפארד ב. העיס	4	אקט.	1822	1877	—	—	4	70	17	יאנ.	1893
20	דזשיימס א. גארפיעלד	19	נאוו.	1831	1881	15	6	—	49	19	סעפ.	1881
21	טשעסטער אלען ארטהור	5	אקט.	1830	1881	15	5	3	56	18	נאוו.	1886
22	גראווער קליוולענד	18	מאר.	1837	1885	—	—	4	71	24	יוני	1908
23	בענדזשעמין העררימאן	20	אוג.	1833	1889	—	—	4	67	13	מאר.	1901
24	גראווער קליוולענד	18	מאר.	1837	1893	—	—	4	71	24	יוני	1908
25	וויליאם מעקקינלי	29	יאנ.	1843	1897	10	6	4	58	14	סעפ.	1901
26	טהעאדאר רוזוועלט	27	אקט.	1858	1901	18	5	7	61	6	יאנ.	1919
27	וויליאם האווארד טעפט	15	סעפ.	1857	1909	—	—	4	—	—		—
28	וואודראו ווילסאן	28	דעצ.	1856	1913	—	—	8	—	—		—
29	ווארען ג. הארדינג	2	נאוו.	1865	1921	—	—	—	—	—		—

אידישע קאנגרעסלייט אין אמעריקא

געוועזענע:

בענדזשאמין, יהודה, פיליפ,	1812—1884	סענאטאר פון לואיזיאנא,	1853—1861.
קאנטאר, דזשייקאב א.,	1854—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1913—1915.
איינשטיין עדווין,	1842—1906	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1879—1881.
עמעריטש, מארטין,	1847—	קאנגרעסמאן פון איללנאאיז,	1903—1907
פישער, איזראעל פ.,	1858—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1895—1899.
פרענק, נייטהען,	1852—	קאנגרעסמאן פון מיזורי,	1889—1891.
גאלדפאגעל, הענרי מ.,	1856—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1901—1915.
" "		" " " "	1918—1921.
גאלדציער, דזשוליוס,	1854—	קאנגרעסמאן פון איללנאיז,	1893—1895.
גוגענהיים, סיימאן,	1867—	סענאטאר פון קאלאראדא,	1907—1913.
הארט, עמאנועל ב.,	1809—1897	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1851—1853.
האוסמאן, דזשוליוס,	1832—1891	קאנגרעסמאן, פון מישיגען,	1883—1885.
דזשאנאס, בענדזש. פרענקלין	1834—1911	סענאטאר פון לואיזיאנא,	1879—1885.
לעסלער, מאנטעגיו	1869—	קאנגרעסמאן, פון ניו יארק,	1902—1903.
לעווין, לואיס טשארלז,	1808—1860	קאנגרעסמאן, פענסילוויינא,	1845—1851
לעווי, דוד יאלי,	1811—1886	דעלעגאט פון פלארידא,	1841—1845.
" " "		סענאטאר פון פלארידא,	1855—1861.
" " "		" " "	1845—1851.
לעווי, דזשעפערסאן מאנרא,		קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1899—1901.
" " "		" " " "	1911—1915
ליטטאוער, לוסיוס נייטען,	1859—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1897—1907.
מעי, מיטשעל,	1871—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1899—1901.
מעיער, אדאלף,	1842—1908	קאנגרעסמאן פון לואיזיאנא,	1891—1908.
מארז, לעאפאלד,	1831—1892	קאנגרעסמאן פון מאסס.,	1877—1885.
" "		" " "	1889—1887.
פיליפס, הענרי מייער,	1811—1884	קאנגרעסמאן פענסילוויינא,	1857—1859
פיליפס, פיליפ,	1807—1884	קאנגרעסמאן פון אלאבאמא,	1853—1855.
פוליצער, דזשאזעף,	1847—1911	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1885—1886.
ריינער, איזידאר,	1850—1912	קאנגרעסמאן פון מערילענד,	1887—1895.
" "		סענאטאר פון מערילענד,	1905—1912.
סיימאן דזשאזעף,	1851—	סענאטאר פון ארעגאן,	1898—1903.
סטרוים, איזידאר,	1845—1912	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1894—1895.
סטרוים, מייער,	1825—1878	קאנגרעסמאן פענסילוויינא,	1863—1867
וואלף, העררי ב.,	1880—	קאנגרעסמאן פון מערילענד,	1907—1909.

איצט׳גע אידישע קאָנגרעסלייט

(מיטגלידער פון דעם 67־טען קאָנגרעס.)

אנזארגע, מ. ס., רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ניו יאָרק סיטי, —1921
באכראך, אייזעק, רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, אטלאנטיק סיטי, —1915
קאהן, דזשוליוס, רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, סאן פראנציסקאָ 1889־1902
" " "	" " " —1905.
קראאוסס, מילטאָן, רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, פּערו, אינדיאנא, —1917.
לאָנדאָן, מאיר, סאָציאַליסט,	קאָנגרעסמאן, ניו יאָרק סיטי, 1915־1917.
" " "	" " " " —1921.
פּערלמאן, נאטהעניעל ד., רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ניו יאָרק סיטי, —1921.
סאבאטה, אדאָלף דזש., דעמאָקראט	קאָנגרעסמאן, שיקאגאָ, —1907.
ראָזענבלום, ב. ל., רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ווהילינג, —1921.
ראָסדייל, אלבערט ב., רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ניו יאָרק סיטי, —1921.
סיגעל, אייזעק, רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ניו יאָרק סיטי, —1915.
וואָלק, לעסטער ד., רעפּובל.	קאָנגרעסמאן, ברוקלין, ניו יאָרק, —1921.

מאָני אָרדערס נאָך אלע טיילען פון דער וועלט דורך אונזערע דירעקטע
פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע בענקינג אינסטיטושאָנס אין אויסלאַנד

אין דאלארס אָדער אין אויסלענדישע
געלד צו די נידריגסטע מאַרקעט פּרייזען

שיפסקאַרטען צו און פון אַלע לענדער

מעיל אָנפראגען און אָרדערס קריגען פּאַרזיכטיגע און פּינקטליכע באהאנדלונג

די גרעסטע און עלטסטע אידישע באַנק אין פילאדעלפיא

פּיפּערס באנק

דזשיראַרד עוועניו און 7טע סטריט
410 סאוטה סטריט

ניינטע און וואלנאט סטריטס
זיבעטע און וואולף סטריטס

פילאַדעלפיא

אמעריקאַנער שטעדט וואָס האָבען א אידישע באַפעלקערונג פון 1,000 און מעהר

שטאָדט	צאָהל אידען
אלבאני, נ. י.	7,000
אלטונא, פא.	1,000
אטלאנטיק סיטי, נ. דזש.	4,000
אטלאַנטא, דזש.	10,000
איווענסוויל, אינד.	1,500
אָוקלענד, קאליפ.	5,000
אמאהאָ, נעב.	10,000
אינדיאנאפאָליס, אינד.	10,000
אגוסטא, דזש.	2,500
אקלאהאמא, אקלא.	1,000
איסט סט. לואיס, איל.	1,000
איריע, פא.	1,500
באלטימאָר, מד.	60,000
בענגאר, מע.	1,000
בעי סיטי, מיש.	1,000
בעיאָן, נ. דזש.	10,000
בינגהעמטאָן, נ. י.	1,500
בוירמינגהעם, אלא.	3,500
בלומפילד, נ. דזש.	1,000
באָסטאָן, מאסס.	77,500
ברעדדאק, פא.	1,600
ברידזשפּארט, קאנ.	12,000
בראקטאן, מאסס.	1,500
באָפאלא, נ. י.	20,000
ביוט, מאָנט.	1,000
גאלוועסטאָן, טעקס.	1,100
גרענד רעפּידס, מיש.	1,000
גערי אינד.	1,200
דאללאס, טעקס.	8,000
דעיטאָן, אָ.	4,000
דענווער, קאָלאָ.	11,000
דעמאינז, אייאָווא	3,200
דעטראָיט, מיש.	50,000
דאָלאָטה, מיננ.	2,300
דזשעקסאָנוויל, פלאָ.	2,000
דזשוירסי סיטי, נ. דזש.	12,500
דזשאליעט, איל.	1,100
העריסבורג, פא.	4,000
העריסאָן, נ. דזש.	1,000
האַרטפאָרד, קאָננ.	16,000
הייווערהיל, מאסס.	3.500
האָבאָקען, נ. דזש.	5,000
האָליאוק, מאסס.	1,000
האוסטאָן, טעקס.	5,000
וואשינגטאן ד. ק.	10,000
וואָטערבורי, קאָננ.	6,000
ווייקא, טעקס.	5,000
וועסט ניו יאָרק, נ. דזש.	1,500
ווהילינג, וו. ווא.	1,000
ווילקעסבאר, פא.	3,000
ווילמינגטאן, דעל.	3,500
ווינטראָפּ, מאסס.	1,500
וואודביין, נ. דזש.	1,900
וואוסטער, מאסס.	10,000
טאמפּא, פלאָ.	1,000
טאלידאָ, אָהייאָ	7,500
טאפּעקא, קענ.	1,000
טרענטאן, נ. דזש.	7,000
טראָי, נ. י.	3,000
טשארלסטאן, ס. ק.	1,900
טשארלסטאן, וו. ווא.	1,000
טשעטענוגא, טעננ.	1,400
טשעלסי, מאסס.	13,000
טשעסטער, פא.	1,000
יאָנקערס, נ. י.	5,000
יאנגסטאן, אָ.	5,000
יוטיקא, נ. י.	1,600
לאנקעסטער, פא.	1,400
לאָרענס, מאסס.	2,000
לינקאָלן, נעב.	1,200
ליטל ראק, ארק.	1,500
לאנג ברענטש, נ. דזש.	1,300
לאָס אנדזשעלאס, קאל.	18,000
לואיזוויל, קענ.	9,000
לאָועל, מאסס.	6,000
לינן, מאסס.	7,500
מאָלדען, מאסס.	9,000
מעקיספּארט, פא.	3,000

שטאָדט	צאָהל אידען
מעמפיס, טענ.	7,000
מערידען ,קאָננ.	1,000
מילוואקי, וויסק.	20000
מינעאפּאָליס, מיננ.	15,000
מאָביל, אלא.	2,200
מאָנטגאָמערי, אלא.	1,650
מאונט וואירנאן, נ. י.	3,000
נעשוויל, טענ.	3,000
נוארק, נ. דזש.	55,000
ניו בעדפאָרד, מאסס.	3,500
ניו בריטיין, קאָננ.	2,500
ניו בראנזוויק, נ. דזש.	3,000
ניו הייווען, קאָננ.	18000
ניו לאָנדאָן, קאָננ.	1,000
ניו אָרלינס, לואיזיאנא	8,000
ניופּאָרט ניוס, ווא.	2,000
ניו ראשעל, נ. י.	3,000
ניו יאָרק, נ. י.	1,500,000
נארפאלק, ווא.	5,000
נאָרוויטש, קאָננ.	1,500
סינסינעטי, אָ.	25,000
סאגינא, מיש.	1,000
סט. דזשאָזעף, מאָ.	3,300
סט. לואיס, מאָ.	60,000
סט. פּאול, מיננ.	10,000
סיילעם, מאסס.	1,500
סאלט לייק סיטי, יוטאה	2,500
סאן אנטאניא, טעקס.	3,000
סאן פראנציסקא, קאל.	30,000
סאוואנא, דזש.	5,000
סקענעקטעדי, נ. י.	3,500
סקרענטאן, פּא.	7,500
סיאַטל, וואש.	5,000
סיו סיטי, אייאָווא	2,500
סאָמערוויל, מאסס.	2,000
סאוט בענד ,אינד.	2,000
סאוט בעטלעהם, פּא.	1,300
סאוט נארוואָלק, קאָננ.	1,000
ספּאָקיין, וואש.	1,100
ספּרינגפילד, מאסס.	6,000
סטעמפאָרד, קאָננ.	1,500
סטאָקטאן, קאל.	1,000
סיראקיוז נ. י.	12,000
עלענטאון, פּא.	1,200
עליזאבעטה, נ. דזש.	5,000
עלמיירא, נ. י.	1,200
על פּאזא, טעקס	1,800
עקראן, .אָ.	2,000
פּאסייק, נ. דזש.	6,000
פּעטערסאן, נ. דזש.	15,000
פּענסאקאלא, פלא.	1,000
פּעאריא ,איлл.	1,750
פּוירטה עמבאָי, נ. דזש.	5,000
פילאדעלפיא, פּא.	200,000
פּיטסבורג ,פּא.	60,000
פּיטספילד, מאסס.	1,500
פליינפילד, נ. דזש.	1,500
פּאָרט טשעסטער, נ .י.	1,000
פּאָרטלאנד, מע.	1,000
פּאָרטלאנד, אָרע.	2,500
פּאָרטסמוטה, ווא.	8,000
פּאקיפּסי, נ. י.	1,600
פּראָווידענס, ר. א.	15,000
פּועבלא, קאָלאָ.	1,000
פאָל ריווער, מאסס.	7,500
פאָרט וועין,, אינד.	1,650
פאָרט וואירטה, טעקס.	2,250
קווינסי, מאסס.	1,250
קיימברידזש, מאסס.	8,000
קעמדען, נ. דזש.	2,000
קענטאן,־אָ.	1,000
קליוולענד אָ.	100,000
קאָלאָמבוס, אָ.	9,000
קאונסיל בלאָפס, אייאָווא,	1,000
קענזעס סיטי, קענ.	3,500
קענזעס סיטי, מאָ.	12,000
רעדינג, פּא.	1,750
רעווערע, מאסס.	6,000
ריטשמאנד, ווא.	4,000
ראטשעסטער, נ .י.	20,000
שיקאגאָ, איлл.	225,000
שריוופּאָרט, לואיז.	1,500

אידישע אימיגראציע אין אמעריקא פאר 30 יאהר, פון 1881 ביז 1910.

פון רוסלאנד — — —	1,119,059	אידען
" עסטרייך אונגארן	281,150	"
" רומעניען — —	67,057	"
" גרויס בריטאניען	42,589	"
" דייטשלאנד — —	20,454	"
" בריטיש נארד אמעריקא — —	9,701	"
" טערקיי — — —	5,081	"
" פראנקרייך — —	2,273	"
אלע אנדערע לענדער	15,436	"
סך הכל — —	1,562,800	אידען

אידישע אימיגראציע אין אמעריקא פון 1911 ביז 1921 (רעגירונגס יאהר).

אין יאהר 1911 — —	91,223	אידען
" " 1912 — —	80,595	"
" " 1913 — —	101,330	"
" " 1914 — —	138,051	"
" " 1915 — —	26,497	"
" " 1916 — —	15,108	"
" " 1917 — —	17,342	"
" " 1918 — —	3,672	"
" " 1919 — —	3,055	"
" " 1920 — —	14,292	"
" " 1921 — —	119,036	"
סך הכל — — —	610,201	אידען

אבשאצונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין ניו יארק לויט באראס

מאנהעטען — — — — —	696,000
בראנקס — — — — — —	211,000
ברוקלין — — — — — —	568,000
קווינס — — — — — — —	23,000
ריטשמאנד — — — — —	5,000
סך הכל — — — — — — —	1,503,000

אפשאצונגען פון דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקא.

אבשאצונגען פון דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקא, וואס זיינען געמאכט געווארען אין פארשיעדענע צייטען.

יאהר	אבגעשאצט פון	צאהל אידען
1818	מרדכי מ. נח — —	3,000
1824	סאלאמאן עטטינג —	6,000
1826	אייזעק הארבי — —	6,000
1840	אמעריקען אלמאנאק	15,000
1848	מ. א. בוירק — —	50,000
1880	וויליאם העקענבוירג	230,000
1888	אייזעק מארקענס —	400,000
1897	דוד סולצבערגער —	937,800
1905	דהי דזשואיש ענציקלאפעדיע — — —	1,508,435
1907	אמעריקען דזשואיש יער־בוק — — —	1,777,185
1910	אמעריקען דזשואיש יער־בוק — — —	2,043,762
1914	ביורא פאר אידישע סטאטיסטיק און פארשונגען — —	2,933,874
1918	ביורא פאר אידישע סטאטיסטיק און פארשונגען — —	3,300,000

צעהן שטעדט וואו עס געפינט זיך די גרעסטע צאהל אידען.

ניו יארק — — — — —	1,500,000	אידען
שיקאגא — — — — —	225,000	"
פילאדעלפיא — — — —	200,000	"
קליוולאנד — — — —	100,000	"
באסטאן — — — — —	77,500	"
באלטימאר — — — —	60,000	"
סט. לואיס — — — —	60,000	"
פיטסבורג — — — —	60,000	"
נוארק — — — — —	55,000	"
דעטראיט — — — — —	50,000	"
סך הכל — — —	2,387,500	

צוועלף שטאַטען וואו עס געפינען זיך איבער 90 פּראָצענט פון די אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

ניו יאָרק	1,603,923	אידען
פּענסילווייניא	322,406	"
איללינאָיז	246,637	"
מעסעטשוזעטס	189,671	"
אָהייאָ	166,361	"
ניו־דזשורסי	149,476	"
מיזורי	80,807	"
קאָנעקטיקוט	66,862	"
קאַליפאָרניא	63,652	"
מערילענד	63,642	"
מישיגען	63,254	"
אינדיאַנא	25,833	"
סך הכל	3,042,524	אידען

לויט די פאָרשונגען פון דער „ביוראָ אוו דזשואיש סטאַטיסטיקס ענד ריי־סוירטש" ווייזט זיך אויך ארויס, אז אומ־געפעהר דריי פערטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַ־טען זיינען קאָנצענטרירט נאָר אין צעהן שטעדט, וואָס האָבען נאָר ארום 14 פּראָ־צענט פון דעם סך הכל פון דער אַלגעמיי־נער באַפעלקערונג פון אמעריקא. דער דאָ־זיגער פאַקט ווייזט דייטליך אָן אויף די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע נייגונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אמע־ריקא.

פרעמד־געבוירענע אין אַמעריקא.

די צענזוס ביוראָ פון דער אַמעריקא־נער רעגיערונג האָט פאַרעפענטליכט די צאָהל פון פרעמד־געבוירענע איינוואוי־נער אין די פאַראייניגטע שטאַטען, ווי עס איז געווען דעם ערשטען יאַנואַר, 1920.

לויט דעם לעצטען צענזוס, זיינען גע־ווען 13,920,692 פרעמד־געבוירענע איינ־וואוינער, וואָס איז מיט דריי פּראָצענט אָדער 404,806 פּערזאָן מעהר איידער עס איז געווען לויט דעם צענזוס פון 1910.

פון דער אַלגעמיינער צאָהל זיינען 6,493,088 נאַטוראַליזירטע בירגער, 1,223,490 וועלכע האָבען די ערשטע פּייּ־פּערס, און 5,398,605 פרעמדע בירגער. דער פּאָליטישער סטאַטוס פון די איבערי־גע 805,509 איז נישט אָנגעדייטעט געוואָ־רען.

דער לעצטער צענזוס איז דער ערשטער וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון דער גאַנ־צער פרעמד־געבוירענער באַפעלקערונג, אָהן אונטערשייד פון ראַסע, עלטער אָדער געשלעכט. פאָריגע סטייטמענטס זיינען געווען באַשרענקט בלויז צו מענער פון 21 יאָהר אַלט און העכער.

דעם גרעסטען פּראָצענט נאַטוראַלי־זירטע בירגער פון דער גאַנצער פרעמד־געבוירענער באַפעלקערונג פון אירגענד וועלכען שטאַאט צייגט נאָרטה דאַקאָטאַ — 73.3, און דעם קלענסטען פּראָצענט האָט אריזאָנא סטייט — 14.8.

3,433 געלינטשט זייט 1889.

אַ נעגערשע אַסאָסיאיישאָן האָט באַ־קאַנט געמאַכט, אז זינט דעם יאָהר 1889 זיינען אין אמעריקא געלינטשט געוואָרען 3433 נעגערס.

פון דער דאָזיגער צאָהל זיינען בלויז 750 באַשולדיגט געוואָרען אין איבערפאַ־לען ווייסע פרויען.

די דאָזיגע סטאַטיסטיקס זיינען צו־שיקט געוואָרען צו די קאָנגרעסלייט, וואָס זיינען געגען דעם „אַנטי־לינטשינג דייער ביל".

די לינטשערייען זייט 1889 לויט מאַנ־כע שטאַאטען:

טעקסעס — 333; לואיזיאַנא — 326;
טענעסי — 191; דזשאָרדזשיא — 428;
אַרקענזעס — 231 (צווישען זיי 5 פרויען);
פלאָרידא — 200.

די אמעריקאנער באפעלקערונג לויט קאָליר און ראַסע

לויט דעם באריכט פון דער צענזוס־ביורא פון דעם דעפּארטמענט אוו קאמערס אין וואשינגטאָן איז די באפעלקערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען לויט דעם צענזוס פון 1920 בעשטאנען פון 105,710,620 פערזאָן.

פון די זיינען 94,820,915 פון דער ווייסער ראסע, 10,463,131 פון דער נעגער ראסע, 244,437 אינדיאנער, 111,010 יאפּאנעזער, 61,639 כינעזער, 5,603 פיליפינאָס, 2,507 הינדוס, 1,224 קאָרעאנער און 154 אנדערע (סיאמער, האוואיער, א. ז. וו.).

אין פערגלייך מיט דעם צענזוס וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין לאנד אין יאָהר 1910 האָט זיך די גאַנצע באפעלקערונג פארגרעסערט אויף 14 — 9.10 פּראָצענט. די ווייסע באפעלקערונג האָט זיך פארגרעסערט אויף 16 פּראָצענט, די נעגערס אויף 1.2 — 6פּראָצענט, און די יאפּאנעזער אויף 3.10 — 53 פּראָצענט.

די אינדיאנער באפעלקערונג האָט זיך פארקלענערט אויף 8 פּראָצענט, און די כינעזישע באפעלקערונג אויף 8.10 —13 פּראָצענט.

די פארגרעסערונג און פארקלענערונג פון די פארשיעדענע טהיילען פון דער באפעלקערונג ווערט ערקלעהרט פון דעם רעגיערונגס־דעפּארטמענט ווי פאָלגט:

די ווייסע באפעלקערונג.

נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס פאר די צעהן יאָהר האָט זיך די ווייסע באפעלקערונג פארגרעסערט אויף 16 פּראָצענט, איז דער פּראָצענט פּאָרט קלענער פון דער פארגרעסערונג פאר די צעהן יאָהר פון 1900 ביז 1910. דאן איז דער פּראָצענט געווען 3.10 — 22 פּראָצענט.

די פארקלענערונג ווערט ערקלערט היופּטזעכליך דערמיט וואָס די אימיגראַציע איז פאר דער צייט פון מלחמה געווען אָפּגעשטעלט.

נעגער בעפעלקערונג.

די צאָהל נעגערס אין לאנד איז נישט אָפּהענגיג פון אימיגראַציע אָדער עמיגראַציע. עס איז בלויז א פראגע פון דעם געבורט און פון פּראָצענט. און אין דעם הינזיכט האָט די סטאטיסטיק פאר די לעצטע צעהן יאָהר געוויזען א גרויסע פארקלענערונג אין דעם געבורט פּראָצנט פון די נעגערס. אינטערעסאנט איז אויך דער פאקט, דאָס אין דער סאוטה וואו די צאָהל נעגערס איז די גרעסטע (85 פּראָצענט פון דער גאנצער נעגער באפעלקרונג פון לאנד) איז דער פארגרעסערונגס פּראָצענט דער קלענסטער.

אין די צעהן יאָהר פון 1900 ביז 1910 איז די באפעלקערונג פון די נעגערס אין די סאוטה געוואַקסען אויף 10.4 פּראָצענט, אין די נאָרטה אויף 16.7 פּראָצענט, און אין די וועסט אויף 67.5 פּראָצענט; אין די זעלבע טעריטאָריעס פאר די צעהן יאָהר פון 1910 ביז 1920, איז די צאָהל געוואַקסען אין די סאוטה אויף 1.9 פּראָצענט, אין די נאָרטה אויף 43.3 פּראָצענט, און אין די וועסט אויף 67.5 פּראָצענט.

די אינדיאנער בעפעלקערונג.

די פארקלענערונג אין צאהל פון אינ־דיאנער דא אין לאנד ווערט ערקלעהרט מיט א מעגליכען טעות אין דעם צעהלען פון דער אינדיאנער באפעלקערונג וואס איז געמאכט געווארען אין יאהר 1910. יענעם יאהר האט מען געשענקט ספּעציע־לע אויפמערקזאמקייט צו פאררעכנען יע־דען איינעם וואס האט אפילו א שפור פון אינדיאנער בלוט אין זיך צו די אינדיא־נער, ווייל מען האט דאן פארבערייטעט א ספּעציעלען באריכט וועגען זייערע פארשיעדענע שבטים (טרייבס), זייער בלוט, א. ז. וו. א גרויסע צאהל מענשען וואס וואלטען געוועהנליך פאררעכנט ווע־רען פאר ווייסע זיינען דאן פאררעכנט געווארען פאר אינדיאנער.

די ציפערען פון 1910 צייגען 265,683 אינדיאנער אין לאנד, ווען אין יאהר 1900 זיינען זיי געוועזען בלויז 237,196, און אין יאהר 1890 — 248,253.

דער צענזוס פון 1920 צעהלט אין די פאראייניגטע שטאטען 244,437 אינדיא־נער.

דער „שווארצער" שטאאט.

דער שטאאט מיסיסיפּי איז א „שוואר־צער". די מעהרהייט פון דער דארטיגער באפעלקערונג באשטעהט פון נעגערס. אויף די אייזענבאהנען און סטריט־קארס, אין די שוהלען און די פּאבליק־אנשטאל־טען, אומעטום זיינען די שווארצע אפּגע־טיילט פון די ווייסע. און דארט, וואו עס געפינען זיך ווייסע, נעמט מען ניט אריין קיין שווארצע. און טראטץ דעם, וואס די מעהרהייט פון דער באפעל־קערונג באשטעהט פון שווארצע, האבען מיר אין דעם סטייט 525 אגריקולטור־שוהלען פאר די קינדער פון די „ווייסע" פארמערס, און קיין איין שוהל פאר די קינדער פון די שווארצע.

עס זיינען דא 400 הײ־סקוהלס פאר ווייסע און בלויז איין סקוהל פאר שוואר־צע.

49 אגריקולטור־סקוהלס פאר ווייסע, און בלויז איינע פאר שווארצע.

4 סטייט־קאלעדזשעס פאר ווייסע, און בלויז איינער פאר שווארצע.

1 אינסטיטוט פאר בלינדע ווייסע, און קיין איינער פאר שווארצע.

1 טובערקולאזיס־סאניטאריום פאר ווייסע, און קיין איינער פאר שווארצע.

1 „האום" פאר גייסטיג־קראנקע וויי־סע, און קיין איינער פאר שווארצע, און אז. וו.

קרבנות פון שלעכטען פאמיליען־לעבען.

די מלחמה־קרבנות פון משפחה־קאמף צווישען מאן און ווייב וואס ענדיגט זיך מיט גט, האט דערגרייכט 5,582,696 נפשות פאר די לעצטע 20 יאהר, אריינ־רעכענענדיג מענער, פרויען און קינדער.

א בישאפ אין קאליפארניא פאדערט אז מען זאל אנפאנגען א קרייץ־צוג געגען אט דעם גרויזאמען איבעל.

ער שלאגט פאר א פעדעראלען געזעץ וועגען גט און צושיידונג. איצט עקזי־סטירען 49 פארשיעדענע מינים געזעצען אין יונייטעד סטייטס. א מאן קאן זיין געזעצליך פארהייראט אין איין סטייט און א ביגאמיסט אין אן אנדער סטייט. איין און דיזעלבע פרוי קען זיין א גע־זעצליכע ווייב אין איין סטייט און א מין גרושה, אלמנה, קעבס־ווייב אין אן אנ־דער סטייט. דאס אייגענע איז מיט קינ־דער, זיי קענען זיין געזעצליכע אין איין געגענד פון לאנד און ממזרים אין אן אנ־דער געגענד.

ווי אמעריקא האט איבערגעיאָגט ענגלאנד

אין פערלויף פון הונדערט יאָהר האָט אונזער אמעריקא איבערגעיאָגט די מוטער לאנד ענגלאנד סיי אין צאָהל פון בעפעל־קערונג און סיי אין רייכטהום.

אין 1821 איז די באפעלקערונג פון גרויס בריטאניען געווען איבער צוויי מאָהל אזוי פיעל ווי אין די פאראייניגטע שטא־טען. אין 1921 איז די באפעלקערונג פון די פעראייניגטע שטאטען געווען אי־בער צוויי מאָהל אזוי פיעל ווי אין ענג־לאנד, שאָטלאנד און וויילס צוזאמענגע־נומען..

די פאָלגענדע טאבעלע באווייזט דעם צווואוקס פון די באפעלקערונגען אין די לעצטע הונדערט יאָהר אין גרויס בריטא־ניען און די פאראייניגטע שטאטען:

באפעלקערונג פון גרויס בריטאניען:

1821	21,272,187
1831	24,392,485
1841	27,036,450
1851	27,724,056
1861	29,321,288
1871	31,845,379
1881	35,241,482
1891	38,104,975
1901	41,976,827
1911	45,216,665
1921	42,767,530*

*) אירלאנד'ס באפעלקערונג איז דאָ דורכגעלאָזען, ווייל דאָרט איז קיין צענ־זוס ניט גענומען געוואָרען אין 1921.

באפעלקערונג פון אמעריקא

1820	9,638,453
1830	12,860,702
1840	17,036,353
1850	23,191,876
1860	31,443,321
1870	38,558,371
1880	50,155,783
1890	62,947,714
1900	75,994,575
1910	91,972,266
1920	105,683,108

אויסער אלאסקא און די אנדערע בא־זיצען.

פון דער דאָזיגער טאבעלע איז צו זעהן אז אין 1861, פאר דעם בירגער קריעג זיינען די בעפעלקערונגען אין די צוויי לענדער געווען כמעט גלייך אין צאָהל, אָבער ענגלאנד איז דאן געווען אונ־געהויער רייכער פון די פאראייניגטע שטאאטען ווייל די אמעריקאנער אידוסט־ריען זיינען נאָך דאן געווען אין די וויקע־לאך, ווערענד ענגלאנד איז געווען בא־קאנט אלס די ווערקשטאאט פון דער וועלט.

אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט ענגלאנד בעהערשט די גאנצע וועלט מיט איהר האנדעל און אינדוסטריע. צו יענער צייט האָט ענגלאנד פראָדוצירט צוויי דריטעל פון די קויהלען און צוויי דריטעל פון די אייזען און שטאָהל וואָס די וועלט האָט פראָדוצירט.

צוויי דריטעל פון די קאטאן וואָס די וועלט האָט פראָדוצירט זיינען אויסגעאר־בייט געוואָרען אין ענגלאנד אין פאברי־צירטע סחורות און צוויי דריטעל פון דעם

גאַנצען שיפס פאַרקעהר אין דער וועלט האָבען בעלאַנגט צו ענגלאַנד. ענגלישע אינזשינירען האָבען מיט'ן ענגלישען קאַפּיטאַל געבויט אייזענבאַהנען און פאַבריקען אין אַלע טהיילען פון דער וועלט, און ענגלאַנד האָט פינאַנסירט אַלע לענדער און אַלע מלוכות. אַמעריקא איז דאַן געווען הויפּטזעכליך אַן אַגריקולטורעלע מדינה און עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי וועט אימער זיין אַבהענגיג פון ענגלאַנד פאַר קאַפּיטאַל און פּראָדוצירטע סחורות.

קויהלען זיינען דאַן געווען דער יסוד פון אינדוסטריע און רייכטהום און מען האָט געגלויבט, אַז ענגלאַנד וועט אימער בלייבען די אינדוסטריעלע הערשערין פון דער וועלט צוליעב דעם וואָס זי האָט געהאַט אַ איבערפלוס פון ביליגע קויהלען. ענגלישע עקספּערטען האָבען געהאַט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אַמעריקא וועט קיין מאָהל ניט ווערען אַ גרויסע אינדוסטריעלע לאַנד דערפאַר ווייל די קויהלען פעלדער זיינען געווען אונגעהויער ווייט פון די האַפען שטעדט. דערצו האָט ענגלאַנד געהאַט די מעלה וואָס דאָרטען זיינען די קויהלען פעלדער געווען נעבען די אייזען מינען וועהרענד אין די פאַראייניגטע שטאַאטען האָבען שטרעקעס פון טויזענדער מיילען אַבגעטהיילט דיעזע מינעראַלען.

די פליים, ענערגיע און ערפינדונגס קראַפט פון די אַמעריקאַנער האָבען אָבער בייגעקומען אַלע שוועריגקייטען און יעצט האָט אַמעריקא איבער צוואַנציג מאָהל אַזוי פיעל קויהלען ווי ענגלאַנד. דערצו איז איצט אַמעריקא אונגעהויער רייכער אַלס ענגלאַנד אין וואַסער קראַפט, פּעטראָלעאום, אַלערליי מינעראַלען און אַלע סאָרטען רויהע מאַטעריאַלען וועלכע ווערען בענוצט אין אינדוסטריע.

לויט דעם וואוקס פון אַמעריקאַס באַפעלקערונג און רייכטהום גלויבט מען, אַז אין 80 יאָהר אַרום וועט די באַפעלקערונג אין די פאַראייניגטע שטאַאטען גרייכען די צאָהל פון 250 מיליאָן נפשות און אין יאָהר 2100, דאָס הייסט אין 180 יאָהר אַרום וועט די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען בעשטעהען פון איבער 500 מיליאָן מענשען.

אַמעריקאַ'ס הלוואות צו די אַלייעס.

די אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט אין פאַרלויף פון דער מלחמה און נאָך דעם וואַפענשטילשטאַנד אַבמאַך געליהען די אַלאַירטע רעגיערונגען אַ סומע נאָהענט פון 10 ביליאָן דאָלאַר.

די פאָלגענדע טאַבעלע צייגט די סומען וועלכע די פאַרשיעדענע רעגיערונגען זיינען שולדיג דער אַמעריקאַנער רעגיערונג:

ענגלאַנד	4,277,000,000
פראַנקרייך	3,047,974,777
איטאַליע	1,666,260,179
בעלגיען	350,428,793
רוסלאַנד	187,729,750
טשעכאָסלאָ.	67,329,041
גריכענלאַנד	48,236,629
סערביען	26,780,465
רומעניען	25,000,000
סך הכל	$9,696,739,634

„סאָפט דרינקס" און מואווינג פּיקטשורס.

לעצטען יאָהר האָט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אויסגעגעבען 600,000,000 דאָלאַר אויף סאָדאַ־וואַסער און אַנדערע „וויכע" געטראַנקען, ניט אַריינרעכענדיג ביערלאַגע ביער און אַנדערע אימיטאַציעס פון האַלב־געשטאַרבענע שטאַרקע משקה.

העכער 20,000,000 מענשען באַזוכען יעדען טאָג די 18,000 מואווינג־פּיקטשורס אין יוניטעד סטייטס.

דאָס פאַרגעניגען קאָסט אַרום 4 מיליאָן דאָלאַר אַ טאָג.

פרויען שטימרעכט אין אמעריקא

פאר דער אמעריקאנער רעוואָלוציע האָבען פרויען אונטער איינינע קאָלאָניאל רעגירונגען געהאט שטימרעכט.

אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע האָבען פרויען געפאָדערט צו זיין פארטראָטען אין דער רעגירונג. אביגיל אדאמס האָט דאן געשריבען צו איהר מאן דזשאהן אדאמס פאָלגענדעס: „אויב פרויען וועלען ניט זיין פערטראָטען אין דיעזער נייער רעפובליק וועט פאָרקומען נאָך א רעוואָלוציע".

אין 1848 איז אין סענעקא פאָלס אָבגעהאלטען געוואָרען א קאָנוועגשאָן פאר פרויען רעכטע, איינבארופען פון לוקרעשיא מאָטט און עליזאבעטה קיידי סטענטאָן. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע סאָפרעדזשעט דעמאָנסטראציע אין אמעריקא.

פון 1848 ביז דעם בירגער קריעג זיינען געמאכט געוואָרען פארזוכען צו ענדערען די סטייט געזעצען אזוי דאָס פרויען זאָלען האָבען שטימרעכט.

צו ענדע פון קריעג האָבען די פרויען רעכטלערערינס געמאכט א פארזוך צו פועל'ן, אז די 14טע און 15טע קאָנסטיטוציאָנעלע אמענדמענטס זאָלען אויסגעטייטשט ווערען אזוי דאָס פרויען זאָלען קאָנען וואוטען.

אין 1872 האָט מיסס אנטהאָני געמאכט א טעסט קייס דורך וואוטען אין עלעקשאָנס. זי איז ארעסטירט געוואָרען און איז פאראורטהיילט געוואָרען צו צאָלען שטראָף. זי האָט אָבער ענטזאגט זיך צו באצאָהלען די שטראָף, אָבער מען האָט זי ניט איינגעשפארט אין געפענגניש.

אין 1875 האָט מיסס אנטהאָני פערפאסט א פרויען סאָפרעדזש אמענדמענט, אז צוליעב געשלעכט זאָל קיין אמעריקאנער בירגער ניט פערבאָטען ווערען צו וואוטען.

אין 1878 האָט סענאטאָר סארדזשענט פון קאליפאָרניא פאָרגעשלאָגען דיעזען אמענדמענט אין סענאט.

זייט 1848 האָבען פרויען אין די פערשיעדענע סטייטס אָנגעפיהרט דעם קאמף צו קריגען שטימרעכט דורך סטייט געזעצע, און ענדע פון 1912 האָבען פרויען פון 9 סטייטס שוין געהאט געוואונען דאָס רעכט צו שטימען. וויאָמינג האָט אין 1869 געגעבען פרויען שטימרעכט. קאָלאָראדאָ, יוטאה און איידאהא האָבען אין 1894 געגעבען פרויען גלייכע פאָליטישע רעכטע. אין וואשינגטאָן סטייט האָבען די פרויען געוואונען שטימרעכט אין 1910 און אין קאליפאָרניא האָבען די פרויען געוואונען זייער קאמף פאר שטימרעכט אין 1911. קענזעס, אריזאנא און ארעגאָן האָבען בעוויליגט שטימרעכט די פרויען אין 1912. אין 1913 האָבען די פרויען אין אילינאָי געוואונען דאָס רעכט צו שטימען אין סטייט און פעדעראלע וואהלען. אין 1914 זיינען די פרויען אין מאנטאנא און נעוואדא גלייכבערעכטיגט געוואָרען. אין 1917 האָבען די פרויען אין נויאָרק געקראָגען שטימרעכט און אין 1918 האָבען די פרויען אין אָקלאהאָמא, סאוטה דאקאָטא און מישיגען געקראָגען שטימרעכט, און אין 1920 איז אָנגענומען געוואָרען דער קאָנסטיטוציאָנעלער אמענדמענט צו געבען פרויען שטימרעכט אין גאנצען לאַנד.

אמעריקאנער ביכער אין 1920

פאַר דעם יאָהר 1920 זיינען אין די פעראייניגטע שטאַאטען ארויסגעגעבען געוואָרען 8,422 ביכער. די צאָהל איז מיט 172 קלענער פון דער צאָהל פון 1919, און איז אויך קלענער פון דער צאָהל אויסגאַבען פאַר יעדען יאָהר זינט 1906, ווען עס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען 7,139 ביכער.

צווישען די אַלע ביכער זיינען פאַר דעם יאָהר 1920 ארויסגעגעבען געוואָרען 1,154 בעלעטריסטישע ווערק, מיט 250 מעהר. ווי אין 1919; ביאָגראַפישע ביכער 222, מיט 76 מעהר; ביכער פאַר קינדער 499, מיט 66 מעהר; פּאָעזיע און דראַמא 558, מיט 58 מעהר. עס זיינען אויך אין פערגלייך מיט די אויסגאַבען פון 1919 ארויסגעגעבען געוואָרען מעהר ביכער איבער ביאָגראַפיעס, ספּאָרטס, קונסט, מוזיק און פילאָזאָפיע.

קלענער זיינען אין צאָהל אין פערגלייך מיט 1919 די ביכער איבער אגריקולטור, מעדיצין און היגיענע, געשיכטע, געשעפטס־וויסענשאַפט, סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע, פיזיקאַלישע און מאַטעמאַטישע וויסענשאַפטען, טעאָלאָגיע, געזעץ, ערציהונג און פילאָלאָגיע.

פון דער אַלגעמיינער צאָהל ביכער, 8,442, זיינען 5,101 נייע ביכער וואָס זיינען ערשיענען דעם ערשטען מאָהל, 1,086 נייע אויפלאַגען פון פריהערדיגע ביכער, און 2,235 פּאַמפלעטען און ביכער פון קלענערער וויכטיגקייט.

פון די אַלע ביכער זיינען 6,831 פערפאַסט געוואָרען פון אַמעריקאַנער שרייבער און 615 זיינען געשריבען געוואָרען פון ענגלישע און אַנדערע פרעמדע שרייבער.

די צאָהל ביכער וואָס זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען איז 976. די אַלגעמיינע צאָהל פון אימפּאָרטירטע ביכער זינט 1901 איז 21,036. א ווייטערער אַנאַליז פון דעם ביכער מאַרק אין 1920 צייגט די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע פאַקטען וועגען ביכער פון פערשיעדענע סאָרטען:

די ביכער וועגען פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע ווערען אַלץ קלענער אין צאָהל זינט 1914, געזעץ ביכער ווערען ארויסגעגעבען אַלץ וועניגער זינט 1912, ערציהונגס־ביכער זינט 1910, געשיכטע האָט געהאַט די גרעסטע צאָהל ביכער אין 1913, בעלעטריסטיק האָט געהאַט יעדען יאָהר צווישען 1900 און 1910 מעהר ביכער ווי אין דעם יאָהר 1920, פּאָעזיע און דראַמא פעהלט זינט 1907 אַן אַלגעמיינע צאָהל פון 9,900 ביכער.

די אַמעריקאַנישע צייטונגען עסען אויף פינף טויזענט ביימער אַ טאָג.

צוליעב די גרויסע אַמעריקאַנישע צייטונגען, וועלכע פאַרנוצען אַזוי פיעל פּאַפּיער, וועט אַמעריקא באַלד בלייבען אָהן וואַלד. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז אַמעריקא פאַרנוצט יעדען טאָג פּאַפּיער פאַר וועלכע עס ווערען אויסגעהאַקט 5,000 ביימער.

5,000 ביימער אַ טאָג — דאָס איז צופיעל אפילו פאַר אַ לאַנד וואָס איז אַזוי רייך אין וועלדער ווי אַמעריקא.

בלויז אַמעריקא איז אַזוי פאַרשווענדעריש מיט איהרע צייטונגען. אין אויסטראַליען און ניו־זעעלאַנד, צום ביישפּיעל, ווערט פּאַפּיער באַנוצט זעהר עקאָנאָמיש,

ווייל מען האָט דאָרט אַן אויג אויף דער צוקונפט פון די וועלדער. אַן אויסטראַלישער רעדאַקטאָר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער זאָל אַרויסגעבען אַ נומער צייטונג מיט אַזוי פיעל זייטען ווי אַ ניו יאָרקער צייטונג, ווער שמועסט נאָך, אַ ניו יאָרקער זונטאַג צייטונג, וואָלט ער געמוזט געהן אין געפענגניש דערפאַר.

אַמעריקאַ באַציהט איצט אַ דריטעל פון איהר פּאַפּיער פון קענעדע, האָט מען זיך דאָרט טאַקע געכאַפּט בעצייטענס און קענעדע וויל שוין טאַקע פאַרוועהרען אויסצוהאַקען בוימער מעהר און שנעלער ווי זיי וואַקסען. קענעדע, הייסט עס, וויל מיטהאַלטען דעם פאַרברויך פון פּאַפּיער מיט דעם נאַטירליכען צו־וואוקס פון בוימער.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרען, אַז יעדען יאָהר ווערט אין אַמעריקאַ פאַרברויכט אויף צייטונגען און זשורנאַלען דריי הונדערט טויזענט אַקער וואַלד.

„בעזגראַמאַטנע" אין אַמעריקאַ.

מענשען וואָס קענען ניט לעזען און ניט שרייבען זיינען דאָ גענוג ניט נור צווישען די איינגעוואַנדערטע און שוואַרצע אין אַמעריקאַ נור אויך צווישען די ווייסע איינגעבאָרענע אַמעריקאַנער.

דער לעצטער צענזוס פון 1920 צייגט, אַז ניו מעקסיקאָ האָט פּראָפּאָרציאָנעל די גרעסטע צאָהל אַנאַלפאַבעטען (בעזגראַמאַטנע).

די שטאַטען וועלכע האָבען פּראָפּאָרציאָנעל די קלענסטע צאָהל אַנאַלפאַבעטען זיינען: מאָנטאַנאַ, איידאַהאָ, וויאָמינג, יוטאַה און וואַשינגטאָן. די דאָזיגע פינף שטאַטען ווי אויך דער דיסטריקט אָוו קאָלאָמביאַ האָבען בלויז צו דריי־צעהנטעל פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען די איינגעבאָרענע ווייסע. סאוטה דאַקאָטאַ, נעוואַדאַ און אָרעגאָן האָבען צו פיער־צעהנטעל פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען.

די פיער סטייטס וועלכע האָבען אַ גרעסערען פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען זיינען:

דזשאָרדזשיאַ — —	5.4	פּראָצענט.
ווירדזשיניאַ — —	5.9	"
אַלאַבאַמאַ — — —	6.3	"
סאוטה קאראָליינאַ —	6.5	"
קענטאַקי — — —	7.0	"
טענעסי — — —	7.3	"
נאָרטה קאראָליינאַ —	8.2	"
ניו מעקסיקאָ — —	11.6	"

די גרעסטע צאָהל אַנאַלפאַבעטען פּראָפּאָרציאָנעל צווישען די איינגעוואַנדערטע איז אין טעקסעס. דאָרטען בילדען די בעזגראַמאַטנע פרעמד־געבאָרענע 38.8 פּראָצענט. סאוטה דאַקאָטאַ האָט בלויז 4 מיט זיעבען צעהנטעל פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען די איינגעוואַנדערטע.

די קלענסטע צאָהל אַנאַלפאַבעטען צווישען די שוואַרצע איז אין ניו יאָרק — בלויז 2 מיט ניין צעהנטעל פּראָצענט. די גרעסטע צאָהל שוואַרצע אַנאַלפאַבעטען פּראָפּאָרציאָנעל איז אין לואיזיאַנאַ — 38 און אַ האַלב פּראָצענט.

אַריזאָנאַ האָט פאַרקלענערט איהר אַנאַלפאַבעטיזם צווישען 1910 און 1920 פון 4.2 פּראָצענט אויף 2.1 פּראָצענט.

פייערן אין אַמעריקאַ קאָסטען 500 דאָלאַר אַ מינוט.

פייערען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען קאָסט דורכשניטליך 500 דאָלאַר אַ מינוט און 450,000,000 דאָלאַר אַ יאָהר, אַ סומע, וועלכע אויב מען וואָלט עס אויסלייגען אין אַ קייט פון איינצעלנע פּעניס, וואָלט אַרומגעהמען דעם ערד־קוגעל עלף מאָהל און וואָלט נאָך דערצו פאַרנעהמען די גאַנצע ברייט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

וויפיעל איז ווערטה די שטאדט ניו יארק ?

די שטאדט ניו יארק איז ווערטה די סומע פון 10 ביליאן און 615 מיליאן דאלאר. אזוי איז עס אבגעשאצט געווארען פון דער „באארד אוו טעקסעס ענד אססעסמענטס", וואס דארף באשטימען, וויפיעל טעקסעס עס דארפען אויסגעצאהלט ווערען. די גאנצע ריעל עסטייט פון גרייטער ניו יארק, ד. ה. לאנד און געביידעס, האבען די ווערטה פון 9 ביליאן און 950 מיליאן דאלאר, און דאס איבעריגע איז די ווערטה פון די זאכען, וואס קענען אריבערגעפיהרט ווערען פון ארט צו ארט. הייסט עס, אז די הויפט ווערטה פון דער שטאדט ניו יארק ליעגט אין איהר ריעל־עסטייט.

אין ניו יארק איז פאראן א גרויסע צאהל אפיס־געביידעס, אפארטמענט־הייזער, האטעלען און טעאטערס, וואס האבען א גרויסען ווערטה. אט זיינען אייניגע געביידעס, וואס זיינען ווערטה א סך געלט:

די עקוויטיבעל בילדינג ווערט געשאצט אין 30 מיליאן דאלאר; די זינגער בילדינג — 4¼ מיליאן דאלאר; די געביידע פון 111 בראדוויי — 7 מיליאן דאלאר; מעטראפאליטאן לייף אינשורענס — 13¼ מיליאן דאלאר; די „װאירלד" בילדינג — 3 מיליאן דאלאר; די געביידע פון 30 טשוירטש סטריט — 8¼ מיליאן דאלאר; די נעשאנאל בענק אוו קאמערס — 5¾ מיליאן דאלאר; לינקאלן סייף דעפאזיט — 3 מיליאן דאלאר, און אז. וו.

עס זיינען פאראן אין ניו יארק 25 האטעלען, וואס יעדער פון זיי איז ווערטה מעהר ווי א מיליאן דאלאר; ד. ה., אז דאס איז די ווערטה פון זייער ריעל־עסטייט אליין — דאס לאנד און די געביידע, א חוץ די מעבעל און אנדערע זאכען, וואס קענען אריבערגעפיהרט ווערען. צווישען זיי איז דער אסטאר האטעל ווערטה 7¼ מיליאן דאלאר; וואלדארף — 5½ מיליאן דאלאר; בילטמאר — 9½ מיליאן דאלאר; קאמאדאר — 9½ מיליאן דאלאר; מעק־אלפין — 9¾ מיליאן דאלאר; פלאזא — 8¼ מיליאן דאלאר; ריץ־קארלטאן — 5¾ מיליאן דאלאר; אנסאניא — 4½ מיליאן דאלאר, און אז. וו.

עס זיינען דא פאראן 17 טעאטערס, וואס יעדער פון זיי איז ווערטה מעהר ווי איין מיליאן דאלאר, און אייניגע פון זיי זיינען אזעלכע, וואו עס ווערען געצייגט נאר מואווינג פיקטשורס, צווישען זיי — די קעפיטאל איז ווערטה 2½ מיליאן דאלאר; מעטראפאליטאן אפערא האוז — 3¾ מיליאן דאלאר; סענטשורי — 2 מיליאן דאלאר; קאהאן — 2¾ מיליאן דאלאר; ריאלטא — 2 מיליאן דאלאר; סטרענד — 3 מיליאן דאלאר; קארנעגי האל — 1¾ מיליאן דאלאר; ווינטער גארדען — 1½ מיליאן דאלאר, און אז. וו.

פאר'ן לעצטען יאהר זיינען אין ניו יארק אויפגעבויט געווארען 14 טויזענד און 155 נייע געביידעס אין ווערטה פון 250½ מיליאן דאלאר. דאס איז נאר די ווערטה פון די געביידעס, ניט אריינרעכענדיג אהער די ווערטה פון דאס לאנד,

אויף וועלכע די געביידעס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען.

אַלזאָ — איז די שטאָדט ניו יאָרק ווערטה די סומע פון אַרום 10½ ביליאָן דאָלאַר. און איצטער שטעלט זיך פאַר, אַז עס איז געקומען אַ סוחר און וויל אָפּקויפען די גאַנצע שטאָדט, וויפיעל זילבער וואָלט ער געדאַרפט באַצאָהלען?

ווען אַזאַ סוחר וואָלט געקומען מיט קעש זילבער, וואָלט מען איהם, פריהער פון אַלע, פאַר אַזוי וועניג געלט די שטאָדט ניט פאַרקויפט, ווייל ערשטענס, ווערט יעדע זאַך געשאַצט אין אַ ביסעל וועניגער ווי איהר ווירקליכע ווערטה — אַנדערש וואָלטען די מעכטיגע באַלעבאַטים פון די באַטרעפענדע זאַכען אויפגעהויבען אַ גוואַלד, אַז מען האָט זייער האָב־און־גוטס איבערגעשאַצט און מען וויל זיי באַרייסען אין טעקסעס. זיי וואָלטען עס זאָגאַר געקענט בעווייזען מיט דאָקומענטען. איז בעסער אביסעל אונטערשאַצען, ווי איבערשאַצען. און צווייטענס, ווען איינער האָט אַ געביידע, וואָס איז ווערטה, מיר וועלען זאָגען, אַ מיליאָן דאָלאַר, וועט ער פאַר איין מיליאָן דאָלאַר די געביידע ניט פאַרקויפען, ווייל פאַר דאָס געלט איז די געביידע ווערטה פאַר איהם אַליין.

אָבער אָנגענומען, אַז מען וויל דעם סוחר פאַרקויפען די שטאָדט פאַר דאָס געלט אין וויפיעל עס איז אָפּגעשאַצט געוואָרען — וויפיעל געלט אין מזומן זילבער וואָלט ער געדאַרפט בעצאָהלען? ער וואָלט געדאַרפט מיט זיך מיטברענגען 279 טויזענט און 870 טאָן זילבערנע מטבעות. ווען ער וואָלט זיי געדאַרפט ברענגען אין וואַגאָנעס, צו 20 טאָן אין אַ וואַגאָן, וואָלט ער בעדאַרפט אַ צוג פון 14 טויזענט וואַגאָנעס, וואָס וואָלטען פאַרנומען אַ לענג פון 140 מייל.

אַ מיליאָן מענשען פאָהרען אריין און אַרויס פון ניו יאָרק יעדען טאָג.

מיט יעדען יאָהר, וואָס די באַפעלקערונג פון ניו יאָרק וואַקסט אין צאָהל, אַלץ שטאַרקער ווערט פאַר די גרויסע אייזענבאַהן־קאָמפּאַניס די פּראָבלעמע וועגען דעם פּאַסאַזשיר־פּאַרקעהר אויף די אייזענבאַהנען, וואָס פאָהרען טעגליך אַרויס און אריין קיין ניו יאָרק. די סטאַטיסטיק פון פּאַסאַזשירען אויף די פאַרשיעדענע באַהן־ליניעס, וואָס ציהען זיך פון ניו יאָרק צו אַלע טהיילען פון לאַנד, צייגען, אַז אין דורכשניט פאָהרען יעדען טאָג אַרויס פון און אריין קיין ניו יאָרק ניט וועניגער ווי דריי פערטעל מיליאָן מענשען, אָדער אַזוי פיעל וויפיעל די גאַנצע באַפעלקערונג פון באָסטאָן. נעהמענדיג אָבער אין אַנבעטראַכט, אַז אין געוויסע טעג פון'ם יאָהר, ווי זונטאַג אָדער יום־טובים, איז דער דער פּאַסאַזשיר־פאַרקעהר געוועהנליך אַ קלענערער ווי אין אַ וואָכען־טאָג, איז עס קלאָהר, אַז עס זיינען פאַראַן טעג דורכ'ן יאָהר ווען אַ פולער מיליאָן מענשען געפינען זיך אויף די באַהן־סטאַנציעס פון ניו יאָרק ביים פערלאָזען די שטאָדט אָדער אריינקומען אין איהר.

אין משך פון לעצטען יאָהר זיינען אין דורכשניט איבער 30 טויזענט מענשען אין אַ שעה צייט אריין אָדער אַרויס פון ניו יאָרק, אָדער צו 500 פּאַסאַזשירען אַ מינוט. די פּענסילווייניא סטיישאָן אַליין האָט מיט 10 יאָהר צוריק, אין דעם ערשטען יאָהר נאָך איהר אויפבויאונג, דורכגעלאָזט אַרום 10 מיליאָן פּאַסאַזשירען, בעת לעצטען יאָהר איז די צאָהל פון אריין־און אַרויספאָהרענדע פּאַסאַזשירען דורך דער זעלבער סטיישאָן געווען איבער 35 מיליאָן, און מען רעכענט, אז דאָס

יאָהר וועט די צאָהל אריבערשטייגען 40 מיליאָן.

די מעהרסטע ניו יאָרקער און רייזענ־דע פון אויסער ניו יאָרק ווייסען נאָר וועגען די צוויי ניו יאָרקער גרויסע באהן־סטאנציעס: די פענסילווייניא און גראַנד סענטראַל סטיישאַנס, און דאָך איז פאראַן א דריטע באהן־סטאנציע, נעמליך די לאָנג איילאַנד סטיישאַן אויף פלעט־בוש און אטלאנטיק עוועניוס, ברוקלין, וואו די צאָהל פון פאסאזשירען יעדען טאָג איז גרעסער אייהער אין די אַנדערע צוויי סטיישאַנס. אין 1920 האָט די לאָנג איילאַנד אייזענבאהן געפיהרט 59 מיליאָן פאסאזשירען, בעת די פענסילווייניא אייזענבאהן ליניע (אריינגערעכענט אויף דעם פארקעהר אויסער ניו יאָרק) האָט יענעם יאָהר געפיהרט איבער 42 מיליאָן און די גראַנד סענטראַל איבער 28 מיליאָן פאסאזשירען.

די נייע פּאָסט־מאַשין וואָס ווערט באַנוצט אין ניו יאָרקער גרויסע אָפיסעס.

זינט לעצטען אויגוסט זיינען אין די אָפיסעס פון די גרויסע ניו יאָרקער פירמעס, ווי די ניו יאָרקער טעלעפאָן קאָמפּאני, די וואנאמייקער סטאָר, די נעשאַנעל סיטי באַנק און עהנליכע גרויסע געשעפטס־הייזער איינגעפיהרט געוואָרען א נייע מאַשין וואָס שפּאָרט איין די באַשעפטיגונג פון צעהנדליגער קלוירקס צו פּאַנאַנדערשיקען בריעף פון העם אָפיס. איין מאַשין אַזא קאָן אָפּסטעמפּען, לעגען דעם דאַטום־זיגעל, איבערצעהלען און צוזאַמענלעגען צו 250 קאָנווערטען אין א מינוט.

די נייע מאַשין ווערט געטריבען פון עלעקטריציטעט און באַשטעהט פון א דרוק און רעקאָרדינג מעכאַניזם, וואָס קאָן צוזאַמענגעלעגט ווערען אין א קליין קעסטעלע וואָס מען קאָן איבערטראָגען פון איין אָרט צום אַנדערען.

ווען, למשל, די פירמע דאַרף פּאַנאַנדערשיקען 50 טויזענט בריעף אין איין טאָג, נעהמט דער קלוירק דעם „מיטער" פון דער מאַשין צום פּאָסט־אָפיס, וואו ער אָרדערט און באַצאָהלט פאַר 50 טויזענט סטעמפּס, אָבער אַנשטאט וואָס די פּאָסט זאָל איהם פאַרקויפען פּאַרטיגע סטעמפּס, שליסט דער פּאָסטמייסטער אויף דעם „מיטער", שטעלט אָן דעם מעכאַניזם צו פּראָדוצירען פּונקט די געאָרדערטע צאָהל סטעמפּ־זיגלען און דערנאָך פאַרשליסט ער און פאַרזיגעלט דעם „מיטער". ווען דער קלוירק ברענגט צוריק דעם „מיטער" אין אָפיס ווערט ער צוגעשטעלט צו דער עלעקטרישער מאַשין, און בעת א מיידעל „פיטערט" די מאַשין מיט די אַדרעסירטע קאָנווערטען, ווערען זיי געסטעמפּט און געזיגעלט, געצעהלט און צוזאַמענגעלעגט מיט א זעלטענער שנעלקייט. אויפ'ן „מיטער" זיינען פאַראַן צוויי קליינע „רעדזשיסטערס", וואו עס ווערען אויטאָמאַטיש פאַרצייכענט די צאָהל פון געסטעמפּטע און נאָך ניט געסטעמפּטע בריעף.

כדי זיך צו שאַפען א באַגריף וויפיעל צייט, ארבייט און אַנגעשטעלטע די מאַשין שפּאָרט איין, איז גענוג אָנצווייזען אויף פאָלגענדען פאַקט: די ניו יאָרקער טעלעפאָן קאָמפּאַני מוז יעדען סוף חודש פאַנאַנדערשיקען 175 טויזענט בילס, און כדי די אַלע בריעף צו סטעמפּען און זיגלען דורך דער האַנט האָט מען פריהער געדאַרפט 21,370 מינוט אָדער 53 טעג ארבייט פאַר אַן איינציגען קלוירק. די נייע מאַשין סטעמפּט, זיגעלט, צעהלט און לעגט־צונויף די 175 טויזענט בריעף אין 700 מינוט, דאָס הייסט די צייט פון דריי און א האַלב טעג פאַר אַן איינציגען קלוירק.

וואס צו זעהען אין ניו יארק

אַמעריקען נאַמיסמעטיק סאָסייטי. — בראָדוויי און 156טע סט. וועסט. אָפען טעגליך פון 10 ביז 5, זונטאג פון 1 ביז 5 — איינטריט פריי. באזיצט די גרעסטע זאמלונג און ביבליאָטעק פון מטבעות, מעדאַלען, עהרענאבצייכנונגען, א. ז. וו.

אַקוואַריאום. — אין בעטערי פארק, ענדע פון בראָד־וויי, ניו יאָרק. אָפען פאר באזוכער טעגליך פון 10 ביז 4 — איינטריט פריי. א גרויסע קאָלעקציאָן פון פארשידענע פישען און ים חיות.

ברוקלין ברידזש. — פון פארק ראו, מאנהעטען, ביז סענדס סט., ברוקלין. דעם בריק האָט מען אָנגעפאנגען צו בויען אין 1870 און ער איז פארטיג געוואָרען אין 1883. 6016 פוס לאַנג, 133 פוס איבער'ן וואסער. האָט געקאָסט 25,094,577 דאלאר.

ברוקלין מוזעאום. — איסטערן פארקוויי, ברוקלין. איז אָפען טעגליך פון 2 ביז 6, שבת פון 9 ביז 5. מאנטאג און דינסטאג פון 9 ביז 6 איינטריט 25 סענט. באזיצט א גרויסע קאָלעקציאָן פון פארשידענע קונסטווערקע.

באָטאַניקעל גאַרטען. — בראָנקס פאַרק. אָפען טעגליך פון 10 ביז 4. א זעהר גרויסע גרינ־הויז און מוזעאום.

גרענט'ס טאָם. — 130טע סט. און ריווערסייד דרייוו. א סטייט מאָנומענט פון 160 פוס הויך און 100 פוס אין קוואדראט.

דזשאמעל מענשאָן. — 160טע סט. נעבען עדזשעקאָם עוו. אָפען טעגליך פון 10 ביז 5, זונטאג פון 2 ביז 5. איינטריט פריי. איינע פון די היסטאָרישע פלעצער פון ניו יאָרק. איז געבויט אין 1758. אין יאהר 1776 האָט עס גענעראל וואשינגטאָן באנוצט אלס זיין הויפטקוואַרטיר.

האַדסאָן טוירמינאל בילדינג. — טשורטש סט., ניו יאָרק, צווישען קאָרטלאנד און פולטאָן סטריטס. 375 פוס הויך, האָט אָפיס און גע־שעפטס רום פאר אומגעפעהר 20 טויזענד פערזאָן. אונטער דער געביי־דע געפינען זיך די סטאַנציאָנען פון האַדסאָן און מאנהעטען ריילראָוד, דער אריינפאָהר צום ניו דזשוירזי טונעל.

העלגייט ברידזש. — פון וואַרד'ס איילאנד ביז אסטאָ־ריא לאָנג איילאנד. 18,000 פוס לאַנג, 300 פוס איבער'ן וואסער. פארטיג געוואָרען אין 1916 און האָט געקאָסט ארום $20,000,000.

ווען קאָרטלענד פארק. — (וועסט סייד סאָבוויי ביז 242טע סטריט.) איינער פון די גרעסטע און שעהנסטע פארקען אין אמעריקא.

וואולוואָרטה בילדינג. — בראָדוויי, צווישען בארקליי און פארק פליים. די העכסטע געביידע אין דער וועלט. 750 פוס הויך, 55 שטאָק. דער פונדאמענט — פון 110 ביז 130 פוס אונטער די פלעכע פון גאַס. האָט געקאָסט $15,000,000.

וויליאמסבורג ברידזש. — פון באוערי און דילענסי סט. מאנהעטען ביז בראדוויי ברוקלין. איז 7200 פוס לאנג, 135 פוס איבער'ן וואסער. איז פארטיג געווארען אין 1903. האט געקאסט $23,280,000.

זאאלאגישער גארטען. — בראנקס פארק (מיט סאבוויי אדער 3טע עוו. עלעוויטעד). אפען זומער פון 9 און ווינטער פון 10. איינטריט פריי, אויסער מאנטאג און דינסטאג 25 סענט.

מושב זקנים בית בנות יעקב. — 167טע סט. טעלער און פינדליי עוו. בראנקס. איינער פון די שעהנסטע אינסטיטושאן געביידעס אין דער וועלט. דער גרעסטער מושב זקנים אין דער וועלט, וואו עס איז דא פלאץ פאר 500 זקנים און זקנות, וואו זיי פארברייננגען זייער לעצטע ביסעל יאהרען אין א היים, וועלכע איז געבויט געווארען מיט אלע מאדערנסטע און נייעסטע איינריכטונגען און אין א עכט ארטהאדאקסישע אטמאספערע. דער אינסטיטושאן איז דער שטאלץ פון די ניו יארקער אידען.

מעטראפאליטאן לייף אינשורענס בילדינג. — מעדיסאן סקוועער און 23טע סט. איז 700 פוס הויך, האט איין טורם אן עלעקטרישען זייגער, וועלכער איז 24 פוס אין דורכמעסער.

מוניסיפעל בילדינג. — סיטי האל פארק, סענטר סט. און פארק ראו. איז 580 פוס הויך, 34 שטאק. דער פונדאמענט איז 260 פוס אונטער די פלעכע פון גאס. אונטער דער געביידע געפינען זיך די ענד סטאנציאנען פון פארשידענע ברוקלינער סאבוויים און עלעוויי־טעדס.

מאנהעטען ברידזש. — פון באוערי און קאנעל סט. מאנהעטען ביז פלעטבוש עוו. ברוקלין. איז 8655 פוס לאנג, 135 פוס איבער'ן וואסער. איז פארטיג געווארען אין 1909 און האט געקאסט $26,573.000.

מעטראפאליטען מיוזעאום אוו ארט. 5טע עוו. און 82טע סט., ניו יארק. אפען זומער פון 10 ביז 6, ווינטער פון 10 ביז 5, שבת פון 10 ביז 10. איינטריט פריי — אויסער מאנטאג און פרייטאג 25 סענט.

ניו יארק פאבליק לייברערי. — 5טע עוו. און 40—42טע סטריטס. איז אפען טעגליך פון 9 ביז 10, זונטאג פון 1 ביז 10. איינטריט פריי. ענטהאלט די גאנצע זאמלונגען פון די ביבליאטעקען פון אסטאר, לענאקס, און טילדען. אויך א קונסט גאלערי.

נעטשורעל היסטארי מוזעאום. — 77טע סטריט און סענטראל פארק וועסט. אפען טעגליך פון 9 ביז 5, דינסטאג און שבת אויך אבענד. איינטריט פריי, אויסער מאנטאג און דינסטאג בייטאג 25 סענט. באזיצט א וואונדערפאלע זאמלונג פון פויגלען, חיות, אינדישע אנטיקען און איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע זעהענסווירדיגקייטען אין לאנד.

סענטראל פארק. — נעהמט איין דעם שטח צווישען 5טע עוו. און סענטראל פארק וועסט, און 59טע סט. און 110טע סט. אומפאסט 843 אייקער לאנד. א זאאלאגישער גארטען געפינט זיך אן 5טע עוו. און 65טע סט.

סיטי האל. — סיטי האל פארק. איז געבויט געווארען אין 1812. ענטהאלט היסטא־

רישע צימערן מיט געגענשטענדע פון דער רעוואָלוציאָנס צייט. אינ'ם גאָווערנאָר'ס צימער שטעהט א שרייב טיש אויף וועלכען דזשאָרדזש וואשינגטאָן האָט געשריבען זיין ערסטען מעסעדזש צום קאָנגרעס. דעם מעיאָר'ס אָפיס געפינט זיך אויך אין דיזעלבע געביידע.

סינגער בילדינג. — 149 בראָדוויי, ניו יאָרק. איז 612 פוס הויך, 49 שטאָק. איז געבויט אויסשליסליך פון שטאָהל און קאָנקריט.

סטעטשו אָוו ליבערטי. — ליבערטי איילאנד, 1¾ מייל פון די בעטערי, (מיט א שיף פון בעטערי פערי, קאָסט 25 סענט הין און צוריק. א שיף געהט אָפּ יעדע שטונדע).

עקוויטייבל בילדינג. — 120 בראָדוויי, ניו יאָרק. איז 538 פוס הויך, 38 שטאָק. געקאָסט $29,000,000.

פּאָסט אָפיס. — 8טע עוו.,31טע ביז 32טע סט. די גרעסטע פּאָסט געביידע אין אמעריקא און איינע פון די שעהנסטע אין ניו יאָרק. האָט געקאָסט 6 מיליאָן דאלאר.

קווינסבאָראָ ברידזש. — פון איסט 59טע און 60טע סטריטס איבער בלעקוועלס איילענד ביז אקאַדעמי און דזשיין סטריטס, לאָנג איילאנד סיטי. האָט געקאָסט $18,130,000.

קאלעדזש אָוו דהי סיטי אוו ניו יאָרק. אמסטערדאם עוו. און 140טע סט. איז געבויט און ווערט אויפגעהאַלטען פון דער שטאָדט. נעהמט אויף ארום 7000 סטודענטען.

קאָלאָמביא יוניווערזיטי. — 116טע סט. און בראָדוויי, ניו יאָרק. איז געגרינדעט געוואָרען אין 1754. באזיצט איינע פון די ווערטהספאָלסטע ביבליאָטעקען אין דער וועלט.

ריווערסייד דרייוו. — פון 72טע סט. און נאָרטה ריווער ביז וועסט 158טע סט. א וואונדערבארע פּראָמענאַדע, א וועג צום רייטען און פאָהרען, א וואונדערשעהנע אנזיכט און אויסבליק אויף דעם האָדסאָן ריווער און פּאליסיידס.

20,000 סאָבמארין קרבנות

עס ווייזט זיך ארויס, אז 20,000 מענשען זיינען אומגעבראכט געוואָרען פון סאָבמארינען אליין אין פארלויף פון דעם וועלט־קריעג, ווי עס ווערט איצט געמעלדעט אפיציעל פון וואשינגטאָן.

צווישען זיי האָבען זיך געפונען מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבען זיך פערעכענט פאר פריוואטע בירגער. די קרבנות, וואָס האָבען געטראָגען יוניפאָרמס ווערען דאָ ניט אריינגערעכענט.

עס ווערען אויך ניט אריינגערעכענט די מענשען, וואָס זיינען אומגעקומען פון שווימענדע מינען און טאָרפּידאָס, וואָס זיינען געוואָרפען געוואָרען ניט פון קיין סאָבמארינס.

די סטאטיסטיק איז צוזאמענגעשטעלט פון אמעריקא און ענגלאנד.

פראנקרייך, איטאליען, יאפּאן און אנדערע לענדער וועלען באלדיג פארטיג ווערען מיט זייערע ציפערען.

די צאָהל 20,000 זעהט אוים צו זיין א מינימום. די אמת'ע צאָהל פון די פארלוירענע לעבענס זעהט אוים צו זיין נאָך גרעסער.

לענדער און פעלקער [1]

אייראפא.

וואס פאר א ווארט איז אייראפא? וואס באדייט דאס ווארט? מאנכע ווילען האבען, אז דאס ווארט אייראפא איז א סעמיטיש ווארט און עס באדייט — ערב, אווענד, דארט, וואו די זון געהט אונטער. פאר די איינוואוינער פון אזיען קומט אויס אייראפא דארט, וואו די זון געהט אונטער. אנדערע ווידער ערקלעהרען, אז דאס ווארט אייראפא שטאמט פון דעם אראמעאישען ווארט „חורפא," וואס מיינט ווייסע פני'מער. די ערשטע ים־רייזענדער זיינען געווען די עגיפטער. זייער הויט איז א טונקעלע. ווען זיי זיינען געקומען מיט זייערע שיפען אין דעם מיטעללענדישען ים און האבען דערזעהן מענשען מיט גאנץ ווייסע פנים'ער, האבען זיי אויסגערופען: „חורפא!" אזוי ווי די אינדיאנער פון אמעריקא פלעגען רופען די אייראפעער „בלאסע פנים'ער".

אייראפא איז דער קלענסטער וועלט־טייל, וואס פארנעהמט א שטח (יבשה) פון 3,872,561 ענגלישע קוואדראט מייל, אויף וועלכען עס געפינען זיך 464,681,000 איינוואוינער. אייראפא איז א האלב אינזעל, ווייל זי איז פון דריי זייטען ארומגערינגעלט מיט וואסערן און נאר ביי די אוראל־בערג איז זי אנגעשלאסען אן אזיען.

דער העכסטער בארג אין אייראפא איז עלברוז אויף קאווקאז. ער איז 18,572 פוס הויך. דער קלימאט פון אייראפא איז זעהר פארשיידען אבער אין ערגיץ ניט הייס. אין לאפלאנד, פינלאנד, שוועדען און נארוועגיען איז דער קלימאט רעכט קאלט. אין איטאליען און גריכענלאנד איז דער קלימאט ווארעם, אבער ניט הייס. אייראפא איז באוואוינט פון דריי גרויסע און עטליכע קליינע פעלקער פאמיליען. די אנגלאזאקסישע פעלקער פאמיליע באשטעהט פון דייטשען, ענגלענדער, האלענדער, שוועדען און דענען. זי צעהלט אומגעפעהר 100 מיליאן מענשען. ד ראמאנישע אדער לאטיינישע פעלקער פאמיליע באשטעהט פון איטאליענער פראנצויזען, שפאניער, רומעניער און פארטוגעזען. זי צעהלט אומגעפעהר 95 מיליאן מענשען. די סלאווישע פעלקער־פאמיליען באשטעהט פון רוסען, פאלאקען, טשעכען, סערבען און בולגארען. זי צעהלט אומגעפעהר 98 מיליאן מענשען. אויסער דעם געפינען זיך אין אייראפא פארשיידענע נאציאנען, וואס געהערען צו אזיאטישע פעלקער פאמיליען. מען רעכענט, אז אין אייראפא געפינען זיך אומגעפעהר 9 מיליאן אידען. די לענדער פון אייראפא זיינען פאלגענדע:

ענגלאנד אדער גרויס בריטאניען.

ענגלאנד פארנעהמט אין אייראפא די בריטישע אינזלען און אירלאנד. גרויס בריטאניען באשטעהט פון די פאראייניג־

1) א באדייטענדער טייל פון די סטאטיסטישע ידיעות וועגען לענדער און פעלקער זיינען פון די לעצטע יאהרען איידער די מלחמה האט זיך אנגעהויבען. די מלחמה האט געבראכט גרויסע ענדערונגען אין דעם שטח, אין דער באפעלקערונג און בכלל אין דעם גאנצען עקאנאמישען, פאליטישען און סאציאלען לעבען אין א סך לענדער. גענויע ידיעות וועגען די נייע אויסטיילונגען פון לענדער און פעלקער איז דערווייל אומעגליך צו באקומען. מאנכע נייע ידיעות האבען מיר אבער יא באקומען און זיך באנוצט מיט זיי אין דעם דאזיגען ארטיקעל.

טע מלוכות: ענגלאנד, וועלס, שאטלאנד, און אירלאנד, וואס פארנעהמען א שטח פון 121,373 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 46,221,615. די גאנצע בריטישע אימפעריע (אין אייראפא, אזיען, אמעריקא און אויסטראליען), פארנעהמט א שטח פון 13,153,712 קוואדראט מייל. די באפעלקערונג פון אלע טיילען אימפעריע באשטעהט פון 434,286,650 מענשען. די הויפט שטאדט פון גרויס בריטאניען איז לאנדאן—די ערשטע שטאדט אין דער וועלט, מיט א באפעלקערונג (1911) פון 7,252,963 נפשות. מען רעכענט, אז אין ענגלאנד געפינען זיך 263,648 אידען.

ענגלאנד געפינט זיך ווייט אין צפון פון אייראפא. דער קלימאט איז דאך מילד. אין ענגלאנד גופא קומט פאר א פראסט זעהר זעלטען. דער ווארימער גאלף־שטראם ווארעמט אן די וואסערן ארום די בריטישע אינזלען. דערפאר קומען דארט פאר גאנץ אפט שטארקע נעבלען. דער נעבעל אין לאנדאן איז מאנכעס מאל אזוי געדיכט, אז ביי דער העלער עלעקטרישער באלייכטונג קאן מען ניט זעהן אויף 10 פוס ווייט פון זיך.

דער באדען פון ענגלאנד איז זעהר פרוכטבאר און דער דארטיגער פארמער ווענדט אן די בעסטע וויסענשאפטליכע מעטאדען אום איהם צו מאכען נאך פרוכטבארער, אבער די באפעלקערונג איז אזוי געדיכט און דער פרוכטבארער באדען איז אזוי ווייניג, אז ער קאן ניט ארויסגעבען גענוג לעבענס מיטעל פאר אלע איינוואוינער. מען מוז דערצו קויפען תבואות אין אנדערע לענדער.

זעהר שטארק זיינען אין ענגלאנד ענטוויקעלט די אינדוסטריען און דער בערגבוי (מיינינג). מען גראבט אויס פון דער ערד א סך קוילען, אייזען, צין, קופער, צינק, בליי, זאלץ און אנדערע מינעראלען.

ענגלאנד גיט אויך ארויס די בעסטע אייזען סחורות און די בעסטע וואל, בוימוואל און זיידען שטאפען. ענגלאנד איז דער גרעסטער מארק אויף דער וועלט פאר אלע מעגליכע סחורות און פראדוקטען. יעדער ענגלענדער, וועלכער איז ניט קיין לוינארבייטער איז א סוחר. ליווערפול און לאנדאן זיינען די גרעסטע האנדעלסשטעדט אויף דער וועלט.

ענגלאנד האט די גרעסטע האנדעלס פלאטע אין דער וועלט. ענגלישע שיפען פיהרען פאסאזשירען און סחורה אין אלע לענדער פון אלע וועלט טיילען און די טראנספארט איינאהמען באטרעפען הונדערטער מיליאנען פונט סטערלינג. ענגלאנד מאכט צוויי מאל אזוי פיעל פון טראנספארט ווי פון מאנופאקטור.

זעהר רייך זיינען אויך די ענגלישע פישערייען, ביי וועלכע עס זיינען באשעפטיגט צעהנדליגע טויזענדער מענשען און מאכען געשעפטען אויף מיליאנען פונט סטערלינג.

ענגלאנד איז אן ערבליכע קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע. דאס לאנד ווערט רעגירט פון א פארלאמענט, וועלכער באשטעהט פון צוויי הייזער: דהי האוז אוו לארדס און דהי האוז אוו קאמאנס. די האוז אוו לארדס באשטעהט פון קעניגליכע פרינצען, ערצבישאפס, בישאפס, דיוקס, מארקיזען, גראפען, וויסקאנטס, באראנען, סקאטישע פירס און אירלענדישע פארטרעטער. דהי האוז אוו קאמאנס באשטעהט פון געוועהלטע פארטרעטער פון פאלק.

שפאניען.

די שפאנישע קעניגרייך ליעגט אין דרום אייראפא אויף דעם פירענעאישען האלב אינזעל, די הויפט־שטאדט איז מאדריד. שפאניען פארנעהמט א שטח פון אומגעפעהר 196,173 ענגלישע קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 20½ מי־

ליאָן. אידען אין שפּאַניען זיינען דאָ אומגעפעהר 4 טויזענד. די שפּאַנישע פּראָווינצען און קאָלאָניעס פאַרנעהמען א שטח פון 90,561 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון א קאַרגען מיליאָן מענשען. די גרעניצען פון שפּאַניען זיינען: אין צפון — פראַנקרייך און דער אטלאַנטישער אָקעאַן; אין מערב — פּאָרטוגאַל און דער אטלאַנטישער אָקעאַן; אין דרום און מזרח דער מיטעללענדישער ים.

אין שפּאַניען געפינען זיך א סך הויכע בערג. אויף די בערג איז רעכט קאַלט, אָבער אין די טהאָלען, צווישען די בערג, און אויף די גרויסע שטרעקעס פלאַך לאַנד ביי די ימים איז עס רעכט היים, אָבער אנגענעהם. די לופט איז ריין און געזונד.

שפּאַניען איז אַן אַגריקולטור לאַנד. דער באָדען איז זעהר א פּרוכטבארער. ער גיט ארויס גאַנץ פיעל וויין, פייגען, מאַנדלען, באָקסאַר, לעמאָנס, אראַנזשען, אליווען און טייטלען. תבואות: ווייץ, קאָרן, גערשטען, מאַאיס, בעבלאַך, ארבעס, פלאַקס, האַנף (קאַנאָפּלעס) און ראַפּס. די שפּאַנישע וויינען בערעס (שעררי), מאַלאַגאַ און אליקאַנטע זיינען באַריהמט אין דער גאַנצער וועלט. דער שפּאַנישער אליווען־אויל איז זעהר א גוטער. אויסער דעם גיט שפּאַניען ארויס פאַר עטליכע מיליאָן דאָלאַר קאָרק־האָלץ און פּארטיגע קאָרקען.

דער בערגבוי (מייגינג) איז שטאַרק ענטוויקעלט. מען גראָבט ארויס פון דער ערד קויהלען, בליי, אייזען און באַזאָנדערס פיעל קוועקזילבער. (די קוועקזילבער גרובען האָבען ביז 1880 געהערט צו די ראָטשילדס).

די אינדוסטרי איז דאָרט ניט גאַנץ שטאַרק ענטוויקעלט, הגם דאָרט געפינען זיך פאַבריקען פון וואָל און בוימוואָל שטאָפען, אָבער זיי זיינען נויטיג פאַר די באַדערפענישען פון לאַנד גופא. שפּאַניען באַציהט א סך וואָל, בוימוואָל און זיידענשטאָפען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. די רעגירונגס פאָרמע — א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. מען וועהלט פאָלקס פארטרעטער אין פארלאַמענט, אָבער דאָס שטימרעכט איז דאָרט פאָרט א באַגרענצטע.

פּאָרטוגאַל.

פּאָרטוגאַל איז באַגרענעצט פון מזרח און צפון — פון שפּאַניען, פון מערב און דרום — פון דעם אטלאַנטישען אָקעאַן, פאַרנעהמט א שטח פון 35,490 קוואדראַט מייל, די הויפּט־שטאָדט איז ליסאַבאָן. די באַפעלקערונג באַשטעהט פון זעקס מיליאָן מענשען. די פּאָרטוגאַלישע קאָלאָניעס אין אפריקא און אזיען פארנעהמען א שטח פון 832,267 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון קארגע 9 מיליאָן. אין פּאָרטוגאַל געפינען זיך ארום טויזענד אידען. אידען מעגען דאָרט וואוינען זייט 1875. קלימאַט און פּראָדוקטען אזוי ווי אין שפּאַניען, האַנדעל און אינדוסטרי — אויך דאָסזעלבע ווי אין שפּאַניען.

ביז דעם יאָהר 1908 איז פּאָרטוגאַל געווען אַן אבסאָלוטע מאָנארכיע. אין יאָהר 1908 איז דאָרט פּאָרגעקומען א רעוואָלוציע און פּאָרטוגאַל איז געוואָרען א רעפּובליק. דאָרט איז דאָ אַן אוניווערזיטעט, א רייהע העכערע שוהלען פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעכנישע וויסענשאַפטען און אז. וו. 24 מיטעל־שוהלען און אומגעפעהר 5 טויזענד אנפאַנגס שוהלען.

פראַנקרייך.

פראַנקרייך איז באַגרעניצט פון צפון מיט דעם ענגלישען קאַנאַל אָדער לאַ מאַנש, דער ארבעל־קאַנאַל; פון מערב מיט דער בוכטע פון ביסקאַיא, א טייל פון אטלאַנטישען אָקעאַן; פון דרום מיט שפּאַניען און פון מזרח מיט דייטשלאַנד, שווייץ און איטאַליען.

פראַנקרייך פאַרנעהמט א שטח פון 212,659 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 41,500,000. די אידישע באַפעלקערונג, לויט גאָר די לעצטע ידיעות,

באשטעהט דארט נאהענט צו א האלבען מיליאן, אין 1911 איז די אידישע באפעלקערונג דארט באשטאנען פון הונ־דערט טויזענד. די הויפט שטאדט איז פאריז, די 3־טע שטאדט אין דער וועלט מיט א באפעלקערונג פון 3,300,000. די פראנצויזישע פראווינצען און קאלאניעס אין אפריקע, אזיען און אמעריקע (ווי אלזשיר, טוניס, מאדאגאסקאר און אנ־דערע) פארנעהמען א שטח פון 4,715,882 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 47,039,000 מענשען.

דער קלימאט איז פארשידען און דערום זיינען אויך פארשידען די לאנד פראדוק־טען. אין די דרום פראווינצען איז גוט ווארעם, עס וואקסען דארט וויינטרויבען, מאנדלען, אליוען און אלערליי זיד־פרוכ־טען אין די צפון פראווינצען איז קיהל, דארט וואקסען ברויט־שטאפען: קארן, ווייץ, גערשטען, האבער, פלאקס, ראפס מאאיס און קראכמאל. די דאזיגע ברויט־שטאפען זיינען אבער ניט גענוג פאר די באפעלקערונג און פראנקרייך מוז קויפען ווייץ און אנדערע ברויט־שטאפען פון אנדערע לענדער. באזונדערס רייך איז פראנקרייך אין וויין. פראנקרייך גיט ארוים אומגעפעהר 1,700,000 גאלאן וויין. שאמפאניער, בורגונדער און בארדא וויינען זיינען באריהמט אויף דער וועלט. קיין אנדער לאנד אין דער וועלט גיט ניט ארוים שוימענדען וויין — שאמפאניער. פראנקרייך האט אויך אויסגעצייכענטע אליוען־אויל. מייניגג (בערגבוי) איז שטארק ענטוויקעלט. מען גראבט אוים פון דער ערד קויהלען, צינק, קופער, ניקעל און זאלץ. די אינדוסטריען זיינען דארט אבער אזוי שטארק ענטוויקעלט, אז מען מוז באציהען קויהלען און מעטאלען פון ענג־לאנד און בעלגיען.

דער פראנצויז איז א גוטער געשעפטס־מאן און א טיכטיגער האנדווערקער. עס איז קוים מעגליך אויסצורעכענען די אינדוסטריען פון פראנקרייך, ווייל עס איז קוים דא א געברויכס ארטיקעל אויף דער וועלט, וואס ווערט ניט געמאכט אין פראנקרייך. באזונדערס שטארק ענטוויר־קעלט איז די זיידענשטאפען־אינדוסטרי, די גלאז־אינדוסטרי, די פאיאנס אינדוס־טרי, די אייזענוואארען־אינדוסטרי, די פערפיומעריע און כעמישע ארטיקלען. די רעגירונגס פארמע,—א רעפובליק מיט א סענאט און פארלאמענט.

בעלגיען.

בעלגיען איז באגרעניצט פון צפון מיט האלאנד און דעם נארד־ים, פון דרום און מערב מיט פראנקרייך און פון מזרח מיט דייטשלאנד. בעלגיען פארנעהמט א שטח פון 11,400 קוואדראט מייל מיט א בא־פעלקערונג פון 7½ מיליאן מענשען. די הויפט שטאדט איז בריסעל. איהר הויפט קאלאניע קאנגא (אין אפריקע) פארנעהמט א שטח פון 900 טויזענד קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 9 מיליאן מענשען. די באפעלקערונג פון בעלגיען טיילט זיך אויף צוויי הויפט טיילען: די פלאמענער (דייטשער אבשטאמונג, זייער שפראך איז עהנליך צו האלענדיש) און די וואלאנען (פראנצויזישער אבשטאמונג, רעדען פראנ־צויזיש). לאנדווירטשאפט, אינדוסטרי און האנדעל זיינען ביז דער מלחמה געשטאנען אויף'ן העכסטען גראד פון ענטוויקלונג. פאר'ן יאהר 1912 זיינען איןביידע בעל־גישע פארטען אנטווערפען און ראטערדאם אריינגעקומען סחורות—25,238,416 טאן.

די בעלגיער זיינען די בעסטע און פעד־היגסטע פארמער אין דער וועלט. אויך זיינען זיי אויסגעצייכענטע פיה־ציכטער. די בעלגישע מילך־קיה זיינען בעסער פון די ענגלישע. די רעגירונגס פארמע איז א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע מיט א סענאט און פארלאמענט. די אפיציעלע שפראך איז פראנצויז. דאס לאנד פאר־מאגט 4 אוניווערזיטעטען אומגעפעהר

200 מיטעל־שוהלען און 6,500 פאָלקס־שוהלען. אין בעלגיען זיינען דאָ 15 טויזענד אידען.

האָלאנד.

האָלאנד איז באַגרענעצט פון מערב און צפון (וועסט און נאָרד) מיט'ן נאָרד־ים, פון דרום (זיד) מיט בעלגיען, און פון מזרח מיט דייטשלאנד. די הויפּט־שטאָדט איז אמסטערדאם, מיט א באפעלקערונג פון 650 טויזענד מענשען. די רעזידענץ שטאָדט איז האאג, מיט א באפעלקערונג פון 360 טויזענד. אמאָל איז האָלאנד און בעלגיען געווען איין קעניגרייך. האָלאנד פארנעהמט א שטח לאנד, אויסער איהרע קאָלאָניעס, פון 12,761 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 6.600,000. איהרע קאָלאָניעס פארנעהמען א שטח פון 981,914 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 38.315,877. רעגירונגס פאָרמע—קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע מיט א סענאט און פארלאמענט. די אָפיציעלע שפּראך איז האָלענדיש.

די הויפט באַשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג אין אייראָפּעאישען האָלאנד איז לאנדווירטשאפט, פיה־צוכט און פישעריי. דער האנדעל איז דאָרט הויך ענטוויקעלט. די אינדוסטרי אין האָלאנד איז ניט גאנץ הויך ענטוויקעלט. אין ביעלע האָלענדישע שטעדט זיינען דאָ שפּינען און וועב פאבריקען זיי גיבען אָבער ארוים ווייניג. אַגריקולטור איז דאָרט ענטוויקעלט ביז צו דער העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט. אין האָלאנד זיינען דאָ אומגעפעהר 107,000 אידען.

שווייץ.

די שווייצארישע רעפּובליק איז באַגרענעצט פון דרום (סאָוט) מיט עסטרייך און איטאליען, פון מערב (וועסט) מיט פראנקרייך און פון צפון (נאָרד) מיט דייטשלאנד. שווייץ פארנעהמט א שטח פון 15,976 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 400,000 מענשען, דארונטער, אומגעפעהר 20,000 אידען. די הויפט שטאָדט איז בערן.

די שווייץ שטעלט מיט זיך פאָר א פאראייניגונג פון 25 זעלבסטשטענדיגע קאנטאָנען (שטאטען). די שפּראך איז ניט איינהייטליך, א טייל באַפעלקערונג רעדט דייטש, א טייל פראנצויז, א טייל אנדערע שפּראכען. פאָלקסבילדונג: 46 העכערע שוהלען, 112מיטעל שוהלען, 426 פּראָפעסיאָנעלע שוהלען און 5,212 אנפאנגס שוהלען.

דייטשלאנד.

דייטשלאנד איז באַגרענעצט: פון צפון (נאָרד) מיט דעם נאָרד־ים, דענעמאָרק און באַלטישען ים. פון מזרח מיט רוסלאנד, פון דרום מיט עסטרייך און שווייץ, פון מערב—פראנקרייך, בעלגיען און האָלאנד. אין יאָהר 1913 האָט די גאנצע דייטשע אימפעריע אין אייראָפּא פארנומען א שטח פון 208,780 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 65.000,000. דער שטח פון איהרע קאָלאָניעס אין אפריקע און אזיען איז באַשטאנען פון 1.030,520 קוואדראָט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 15,146,200 מענשען. די הויפּט שטאָדט בערלין איז די פינפטע שטאָדט אין דער וועלט. מיט א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר 2 מיליאָן. אין דייטשלאנד זיינען דאָ אומגעפעהר 625,000 אידען.

אין דייטשלאנד זיינען דאָ 22 אוניווערזיטעטען, 1,057 מיטעל שוהלען און 56,560 פאָלקס שוהלען. פאַר דער מלחמה איז דאָס אלגעמיינע רייכטום פון לאנד אָבגעשאַצט געוואָרען אין 80 מיליארד דאָלאָר. די האנדעלספלאָטע איז באַשטאנען פון עטליכע טויזענד שיפען, וואָס האָבען ענטהאַלטען קארגע פינף מיליאָן טאָן.

שוועדען.

שוועדען און נאָרוועגיען געפינען זיך אויף דעם האלב אינזעל סקאנדינאַוויא, וועלכער איז באַגרענצט פון צפון מיט'ן אייז־ים, פון מזרח מיט דעם באַלטישען ים און רוסלאַנד, פון מערב מיט דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן און פון דרום מיט'ן באַלטישען ים און זיינע קאַנאַלען.

שוועדען פאַרנעהמט א שטח פון 172,900 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 5,814,000 מענשען, דאַרונטער ארום 4 טויזענד אידען. די הויפט שטאָדט איז שטאָקהאָלם. די הויפט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג: ערד ארבייט, פישעריי, פיה־צוכט און בערג־ארבייט. פאָלקס בילדונג: 2 אוניווערזיטעטען, 1 מעדיצינישע אַקאַדעמיע, 79 מיטעל שוהלען, 29 העכערע שוהלען און 14 טויזענד אנפאנגס שוהלען. דער קלימאַט איז א קאַלטער. רעגירונגס פאָרמע — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע מיט א סענאַט און פאַרלאַמענט.

נאָרוועגיען.

נאָרוועגיען פאַרנעהמט א שטח פון 124,400 סקווער מייל מיט א באַפעלקערונג פון 2,700,000 מענשען, דאַרונטער 1,500 אידען. די הויפט שטאָדט איז כריסטיאַניא. דער שטייניגער באָדען און דער קאַלטער קלימאַט גיט ניט קיין מעגליכקייט פאַר א הויכער ענטוויקלונג פון לאַנדווירטשאַפט. די הויפט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז פיה־צוכט, פישעריי און געיעג. אינדוסטריען זיינען ווייניג וואָס ענטוויקעלט. פאָלקס בילדונג: 1 אוניווערזיטעט, 86 מיטעל שוהלען און 8,344 אָנפאַנגס שוהלען. רעגירונגס פאָרמע — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע, מיט א סענאַט און פאַרלאַמענט.

עסטרייך־אונגאַרן.

עסטרייך־אונגאַרן איז פאַר דער מלחמה געווען באַגרענצט פון דרום מיט טערקיי, מיט'ן אדריאַטישען ים און איטאַליען; פון מערב מיט דער שווייץ, בייערן און זאַקסען; פון צפון מיט פרייסען און רוסיש פוילען, פון מזרח מיט רוסלאַנד און רומעניען.

עסטרייך־אונגאַרן האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען א שטח פון 260 טויזענד קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון איבער 51 מיליאָן מענשען, דאַרונטער 2,258,262 אידען. די הויפט שטאָדט וויען האָט היינט א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר 2,400,000 מענשען, זי איז פאַררעכענט פאַר די 7־טע גרויסע שטאָדט אין דער וועלט.

עסטרייך־אונגאַרן פלעגט מען רופען א קאָנגלאָמעראַט, א געמיש פון אלערליי פעלקער: דייטשען, אונגאַרן, טשעכען, מעהרען, פאָלאַקען, רוטהענער, סלאָוואַקען, רומענער, סערבען, באָלגאַרען, קראָאַטען, איטאַליענער און אַנדערע. מאַנכע פון די דאָזיגע פעלקער זיינען איצט געוואָרען זעלבסטשטענדיג.

איצט, נאָך דער מלחמה, פאַרנעהמט עסטרייך א שטח פון 31,000 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 6,500,000. פריהער איז עסטרייך־אונגאַרן געווען א קאָנסטיטוציאָנעלע דאָפעלטע מאָנארכיע. עסטרייך האָט געהאַט אייגענע מיניסטאָרען און אן אייגענעם פאַרלאַמענט און אונגאַרן האָט געהאַט אן אייגענעם פאַרלאַמענט און אייגענע מיניסטאָרען. היינט זיינעןביידע מדינות געוואָרען באַזונדערע רעפובליקען.

אונגאַרן פאַרנעהמט איצט א שטח פון 62טויזענד קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 10 מיליאָן מענשען. די הויפט שטאָדט איז בודאַפעסט מיט א באַפעלקערונג פון 900,000 מענשען.

איטאַליען.

איטאַליען — א דרום־אייראָפעאישע מלוכה אויף דעם אַפענינישען האלב־אינ־

זעל. אין דער גאנצער לענג פון איטאליען ציהען זיך די אפעניגען־בערג. איטאליען איז א האלב אינזעל ווייל פון הריי זייטען איז זי ארומגערינגעלט פון דעם מיטעללענדישען ים, נאָר אין צפון איז זי באגרענצט פון עסטרייך און שווייץ און אין מזרח פון פראנקרייך. צו איטאליען געהערען אויך א סך אינזלען, די גרעסטע פון זיי זיינען סיציליען און סארדיניען.

איטאליען, אויסער די אינזלען און קאָלאָניעס, פארנעהמט א שטח פון 120,000 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 40 מיליאָן מענשען. אין יאָהר 1911 האָבען אין איטאליען זיך געפינען 34,324 אידען. די הויפט שטאָדט איז רוים מיט א באפעלקערונג פון 6 הונדערט טויזענד מענשען.

איטאליען איז אן ארים לאנד. די הויפט באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז לאנדווירטשאפט, פיה־צוכט, גערטנעריי און מאנכע אינדוסטריען (באזונדערס זיידענס, סאמעט, ליינען אין מוזיקאלישע אינסטרומענטען). דאָס לאנד פאר־אָגט 21 אוניווערזיטעטען, 1,456 מיטעל שוהלען און 61,777 פאָלקס שוהלען. די רעגירונגס פאָרמע, — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע מיט א סענאט און פארלאמענט.

טערקיי אין אייראָפא.

פאר דער מלחמה האָט טערקיי געהאט אין אייראָפא דריי פראָווינצען: אלבאניען, מאקעדאָניען און טראקיא, וואָס האָבען פארנומען א שטח פון 11 טויזענד קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 1.891,000 מענשען דארונטער 75 טויזענד אידען (אין 1914). די באפעלקערונג איז געווען א געמישטע: טערקען גריכען, אלבאניער, סלאווען, ארמענער, קורדען, אראבער, איהען און אנדערע.

גריכענלאנד.

גריכענלאנד—א דרום־אייראָפעאישע מלוכה ביים מיטעללענדישען ים. פאר דער מלחמה האָט גריכענלאנד פארנומען א שטח פון 46,552 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 4½ מיליאָן ,דארונטער 88,787 אידען (אין יאָהר 1913). די הויפט שטאָדט איז אטהען. די הויפט באשעפטינונג פון דער באפעלקערונג איז ערד ארבייט, פישערייי און זיידען פאבריקאציע. די סיסטעם פון פאָלקסבילדונג באשטעהט פון איין אוניווערזיטעט, 40 מיטעל שוהלען און 2,745 פאָלקס־שוהלען. רעגירונגס פאָרמע — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע.

בולגאריען.

בולגאריען איז באגרענצט פון צפון מיט הער דאָנוי און מיט רומעניען, פון דרום מיט טערקיי (פאר דער מלחמה), פון מערב מיט סערביען און פון מזרח מיט'ן שווארצען ים. בולגאריען פארנעהמט א שטח פון 42 טויזענד קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 4½ מיליאָן. די הויפט שטאָדט איז סאָפיא. דאָס לאנד פארמאָגט איין אוניווערזיטעט, 25 מיטעל שוהלען און 1,200 פאָלקס שוהלען. אין יאָהר 1913 האָבען אין בולגאריען זיך געפונען 67,650 אידען.

סערביען.

סערביען, אזוי ווי בולגאריען, ליעגט אויפ'ן באלקאנישען האלב־אינזעל, זי איז באגרענצט אין צפון פון אונגארן, אין מזרח פון בולגאריען און רומעניען, אין דרום פון טערקיי (פאר דער מלחמה) און אין מערב פון באָסניא. די הויפט שטאָדט פון סערביען איז בעלגראד. סערביען האָט ביז דער מלחמה פארנומען א שטח פון 34 טויזענד קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 4½ מיליאָן מענשען, דארונטע'ר 45 טויזענד אידען (אין 1913). דער

באַדען אין סערביען איז זעהר א פּרוכטבאַרער. די אינדוסטריען זיינען דאָרט שוואַך ענטוויקעלט. די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז ערד ארבייט און פיה־צוכט. רעגירונגס פאָרמע —רעפּובליק.

רומעניען.

רומעניען—אן אייראָפּעאישע מלוכה אין צפון פון באַלקאַנישען האַלב־אינזעל, מיט דער הויפּט שטאָדט בוקארעסט (350 טויזענד איינוואוינער). רומעניען איז באַגרענצט אין מערב פון עסטרייך־אונגארן, אין מזרח פון שווארצען ים, אין צפון פון רוסלאַנד און אין דרום פון בולגאַריען און סערביען. פאַרנעהמט א שטח פון 122 טויזענד קוואַדראַט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 15 מיליאָן מענשען, דארונטער 239,967 אידען. רעגירונגס פאָרמע — באַשרענקטע מאָנארכיע מיט א סענאַט און פּאַרלאַמענט.

רוסלאַנד.

רוסלאַנד האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען אין אייראָפּא און אזיען א שטח פון אומגעפעהר 8,647,657 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 171 מיליאָן מענשען, דארונטער 6,869,828 אידען. די הויפּט־שטאָדט פּעטראָגראַד, די 8־טע גרויסע שטאָדט אין דער וועלט האָט געהאַט א באַפעלקערונג פון 2 מיליאָן מיט 19 טויזענד מענשען.

רוסלאַנד איז געווען דאָס גרעסטע לאַנד אין דער וועלט. זי האָט פאַרנומען דעם גאַנצען מזרח פון אייראָפּאַ און עפּעס מעהר אלס די העלפט פון אזיען. איהרע גרעניצען זיינען געווען: אין נאָרד — דער וויסער־ים און דער אייז־ים, אין זיד — כינא, פּערזיען, טערקיי און אפגאַניסטאַן; אין איסט—דער בעהרינג ים־צונג; אין וועסט—רומעניען, עסטרייך, דייטשלאַנד, דער באַלטישער ים און שוועדען. רוסלאַנד אין אייראָפּאַ און אזיען איז געווען צוויי מאָל אזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּאַ און איין זעקסטעל פון דעם גאַנצען ערד־קוגעל. רוסלאַנד'ס נייע גרעניצען זיינען נאָך דערווייל ניט גענוי באַשטימט, דאָס גאַנצע לאַנד איז נאָך אין א כאַאָטישען צושטאַנד.

פּוילען.

די פּוילישע רעפּובליק האָט אין סוף פון יאָהר 1920 געהאַט א באַפעלקערונג פון 27.906,000 נפשות, וועלכע האָבען באַוואוינט א טעריטאָריאַלען שטח פון 386,619 קוואדראט־קילאָמעטער. ביז צום ריגער פּרעלימינאַר־שלום האָט די באַפעלקערונג אין פּוילען געצעהלט 23.882,000 אויף א שטח פון 251,300 קוואַדראַט קילאָמעטער. נאָך דעם ריגער אָבמאַך איז צוגעקומען א באַפעלקערונג פון 4.024,340 און א שטח פון 135.319 קוואדראט קילאָמעטער. עס איז אלזאָ צוגעקומען 17 פּראָצענט פון פּוילען'ס פּריהערדיגער באַפעלקערונג און 54 פּראָצענט פון פּוילען'ס פריהערדיגען שטח. ביז ריגא האָט די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין פּוילענבעטראָפען 95 איינוואוינער אויף 1 קוו.־קיל. אין די פרישע צוגעקומענע געביטען בלויז 30 איינוואוינער, אין דעם איצטיגען פּוילען מאַכט אוים 73 איינוואוינער אויף 1 קוואדראט קילאָמעטער.

די באַפעלקערונג צוטיילט זיך לויט די פאַרשיידענע טיילען פון פּוילען אויף פאָלגענדען אופן:

1) אמאָליגער רוסישער טייל: קרוין־פּוילען, און דער צפון־טייל פון דער סוּוואַלקער גובערניע מיט דעם ביאַליסטאָקער קרייז 12.331,000; די מזרח־קאַנטען (בעקומען אין ריגא)—4.024,340. צוזאַמען 16.355,340 איינוואוינער.

2) אמאָליגער עסטרייכישער טייל: מערב־גאַליציען 3.000,000, מזרח־גאַליציען 5.026,000, ציעשינער־שלעזיען (דער

טייל וואָס געהערט צו פוילען) 300,000, צוזאמען 8,026,000 איינוואוינער.

3) אמאָליגער פרייסישער טייל: פויזנער געביעט 3.124,000, פאמאזשער עביעט 1.100,000, צוזאמען 3.225,000 איינוואוינער, אויף איין טייל פון דעם פרייסישער זאבאר—אין אָבער־שלעזיען, וועלכער האַלט איבער 13 טויזענד קוואדראט קילאָמעטער ביי 1.800,000 איינוואוינער דארף אין אָנהויב פון יאָהר 1921, פאָרקומען א פלעביסציט, וואָס וועט ענטשיידען צי וועט דער טייל בלייבען ביי דייטשלאנד אָדער צוריקעהרען צו פוילען.

לויט די אָפיציעלע ידיעות צוטיילען זיך די כמעט 28 מיליאָן איינוואוינער פון פוילען לויט דעם גלויבען און נאַציאָנאַליטעט אויף אזא אופן:

1) גלויבען: רוימיש־קאַטאָליקער 62,2 פראָצ., גריכיש־קאַטאָליקער—12,1 פראָצ.,פראוואָסלאוונע 9,3 פראָצ., אידען 11,6 און עוואנגעליקער 4,7 פראָצ.

2) נאַציאָנאַליטעט: פאָלאקען 65,3 פראָצ., אוקראַאינער 16,7 פראָצ., ווייסרוסען 3,1 פראָצ., רוסען 0,5 פראָצ., ליטווינער 0,4 פראָצ., היגע (אזוי האָבען זיך אָנגעגעבען א טייל איינוואוינער אין ליטע און ווייס־רוסלאנד), 0,6 פראָצ., דייטשען 5,2 פראָצ., אידען 7,4 פראָצ. אנדערע 0,8 פראָצענט.

עס קאָן נישט זיין קיין ספק, אז דער פראָצענט פון די אידען לויט דעם גלויבען און אודאי לויט דעם נאַציאָנאַליטעט (דאָס לעצטע ווארפט זיך אין די אויגען) איז א סך גרעסער, ווי עס גיבען אָן די אָפיציעלע ידיעות.

לויט דער פראָפעסיאָנעלער באַשעפטיגונג צוטיילט זיך די באַפעלקערונג פון דער פוילישער רעפובליק אזוי נאָך: אין דער לאנדווירטשאַפט ארבייט 58 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין דער אינדוסטריע און אין די גרובענס (מיינס) 18 פראָצענט, אין האַנדעל און קאָמוניקאַציע 9 פראָצענט אין אַנדערע פראָפעסיעס 15 פראָצענט. דאָס לאנד טראָגט, אַלזאָ, אַן אויסגעשפראָכענעם אַגראַרישען כאַראַקטער.

דענמאַרק.

דענמאַרק — א נאָרד אייראָפעאישע מלוכה, מיט דער הויפט שטאָדט קאָפענהאַגען. דענמאַרק איז א האַלב־אינזעל, פון דריי זייטען ארומגערינגעלט פון דעם נאָרד־ים און פון באַלטישען ים. פון דרום גרענצט זיך דענמאַרק מיט דייטשלאנד.

דער שטח איז, אויסער די קאָלאָניעס 15,500 קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 3 מיליאָן, דארונטער 5,164 אידען (אין 1911). אין דענמאַרק איז דאָ איין אוניווערזיטעט, 130 מיטעל שוהלען און 3,000 פאָלקס־שוהלען. די רעגירונגס פאָרמע — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע מיט א סענאַט און פארלאמענט, די אָפיציעלע שפראך איז דעניש.

אַזיען.

אזיען איז דער גרעסטער וועלט־טייל, וואָס פארנעהמט א שטח פון 17,206,000 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 872.525,000, מעהר ווי א העלפט פון דער גאנצער מענשהייט. אזיען איז באַגרענצט נאָרד, איסט און זיד פון דעם אייז־ים, שטילען אָקעאן (פאסיפיק אָושען) און אינדישען אָקעאן, אין וועסט איז די גרעניץ אייראָפא און די אוראלבערג.

פון וואנען עס האָט זיך גענומען דער נאָמען אַסיאַ אָדער אַזיע איז ניט געננוי באַוואוסט. מאַנכע באַהויפטען, אז דאָס קומט פון דעם העברעאישען וואָרט „אש“ פייער. אזיע הייסט דאָס הייליג לאנד. די פעלקער, וועלכע האָבען געוואוינט אין די קאַלטע געגענדען פון אייראָפאַ, האָבען גערופען די ווארימע לענדער „אש“ — פייער, און אזוי ווי די גריכישע און רוימישע שפראכען האָבען ניט קיין „שין“, האָבען זיי עס אויסגערעדט אַסיאַ.

אנדערע ווידער באהויפטען, אז אין קליין־אזיען האט אמאל געוואוינט א פאלק מיט דעם נאמען אסא אדער אסאן, דערום האבען די רוימער עס א נאמען געגעבען אסיא, דאס לאנד פון די אסאזען.

אין אזיען געפינען זיך די העכסטע בערג אויף אונזער ערד־קוגעל. דער בארג דעמאוועגד אויף קאווקאז איז 18,000 פוס די הויך; דער בארג אראראט אין ארמעניען איז 17,500 פוס די הויך; דער בארג עווערעסט אין די הימאלייען איז 29,002 פוס די הויך און דער בארג טשידזשינא אין די הימאלאי־בערג איז 28,156 פוס די הויך.

אזיען האט זעהר פיעל אינזלען און גאנצע גרופען פון אינזלען. די גרופע אינזלען סומאטרא, יאווא, בארנעא, סעלעבעס (אין דרום) און די ליאכאוו אדער ניי־סיביר אינזלען (אין צפון) זיינען די גרעסטע אין דער וועלט.

אזיען איז דער געבורטס ארט פון רעליגיאנען: די בראהמינישע, די בודהיסטישע, די אידישע, די קריסטליכע און די מאחמאדאנישע רעליגיאנען שטאמען פון אזיען.

טערקיי.

פאר דער מלחמה האט דאס טערקישע קייזערטום זיך געפונען אין דריי וועלט־טיילען: אייראפא, אזיען און אפריקא. די איצטיגע מלחמה האט כמעט אינגאנצען זי ארויסגעזעצט פון אייראפא און האט בכלל פארקלענערט איהרע טעריטאריעס, א טייל פון וועלכע עס זיינען אריבער צו ענגלאנד א טייל צו גריכענלאנד. צווישען טערקיי און גריכענלאנד געהט נאך אן די מלחמה.

אראביען.

אראביען אדער אראביא איז א גרויסער האלב־אינזעל אין זיד־וועסט (דרומית־מערבית) פון אזיען. אראביען איז באגרענצט אין איסט, פון דעם פערזישען גאלף און פון דעם גאלף פון אמאן; אין זיד פון דעם אינדישען ים, אין וועסט, פון דעם רויטען ים. דער האלב אינזעל סיני געהערט אויך צו אראביען.

אראביען פארנעהמט א שטח פון 1,200,000 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 3 מיליאן נפשות. די הויפט שטאדט איז דאמאסקוס.

פאלעסטינא.

פאלעסטינא אדער ארץ ישראל איז ביז דער מלחמה געווען א טייל פון טערקיי אין אזיען, איצט באלאנגט פאלעסטינא צו ענגלאנד. פאלעסטינא איז באגרענצט אין וועסט, פון דעם מיטעללענדישען ים; אין נארד, איסט און זיד,—פון די בערג לבנון און אראביען.

פאלעסטינא פארנעהמט א שטח פון 13,724 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 700,000 נפשות, דארונטער 76 טויזענד אידען. עס זיינען דא אויסזיכטען, אז פאלעסטינא וועט מיט דער צייט ווערען א אידיש היימלאנד.

פערזיען.

פערזיען איז באגרענצט: פון נארד מיט רוסלאנד און דעם קאספישען ים; פון זיד מיט דעם פערזישען גאלף; פון אסט, מיט אפגאניסטאן, בעלודזשיסטאן און טערקיי. אין נארדען געפינען זיך הויכע בערג. דער העכסטער בארג, דאמעוועגט, איז 18,000 פוס הויך.

פערזיען פארנעהמט א שטח פון 630,000 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 10 מיליאן. די הויפט שטאדט איז טהעראן. מען רעכענט, אז אין פערזיען זיינען דא פערציג טויזענד אידען. דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג זיינען מאחמעדאנער.

אפגאניסטאן.

אפגאניסטאן איז איינע פון די עלטסטע

מלוכות אין אזיען. דאס ווארט סטאן באדייט—לאנד; דאס ווארט אפגאן באַ־דייט—אומרוהיגע, לארעמדיגע מענשען, ס'הייסט, דאס לאנד פון אומרוהיגע מענ־שען. מיט א סך הונדערטער יאהרען צוריק האבען די אפגאניסטאנער אבגענר־מען אינדיען און א גרויסען טייל פון אזיען.

אפגאניסטאן איז באגרענצט אין וועסט פון פערזיען, אין אסט, פון אינדיען, אין נארד פון רוסיש־טורקעסטאן און אין זיד פון בעלודזשיסטאן.

דאס לאנד פארנעהמט א שטח פון 245,000 קוואדראט מייל מיט א באפעל־קערונג פון 6,380,500. די הויפט שטאדט איז קאבול. מען זאגט, אז דארט זיינען פאראן מאחמעדאניזירטע אידען, ס'הייסט,זיי גלויבען, אז מאחמעד איז גע־ווען א נביא, אבער משה איז געווען א גרעסערער נביא.

אין די דריי גרויסע שטעדט קאבול, קאנדאהאר און הערעט געפינען זיך גרויסע זיידען שפינערייען און וועבערייען, דארט ווערען אויך געמאכט טהייערע טעפיכער (ראגס). רעגירונגס פארמע—דעספאטי־שע מאנארכיע אונטער דעם קאנטראל פון ענגלאנד און האלאנד. די הערשענדע רעליגיאן איז איסלאם, די מאחמעדאנישע רעליגיאן. אין די בערג זיינען דא א סך שבטים, וואס האבען זייערע אייגענע רעליגיאן.

מען רעכענט אז אין אפגאניסטאן און טורקעסטאן זיינען דא אומגעפעהר 19 טויזענד אידען.

בעלודזשיסטאן.

בעלודזשיסטאן געפינט זיך זידליכער פון אפגאניסטאן און עס גרענצט זיך מיט אינדיען. דאס לאנד פארנעהמט א שטח פון 134,000 קוואדראט מייל מיט אומ־געפעהר א מיליאן איינוואוינער.

דאס לאנד איז זעהר רייך מיט מעטא־לען און מינעראלען. די פאלקס שפראך איז אלט־פערזיש. דארט הערשט אן עמיר, אבער אונטער דעם ענגלישען שוץ. מען קאן זאגען, אז בעלודזשיסטאן גע־הערט צו ענגלאנד. אין דער הויפט־שטאדט קוועטא געפינט זיך אן ענגלישער גענעראל מיט אן ענגלישען גארניזאן. אין דער צווייטער הויפ־שטאדט קעלאט וואוינט דער עמיר, דער הערשער פון בעלודזשיסטאן.

אינדיען.

אינדיען אדער אינדאסטאן, איז א גרויסער קייזערטום. דער ענגלישער קעניג איז קייזער פון אינדיען. אויף דער אפיציעלער אינדישער שפראך הייסט ער: קאיזער־אי־הינד.

דאס בריטישע קייזערטום אינדיען פארנעהמט א שטח פון 1,802,629 קוואד־ראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 315,156,000. די הויפט שטאדט איז דעלהי מיט א באפעלקערונג פון 233 טוי־זענד. אין אינדיען געפינען זיך ארום 21 טויזענד אידען (לויט דער סטאטיסטיק פון 1911).

אינדיען איז אבגעשלאסען פון נארדען מיט הויכע בערג—די הימאלאיען. דאן קומען די בערג קאראקארום אדער די שווארצע בערג, „די הרי חושך,“ וואס זיינען דערמאנט אין תלמוד. אמאל האט מען געמיינט, אז דאס איז שוין עק וועלט.

אינדיען איז דאס פרוכטבארסטע לאנד אין דער וועלט. דארט וואקסען א סך געווירצען, טהע, קאפע, קימעל, פעפער, צימרינג, קאריאנדער, קארדאמען, לינזען ריצינוס באהנען, פון וועלכע מען מאכט ריצין־אויל, פייגען, אראנזשען, דער בינא־בוים און נאך פיעל אנדערע פרוכטען, געווירצען און קרייטעכער. אינדיען האט אויך א רייכען בערגבוי (מיינינג).

אין אינדיען קאן מען געפינען אלע רעליגיאנען פון דער וועלט. די הויפט רעליגיאן איז דארט דער בראכמאניזם,

מאחמעדאניזם און בודהיזם. עס זיינען דאָרט אויך פארהאן זאָראָאַסטריאַנער, פּארסים, קריסטען, אידען און נאָך אנדערע. אין אינדיען ווערען גערעדט 149 שפּראַ־כען, וואָס מען שרייבט אויך אויף זיי בי־כער. די אָפיציעלע שפּראך איז די אינדאָ־סטאַני. די רעגירונג שפּראך איז ענגליש.

כינאַ.

כינאַ איז די עלטסטע און גרעסטע מדינה אויף דער וועלט. אין די היסטאָ־רישע דאָקומענטען פון כינאַ געפינט מען נעמען פון דינאַסטיען אָדער הערשער פאמיליען, וואָס האָבען געהערשט איבער כינאַ אין 2,225 יאָהר פאר דער קריסט־ליכער צייטרעכענונג. כינאַ פאַרנעהמט א שטח פון 4,300,000 קוואדראט מייל מיט א באַפעלקערונג פון 400,000,000 נפשות. די הויפּט־שטאָדט איז פּעקינג, מיט א באַפעלקערונג פון 1,200,000.

כינאַ איז באַגרענצט פון נאָרדען, מיט סיביר און רוסיש־טורקעסטאַן; פון זידען, מיט אינדיען; פון וועסטען, מיט דעם כינעזישען ים; פון אָסטען, מיט סיביר, קאָרעא און דעם שטילען אָקעאַן. אין נאָרדען געפינט זיך די באַוואוסטע כינע־זישע וואנד, איינער פון די זאָנדער־באַרסטע מאָנומענטען פון מענשליכען גייסט און פון מענשליכע הענד. די גע־מויערטע וואנד איז 1,250 מייל לאַנג, פון 20 ביז 30 פוס הויך און פון 15 ביז 25 פוס דיק. ערטערווייז געפינען זיך אויף דער וואנד טהורעמס 40 פוס הויך.

די דאָזיגע וואנד איז אויסגעבויט געוואָרען אין 3־טען יאהרהונדערט, אום צו באַשיצען דאָס קייזערטום כינאַ קעגען די מאָנגאָלען און די מאנדזשוס, וועלכע פלעגען אָנפאַלען אויף כינאַ און באַרויבען די איינוואוינער. אויף די טהורעמס פלעגען זיך אויפהאַלטען רעגימענטען פון דער כינעזישער ארמיי.

די הויפּט אינדוסטריען אין כינאַ זיינען דריי: די טהע־אינדוסטרי, די זייד־אינדוסטרי און די פּאָרצעלײ־אינדוסטרי. דער ענגלענדער רופט פּאָרצעלײ — „טשאַינאַ,“ ווייל צום ערשטען מאָל האָט מען דעם דאָזיגען ארטיקעל געבראַכט פון כינאַ.

דער גרעסטער טייל פון דער באַפעל־קערונג זיינען בודהיסטען, די העכערע קלאַסען זיינען קאָנפוציאַנער. עס זיינען דאָרט אויך דאָ א סך מאַחמעדאַנער, אין די נאָרד פּראָווינצען זיינען דאָ אויך געצענדינער. אין א געוויסער געגענד געפינען זיך כינעזירטע אידען, זיי טראָגען צעפּ און קליידען זיך ווי כינעזער. מען באַהויפּטעט, אז די דאָזיגע אידען זיינען אַהין געקומען באַלד נאָך דעם חורבן בית ראשון. די כינעזער רופען זיי: „מענשען, וועלכע עסען ניט די אָדערן פון בהמות.“ עס געפינען זיך אויך אייראָ־פּעאישע אידען אין שאַנכאַי, טיענסטין און האָנקאָנג. כינאַ איז איצט א רעפּובליק.

יאפּאַן.

דאָס קייזערטום יאפּאַן איז א אינזעל־לאַנד אין מזרח אזיען, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען פון דעם שטילען אָקעאַן און פון דעם אַפּגאַנישען ים. יאפּאַן באַ־שטעהט פון 6 גרויסע און 549 קליינע אינזלען, פיעלע פון זיי זיינען ניט באַוואוינט. יאפּאַן פאַרנעהמט א שטח פון 148,756 קוואדראט מייל מיט א באַ־פעלקערונג פון 58 מיליאָן מענשען. די הויפּט שטאָדט איז טאָקיאָ, מיט א באַפעל־קערונג פון 2,400,000.

אין 1910 האָט יאפּאַן אָבגענומען דעם האַלב־אינזעל קאָרעא מיט איבער 9 מיליאָן איינוואוינער. וויפיעל אידען עס געפינען זיך אין יאפּאַן איז אומבאַוואוסט. יאַפּאַן פאַרמאָגט 2 אוניווערזיטעטען, 375 טעכנישע שוהלען, 220 מיטעל שוהלען, 52 העכערע פרויען שוהלען, 54 נאָרמאַל שוהלען. אויסער די אלע אנפאַנגס שוה־

לען, וואס זיינען אבליגאטאריש פאר אלע איינוואוינער פון יאפאן. יאפאן נעהמט גיך איבער די איירא־פעאישע קולטור. ערד ארבייט שטעהט דארט אויף א הויכער שטופע פון ענטוויקלונג. די רעליגיאן — בודהיזם און שינאטיזם. רעגירונגס פארמע—א קאנסטיטוציאנעל־מאנארכיסטישע מיט א סענאט און פאר־לאמענט. אפיציעלע שפראך — יאפא־נעזיש.

סיאם.

סיאם (די ענגלענדער רעדען עס אויס סייעם) איז דאס איינציגע אונאבהענגי־גע קעניגרייך אין זיד־אסט אזיען. עס איז באגרענצט פון דריי זייטען, פון דעם אינדישען קייזערטום און פון זידען—פון דעם אינדישען ים.

סיאם פארנעהמט א שטח פון 220 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באפעל־קערונג פון 8,150,000, די הויפט שטאדט איז בענגקאק. די הויפט רעליגיאן איז בודהיזם, אבער אין א פארגרעבטער און פארווילדעטער פארמע. די שפראך איז סיאמעזיש, א טאכטער שפראך פון כינעזיש. רעגירונגס פארמע — אבסא־ליוטע מאנארכיע. דער קעניג איז הייליג און דערום מעג ער טאן אלץ, וואס ער וויל. דער באדען גיט ארוים געווירצען, מעדיצי־נישע קרייטעכער אוןווארצלען. אין סיאמישע וועלדער געפינען זיך א סך ווילדע חיות און געפעהרליכע שלאנגען.

אויסטראליען.

אויסטראליען — א באזונדער וועלט־טייל אין דעם דרום'דיגען האלב־קוגעל פון דער ערד, פארנעהמט א שטח אויסער די אינזלען פון 3,063,041 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 5 מיליאן מענ־שען, די הויפט שטאדט איז מעלבורן. אין יאהר 1911 האבען זיך אין אויסטראליען געפונען ארום 17,287 אידען; אין ניו־זילאנד—2,128 אידען.

אויסטראליען געהערט צו ענגלאנד, אבער נאר פאליטיש, ס'הייסט, אין זיינע באציהונגען צו אנדערע לענדער, אין לאנד גופא איז יעדער שטאט זעלבסטשטענדיג. אויסטראליען איז איינגעטיילט אין זעקס זעלבסט פארוואלטענדיגע שטאטען. ניו־זידלאנד בילדעט א שטאט פאר זיך. אין עטליכע שטאטען האבען פרויען גלייכע רעכטען מיט די מענער. די ארגאניזירטע ארבייטער פארטיי איז זעהר שטארק און שפיעלט א וויכטיגע ראלע אין פארלא־מענט. ארבייטס צייט און ארבייטס לוין זיינען גענוי באשטימט פון געזעץ. ווען דער ארבייטער ווערט אלט באקומט ער פענסיע.

אויסטראליען האט די בעסטע און לי־בעראלסטע רעגירונג. עס זיינען דא א סך האנדווערק־שוהלען, אגריקולטור שוה־לען און אלערליי ערציהונגס אנשטאלטען.

אפריקא.

דאס ווארט אפריקא באשטעהט פון צוויי גריכישע ווערטער: א—ניט, פריקא — קאלט. ניט קאלט. די אלטע גריכען האבען אזוי גערופען דעם דאזיגען וועלט־טייל, ווייל אין איהם איז קיינמאל ניט קאלט, ער איז דער ווארימער וועלט־טייל.

אפריקא פארנעהמט א שטח פון 11 מיליאן 622 טויזענד, 619 קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון אומגעפעהר 142 מיליאן 751 טויזענד. אפריקא'ס שטח איז איין פינפטעל פון דער גאנצער ערד. די הויפט לענדער און קעניגרייכען אין אפריקא זיינען פאלגענדע:

עגיפטען.

עגיפטען איז באגרענצט פון נארדען, מיט דעם מיטעללענדישען ים; פון נארד־איסט (צפונית־מזרחית), מיט פאלעס־טינא; פון זידען, מיט סודאן; פון מזרח, מיט'ן רויטען ים; פון מערב, מיט בארקא־טריפאלים און מיט דעם מדבר סאהארא.

עגיפּטען פאַרנעהמט א שטח פון 263,181 קוואדראט מייל, מיט א באַפעל־קערונג פון 12,800,000, דארונטער 635,־38 אידען (אין יאָהר 1907) די הויפּט שטאָדט איז קאירא מיט א באַפעלקערונג פון 791 טויזענד נפשות.

די הערשענדע רעליגיאָן איז מאחמע־דאַנישע, דאָרט געפינען זיך אָבער אויך מאַסען קריסטען פון פארשיידענע סעק־טען. די הויפּט שפּראַך איז אַראַביש. עגיפּטען האָט א כעדיוו, זי איז אָבער אונטער דעם ענגלישען פּראָטעקטאַראַט.

טריפּאָלים און בארקא.

טריפּאָלים און בארקא זיינען צוויי גרויסע פּראָווינצען, וואָס האָבען אמאָל באַלאַנגט צו טערקיי און איצט צו איטאַ־ליען. זיי פאַרנעהמען א שטח פון אומגע־פעהר 4 הונדערט טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר א מיליאָן, דארונטער 18,860 אידען (אין 1911).

די דאָזיגע צוויי פּראָווינצען גרענעצען זיך מיט'ן מדבר סאַהאַרא און אויך א גרויסער טייל פונ'ם לאַנד איז מדבר.

סודאַן.

סודאַן איז א גרויס שטיק לאַנד אין מיטעל־אַפריקא, וואָס פאַרנעהמט א שטח פון 984,520 קוואדראט מייל מיט א באַ־פעלקערונג פון 3½ מיליאָן, די הויפּט שטאָדט איז קהאַרטאָאום. סודאַן איז איינגעטיילט אין עטליכע קעניגרייכען, וועלכע געפינען זיך אונטער'ן שוץ פון ענג־לאַנד, פראַנקרייך און צום טייל אויך פון עגיפּטען און איטאַליען. מאַנכע פון זיי זיינען אומאַבהענגיג. אַלע קעניגרייכען צוזאַמען פאַרנעהמען אומגעפעהר איבער צוויי מיליאָן קוואדראט מייל און צעהלען א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר 9—10 מיליאָן.

די איינוואוינער זיינען מייסטענס נעגער. א טייל פון זיי וואוינט אין די גרויסע שטעדט און באשעפטיגט זיך מיט ערד ארבייט, אנדערע זיינען נאָמאַדען און וואַנדערן ארום פון אָרט צו אָרט אין דער ווידסטעניש. די הויפּט רעליגיאָן איז די מאחמעדאַנישע.

מאַראָקא.

דאָס קייזערטום מאַראָקא איז באַ־גרענצט פון נאָרדען, מיט דעם מיטעללענ־דישען ים; פון זידען, מיט'ן מדבר סאַ־האַרא און סודאַן; פון אָסטען, מיט אַלזשיר; פון וועסטען, מיט סודאַן.

מאַראָקא פאַרנעהמט א שטח פון אומ־געפעהר 193 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר 4½ מיליאָן. די הויפּט שטאָדט איז פעז. לויט דעם „אַמעריקען דזשואיש יערבוק" געפי־נען זיך אין מאַראָקא 103,712 אידען. לויט אַנדערע קוועלען געפינען זיך דאָרט ביז 3 הונדערט טויזענד אידען. עס ווערט באַהויפּטעט, אז אידען האָבען זיך דאָרט באַזעצט נאָך דעם חורבן בית שני.

די הויפּט רעליגיאָן איז דאָרט די מאחמעדאַנישע, דאָרט געפינען זיך אָבער אויך א סך קריסטען. די אָפיציעלע שפּראַך איז אַראַביש. מאַראָקא האָט א הערשער, אָבער דאָס לאַנד געפינט זיך אונטער פראַנקרייך'ס שוץ. עטליכע שטעדט ביים ים געהערען צו שפּאַניען.

אַבעסיניען.

אַבעסיניען אָדער אביסיניען איז איינס פון די עלטעסטע קעניגרייכען אין אפריקא. מען באַהויפּטעט, אז אַבעסיניען איז דאָס קעניגרייך שבא פון דער ביבעל. די הער־שער פון אַבעסיניען שטאָלצירען דערמיט, וואָס זיי שטאַמען אָב פון שלמה המלך אין פון דער מלכה שבא.

אַבעסיניען איז באַגרענצט פון וועס־טען, מיט סודאַן; פון אָסטען, מיט דעם רויטען ים; פון נאָרד מיט נוביען און פון זידען, מיט דעם איטאַליענישען סאָמאַלי

לאַנד. עס פאַרנעהמט א שטח פון אומ־
געפעהר 350 טויזענד קוואדראַט מייל,
מיט א באַפעלקערונג פון ארום 8 מיליאָן
נפשות. די הויפּט שטאָדט איז עדיז
עבעבע. מען רעכענט, אז אין אבעסיניען
געפינען זיך ארום 25 טויזענד אידען, לויט
ווי דער „אמעריקען דזשואיש יער־בוק"
גיט אָן. לויט אַנדערע קוועלען געפינען
זיך אויך אין אבעסיניען6,500 פאלאשעס,
אידען, וואס האָבען זיך דאָרט באַזעצט
מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

די אָפיציעלע רעליגיאָן איז די קריסט־
ליכע, אלטמאָדישע. דאָרט געפינען זיך
אָבער אויך א סך מאחמעדאנער און
היידען, אמת'ע עובדי כוכבים ומזלות, זיי
דינען צו דער לבנה און צו די שטערן.
מען רעדט אין אבעסיניען פיעל שפּראַכען.
די שריפט־שפּראַך איז די אַלטע עטהיאָ־
פּישע, א סעמיטישע שפּראַך, וועלכע איז
מעהר ענליך צו אראביש, ווי צו העב־
רעאיש. רעגירונגס־פאָרמע — דעספּאָטי־
שע מאָנארכיע. דער הערשער רופט זיך
קייסער אָדער אויף זייער שפּראַך נעגוס
נעגעסטי (נוגש הנוגשים) אָדער מלך
המלכים.

קאָנגאָ.

קאָנגאָ איז א גרויס לאַנד אין צענטראַל
אפריקא, עס פאַרנעהמט א שטח פון
1.578,654 קוואדראַט מייל, מיט א באַ־
פעלקערונג פון 24,005,465. די הויפט
שטאָדט איז באָמא. קאָנגאָ איז א רייך
לאַנד. דאָרט וואַקסט צוקער־ראָהר, בוימ־
וואָל, קאַפע און טאַבאַק. אויסער דעם
וואַקסען דאָרט בוימער פון וועלכע מען
ציהט גומי עלאַסטיק (ראָבער), פאַלם־ניס,
פון וועלכען מען ציהט א פעטע, הארטע
אויל.

א טייל פון קאָנגאָ איז א פריי לאַנד
אונטער דעם שוץ פון בעלגיען, א גרויסער
טייל האָט אמאָל געהערט צו פראַנקרייך.
אין יאָהר 1911 האָט פראַנקרייך יזס
אוועקגעגעבען דייטשלאַנד פאר מאראָקאָ.

די יונייטעד סטייטס פון סאָוטה אפריקא.

(יוניאָן אָוו סאָוטה אפריקא).

אונטער'ן נאָמען יוניאָן אָוו סאוטה
אפריקא אָדער יונייטעד סטייטס אָוו
סאָוטה אפריקא איז זינט 1910 באַקאַנט
די גרויסע ענגלישע קאָלאָניע אין זיד אפ־
ריקא, וועלכע באַשטעהט פון פאָלגענדע
שטאַטען: 1) קעיפּ אָוו גוד האָופּ אָדער
די קאַפּ קאָלאָניע; 2) נאַטאַל, אויף
ענגליש נעיטל; 3 טראַנסוואַאל; 4)
אָראַנזש, די צוויי געוועזענע רעפּובליקען
פון האָלענדער, און 5) רהאָדעזיא. די דאָ־
זיגע פינף פּראָווינצען אָדער שטאַטען זיי־
נען דעם 31־טען מאַי, 1910 פאַראייניגט
געוואָרען אין א זעלבסטשטענדיגע רעגי־
רונג אונטער דער ענגלישער אויבערהער־
שאַפט.

די דאָזיגע 5 קאָלאָניעס אָדער שטאַטען
פאַרנעהמען א שטח פון קנאַפּע 500,000
קוואדראַט מייל מיט א באַפעלקערונג פון
אומגעפעהר 6 מיליאָן דאַרונטער 47,000
אידען (אין יאָהר 1911). אין טראַנס־
וואַאל זיינען דאָ גאָלד און דימענטען
גרובען. אין 1908 האָט מען דאָרט אויס־
געגראָבען גאָלד מעהר ווי פאר 10 מיליאָן
פונט סטערלינג און דימענטען מעהר ווי
פאר 13 מיליאָן פונט. דער באָדען איז
אויך רייך אין קויהלען, קופּער, אייזען,
זילבער, אזבעסטאָס. זעהר א וויכטיגער
פאָרם אַרטיקעל איז דאָרט שטרויס פעדערן.
פּרעטאָריאָ איז די הויפּט־שטאָדט פון דער
גאַנצער יוניאָן, דער פּאַרלאַמענט האַלט
זיינע זיצונגען אין קעיפּטאָון. רעגירונגס
פאָרמע: די יוניאָן האָט איהר אייגענעם
סענאַט און פּאַרלאַמענט. יאָהאַניסבורג
איז די גרעסטע האַנדעלס שטאָדט אין דער
יוניאָן, מיט א באַפעלקערונג פון אומגע־
פעהר 175 טויזענד.

זיד אַמעריקאַ.

דער נאָמען שטאַמט פון דעם איטאַליענער אַמעריקוס וועספוציוס, וועלכער האָט אין יאָהר 1499 געמאַכט די ערשטע לאַנדקארטע פון אַמעריקאַ. אין יאָהר 1507 האָט מען אין דייטשלאַנד געדרוקט צום ערשטען מאָל די לאַנדקאַרטע פון דער נייער וועלט, וועלכע קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט, מיט דער אויפשריפט אַמעריקאַ. דער דאָזיגער נאָמען איז געבליבען ביז היינט.

זיד אַמעריקאַ איז אַ גרויסער האַלב־אינזעל, ווייל ער איז פון דריי זייטען ארומגערינגעלט מיט וואַסער. אין אָסטען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן; אין זידען, פון דעם אייז־ים; אין וועסטען, פון שטילען אָקעאַן. אין נאָרדען איז עס צום טייל פאַראייניגט מיט צענטראַל אַמעריקאַ.

זיד (סאָוטה) אַמעריקאַ פאַרנעהמט אַ שטח פון 7,570,015 קוואַדראַט מייל, מיט אַ באַפעלקערונג פון 56,337,775 מענשען. דער שטח איז באַלד צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אייראָפּאַ און איין אַכטעל פון דער גאַנצער ערד. די לענדער אין סאָוט אַמעריקאַ זיינען פאָלגענדע:

אַרגענטינאַ.

דער נאָמען אַרגענטינאַ שטאַמט פון דעם לאַטיינישען וואָרט—אַרגענטום, וואָס מיינט זילבער. די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען דאָרט געפונען זילבערנע זאַכען ביי די אינדיאַנער און זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען דאָס לאַנד אַרגענטינאַ — דאָס זילבער לאַנד. שפּעטער האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען דעם גרויסען טייך פון אַרגענטינאַ — לאַ פּלאַטאַ, ווייל אויף שפּאַניש הייסט זילבער פּלאַטאַ.

אַרגענטינאַ פאַרנעהמט אַ שטח פון 1,131,841 קוואַדראַט מייל, מיט אַ באַפעלקערונג פון 8 מיליאָן מיט 3 הונדערט טויזענד נפשות. די הויפּט־שטאָדט איז בוענאָס איירעס (גוטע לופט), מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,637,000. אַרגענטינאַ איז באַוואוינט פון שפּאַניער, איטאַליענער, פראַנצויזען, דייטשען, אידען און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. אידען געפינען זיך אין אַרגענטינאַ ארום 110 טויזענד. פון זיי זיינען איבער 20 טויזענד באַזעצט אויף קאָלאָניעס, וואָס באַראָן הירש האָט געגרינדעט. אין בוענאָס־איירעס אַליין האָבען אין יאָהר 1913 זיך געפונען ארום 30 טויזענד אידען.

דאָס לאַנד איז רייך אין תבואות, דער הויפּט פּראָדוקט איז ווייץ. אַרגענטינאַ פאַרקויפט צו אַנדערע לענדער מעהר ווייץ ווי די פאַראייניגטע שטאַטען. דער הויפּט עקספּאָרט פון אַרגענטינאַ איז ווייץ און פלייש. אַרגענטינאַ איז אויך רייך מיט מינעראַלען און מעטאַלען: גאָלד, זילבער, אייזען, קופּער, זאַלץ און שוועבעל. אין די לעצטע צייטען האָט זיך דאָרט אויך שטאַרק ענטוויקעלט די אינדוסטרי. רעליגיאָן—קאַטוילישע, אָבער אַלע רעליגיאָנען האָבען גלייכע רעכטען. די אָפיציעלע שפּראַך איז שפּאַניש. רעגירונגס־פאָרמע—רעפּובליקאַניש פעדעראַליסטישע נאָך דעם מוסטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען מיט אַ סענאַט פון 30 מיטגלידער. יעדע פּראָווינץ האָט איהר אייגענע געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט.

פּאַראַגוואי.

די רעפּובליק פּאַראַגוואי איז באַגרענצט פון נאָרדען, מיט בראַזיליען און באָליוויאַ, פון אַלע דריי אַנדערע זייטען מיט אַרגענטינאַ און אורוגוואי. דאָס לאַנד פאַרנעהמט אַ שטח פון 97,700 קוואַדראַט מייל, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן מענשען. די הויפּט שטאָדט איז אַסאַנסיאָן. רעגירונגס־פאָרמע און שפּראַך ווי אין אַרגענטינאַ.

אורוגוואי.

די רעפובליק אורוגוואי איז באגרענצט מיט בראזיליען, ארגענטינא און פאראגוואי. זי פארנעהמט א שטח פון 72,200 קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 1,400,000 מענשען. אין דער הויפט שטאָדט מאנטעווידעא געפינען זיך א ביסעל אידען. שפראך און רעגירונגס־פאָרמע, ווי אין ארגענטינא.

באָליוויאַ.

די רעפובליק באָליוויא איז ווייט פון ים און האָט ניט קיין פאָרט־שטאָדט. זי ווערט אָנגערופען באָליוויא אויפ'ן נאָמען פון סימאָן באָליוואר, דער גרויסער קעמפער פאר דער באפרייאונג פון סאָוטה אמעריקא פון שפאניען.

זי איז באגרענצט אין נאָרדען, פון בראַזיליען; אין זידען פון פאראגוואי און ארגענטינא; אין וועסט, פון פערו און טשילי; אין איסט פון בראזיליען און פאראגוואי. דאָס לאנד פארנעהמט א שטח פון 570 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 3 מיליאָן מענשען. די הויפט שטאָדט איז לא פאז. די הערשענדע רעליגיאָן איז די קאטוילישע. רעגירונגס־פאָרמע לויט דעם מוסטער פון די פאראייניגטע שטאטען.

טשילי.

די רעפובליק טשילי איז באגרענצט פון נאָרדען, מיט פערו; פון זידען, מיט דעם אייז־ים; פון אָסטען מיט ארגענטינא און פון וועסטען מיט דעם שטילען אָקעאן.

טשילי פארנעהמט א שטח פון 295 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 4 מיליאָן מענשען. די הויפט־שטאָדט איז סענטיאגא מיט א באפעלקערונג פון 430 טויזענד. די גרעסטע פאָרט שטאָדט איז וואלפאראיזאָ מיט א באפעלקערונג פון 230 טויזענד. אין טשילי זיינען דאָ א פאָר הונדערט טויזענד אינדיאנער.

טשילי געפינט זיך אין די הויכע אנדעס בערג. די טהאָלען זיינען זעהר פרוכטבאַר. דאָס לאנד איז רייך אין מינעראלען און מעטאלען. רעליגיאָן — קאטוילישע, שפראך—שפאניש. די רעפובליק ווערט גוט רעגירט און איז גאנץ מעכטיג. מען רופט די טשיליאנער די פרייסען פון זיד אמעריקא.

פערו.

די רעפובליק פערו איז באגרענצט פון נאָרד, מיט די רעפובליקען עקוואדאָר און קאָלאָמביא; פון זיד, מיט טשילי און באָליוויא; פון איסט, מיט בראזיליען און פון וועסט מיט'ן שטילען אָקעאן.

דאָס לאנד פארנעהמט א שטח פון איבער 680 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 3,530,000 מענשען. די הויפט־שטאָדט איז לימא. די גרעסטע פאָרט שטאָדט איז קאלאָא. פערו פארמאָגט א סך מיינס—גאָלד, זילבער,קופער, צינק, בליי, ניקעל, אייזען ביסמוטה, קויהלען, זאלץ שוועבעל און פאָטאש. רעליגיאָן און שפראך, ווי אין אנדערע זיד־אמעריקאנישע רעפובליקען.

בראַזיליען.

די רעפובליק בראזיליען איז די גרעסטע און רייכסטע אין גאנץ זיד־אמעריקא. דער נאָמען בראזיל אָדער בראסיל איז א פאָרטוגעזישער. בראסאָ הייסט א פייער־טאָפ. בראזיל הייסט אלזאָ דאָס הייסע לאנד, וואו עס איז הייס, ווי אין א פייער־טאָפ.

בראזיליען איז באגרענצט אין נאָרד, פון דעם אטלאנטישען אָקעאן, גווינא און ווענעזועלא; אין וועסט, פון די רעפובליקען קאָלאָמביא, עקוואדאָר, פערו, באָליוויא, פאראגוואי און ארגענטינא; אין זידען, פון אורוגוואי; אין איסט, פון אט־

לאנטישען אָקעאַן. דאָס לאַנד פאַרנעהמט א שטח פון 3,300,000 קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 22 מיליאָן. די הויפט־שטאָדט איז ריאָ דע זשאניירא מיט א באַפעלקערונג פון 1,200,000 מענשען. דער שטח איז גרעסער פון יונייטעד סטייטס אָהן אַלאַסקאַ און אָהן די קאָלאָניעס.

דער באָדען פון בראזיליען איז זעהר פרוכטבאר. דאָרט וואקסט קאפע, צוקער ראָהר, טאבאק, בוימוואָל, ראָבער, קאקאאָ, ניס, ווייץ, מאאיס, גערשטען און אַלערליי גאָרטען פרוכטען. בראזיליען איז אויך רייך אין מעטאַלען און מינעראַלען. דאָרט זיינען אויך דאָ צוקער פאבריקען און פאבריקען פון וואָל־שטאָפען. די הויפט שפראך איז פאָרטוגעזיש. די הויפט רעליגיאָן איז די קאטוילישע. רעגירונגס־פאָרמע, לויט דעם מוסטער פון די פאראייניגטע שטאטען.

ווענעזועלאַ.

די רעפובליק ווענעזועלאַ איז באַגרענצט פון נאָרד, מיט דעם קאריבעאישען ים; פון זיד מיט בראזיליען, פון איסט, מיט בריטיש גווינאַ; פון וועסט, מיט דער רעפובליק קאָלאָמביא. דער נאָמען ווענעזועלאַ שטאמט דערפון, וואָס די ערשטע שפאניער, וועלכע האָבען ענטדעקט דאָס דאָזיגע לאַנד אין 1499, האָבען דערזעהן, אז די הייזער פון די איינגעבאָרענע זיינען געבויט אויף הויכע קלעצער, וואָס זיינען אריינגעשלאָגען אין וואסער. אין דער שטאָדט ווענעציא, איטאַליען, פלעגען אַמאָל זיך אויך געפינען אזעלכע הייזער. די שפאניער האָבען דערום א נאָמען געגעבען די געגענד—ווענעזועלאַ, ס'הייסט, קליין ווענעציא און אזוי איז דער נאָמען פארבליבען ביז היינט.

ווענעזועלאַ פארנעהמט א שטח פון 393,976 קוואדראט מייל, מט א באַפעלקערונג פון 2,843,000 מענשען. די הויפט שטאָדט איז קאראקאס. די שפראך איז שפאניש. רעגירונגס - פאָרמע, ווי אין בראזיליען. דאָס לאַנד פארמאָגט מיינס, ראָבער,צוקער־ראָהר קאפע, בוימוואָל און אספאַלט. אויף דעם מארגאריטא אינזעל נעהמט מען ארויס פון ים פערל.

קאָלאָמביאַ.

די רעפובליק קאָלאָמביא איז באַגרענצט פון נאָרד, מיט דעם קאריבעאישען ים; פון זיד, מיט דער רעפובליק עקוואַדאָר; פון איסט, מיט ווענעזועלאַ און בראזיליען און פון וועסט, מיט דעם שטילען אָקעאַן. דער נאָמען קאָלאָמביא איז גענומען געוואָרען פון קריסטאָפער קאָלאָמבוס, דער ענטדעקער פון אמעריקא.

קאָלאָמביא פארנעהמט א שטח פון 462 טויזענד קוואדראט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 5,475,000 מענשען. די הויפט־שטאָדט איז באגאטא מיט א באַפעלקערונג פון 150,000. דער באָדען איז גאנץ פרוכטבאר. די הויפט פראָדוקטען זיינען קאפע, באנאנעס, צוקער־ראָהר, בוימוואָל, טאבאק, געהילץ, ווייץ, מאאיס, ראָבער. מען גראָבט דאָרט אויס פון באָדען זילבער. גאָלד, קופער, בליי, קוועקזילבער, צינאבער, קויהלען און פעטראָלעאום. אין ים געפינט מען פערל. די שפראך איז שפאניש, רעגירונגס־פאָרמע, ווי אין ווענעזועלאַ.

עקוואדאָר.

די רעפובליק עקוואדאָר איז באגרענצט פון נאָרדען, מיט דער רעפובליק קאָלאָמביא; פון זידען, מיט פערו; פון אָסטען, מיט בראזיליען און פון וועסטען, מיט פערו און דעם שטלען אָקעאַן. דער נאָמען עקוואדאָר איז דאָס שפאנישע וואָרט פאר עקוואטאָר, וואָס באדייט—די ליניע, וועלכע צוטיילט דעם ערד־קוגעל אויף צוויי האַלבע ערד־קוגלען נאָרדליכער און זידליכער.

עקוואדאר פארנעהמט א שטח פון 116,530 קוואדראט מייל מיט א באפעל־קערונג פון 1,300,000. די הויפט־שטאדט איז קוו־טא. דארט געפינען זיך עטליכע הונדערט טויזענד האלב־ווילדע אינדיא־נער. די גרעסטע פארט שטאדט איז דארט גוואיקיל. רעגירונגס־פארמע און שפראך, ווי אין קאלאמביא און ווענעזועלא. דער וויכטיגסטער באדען פראדוקט איז קאקאא (קאוקא). דארט וואקסט אויך קאפע, צוקער־ראהר, טאבאק, ראבער, א סך מעדיצינישע פלאנצונגען. עקוואדאר גיט ארויס די בעסטע פאנאמא היט. דארט געפינען זיך אויך צוקער און שאקאלאד פאבריקען. עקוואדאר איז די איינציגע שפאניש־אמעריקאנישע רעפובליק, וועל־כע ערלויבט ניט קיין אנדער רעליגיאן אויסער די רוימיש־קאטולישע.

צענטראל אמעריקא.

צווישען נארד אמעריקא און זיד אמעריקא געפינט זיך א שמאלער פאס לאנד, וועלכער איז באגרענצט פוןביידע גרויסע אקעאנען. פון אסטען געפינט זיך דער אטלאנטישער אקעאן און פון וועסטען —דער שטילער אקעאן. אויף דעם דאזי־גען שמאלען פאס לאנד געפינען זיך זעקס קליינע רעפובליקען: פאנאמא, קאסטא ריקא, ניקאראגוא, האנדוראס, סאן סאל־וואדאר און גוואטעמאלא.

פאנאמא.

פאנאמא איז די אינגסטע רעפובליק אין אמעריקא. זי איז געבארען ערשט אין 1904. ביז דאמאלס איז זי געווען א שטאט פון דער רעפובליק קאלאמביא. זי פארנעהמט א שטח פון 31,890 קוואד־ראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 401,428 מענשען. די הויפט שטאדט איז פאנאמא. דער קאנאל־פאס (קענעל זאן) פארנעהמט א שטח פון 436 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון 21,707 מענשען. באדען פראדוקטען: קאפע, בא־נאנעס, ראבער, קאקאא און מעדיצינישע קרייטעכער. רעליגיאן, שפראך און רע־גירונגס־פארמע—ווי אין די זיד אמערי־קאנישע רעפובליקען.

קאסטא ריקא.

קאסטא ריקא באדייט אויף שפאניש —דער רייכער ברעג. די רעפובליק קאס־טא ריקא פארנעהמט א שטח פון 23,000 קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 441 טויזענד מענשען. די הויפט־שטאדט איז סאן דזשאזע. באדען פראדוקטען: קאפע און באנאנעס. רעליגיאן, שפראך און רעגירונגס־פארמע, ווי אין די אנדערע אמעריקאנישע רעפובליקען.

ניקאראגוא.

ניקאראגוא איז די גרעסטע פון די צענטראל אמעריקאנישע רעפובליקען, פארנהעמט א שטח פון 51,700 קוואדראט מייל, מיט א באפעלקערונג פון 6 הונ־דערט טויזענד. די הויפט־שטאדט איז מאנאגוא.

באדען פראדוקטען: קאפע און בא־נאנעס. רעליגיאן, שפראך און רעגירונגס פארמע, ווי אין אלע זיד אמעריקאנישע רעפובליקען. די וויכטיגסטע האנדעלס שטאדט איז לעאן, מיט א באפעלקערונג פון 65—70 טויזענד.

סאלוואדאר.

סאלוואדאר אדער סאן סאלוואדאר (דער הייליגער רעטער) איז די קלענסטע רעפובליק אין צענטראל אמעריקא. זי פארנעהמט א שטח פון 7,225 קוואדראט מייל מיט א באפעלקערונג פון א מיליאן מיט 3 הונדערט טויזענד נפשות. זי איז זעהר געדיכט באפעלקערט לויט איהר שטח. זי איז אבער גאנץ גוט ציוויליזירט און ווערט גוט רעגירט. די הויפט־שטאדט איז סאן סאלוואדאר.

באָדען פּראָדוקטען: קאַפע, ווייץ, בוימוואָל. זי פאַרמאָגט אויך מינעראַלען און מעטאַלען. אַמעריקאַנישע קאָמפּאַניעס באַארבייטען די מיינס פון גאָלד, זילבער, אייזען, קופּער און קוועק־זילבער. רעליגיאָן, שפּראַך און רעגירונגס־פאָרמע, ווי אין אַלע אַנדערע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען.

האָנדוראַס.

די רעפּובליק האָנדוראַס פאַרנעהמט א שטח פון 44,275 קוואַדראַט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 553,446 נפשות. די הויפּט־שטאָדט איז טעגוסיגאַלפּאַ מיט א באַפעלקערונג אומגעפעהר פון 43 טויזענד.

באָהען פּראָדוקטען: קאַפע, באַנאַנעס, ראָבער, ווייץ, מאַיס, צוקער־ראָהר, לעמאָנען, אָראַנזשען און רייז. רעליגיאָן און שפּראַך—ווי אין די אַנדערע רעפּובליקען פון צענטראַל אַמעריקאַ.

גוואַטעמאַלאַ.

די רעפּובליק גוואַטעמאַלאַ פאַרנעהמט א שטח פון 47,500 קוואַדראַט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 2 מיליאָן מענשען. די הויפּט־שטאָדט איז ניו־גוואַטעמאַלאַ מיט א באַפעלקערונג פון אומגעפעהר 135 טויזענד. דאָרט געפינען זיך עטליכע הונדערט טויזענד אינדיאַנער.

באָדען פּראָדוקטען: באַנאַנעס, ווייץ, מאַיס, קאַפע און אַלערליי בוים־פּרוכטען. רעליגיאָן, שפּראַך און רעגירונגס־פאָרמע, ווי אין אַלע איבעריגע צענטראַל אַמעריקאַנישע רעפּובליקען. אין די אַלע זעקס רעפּובליקען פון צענטראַל אַמעריקאַ זיינען קיין אידען ניטאָ.

קובאַ.

קובאַ איז דער גרעסטער אינזעל פון די אַנטילישע (וועסט אינדיעס) אינזלען. נאָך דער שפּאַניש אַמעריקאַנישער מלחמה האָט שפּאַניען געמוזט אַנערקאַנען דעם דאָזיגען אינזעל פאַר אן אומאָבהענגיגע טעריטאָריע. קובאַ געפינט זיך היינט אונטער'ן קאָנטראָל פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

די טעריטאָריע פאַרנעהמט א שטח פון 44,178 קוואַדראַט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 3 מיליאָן מענשען, דאַרונטער 2 טויזענד אידען (אין 1916). די הויפּט־שטאָדט איז האַוואַנאַ, וואָס צעהלט א באַפעלקערונג פון 361 טויזענד. אַלע רעליגיאָנען זיינען דאָרט ערלויבט; די שפּראַך איז שפּאַניש.

באָדען פּראָדוקטען: דער וויכטיגסטער אַרטיקעל איז טאַבאַק. דאַן קומט צוקער־ראָהר, קאַפע, קאַקאָאַ, ווייץ, מאַיס, גערשטען און גאָרטען פרוכט. האַנדעל און אינדוסטרי ענטוויקלען זיך דאָרט שנעל. רעגירונגס־פאָרמע—נאָך דעם מוסטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

האַיטי.

האַיטי איז דער צווייטער גרויסער אינזעל אין וועסט אינדיעס. ער פאַרנעהמט א שטח פון 28,950 קוואַדראַט מייל, מיט א באַפעלקערונג פון 2 מיליאָן מיט 700 טויזענד נפשות. האַיטי איז איינגעטיילט אין צוויי רעפּובליקען: האַיטי און סאַנטאָ דאָמינגאָ. די באַפעלקערונג באַשטעהט פון עכטע נעגערען און פון האַלבע נעגערען. אייראָפּעער און אַמעריקאַנער זיינען דאָרט דאָ גאַנץ ווייניג. די הויפּט־שטאָדט פון האַיטי איז פּאָרט־אָ־פּרענס; די הויפּט־שטאָדט פון סאַנטאָ דאָמינגאָ איז סאַן דאָמינגאָ. די אָפּיציעלע רעליגיאָן אין האַיטי איז די רוימיש־קאַטוילישע, די שפּראַך איז פראַנצויז; רעגירונגס־פאָרמע — רעפּובליקאַנישע.

אין סאַנטאָ דאָמינגאָ איז די שפּראַך שפּאַניש, די רעליגיאָן רוימיש־קאַטויליש, רעגירונגס־פאָרמע—רעפּובליקאַנישע. די

הויפּט־שטאָדט סאן דאָמינגאָ איז אויפגע־בויט געוואָרען פון קריסטאָפאָר קאָלאָמ־בוס אין 1495, זי איז אלזאָ די עלטעסטע שטאָדט פון אייראָפּעער אין אמעריקאַ.

באָדען פּראָדוקטען: טאבאַק, טהייע־רע נאַטירליך־קאָלירטע האָלץ און בוי־מאַטעריאַל.

מעקסיקאָ.

די רעפּובליק מעקסיקאָ געפינט זיך אין נאָרד אמעריקאַ. זי איז באגרענצט אין וועסטען, פון דעם שטילען אָקעאַן; אין אָסטען, פון דעם קאריבעאישען ים און מעקסיקאַנישען גאָלף; פון זידען, מיט דער רעפּובליק גוואטעמאלא און פון נאָרדען מיט די פאראייניגטע שטאַטען.

די רעפּובליק פארנעהמט א שטח פון 769,000 קוואדראט מייל מיט א באפעל־קערונג פון 16 מיליאָן מענשען, דארונ־טער 500 אידען (אין 1912). די הויפּט־שטאָדט איז מעקסיקאָ סיטי, וואָס צעהלט א באפעלקערונג פון איין מיליאָן.

די מעקסיקאַנישע באפעלקערונג באַ־שטעהט פון עכטע שפּאניער; פון מעס־טיציען, דאָס הייסט, פארמישטע פון שפּאַ־ניער און אינדיאנער, און פון פול־בלוטיגע אינדיאנער, וואָס שטאַמען אָב פון די אַלטע אצטעקען. אין מעקסיקאָ זיינען אויך דאָ א סך אייראָפּעער—דייטשען, ענג־לענדער, פראַנצויזען און איטאַליענער.

מעקסיקאָ איז א רייך און פרוכט־בארעס לאַנד, דאָרט זיינען דאָ א סך פאַב־ריקען פון לעדער, בוימוואָל, טאבאַק, סיגארען און סיגארעטען, דאָרט זיינען דאָ א סך מעטאַלען, ווי זילבער גאָלד, אייזען, קופּער, גראפיט, אספאַלט און צינק.

די הויפּט רעליגיאָן איז דאָרט—די רוימיש־קאטוילישע. אויך אנדערע רע־ליגיאָנען זיינען דאָרט ערלויבט. די שפּראַך איז — שפּאַניש. רעגירונגס־פאָרמע: פעדעראַליסטיש רעפּובליקאַניש, נאָך דעם מוסטער פון די פאראייניגטע שטאַטען, נאָר דער פּרעזידענט ווערט דאָרט ערוועהלט אויף זעקס יאָהר און מעג ערוועהלט ווערען עטליכע מאָל.

קענעדע.

קענעדע געהערט צו ענגלאַנד, עס איז אָבער א גאַנץ זעלבסטשטענדיגעס לאַנד, א פאראייניגונג פון 10 גרויסע פּראָווינ־צען, וועלכע רעגירען זיך אליין און מאַ־כען געזעצען פאַר זיך אליין, נאָר פּאָלי־טיש זיינען זיי אָבהענגיג פון ענגלאַנד, ס'הייסט, זיי האָבען ניט קיין קאָנסולען און קיין דיפּלאָמאַטישע פאָרשטעהער אין אנדערע לענדער. אין לאַנד גופא זיינען זיי גאַנץ אומאבהענגיג און דערום הייסט דאָס לאַנד „דהי דאָמיניאָן אָוו קענעדע" —די הערשאפט פון קענעדע.

די ענגלענדער זאָגען ארוים קענעדע, אין אמת'ן אָבער הייסט עס קאַנאַדאַ. בעת די פראַנצויזען האָבען דאָס לאַנד אָבגענומען אין 17־טען יאהרהונדערט, האָבען זיי געהערט, ווי די אינדיאנער זאָגען: קאַ־נאַ־דאַ, ס'הייסט, דאָרט איז א דאָרף אָדער וואוינונגען פון מענשען. די פראַנצויזען האָבען געמיינט, אז דאָס לאַנד הייסט קאַנאַדאַ און דער נאָמען איז אזוי פארבליבען.

קענעדע געפינט זיך אין צפון אמערי־קאַ, פון מזרח באגרענצט פון אטלאַנ־טישען אָקעאַן, פון מערב—פון שטילען אָקעאַן און פון צפון — פון אייז־ים. אויפ'ן דרום גרענעצט זי מיט די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

קענעדע באשטעהט פון 10 זעלבסט־שטענדיגע פּראָווינצען. וואָס פארנעהמען א שטח פון 3,730,000 קוואדראט מייל —אנדערהאַלבען מאָל מעהר ווי די אמאָ־ליגע אייראָפּעאישע רוסלאַנד — מיט א באפעלקערונג פון 8,370,000. די הויפּט־שטאָדט איז אָטאַוואַ. אין קענעדע גע־פינען זיך ארום 120 טויזענד אידען,

לויט גאָר דער לעצטער אָבשאַצונג. קע־
נעדע פאַרמאָגט א פרוכטבארען באָדען,
וואָס גיט ארויס א סך ברויט־שטאָפען,
מינעראַלען, מעטאַלען און געהילץ. אין
קענעדע זיינען אויך דאָ א סך פישערייען.
א חוץ בראַזיליען איז קענעדע דאָס
רייכסטע לאַנד אין וועלדער. דאָרט
וואַקסט דער ספּרוס בוים (יעגלאָווער
בוים) פון וועלכען מען מאַכט דעם
„פּייפּער פּאָלפּ,“ אזא מין מאַסע פון וואָס
מען מאַכט פּאַפּיער. די אָפיציעלע
שפּראַך איז ענגליש. אין די איסט פּראָ־
ווינצען, באַזונדערס אין קוויבעק און אָנ־
טאַריאָ ווערט גערעדט און געלערנט
פראַנצויז. רעגירונגס־פאָרמע — א פּאַר־
לאַמענט און א סענאַט. דער גענעראַל
גובערנאַטאָר ווערט באַשטימט פון דער
ענגלישער רעגירונג און פאַרוואַלט דאָס
לאַנד צוזאַמען מיט די מיניסטאָרען.

מאָנטרעאָל איז די גרעסטע האַנדעלס
שטאָדט מיט א באַפעלקערונג פון אַכט
הונדערט טויזענד; טאָראָנטאָ — פון
562,585 און וויניפּעג — פון צוויי הונ־
דערט טויזענד.

קענעדעס עקספּאָרט־און־אימפּאָרט
האַנדעל מיט אַמעריקאַ איז א סך גרע־
סער, איידער איהר האַנדעל מיט אַנדערע
לענדער. אין יאָהר 1920 האָט קענעדע
געקויפט פאַרשיידענע פּראָדוקטען אין
אַמעריקאַ פאַר 925 מיליאָן דאָלאַר און
האָט אין דער אייגענער צייט פאַרקויפט
אין אַמעריקאַ אומגעפעהר פאַר 6 הונ־
דערט מיליאָן דאָלאַר איהרע פּראָדוקטען.
און דער מסחר ווערט אַלץ גרעסער.

אידען אין דער ענגלישער אימפּעריע

דער ענגליש־דזשואיש יער־בוק פאַר 1921
גיט אָן די צאָהל פון דער אַלגעמיינער באַ־
פעלקערונג פון דער בריטישער אימפּעריע
439,559,000, פון דער אידישער באַפעל־
קערונג — 550,523.

איירָאפּא:

גרויס בריטאַניען — — — — — 286,500
ציפּרוס, גיבראַלטאַר, מאַלטאַ — 1,445

אַמעריקאַ:

קענעדע — — — — — — — 110,000
דזשעמייקאַ — — — — — — 1,200

אזיען:

אַדען — — — — — — — — 3,747
אינדיען — — — — — — — 20,980
האָנג־קאָנג (אין סטרייטס סעטל־
מענטס — — — — — — — 535

אַפריקאַ:

סאַוט אַפריקאַ — — — — — — 47,000
עגיפּטען — — — — — — — 59,581
איסט אַפריקאַ — — — — — 120

אויסטראַליען:

אויסטראַליען — — — — — — 17,287
ניו זילאַנד — — — — — — — 2,128

די צאָהל פון אידען אויף דער וועלט

די צאָהל פון אידען אויף דער וועלט און זייער פּראָצענט פון דער אלגעמיינער באַ־
פעלקערונג לויט די לענדער (*

לענדער	יאָהר 1)	אלגעמיינע באַפעלקערונג	אידישע באַפעלקערונג	פּראָצענט פון גאַנצאַל
נאָרט אַמעריקא				
קענעדע	1911	7,204,838	75,681	1.05
קובא	1916	2,627,536	2,000	.07
דזשעמייקא	1917	850,000	1,487	.17
מעקסיקא	1912	15,501,684	500	.003
פאראייניגטע שטאַטען	1918	105,708,771	3,300,000	3.12
סאוט אַמעריקא				
ארגענטינישע רעפּובליק	1917	9,000,000	110,000	1.22
בראזיליען	1920	30,553,400	6,100	.017
האָלענדישע גוויאנא (סורינאם)	1916	88,750	822	.97
קוראַסאַיאָ	1917	30,000	600	2.00
פּערו	1917		300	
אורוגוואי	1917	1,100,000	300	.02
ווענעזועלא	1917	2,755,685	475	.01
אייראָפּאַ				
עסטרייך	1920	6,071,978	200,000	3.29
בעלגיען	1920	7,555,576	16,000	.22
באלגאריען	1919	4,500,000	45,000	1.0
טשעכאָ־סלאָוואקיא	1910	14,000,000	349,000	2.48
ציפּרוס, גיבראלטאר און מאלטא	1911	528,000	1,445	.27
דענעמארק	1921	3,269,000	5,950	.20
פינלאַנד	1919	3,300,000	2,000	.06
פראַנקרייך	1919	41,476,272	150,000	.36
דייטשלאנד	1919	58,122,273	500,000	.88
גריכענלאנד	1919	6,336,000	120,000	1.80
אונגארן	1919	15,500,000	450,000	2.90
איטאליען	1919	36,548,542	43,000	.11
לוקסעמבורג	1910	259,891	1,270	.45
האָלאַנד	1920	6,831,231	122,500	1.79
נאָרוועגיען	1910	2,391,782	1,045	.04
פּוילען	1920	27,903,000	3,069,330	11.0
פּאָרטוגאל	——	5,482,132	1,000	.02
רומעניען	1919	17,300,000	1,000,000	5.77

1) דאָס יאָהר באַציהט זיך אויף דער אידישער באַפעלקערונג.

*) זעהט די באַמערקונגען צו דער טאַבעלע אויף זייט 150.

לענדער	יאָהר	אלגעמיינע באַפעלקערונג	אידישע באַפעלקערונג	פּראָצענט פון טאָטאַל
רוסלאַנד אין איירָאפּא				
סאָוויעט רוסלאנד	1919	95,000,000	200,000	.21
עסטאָניען	1919	512.500	7,500	.06
לאטוויא	1919	2,522,000	150,000	5.9
ליטע	1919	2,000,000	250,000	12.5
אוקראינא	1919	30,000,000	3,300,000	11.0
יוגא־סלאוויא (סערב־קראָאטען־סלאוואָניען שטאַט)	1919	11,600,000	100,000	.85
שפאניען	——	19,503,068	4,000	.02
שוועדען	1919	5,813,850	6,400	.11
שווייץ	1920	3,857,840	20,951	.54
טערקיי אין איירָאפּא	1919	1,250,000	75,000	6.0
גרויס בריטאניען	1918	46,407,037	286,500	.6
א ז י ע ן				
אַדען	1911	46,165	3,747	8.12
אפגאניסטאן און טורקעסטאן	1916	6,000,000	18,316	.31
האָלענדישע איסט אינדיעס (יאווא מאדורא און אז. וו.	1912	48,000,000	10,842	.02
האָנג קאָנג	1911	366,145	685	.04
אינדיען	1911	315,156,396	20,980	.006
יאַפּאן	1920	77,005,510	1,000	.001
פּאַלעסטינא	1916	700,000	85,000	12.00
פּערזיען	——	9,500,000	40,000	4.02
רוסלאנד אין אזיען	1913	10,295,900	76,262	.74
טערקיי אין אזיען (ניט פּאלעסטינא)	——	20,650,000	177,500	.86
אַפריקאַ				
אביסיניען	——	— — —	25,000	— —
אלזשיר	1914	5,563,828	70,271	1.2
עגיפּטען	1920	1,191,620	59,588	5.0
מאראקא	——	5,000,000	103,712	2.11
טריפּאָלים	1911	523.176	18,860	3.6
טוניס	1914	1,878,620	54,664	2.9
איסט אפריקאנישער פּראָטעקטאָראט	1916	4,038,000	80	.002
רהאָדעסיא	1914	1,610,000	1,500	.09
דרום אפריקאנישער בונד (יוניאָן אָוו סאוט אפריקא)	1911	5,973,394	47,000	.78
אויסטראַליען				
אויסטראליען	1911	4,455,005	17,287	.39
ניו־זעלאַנד	1916	1,099,295	2,128	.21

באמערקונגען צו דער טאַבעלע וועגען דער צאָהל אידען אויף דער וועלט

קענעדע. — די אָנגעגעבענע ציפער פון דער אידישער באפעלקערונג אין קענעדע זיינען לויט דעם דאָרטיגען צענזוס פון יאָהר 1911. זינט יענער צייט האָבען אין קענעדע איינגעוואנדערט 27,300 אידען. אָננעמענדיג, אז דער נאטירליכער צוואוקס איז געווען צוויי פראָצענט יעהרליך, און אז קיין באדייטענדע אויסוואנדערונג איז פון קענעדע ניט געווען, דארפען דאָרט איצט זיין אומגעפעהר 120,000 אידען. אין קענעדע ווערט איצט גענומען א צענזוס, איינשליסענדיג די באציהונגען פון רעליגיאָנען.

עסטרייך. — די עסטרייכשע רעפובליק, ווי זי איז איצט איינגעאָרדענט, באַשטעהט פון דער נידעריגער און העכערער עסטרייך, זאלצבורג, קארינטהיא (איינשליסענדיג דעם דרום'דיגען פלעביסציט שטח), סטיריען, צפון טיראָל, און פאָראלבערג. לויט דעם אפיציעלען עסטרייכשען צענזוס פון 1910 (דער עסטרייכשער צענזוס פון 1920 האָט ניט באצייכענט די באַפעלקערונג לויט רעליגיאָן), האָבען די דאָזיגע פראָווינצען געהאַט א אידישע באַפעלקערונג פון ארום 190 טויזענד. איינוואנדערונג פון די מזרח־טיילען פון דער פריהערדיגער אימפעריע האָט פארגרעסערט די דאָזיגע צאָהל, לכל הפחות, ביז 200 טויזענד.

באָלגאַריען. — די אָפטע ענדערונגען אין די גרעניצען פון באָלגאריען מאַכען שווער צו באשטימען פינקטליך די אלגעמיינע און די אידישע באפעלקערונג. מען קאָן אָננעמען, אז די דאָרטיגע אידישע באפעלקערונג איז איצט אומגעפעהר 45 טויזענד.

טשעכאָ־סלאָוואקיא. — די טשעכאָסלאָוואקישע רעפובליק נעמט ארום די טעריטאָריע פון די פריהערדיגע עסטרייכשע פראָווינצען פון באָהעמיען, מאָראוויען און סילעזיא, אזוי גוט ווי סלאָוואקיא און רוטהעניען, וואָס זיינען פריהער געווען טיילען פון אונגארן.

לויט דעם לעצטען צענזוס פון 1910 זיינען אין יענע פראָווינצען געווען:

אין באָהעמיען — — —	85,827	אידען
" מאָראוויען — — — —	41,183	"
" סילעזיען — — — —	13,442	"
" סלאוואקיא — — —	143,545	"
סך הכל — — — — —	283,997	"

צו דעם מוז צוגעגעבען ווערען די צאָהל אידען פון רוטהעניען, וואָס ווערט אָבגעשאַצט פון טשעכאָ־סלאָוואקישען אידישען נאַציאָנאַל ראַט לכל הפחות 65,000 און דאָס גיט א סך הכל פון 348,997 אידען אין דער רעפובליק, בעת די גאַנצע באַפעלקערונג באַשטעהט פון 14 מיליאָן.

„דער אידישער קאלענדאר", וואָס ווערט ארויסגעגעבען אין פראג פון דעם אַקאַדעמישען פארבאנד טהעאָדאָר הערצל, גיט א סעריע סטאַטיסטישע ציפער אויפ'ן גרונד פון פריוואטע אויספאָרשונגען, וועלכע קאָנען גערעכענט ווערען אלס כמעט פינקטליכע. לויט דיזע ציפערען געפינען זיך אין טשעכאָסלאָוואקיע 507 אידישע געמיינדעס מיט 1086 אידישע געזעלשאַפטען, 413 חברה קדישה'ס און 120 אידישע שולען.

די צאָהל פון די אידען אין דער רעפובליק, קאָן פעסטגעשטעלט ווערען בלויז פאַר דעם מעריב טייל פון דעם לאַנד, ווייל די 12 אידישע געמיינדעס פון סלאַוואקיא און קאַרפאַטען־רוטהענער האָבען נאָך ניט צוגעשטעלט קיין ריכטיגע ידיעות. מען קאָן ערווארטען, אז די אלגעמיינע צאָהל, וועלכע וועט באשטימט ווערען, אַלס

רעזולטאַטען פון דער פאָלקס־צעהלונג, איז נאָהענט צו 400 טויזענט. לויט די פּריוואַטע אויספאָרשונגען געפינען זיך: אין באָהעמיע (בעהמען) 83,141; אין מאָראַוויע (מעהרען) און שלעזיען 48,646; אין סלאָוואַקיע 102,602 און אין קאַרפּאַטען־רוטהעניע 36,393. דער לעצטער ציפער איז זיכער צו קליין.

פינלאַנד. — די אָפּשאַצונג, אז אין פינלאַנד געפינען זיך 2 טויזענד אידען, איז געמאַכט געוואָרען פון נחום סאָקאָלאָוו (ציוניסטישער בולעטין, לאָנדאָן, פעבר. 25, 1920).

פראַנקרייך. — אין 1911 איז אָבגעשאַצט געוואָרען, אז די אידישע באַפעלקערונג אין פראנקרייך באַשטעהט פון 100 טויזענד. עלזאס לאָריין, וואָס איז איצט איבערגעגעבען געוואָרען צו פראנקרייך, פאַרגרעסערט די אידישע באַפעלקערונג אין פראנקרייך אויף 30,483 (דייטשער צענזוס 1910), וואס בילדעט א סך הכל פון ארום 130 טויזענד. אין פארלויף פון די לעצטע 10 יאָהר האָט די איינוואנדערונג אין פראנקרייך פון מירח איירָאפּא, פון די באלקאנישע לענדער און באזונדערס פון סאלאָניקי, דאָרט פארגרעסערט די אידישע באַפעלקערונג. מאנכע שאַצען דאָרט איצט אָב די אידישע באַפעלקערונג 150,000, אנדערע נאָך מעהר.

דייטשלאַנד. — לויט דעם דייטשען צענזוס פון 1910 איז די אידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד באַשטאַנען פון 615,021. אָבער נאָך דער מלחמה האָט דייטשלאַנד פארלאָרען: סילעזיא מיט א אידישער באַפעלקערונג פון 18,217 (צענזוס 1910); פּאָזען, 26,512; וועסט פּרויסען, 13,954; איסט פּרייסען (אללענשטיין), 2,587; עלזאס לאָריין, 30,483; שלעזוויג 20,000 (אָבגעשאַצט). סך הכל — 111,753 אידען. דאָס מיינט, אז די דייטשע רעפּובליק, ווי זי איז איצט צוזאַמענגעשטעלט, האָט א אידישע באַפעלקערונג פון 503,268.

גריכענלאַנד. — לויט דעם גריכישען פּראָוויזאָרישען צענזוס פון 1913, האָט די קעניגרייך פון גריכענלאַנד (אריינגערעכענט קריט) און די טעריטאָריעס פון מאַקעדאָניען, עפּירוס און די עגייאישע אינזלען ערוואָרבען אלס רעזולטאַט פון דער מלחמה מיט טערקיי און באָלגאַריען אין 1912 און 1913 א אידישע באַפעלקערונג פון 88,787. עס איז העכסט ווארשיינליך, אז גריכענלאַנד וועט שפּעטער קומען אין באזיץ פון טרייס, צפון עפּירוס, דעם גאַנצען עגייאישען ברעג, און וועט באַקומען א מאַנדאַט איבער סמירנאַ. די דאָזיגע טעריטאָריעס האָבען א אידישע באַפעלקערונג פון ארום 30 טויזענד. אויף אזא'ן אופן וועט די גאנצע אידישע באַפעלקערונג פון גרויס גריכענלאַנד באַשטעהן פון ארום 120,000. אין „דזשואיש קראָניקל" פון 31־טען דעצעמבער 1920 האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון סאַלאָניקא אָבגעשאַצט די אידישע באַפעלקערונג פון גריכענלאַנד 300 טויזענד.

אונגארן. — דער עסטרייך אונגאַרישער צענזוס פון 1910 גיט אָן די אידישע באַפעלקערונג פון אונגארן (אונגארן פּראַפּער) 907,610. לויט די פּונקטען פון דער פרידענס טריטי, טרעט אונגארן אָפּ פּאָלגענדע טעריטאָריעס צו איהרע שכנים:

טראנסילוואניע,
(צו רומעניען) — — 240,000 אידען
באנאַט פון טעמעשוואר
(צו רומעניען) — — 50,000 "
סלאָוואַקיא (צו טשעכאָסלאָוואַקיא) — — 143,545 "

סך הכל — — — — 433,545 "

אונגארן, ווי זי איז איצט צוזאמענגעשטעלט. האָט אויף אזא'ן אופן א אידישע באַפעלקערונג ארום 475.000 אידען, אָדער,

ווי דוד טריטש האָט אָבגעשאַצט (דזשואיש קראָניקל, לאָנדאָן, דעצ. 12, 1919) — 450 טויזענד אידען. לויט דעם צענזוס, וואָס איז לעצטענס גענומען געוואָרען אין אונגארן, געפינען זיך אין בודאפּעסט 212 טויזענד אידען אָדער 22.9 פּראָצענט פון דער גאַנצער באפעלקערונג, וואָס באטרעפט 925,000.

רומעניען. — אין דעם איצטיגען מאָמענט באזיצט רומעניען בעסאראביען, דאָברודזשיא, וואָס איז צו איהר אריבער פון באָלגאריען, די עסטרייכשע פּראָווינץ פון בוקאָווינע, טראנסילוואַניע און באנאט פון טעמעשוואר. די איינטיילונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין די דאָזיגע טעריטאָריעס איז:

די קעניגרייך פון רומעניען ווי עס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אין 1914,	241,000 אידען
בעסאראביען — — —	300,000 "
טראנסילייאַניע — —	240,000 "
באנאט פון טעמעשוואר	50,000 "
בוקאָווינא — — — —	103,000 "
סך הכל — — — —	934,000 "

די ציפער פאר טראנסילוואַניע. באנאט פון טעמעשוואר און בוקאָווינא זיינען באַגרינדעט אויף דעם עסטרייך־און אונגארישען צענזוס פון 1910. די אבשאצונג פאר בעסאראביען איז געמאכט געוואָרען פון דר. יעקב בערנשטיין קאָהן (דזשואיש קראָניקל, לאָנדאָן, מערץ 5, 1920).

אין 1919 האָט דר. דיאמאַנט אָבגעשאַצט די אידישע באפעלקערונג פון רומעניען ארום איין מיליאָן. דאָס שטימט מיט דער אפיציעלער אָבשאַצונג, וואָס די אַמעריקאַנישע לעגיישאָן אין בוקארעסט האָט אָנגעגעבען.

סאָוויעט רוסלאַנד. — די אָנגעגעבענע צאָהל אידען שליסט איין קאַווקאַז, וואָס האָט אין 1913 געהאַט א אידישע באַפעלקערונג פון 78,831.

עסטאָניע. — די אבשאצונג וועגען דער אידישער באפעלקערונג איז געמאכט געוואָרען פון דר. קלאמפּאס. מיטגליד פון דעם אידישען נאַציאָנאַל ראט אין עסטאָניע (ציוניסטישער בולעטין, לאָנדאָן, פעב. 25, 1920).

לאַטוויא. — די צאָהל שליסט איין גאַנץ קורלאנד, פיער דרום דיסטריקטען פון ליפלאנד און לעטגאלען (די דריי נאָרט־וועסטערן דיסטריקטען פון וויטעבסק). די 150 טויזענד אידען, וואָס ווערט דאָרט אָנגעגעבען, איז באגרינדעט אויף דעם רוסישען צענזוס פון 1897, קיין אַנדער אָפיציעלע קוועלע איז ניטאָ.

ליטע. — ליטע, ווי זי איז איצט צוזאַמענגעשטעלט, באשטעהט פון קאָוונער גובערני, א טייל פון סוואלקער גובערני, און טיילען פון ווייס רוסלאנד, וואָס געפינען זיך ניט אין באזיץ פון פוילען. לויט די לעצטע ידיעות וועגען דער דאָרטיגער אידישער באפעלקערונג, געפינען זיך אין ליטע 144,527 אידען. דאָס שליסט ניט איין די פליכטלינגע, וואָס וועלען מיט דער צייט זיך אומקערען אויף זייערע ערטער,וועלכע צעהלען 100 טויזענד. מיט די פליכטלינגע באשטעהט די אידישע באפעלקערונג אין ליטא ארום 250 טויזענד.

יוגא־סלאוויא. — (סערב־קראָאַט־סלאָווען־שטאַט). די דאָזיגע מלוכה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון א טייל פון אלבאַניען, פון א גרויסען טייל פון דער פריהערדיגער סערביען און פון טיילען, וואָס האָבען פריהער געהערט צו דער עסטרייך־אונגארישער מלוכה, נעמליך: קראָאַטיע און סלאָוואָניע, א טייל פון סטיריע, א טייל פון דאַלמאַטיע, באסניע און הערצעגאָווינע. אין די אַלע פּראָווינצען האָבען זיך אין 1913 געפונען ארום 100 טויזענד אידען. די דאָזיגע אָבשאַצונג איז באגרינדעט אויף'ן אָפּי־

ציעלען עסטרייך־אונגארישען צענזוס פון 1910 און אויף דעם סערבישען צענזוס פון 1913. דער לאָנדאָנער סטאַטיסטיקער דייוויס טריטש (דזשואיש קראָניקל, לאָנדאָן, דעצ. 12, 1919) שאַצט אָב די דאָרטיגע אידישע באַפעלקערונג ארום 200 טויזענד.

שוועדען. — לויט דעם צענזוס פון 1911, איז די אלגעמיינע באַפעלקערונג פון שוועדען געווען 5,522,403 און די אידישע באַפעלקערונג 6,112. דער צענזוס פון 1919 האָט אָנגעגעבען די אלגעמיינע באַפעלקערונג 5,813,850 אָהן ציפער פון דער אידישער באַפעלקערונג. אָננעמענדיג, אז די ראטע פון דעם צוואוואוקס פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג קאָן אויך אָנגעווענדעט ווערען צו דער אידישער באַפעלקערונג, קאָן מען אָבשאַצען, אז אין יאָהר 1919 איז דאָרט די אידישע באַפעלקערונג באשטאַנען פון 6,400.

שווייץ. — די סטאַטיסטיק וועגען דער אידישער באַפעלקערונג איז באגרינדעט אויף דעם צענזוס, וואָס דאָרט איז גענומען געוואָרען אין דעצ. 1920. די אידישע באַפעלקערונג פון די דאָרטיגע הויפּט שטעדט איז: צוריך — 7,000; זשענעווא — 2,772; באזל—2,600; און בערן — 2,057.

פּאַלעסטינא. — אין דעם אָפיציעלען ראַפּאָרט, וואָס סער הערבערט סעמיועל, דער בריטיש היי־ קאָמישאָנער אין פּאַלעסטינא, האָט צוגעשטעלט אין פּארלאַמענט אין אוגוסט, 1921, איז אָנגעוויזען געוואָרען, אז אין גאַנץ פּאַלעסטינא געפינען זיך קוים 700 טויזענד מענשען. פון דער דאָזיגער צאָהל וואוינען 235 טויזענד אין גרעסערע שטעדט, 465 טויזענד אין די קלענער שטעדט און דערפער. פיער פינפטעל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זיינען מוסולמאַנער. א קליינע פּראָפּאָרציע פון דעם זיינען בעדואין אראבער, די איבריגע זיינען פון געמישטע ראַסען, הגם זיי רעדען אראביש און האַלטען זיך פאר אראבער. 77 טויזענד פון דער באַפעלקערונג זיינען קריסטען, וואָס א גרויסע טייל פון זיי רעדט אראביש. דער אידישער עלעמענט פון דער באַפעלקערונג צעהלט 76 טויזענד. כמעט אלע פון זיי זיינען אריינגעקומען אין פּאַלעסטינא אין פארלויף פון די לעצטע 40 יאָהר.

רוסלאַנד אין אזיען. — אין 1913 איז די אידישע באַפעלקערונג דאָרט אזוי געווען איינגעטיילט:

סיביר	58,730
צענטראל אזיען	17,532
סך הכל	76,262

אין די לעצטע 5—6 יאָהר איז די אידישע באַפעלקערונג אין יענע ראַיאָנען באַדייטענד פארגרעסערט געוואָרען צוליב דער אימיגראציע פון אמאָליגען תחום.

עגיפּטען. — די ציפער וועגען דער אידישער באַפעלקערונג זיינען באגרינדעט אויף דעם צענזוס, וואָס דאָרט איז גענומען געוואָרען אין 1920. די אידישע באַפעלקערונג אין די הויפּט שטעדט איז: קאירא — 29,207; אלעקסאנדריען — 24,858.

די אידישע באַפעלקערונג אויף דער וועלט

(לויט קאָנטינענטען)

נאָרט אַמעריקא	3,379,668
סאוט אַמעריקא	118,657
אייראָפּא	10,439,191
אזיען	434,332
אפריקא	380,668
אויסטראליען	19,415
סך הכל	14,771,931

דער אידישער סטאַטיסטיקער פון לאָנדאָן דוד טריטש האָט אין יאָהר 1920 אָנגעגעבען אין „וואָרלד'ס אלמאַנאַק" די צאָהל אידען אויף דער גאַנצער וועלט אומגעפעהר 15,430,000.

די הויפּט אייזענבאהנען פון דער וועלט

דער שטח, די אויסשטאַטונג, די ארבייטס קראפט און דער אריינ־געלעגטער קאפּיטאל פון די 8 הויפּט אייזענבאהן־סיסטעמען.

אַמעריקא פאַרמאַגט 256,752 מייל אייזענבאהן — א שטח, וואָס איז גרעסער מיט אומגעפעהר 35,000 מייל פון די אייזענבאהנען פון די 7 אנדערע לענדער צו־זאמען, וואָס ווערען אָנגעוויזען אין דער טאבעלע. דער גאנצער אייזענבאהן שטח פון די 30 הויפּט לענדער פון דער וועלט, אריינרעכענענדיג אמעריקא, ווערט אָבגע־שאַצט פון דער ביוראָ פון אייזענבאהן עקאָנאָמיע, ארום 640,000 מייל (אין 1916); עס איז ווארשיינליך, אז דער איי־זענבאהן שטח פון דער גאנצער וועלט איז ארום 720 טויזענד מייל.

פאַרגלייך פון די אייזענבאַהנען אין דער וועלט.

	אַמעריקא	ענגלאנד	פראנקרייך	דייטשלאנד
מיילען	256,572	23,724	25,378	38,866
לאָקאָמאָטיווען	68,592	24,162	14,344	35,025
פאסאזשיר וואגאָנען	56,290	54,853	31,824	86,873
פראכט וואגאָנען	2,456,607	781,518	370,806	692,053
אריינגעלעגטער קאפּיטאל	$20,987,921,000	$6,531,751,000	$3,895,484,000	$5,045,641,000
ארבייטער	2,072,971	763,359	459,308	820,461
געפיהרט פאסאזשירען	1,253,396,000	1,566,834,000	541,342,000	1,797,188,000
געפיהרט פראכט־טאָן	2,305,190,000	317,877,000	208,018,000	624,067,000

	איטאליען 1)	רוסלאנד	אינדיען	קענעדע
מיילען	8,953	48,426	36,735	39,196
לאָקאָמאָטיווען	5,220	19,984	9,068	5,756
פאסאזשיר וואגאָנען	10,024	20,043	24,704	6,376
פראכט וואגאָנען	103,117	450,273	196,747	209,243
אריינגעלעגטער קאפּיטאל	$1,334,928,000	$3,508,675,000	$1,854,340,000	$2,615,102,000
ארבייטער	154,856	771,938	711,690	184,934
געפיהרט פאסאזשירען	82,402,000	195,017,000	533,180,000	51,306,000
געפיהרט פראכט־טאָן	41,099,000	258,339,000	87,630,000	127,388,000

1) נאָר שטאַט באַהנען.

ווען מען פארגלייכט די סטאַטיסטיק פון אונזער אייזענבאהן מיט דער סטאַ־טיסטיק פון די אייזענבאהנען פון די אנ־דערע זיבען לענדער, וואָס ווערען אָנגעווי־זען אין דער טאבעלע, מוז מען נעהמען אין

אנבאטראכט געוויסע פאקטען און זיי אָנ־ווענדען צו די אָנגעוויזענע ציפער, אויב מיר זאָלען וועלען זיי אָפּשאַצען לויט זיי־ער ווירקליכען ווערט, צוםביישפּיעל: די אמעריקאנישע לאָקאָמאָטיווען זיינען בכלל צוויי, און אין פיעלע פעלען דריי מאָל אזוי קראפטפול, ווי די לאָקאָמאָטיווען פון יעדען אנדער אָנגעוויזענעם לאנד, אויסער קענעדע. הייסט עס, אז בנוגע צו דער שלעפּ־קראפט, ווערען די אָנגעוויזענע ציפר פון אונזערע לאָקאָמאָטיווען, נעמ־ליך, 68,592—150,000 אין פארגלייך מיט גרויס בריטאניען, פראנקרייך אָדער דייטשלאנד. דאָסזעלביגע איז אויך בנוגע צו פּאססאזשירען־און פראכט־וואַגאָנען. די אמעריקאנישע פּאסאזשיר־וואַגאָנען זיינען ווארשיינליך אין דורכשניט 50 אָדער 100 פּראָצענט גרעסער איידער די דורכשניטליכע פּאסאזשיר וואגאָנען אין די אייראָפּעאישע לענדער, און די גראַמ־קייט (קעפּעסיטי) פון די אמעריקאנישע פראכט־וואַגאָנען איז דריי מאָל מעהר ווי פון די פראכט וואגאָנען אין יעדען אנדער לאנד, אויסער קענעדע און אינדיען. אנ־ווענדענדיג דעם דאָזיגען פּראָצענט וועט דער סך הכל פון דעם אמעריקאנישען „ראָללינג סטאָק" געבראכט ווערען צו א שטאַרקערע פּראָפּאָרציע צום סך הכל פון אמעריקאנישען אייזענבאהן שטח.

פּאסאזשירען־פּאַרקעהר.

דער סך הכל פון אמעריקאנישען פּא־סאזשיר־פּאַרקעהר, נעמליך, 396,000,־1,253 אויף אַן אייזענבאהן שטח פון 256,572 מייל, שיינט צו זיין א קליינער, פּאַרגלייכענדיג מיט איבער אָנדערהאַלבען ביליאָן פּאסאזשירען, וואָס ענגלאַנד האָט געפיהרט אויף א שטח פון 23,724 מייל אייזענבאהנען און 1,797,188,000 פּא־סאזשירען, וואָס דייטשלאנד האָט גע־פיהרט אויף 38,866 מייל אייזענבאהנען. דאָס ערקלערט זיך אָבער מיט דער גרע־סערער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין יענע לענדער, מיט דעם פיעל קירצערן שטח, וואָס דער פּאסאזשיר מאכט דורך אין זיין יעדער נסיעה, און מיט דעם וואָס דער פּאַרקעהר פון ארבייטער אויף דאמף אייזענבאהנען איז אין די אייראָפּעאישע לענדער זעהר גרויס. נאָך מעהר, דער דורכשניטליכער שטח, וואָס ווערט דורכ־געמאכט פּער רייזע איז לענגער אין אמע־ריקא ווי אין וועלכען עס איז לאנד אין אייראָפּא.

פראַכט פּאַרקעהר.

זעהר איינדרוקספול זיינען אויך די ציפער פון די טאָן פראכט, וואָס אמערי־קאנישע אייזענבאהנען פיהרען יעהרליך, וועלכע גרייכען א ערשטוינליכע סומע פון 2,305,190,000. דער נעקסטער גרויסער טאָטאַל איז פאר דייטשלאנד, וואָס האָט געפיהרט יעהרליך 624,067,000 טאָן פראכט, און גרויס בריטאניען — 317,877,000 טאָן. די קלענסטע סומע פאלט אויס אויף איטאַליען — 41,099,000 טאָן. דאָס ווייזט אויף ווי־פיעל דאָס לאנד נויטיגט זיך אין רויהע מעטאַל, קויהלען און אנדערע גרויסע לאָ־דונגען, וואָס בילדען די גרויסע מאסען פראכטען, וואָס זיינען נויטיג פאר איננ־דוסטריעלע לענדער, ווי אמעריקא, ענג־לאנד און דייטשלאנד.

דער אריינגעלעגטער קאפּיטאל

נאָך אלעמען מוז דאָך צוגעגעבען ווערען אז די איינדרוקספולסטע ציפער זיינען די, וואָס ווייזען די סומען פון אריינגעלייגטען קאפּיטאל אין די פארשיידענע אייזענ־באהנען. און אויך אין אָט דעם פּרט איז די סומע פון דעם קאַפּיטאל, וואָס איז אריינגעלייגט אין די אמעריקאנישע איי־זענבאהנען ערשטוינליך — נאָהענט פון איין און צוואנציג ביליאָן דאלאר

דער לוין פון די באהן-ארב יטער אין אמעריקא

ווי דער לוין פון די באהן־ארבייטער איז געשטיגען און געפאלען אין די לעצ־ע זיבען יאָהר.

ביי דער געלעגענהייט פון די איצטיגע סכסוכים צווישען די אייזענבאהן־קאָמ־פאניעס און די ארבייטער האָט די האנדעלס קאָמיסיע פון דער אמעריקאנישער רע־גירונג צוזאמען מיט די אייזענבאהן־קאָמפּאניעס פארעפענטליכט די דאָזיגע טאבעלע וועגען די פארדינסטען פון 13 קלאסען אייזענבאהן־ארבייטער.

די יעהרליכע פארדינסטען פון די אייזענבאהן־ארבייטער זיינען:

פּאסאזשיר־צוג קאָנדוקטאָרען:

אין 1916 — 1,877 דאלאר
אין 1917 — 1,966 דאלאר
אין 1918 — 2,273 דאלאר
אין 1919 — 2,643 דאלאר
אין 1920 — 2,969 דאלאר
אין 1921 — 2,612 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 2,353 דאלאר.

טריין־לייט פון פּאסאזשיר־צוגען:

אין 1916 — 1,031 דאלאר
אין 1917 — 1,094 דאלאר
אין 1918 — 1,512 דאלאר
אין 1919 — 1,789 דאלאר
אין 1920 — 2,081 דאלאר
אין 1921 — 1,831 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 1,648 דאלאר.

הייצער אויף פּאסאזשיר־צוגען:

אין 1916 — 1,297 דאלאר
אין 1917 — 1,354 דאלאר
אין 1918 — 1,737 דאלאר
אין 1919 — 2,154 דאלאר
אין 1920 — 2,474 דאלאר
אין 1921 — 2,167 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 1,950 דאלאר.

פראכט־צוג פיהרער:

אין 1916 — 1,852 דאלאר
אין 1917 — 2,108 דאלאר
אין 1918 — 2,494 דאלאר
אין 1919 — 2,658 דאלאר
אין 1920 — 3,422 דאלאר
אין 1921 — 3,011 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 2,710 דאלאר.

פּאסאזשיר־צוג פיהרער:

אין 1916 — 2,124 דאלאר
אין 1917 — 2,233 דאלאר
אין 1918 — 2,527 דאלאר
אין 1919 — 2,994 דאלאר
אין 1920 — 3,310 דאלאר
אין 1921 — 2,912 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 2,623 דאלאר.

הייצער פון פראכט־צוגען:

אין 1916 — 1,126 דאלאר
אין 1917 — 1,275 דאלאר
אין 1918 — 1,686 דאלאר
אין 1919 — 1,840 דאלאר
אין 1920 — 2,440 דאלאר
אין 1921 — 2,147 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאנטער לוין־פארקלענערונג — 1,932 דאלאר.

פראַכט־צוג קאָנדוקטאָרען:

אין 1916 — 1,617 דאלאר
אין 1917 — 1,855 דאלאר
אין 1918 — 2,269 דאלאר
אין 1919 — 2,314 דאלאר
אין 1920 — 2,990 דאלאר
אין 1921 — 2,631 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 2,368 דאלאר.

קאַרפּענטערס:

אין 1916 — 858 דאלאר
אין 1917 — 939 דאלאר
אין 1918 — 1,492 דאלאר
אין 1919 — 1,482 דאלאר
אין 1920 — 1,840 דאלאר
אין 1921 — 1,619 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 1,457 דאלאר.

טריין־לייט פון פראַכט־צוגען:

אין 1916 — 1,052 דאלאר
אין 1917 — 1,202 דאלאר
אין 1918 — 1,646 דאלאר
אין 1919 — 1,727 דאלאר
אין 1920 — 2,313 דאלאר
אין 1921 — 2,035 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 1,831 דאלאר.

סעקשאָן־אָנגעשטעלטע:

אין 1916 — 509 דאלאר
אין 1917 — 601 דאלאר
אין 1918 — 864 דאלאר
אין 1919 — 944 דאלאר
אין 1920 — 1,192 דאלאר
אין 1921 — 1,049 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 946 דאלאר.

מאַשיניסטען:

אין 1916 — 1,205 דאלאר
אין 1917 — 1,394 דאלאר
אין 1918 — 2,358 דאלאר
אין 1919 — 1,878 דאלאר
אין 1920 — 2,238 דאלאר
אין 1921 — 1,969 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 1,772 דאלאר.

סטאַנציע־באַדיענער:

אין 1916 — 657 דאלאר
אין 1917 — 710 דאלאר
אין 1918 — 996 דאלאר
אין 1919 — 1,138 דאלאר
אין 1920 — 1,385 דאלאר
אין 1921 — 1,228 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 1,106 דאלאר.

יאַרד־בריקמען:

אין 1916 — 1,198 דאלאר
אין 1917 — 1,327 דאלאר
אין 1918 — 1,673 דאלאר
אין 1919 — 1,686 דאלאר
אין 1920 — 2,207 דאלאר
אין 1921 — 1,942 דאלאר
און אין 1922, לויט דער געפּלאַנטער לוין־
פארקלענערונג — 1,747 דאלאר.

די גרעסטע קאנאלען אין דער וועלט

נאָמען פון קאנאל	געעפענט אין יאָהר	לענג אין מייל	טיף אין פוס	ברייט אין פוס	געקאָסט
קייפ קאָד — — — — — — — — —	1914	8	25	150	12000.000 $
קאָרינטה (גריכענלאַנד) — — — — — —	1893	4	26.25	72	5,000,000
קראָנשטאַדט־פעטראָגראַד (רוסלאַנד) —	1890	16	20.50	220	10,000,000
עלבע און טראַווע (דייטשלאַנד) — —	1900	41	10	72	5,831,000
קאַיזער ווילהעלם אָדער קיעל (דייטשלאַנד)	1895	61	45	150	94,818,000
מאַנטשעסטער שיפּ (ענגלאַנד) — — — —	1894	35.5	26	120	75,000,000
פאַנאמא (יונייטעד סטייטס) — — — —	1914	50.5	45	300	375,000,000
סאָולט סטע. מאַריע (יונייטעד סטייטס)	1855	1.6	22	100	10,000,000
סאָולט סטע. מאַריע (קענעדע) — — — —	1895	1.11	20.25	142	2,791,873
סועז (עגיפּטען) — — — — — — — —	1869	90	31	108	100,000,000
וועלאַנד (קענעדע) — — — — — — —	1887	26.75	14	100	25,000,000

איז דער פאַנאַמאַ קאַנאַל צו קליין?

דער פאַנאַמאַ קאַנאַל האָט אָפּגעקאָסט 375 מיליאָן דאָלאַר, און איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז מען וועט דאַרפען אויסגעבען נאָך היבשע עטליכע מיליאָנען, כדי מען זאָל קאָנען פון איהם האָבען די פולע נוצען.

דורך דעם פאַנאַמאַ קאַנאַל קענען יעצט דורכפּאַסירען אַ 400 שיפען פון איין אָקעאַן צום צווייטען, דאָס איז ניט ווייניג, אָבער אויך ניט קיין סך, אויב עס וועט זיך אָנהויבען אַ שטאַרקער פאַרקעהר.

פון יאָהר צו יאָהר וואַקסט די טראַנספּאָרטאַציע, וועלכע ווערט געפיהרט דורך דעם פאַנאַמאַ קאַנאַל. דער קאַנאַל איז געעפענט געוואָרען אין אויגוסט, 1914. אין דעם יאָהר 1915 האָט מען דורכגעפיהרט ניט ווייניגער ווי 4,894,134 טאָנען סחורה, אין 1920 איז אָבער די טאָנען־צאָהל געוואַקסען אויף 11,326,119. אינזשיניערען באַהויפּטען, אַז דורך דעם קאַנאַל קענען געפיהרט ווערען 50 מיליאָן טאָנען יעהרליך, און אויב דער פאַרקעהר וועט וואַקסען אין דער/עלבער פּראָפּאָרציע, ווי ביז יעצט, וועט אין 20 יאָהר אַרום דער קאַנאַל ניט קענען לייסטען זיין דיענסט.

דער איינציגער וועג צו פאַרמיידען אינדוסטריעלע אונבאַקוועמליכקייט איז — צו פאַרגרעסערען דעם קאַנאַל, אָדער בויען אַ צווייטען קאַנאַל פּאַראַלעל צו דעם עקזיסטירענדען.

30,000 דאָלאַר יעדען פריהמאָרגען.

די עקסידענט אינשורענס קאָמפּאַניס שאַצען אָפּ אַ מענשען אויף אַ געשעפטסמעסיגען אופן.

הענט זיינען ווערטה לויט זייער חשבון 5 טויזענט דאָלאַר. יעדער פינגער 250 דאָלאַר. די פיס זיינען אויך ווערטה 5000 דאָלאַר. די אויגען 5000 דאָלאַר. דער קאָפּ 15 טויזענט דאָלאַר.

פון דעם איז געדרונגען, אַז ווען אַ מענש שטעהט אויף אין דער פריה, האָט ער אַ קאַפּיטאַל פון 30 טויזענט דאָלאַר, וועלכע ער קען אינוועסטען און אָפּעריירען.

ענטדעקונגען און ערפינדונגען

ערפינדונג	יאָהר	נאָמען פון ערפינדער
אראבישע ציפער	1202	ביבאַטשי.
עראָפּלײן	1903	רײט.
רויכלאָזע פּולווער	1889	— — — —
בענזאָל	1849	מאַנספּילד.
באָמבעס	1457	מאַלאטעסטא
שפּילקעס, דײטשלאַנד	1365	— — — — — —
װעלאָסיפּעד	1784	טרעקסלער.
מאַשין צו שטריקען	1867	לעמב.
גאז באַלײכטונג	1786	לעבאָן.
גליצערין	1779	שעעלע.
בליץ אבלײטער	1752	בענדזש. פּרענקלין
געגזענע פעדערען צום שרײבען	450	— — — — — —
דינאַמיט	1867	נאָבעל.
דינאַמאָ־מאַשין	1867	סימענס.
דינאַמאָ־מאָטאָר	1821	צאַאום.
אַנטי־דיפטעריט אײנשפּריצונג	1895	בעהרינג.
אײזענבאהן, ענגלאנד	1830	— — — — — —
מאַשין צו שנײדען תבואה פון די פעלדער	1799	באָיס.
פליִיסיגע גלאָז	1818	פוקס.
דער שפּיגעל	1300	לאַליס.
דער אויגען שפּיגעל	1851	העלמהאָלץ.
רעגען שירעמס, אין פראנקרײך	1640	— — — — — —
נאָדלען	1560	— — — — — —
עקס־שטראהלען	1895	רענטגען.
איאָדין (יאָד)	1811	קורטוא.
בלײשטיפטען	1665	— — — — — —
קאָרטען	1300	— — — — — —
קינעמאַטאָגראַף	1895	לומיער.
בוכדרוקערײ	1436	גוטענבערג.
קאָמפּאַס, אין כינא	1302	דזשאָי.
שפּײז קאָנסערװירונג (קענד שטאָף)	1809	אַפּערט.
קאָרסעט	1730	— — — — — —
די בלוט צירקולאציע	1619	האַרװי.
קעראָסין לאָמפּ	1855	סילימאַן
קינסטליכע אײז	1856	העריסאָן.
לאָקאָמאָטיװ	1814	סטעפענסאָן.
זעג מיהלען	330	— — — —
מיקראָסקאָפּ	1590	יאַנסען.
מאָרפיום	1805	זערטיורנער.
אַרסעניק	1649	שרעדער.
נאַפט	1859	װעלאָק.
ניקעל	1751	קראָנשטעדט.
נאָטען	1025	— — — — —
ברילען	1299	ארמאטי.
דאַמפער	1808	פולטאָן.
ראַדיום	1896	קיורי.
רעװאָלװער	1831	קאָלט
צוקער פאבריקען	1470	— — — —
װאקסענע ליכט	312	— — — —
סטעארין ליכט	1818	בראקאנא.
זאַלצען הערינג, אײנגעפיהרט אין האָלאַנד	1397	בײקעלס.
סיגארען אין אײראָפּא	1787	— — — —
סאָדע	1793	לעבלאנק.
פאָספאָר שװעבעלאך	1833	— — — —
שװעדישע שװעבעלאך	1846	בעטכער.
שרײב פעדערס פון שטאָהל	1803	אואיז.
סטענאָגראפיע	1817	גאבעלסבערג.
קײבעל איבערן אָקעאַן	1858	— — — —
דראָטלאָזער טעלעגראַף	1896	מאַרקאָני.
טעלעגראַף מיט בוכשטאַבען	1855	יוז.
טעלעסקאָפּ	1619	גאַליליו.
טעלעפאָן	1861	רעיס.
"	1877	בעל.
דראָטלאָזער טעלעפאָן	1913	װיאַני.
טערמאָמעטער	1724	פארענהײט.
"	1730	רעאָמיור.
"	1740	צעלסי.
טובערקולין	1890	קאָך.
פאָנאָגראַף	1877	עדיסאָן.
פּיאנא	1711	קריסטאָפאלי.
כינין	1820	פּעלעטיא
כלאָראָפאָרם	1831	העטרי.
צעמענט	1796	פּערקער.
צירקל	1603	יאָבעט.
טהע, אין אײראָפּא	1590	— — — —
נעה־מאַשין	1844	האָי.
שאָקאָלאַד, אין אײראָפּא	1520	— — — —
באַיאָנעט, פראנקרײך	1640	— — — —
עלעקטרישער לאָמפּ	1877	יאַבלאָטשקאָװ.
עמאַלירען	1410	װאן־עיק.
אַנקער (פאַר שיפען)	578	— — — —
צעלאָלאיד	1870	הײעט.
טײפּרײטער	1878	שאָלס.
נעה־מאַשין פאר קנעפּ־לעכער	1881	ריסע.
טראלי קאר	1884-87	װען דעפּעלע, און ספּראג.
קעש־רעדזשיסטער	1885	פּעטערסאָן.

די געשיכטע פון לוח *)

אומעטום אין דער גאַנצער קולטורעלער וועלט איז אָנגענומען דער גרעגאָריאַנער לוח, אין געגענזאַץ צום יוליאַנער לוח, וואָס איז נאָך געווען גילטיג אין רוסלאַנד ביז דער לעצטער רעוואָלוציע פון 1918 (דער אזוי גערופענער אלטער סטיל). כדי צו פערשטעהן פון וואַנען ער שטאַמט און ווי אזוי ער האָט זיך ענטוויקעלט איז נויטיג זיך צו באַקאַנען מיט זיין געשיכטע.

עס איז גאַנץ שווער צו באַשטימען, ווען און וואו קאַלענדארען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל, ווען און וואו מען האָט נאָכדעם נאָכגעפאָלגט דעם גוטען און פראקטישען ביישפיעל. עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז די ערשיינונגען פון ליכט און פינסטערקייט אָדער פון טאָג און נאַכט זיינען נאַטירליך געווען די ערשטע, אויף וועלכע אפילו די ווילדעסטע מענשען זיינען אויפמערקזאַם געוואָרען און מיט וועלכע זיי האָבען זיך געמוזט רעכענען אין זייער האַרטען קאַמף פאר'ן לעבען. טאָג און נאַכט צוזאמען, אָדער די צייט, וואָס עס דויערט פון איין זונאויפגאַנג ביז דעם נעקסטען — דאָס איז זעלבסט פערשטענדליך, געווען די ערשטע נאַטירליכע מאָס פון צייט, אָבער דאס איז געווען גאַנץ ווינציג פאר דעם אנפאנג פון א קאַלענדאר. וואָס אַנבעלאַנגט צו צייטרעכנונגען נאָך די באַוועגונגען פון די הימלישע קערפער, איז גאַנץ קלאָהר, אז מענשען האָבען פריהער געקאָנט אויסרעכענען די באַוועגונגען פון דער לבנה אויפ'ן הימעל אין פאַרלויף פון א מאָנאַט, ווי די באַוועגונגען פון דער זון אויפ'ן הימעל אין פארלויף פון א יאָהר.

א לענגערע צייט מאָס, וועלכע איז אלעמאָל גלייך צו זיך זעלבסט, איז געווען און בלייבט — די באַוועגונג פון דער לבנה ארום דער ערד. די דאָזיגע רעגעלמעסיגע נאַטירליכע באַוועגונג איז ניט שווער געווען אויסצורעכענען אפילו פאר מענשען אין דעם ווילדעסטען צושטאַנד. באַטראַכטענדיג די וואַנדערונגען פון דער לבנה און די ענדערונגען פון איהרע געשטאַלטען, וואָס מען רופט פאזען (אויף העברעאיש: פגימות הירח) האָט מען אויך געקאָנט צוזאמענשטעלען א יעהרליכען לוח.

מיר געפינען דארום, אז דער ערשטער קאַלענדאר איז ביי אלע קולטור־פעלקער געווען א לבנה'דיגער. מען האָט אין אָנהויב געהאַט צוויי אַסטראָנאָמישע מאָסען פון צייט—א מעת לעת און א מאָנאַט. דורך דעם, וואָס די לבנה איז גערעכענט געוואָרען פאר א מעסטער פון צייט, האָט זי אויך געקראָגען ביי פיעלע פעלקער א נאָמען, וואָס מיינט: די צייט פון א מאָנאַט. שפראַך פאָרשער ווייזען אָן, אז די לבנה האָט געקראָגען נעמען, וואָס שטאַמען פון א שרש, וואָס באַדייט — מעסטען. למשל, דער לאַטיינישער וואָרט „מענסים“ און די סאַנסקריטישע ווערטער „מאָס“ (לבנה) און „מאסא“ (מאָנאַט) שטאַמען פון דעם שרש „מא“, וואָס באַדייט: מעסטען.

בעת מען האָט אָבער געוואָלט אויסגלייכען די טעג מיט די מאָנאַטען, פונקט נאָך די רעגעלמעסיגע באַוועגונגען פון דער לבנה ארום דער ערד, האָט מען זיך ארומגעזעהען, אז דאָס שטימט ניט, אז מען קאָן עס גענוי ניט אויסגלייכען. נאָך די גענויע אַסטראָנאָמישע רעכענונגען דויערט עס פון איין נייער לבנה, אָדער ווי

*) נאָך פארשיידענע קוועלען.

די אידישע אסטראָנאָמען האָבען עס גערופען „מולד", ביז דער אנדערער: 29 טעג 12 שעה 44 מינוטען און 3 סעקונדען. א לבנה מאָנאט איז אלזאָ עפּעס מעהר, ווי 29½ טעג. אין אלע צייטען, בעת מען האָט נאָך לאנגע באָאָבאכטען, באמערקט, אז א צייט־מעססונג דורך די לבנה־באוועגונגען פון איין „מולד" ביז צום אנדערען געדויערט ניט ווייניגער ווי 29 טעג 12 שעה, האָט מען איינגעפיהרט 59 טעג פאר 2 מאָנאט, נעמליך איין מאָנאט פון 29 טעג און אן אנדערען פון 30 טעג. פאר געוועהנליכע פּראקטישע צוועקען איז אזא אויסגלייכונג פון טעג מיט חדשים געווען גענוג.

אָבער בעת נאָך א לאנגען געברויך פון לבנה־חדשים האָט מען זיך ארומגעזעהן, אז זיי טרעפען זיך ניט צוזאמען מיט די צייטען פון יאָהר אָדער, ריכטיגער, אז די צייטען פון די לבנה־באוועגונגען שטימען ניט מיט די צייטען פון די זון־באוועגונגען האָט מען גענומען זוכען פּראקטישע מיטלען, ווי אזוי דאָס אויסצוגלייכען.

דער געוועהנליכער פּראקטישער מיטעל איז באשטאַנען אין א צוגאָב, אין א צוזעצונג פון עטליכע טעג, וואָס מען רופט היינט אינטערקאַלאציאָן, וואָס מיר קאָנען פאַרטייטשען מיט'ן וואָרט עיבור יאָהר. ווי מיר ווייסען, איז אין דעם אידישען לוח באשטימט געוואָרען אן אינטערקאַלאציאָן פון א גאנצען מאָנאט, כדי אויסצוגלייכען די לבנה מאָנאטען מיט'ן זונען־יאָהר. אָבער ניט ביי אלע פעלקער איז דאָס אזוי געווען און אויך ביי אידען איז עס ניט אזוי געווען אלעמאָל.

שוין אין די אור־אלטע צייטען פּרובירען די עגיפּטער (מצרים) אָנעהמען אלס יסוד פון זייער צייט־רעכנונגען נישט דעם לבנה־חדש, נאָר א זון־יאָהר, דאָס הייסט די צייט פון איין פריהלינג ביז'ן צווייטען. זיי האָבען אויסגערעכענט, אז אין אזא יאָהר איז דאָ אן ערך 365 טעג. זיי באַמערקען אָבער גיך, אז אין דער ווירקליכקייט איז אין אזא יאָהר דאָ מעהר ווי 365 טעג, אָבער ווייניגער ווי 366. אין דעם האָט מען זיך איבערגעצייגט אויף פאָלגענדען אופן: עס איז באשלאָסען געוואָרען צו רעכענען פאר'ן ערשטען טאָג פון ניי־יאָהר דעם טאָג פון אויסגוס פון דעם גרויסען עגיפּטישען טייך — ניל. אויב דאָס יאָהר וואָלט גענוי באשטאַנען פון 365 טעג, וואָלט יעדער ווייטערדיגער אויסגוס פאָרגעקומען פּונקט אין 365 טעג ארום, דאָס הייסט דעם ערשטען טאָג פון ערשטען מאָנאט. אין 4 יאָהר ארום איז אָבער דער אויסגוס פאָרגעקומען ניט דעם ערשטען, נאָר דעם 2־טען פון ערשטען חדש. נאָך אין 4 יאָהר ארום איז שוין דער אויסגוס אויסגעפאלען אין 3־טען טאָג.

און אזוי, נאָך יעדע 4 יאָהר אלץ מיט א טאָג שפּעטער. דער אָנהויב פון יאָהר, לויט'ן לוח, פלעגט אויף אזא'ן אופן אויספאלען ניט אין טאָג פון אויסגוס, נאָר אלץ פריהער, און פריהער, און אין פערלויף פון 1460 יאָהר פלעגט ער זיך אָברוקען אויף 365 טעג און דאן ווידער צונויפפאלען מיט'ן ערשטען טאָג פון ערשטען חדש. צוליב דעם „פאַרשפּעטיגען" פון ניל־אויסגוס פלעגען די עגיפּטער יעדע 1460 יאָהר רעכענען פאר 1461 יאָהר. כדי צו פאַריכטען דעם טעות ווערט באַשלאָסען יעדע 1461 יאָהר אראָבצואווארפען פון חשבון איין יאָהר. אָבער דערמיט האָבען זיי קנאפּ־וואָס געהאָלפען, ווייל אין משך פון די פאָלגענדע 1460 יאָהר פלעגט דער טאָג פון ניי־יאָהר זיך ווידער כסדר איבערוקען פון די פריהלינגס מאָנאטען צו די ווינטערדיגע, הערבסט און זומער־מאָנאטען. ערשט ווען דער געלעהרטער, סאָזיגען, וואָס האָט געלעבט אין מצרים, אי'ן דער שטאָדט אלעקסאנדריא מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר פאר קריסטוס'עס געבורט האָט פעסטגעשטעלט, אז דאָס זונען־יאָהר האָט 365 טעג און 6 שעה, איז דורכגעפיהרט געוואָרען טאקי לויט זיין עצה

א רעפאָרם פון קאַלענדאר, וואָס האָט דעם דאָזיגען טעות אויסגעבעסערט. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו רעכענען 3 יאָהר פאר געוועהנליכע, צו 365 טעג, און יעדעם 4־טע יאָהר פאר אן עיבור יאָהר—מיט 366 טעג. דער צוגאָב־טאָג פלעגט זיך אָנקלייבען פון דעם אָנגעצייגטען דורך סאָזיגענען 6 שעה'דיגען אונטערשייד און אין פארלויף פון 4 יאָהר פלעגט דאָס אויסמאַכען פונקט א מעת לעת (4 מאָל 6).

די ענדערונגען פון דעם רוימישען קאַלענדאר.

אויך אין רוים האָט מען פון די עלטסטע צייטען אָן געזוכט איינצופיהרען א זון־יאָהר. ניי־יאָהר פלעגט דאָרט גערעכענט ווערען פון דעם 1־טען מערץ. דער אָנפאַנג פון יאָהר איז אויף אזא'ן אופ'ן צוזאַמענגעפאַלען מיט'ן אָנפאַנג פון פריהלינג. די קריסטען האָבען איבערגענומען דעם רוימישען קאַלענדאר מיט זיינע נעמען פון די מאָנאַטען און מיט די אומגלייכע טעג פון די מאָנאַטען, אָבער דעם אָנהויב פון יאָהר האָבען זיי צום סוף איבערגעטראָגען פון מערץ אויף יאנואר.

דער 1־טער יאנואר אלס דער 1־טער טאָג פון א יאָהר איז אָנגענומען געוואָרען ביי די קריסטליכע פעלקער ערשט אומגעפעהר מיט 350 יאָהר צוריק. אין יאָהר 1563 האָט דער פראנצויזישער קעניג קאַרל דער 9־טער ארויסגעגעבען א באַפעהל, אז דער 1־טער יאנואר זאָל זיין ניי־יאָהר. מיט אומגעפעהר 200 יאָהר שפּעטער האָט מען אין ענגלאַנד נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיגען ביישפּיל.

ביז אָט דער אָפיציעלער ענדערונג האָבען די קריסטען געפייערט דעם נייעם יאָהר אין דעם טאָג פון קריסטמאַס (ניטעל) ווי דאָס איז געווען איינגעפיהרט אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסען אין 8־טען יאָהר־הונדערט.

די נעמען פון די חדשים פון דעם קריסטליכען קאַלענדאר ווייזען גאַנץ קלאָהר, אז די רוימער האָבען אָנגעהויבען זייער רעכענונג פון העם ערשטען מערץ. ווען מיר וואָלטען דאָס ניט געוואוסט פון די אַלטע שריפטען, וואָלט מען עס געמוזט דרינגען פון די נעמען פון די חדשים אין דעם היינטיגען קריסטליכען קאַלענדאר. ווען מען זעהט, למשל, אז דער 12־טער מאָנאַט ווערט גערופען דעצעמבער, וואָס באַדייט דער צעהנטער אין דער לאַטיינישער שפּראַך, בלייבט נאָר צו דרינגען דערפון, אז אַמאָל איז די דאָזיגע צייט פון יאָהר געווען גערעכענט פאר דעם צעהנטען מאָנאַט.

אזוי איז עס טאַקי געווען. דער גאַנץ אַלטער רוימישער קאַלענדאר איז באַשטאַנען נאָר פון צעהן חדשים. ערשט שפּעטער האָט מען צוגעגעבען נאָך צוויי חדשים, כדי עס זאָל בעסער שטימען מיט דעם זון־יאָהר. דעם ערשטען מאָנאַט האָבען די קריגערישע רוימער געווידמעט צום אָבגאָט מאַרס, וועלכען זיי האָבען באַזונדער פארעהרט. מאַרס איז ביי זיי געווען דער גאָט פון מלחמה און דערום האָט אויך דער דאָזיגער מאָנאַט געקראָגען דעם נאָמען מאַרס (מערץ).

די אָרדנונגען פון די ערשטע 10 רוימישע מאָנאַטען איז געווען אזוי:

1) מאַרס — צו עהרע פון קריגס־גאָט מאַרס.

2) אַפּרילוס — צו עהרע פון דער געטין אַפראָדיט (ווענוס).

3) מאַיא — צו עהרע פון דער געטין מאַיא, מערקורים מוטער.

4) יוניוס — צו עהרע פון יוניאָן, די געטין פון חתונות און יופּיטער'ס פרוי.

5) קווינטיליוס — פינפטער.

6) סעקסטיליוס — זעקסטער.

7) סעפּטעמבער — זיבעטער.

8) אָקטאָבער — אַכטער.

9) נאָוועמבער — נייינטער.

10) דעצעמבער — צעהנטער.

נאָכדעם זיינען געקומען די צוויי צוגע־געבענע מאָנאטען:

11) יאנוארים — צו עהרע פון גאָט יאנוס.

12) פעברואָ — צו עהרע פון דעם גאָט פון מתים.

די נעמען קווינטיליוס און סעקסטיליוס זיינען איבערגעביטען געוואָרען אין דער צייט פון דער רוימישער אימפעריע לכבוד די קייזערס יוליוס צעזאר און אקטאוויוס אויגוסטוס — אויף יולי און אָוגוסט. אנ־דערע רוימישע קייזערס האָבען שפּעטער געוואָלט קריגען דעם זעלביגען כבוד, אז מען זאָל נאָך זייערע נעמען רופען די אנדערע מאָנאטען, וואָס זיינען עד היום געבליבען באצייכענט נאָך זייער צאָהל, אָבער די וועלט האָט עס ניט געוואָלט אָנערקענען, און אזוי זיינען אין ידעם רוימיש־קריסטליכען קאלענדאר פארבלי־בען 4 מאָנאטען אָהן א ספּעציעלען נאָמען: סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער, ס'הייסט 7־טער, 8־טער, 9־טער, 10־טער.

אלזאָ, דער היינטיגער קריסטליכער לוח שטימט ניט 1) מיט די ריכטיגע צייטען פון יאָהר, ווייל ער הויבט זיך ניט אָן פון א באשטימטע יאהרעס צייט, 2) מיט דער קריסטליכער צייט רעכענונג שטימט ער ניט, ווייל ער הויבט זיך ניט אָן פון דעם טאָג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אלס קריסטוס'עס געבורטסטאָג, נעמליך, פון קריסטמאס, און 3) מיט דעם רוימישען לוח גופא, ווייל ער איז צודרעהט געוואָרען. דער דאָזיגער לוח שטימט אויך ניט מיט דער צייט, וואָס עס נעהמט אין דער וווירק־ליכקייט אונזער ערד צו מאכען איהר יעהר־ליכע רייזע ארום דער זון. אמת, דער פעהלער איז א גאנץ קליינער, נאָר איין טאָג אין פארלויף פון פיער טויזענד יאָהר; אויב אָבער מען זאָל דעם דאָזיגען קליינעם פעהלער ניט פאריכטען, וועט דער ערשטער יאנואר אויספאלען ארום פסח־צייט אומ־געפעהר מיט 320 טויזענד יאָהר שפּעטער.

דער יוליאַנער און גרעגאָריאַנער קאַלענדאַרען.

אין דער צייט פון יוליוס צעזאר האָט מען דעם פריהערדיגען קאלענדאר גאנץ שטארק געענדערט, כדי אויסצוגלייכען דעם בירגערליכען קאלענדאר מיט'ן אסטראָנאָ־מישען. דאן האָט מען עס איינגעפיהרט דעם עיבור יאָהר אלע פיער יאָהר. דאס האָט מען איינגעפיהרט, ווייל א יאָהר דויערט 365 טעג מיט אומגעפעהר 6 שעה און אין פארלויף פון 4 יאָהר קומט צו אומ־געפעהר א גאנצער טאָג. דאן רעכענט מען דעם יאָהר 366 טעג. דער דאָזיגער קאלענ־דאר רופט זיך — דער יוליאנער.

צו יענער צייט האָט מען געמוזט ענ־דערען דעם אלטען רוימישען לוח ניט נאָר דערפאר ווייל ער האָט אלץ מעהר אויפגע־הערט צו שטימען מיט דעם אסטראָנאָ־מישען זון־יאָהר, דאס הייסט מיט דער ווירקליכער צייט, וואָס עס האָט געדויערט ביז די ערד מאכט א קרייז ארום דער זון, נאָר אויך צוליב פּאָליטישע צוועקען און פינאנציעלע אינטערעסען.

דאָס רעכט אויסצוגלייכען דעם אלטען בירגערליכען לוח מיט דעם אסטראָנאָמי־שען יאָהר האָט געהערט צו די העכסטע פּריסטער. מיט אומגעפעהר 450 יאָהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג האָט מען אויסגעבעסערט דעם גאנץ אלטען לוח, וועלכער איז געווען צוזאמענגעשטעלט נאָך די באוועגונגען פון דער לבנה — א יאָהר האָט דעמאָלט געצעהלט 355 טעג — אזוי אז צווישען דעם 23־טען און 24־טען פעב־רואר האָט מען יעדען צווייטען יאָהר אריינגעשטעלט איין מאָל א מאָנאט פון 22 טעג און דעם נעכסטען מאָל א מאָנאט פון 23 טעג.

דאן איז עס אויסגעקומען, אז אין פארלויף פון 4 בירגערליכע יאָהרען זיינען

געווען 1465, נעמליך, 4 מאָל 365 טעג צוזאַמען מיט די צוגעגעבענע 22 און 23 טעג אַלע 2 יאָהר. דאָס האָט אויסגעמאַכט דורכשניטליך 366¼ טעג א יאָהר, וואָס איז געווען מיט א גאַנצען טאָג מעהר פאַר דעם אַסטראָנאָמישען יאָהר. האָט מען וויהער געמוזט מאַכען ענדערונגען אין דעם דאָזיגען קאַלענדאַר.

די דאָזיגע ענדערונגען אָדער אויסגלייכונגען האָט מען איבערגעלאָזט צו די הויכע פּריסטער, אום צו באַשטימען די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יום טובים. זי פּלעגען זיך אָבער באַנוצען מיט דעם דאָזיגען רעכט פאַר זייערע פּערזענליכע צוועקען, פאַר געוויסע וואַהל־צוועקען. מען האָט אַזוי פיעל מיסברויכט דאָס דאָזיגע רעכט, אַז צו דער צייט פון יוליוס צעזאַר איז דער אונטערשייד צווישען דעם ציווילען און אַסטראָנאָמישען יאָהר געווען דריי חדשים.

אום צו מאַכען א סוף צו אַזעלכע פעלשונגען, האָט יוליוס צעזאַר אָנגענומען די עצה פון די גרעסטע אַסטראָנאָמען פון יענער צייט איינגאַנצען צו באַזייטיגען דעם לבנה לוח און צו רעגולירען דעם ציווילען יאָהר נאָר נאָך דער זון. און אַזוי ווי מען האָט גערעכענט, אַז די דורכשניטליכע לענג פון א זון־יאָהר איז 365¼ טעג, האָט מען איינגעפיהרט צוצוזעצען 1 טאָג יעדע 4 יאָהר, כדי דער לוח זאָל שטימען מיט דער זון.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט שטעלען אָבער די אַסטראָנאָמען פעסט, אַז דאָס יאָהר האָט ניט 365 טעג מיט 6 שעה, ווי דער אַסטראָנאָם סאָזיגען האָט געמיינט, נאָר איז אויף 11 מינוט מיט 24 סעקונדען קורצער, נעמליך: 365 טעג 5 שעה 48 מינוט און 46 סעקונדען. אין פאַרלויף פון יעדע 128 יאָהר ווערט אויף אַזאַ'ן אופן דורכ'ן יוליאַנער לוח גערעכענט צופיעל מיט 1 מעת לעת. ווען דאָס איז אין מיטעלאַלטער פעסטגעשטעלט געוואָרען, האָט דער פּאַבסט גרעגאָראָס דער 23־טער אין יאָהר 1582 פאַרגענומען די צווייטע רעפאָרמע פון לוח. קודם כל האָט מען באַשלאָסען צו פאַריכטען דעם טעות, וואָס איז ענטשטאַנען פאַר דער גאַנצער ווירקונגס־צייט פון יוליאַנער לוח, און נאָכדעם ערשט איינפיהרען אויסבעסערונגען. כדי צו פאַרמיידען דעם טעות אין דער צוקונפט — דער טעות האָט באַטראָפען צו יענער צייט 10 טעג — איז באַשלאָסען געוואָרען צו ערקלעהרען, אַז נאָכ'ן 4־טען אָקטאָבער 1582 געהט דער 15־טער אָקטאָבער און ניט דער 5־טער אָקטאָבער, מען האָט פשוט איבערגעהיפּט 10 דאַטעס אין לוח פון יענעם יאָהר. פאַר דער צוקונפט האָט מען באַשלאָסען אין יעדע 400 יאָהר רעכענען דריי עיבור יאָהרען פאַר געוועהנליכע, נעמליך, די הונדערטער יאָהרען, וועלכע טיילען זיך ניט אויף 4.

דער דאָזיגער רעפאָרמירטער לוח טראָגט דעם נאָמען—דער גרעגאָריאַנער. ער איז אָנגענומען געוואָרען אין דער גאַנצער קולטורעלער וועלט. די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך האָט זיך אָבער ענטזאָגט איהם אָנצונעהמען, ווייל די רעפאָרמע איז איינגעפיהרט געוואָרען פון א רוימישען פּאַבסט. אין רוסלאַנד האָט מען דעם דאָזיגען קאַלענדאַר אָנגענומען ערשט אין יאָהר 1918 נאָך דער לעצטער רעוואָלוציע.

דער יסוד פון דעם אידישען לוח.

דער יסוד פון אידישען לוח איז ניט דאָס זון־יאָהר, נאָר א לבנה־חדש. ווי מיר האָבען פריהער אָנגעצייגט, האָבען שוין די פעלקער פון גרויען אַלטערטום באַמערקט, אַז פון איין לבנה־באַנייאונג (מולד) ביז דער צווייטער, דויערט אַן ערך 29½ טעג. דער אויסדרוק חדש נעהמט זיך טאַקי פון חדש — באַנייאונג, און פון דעם העברעאישען וואָרט ירח — לבנה איז ענטשטאַנען דאָס וואָרט ירח — חדש. אָבער אַזוי ווי עס איז ניט באַקוועם צו רעכענען א חדש

פאר 29½ טעג, איז באשלאָסען געוואָרען צו רעכענען איין חדש פאר 29 טעג און דעם צווייטען חדש פאר 30 טעג. עס האָט זיך אויך ארויסגעצייגט, אז א זון־יאָהר פון איין פריהלינג ביז'ן צווייטען, נעהמט אין זיך ניט אריין א גאנצע צאָהל אזעלכע לבנה־חדשים, און אז א זון־יאָהר איז מעהר ווי 12 אָבער ווייניגער ווי 13 מאָנאַטען. דעריבער איז מען געפאַלען אויף אזא המצאה: אין איין יאָהר רעכענען 12 חדשים און אין צווייטען 13 — מיט אזא אויסרעכענונג, אז אין א ציקל (אָדער ווי דאָס רופט זיך אין העברעאיש „מחזור קטן") פון 19 יאָהר זאָל דאָס זון־יאָהר צוזאַמענפאַלען מיט'ן אָנהויב פון לבנה־חדש. דאָס איז דער אזוי־גערופענער קליינער לבנה־ציקל. דער אידישער לוח איז טאַקי געבויט אויף אזעלכע 19 יאָהריגע צייט פעריאָדען. דער 19 יאָה־ריגער ציקל (אין ענגליש סאַיקל) בע־שטעהט פון 12 געוועהנליכע און 7 עיבור יאָהרען. אין א געוועהנליכען יאָהר איז דאָ 12 חדשים, אין אַן עיבור יאָהר 13 חדשים. די געוועהנליכע און די עיבור יאָהרען ווערען נאָך געטיילט אויף ריכטיגע, בעת די חדשים באַשטעהען פון 30 און 29 טעג (איינס נאָך איינס), אויף גענוגענדע, בעת איינער פון די חדשים, וואָס האָבען 29 טעג, בעקומט 30 טעג, און אויף ניט גענוגענדע, בעת איינער פון די חדשים וואָס צעהלט 30 טעג, באַ־שטעהט נאָר פון 29 טעג. קומט אזוי אויס: אין א געוועהנליכען יאָהר האָט דאָס ריכ־טיגע יאָהר — 354 טעג, דאָס גענוגענדע יאָהר — 355 טעג און דאָס ניט גענוגענדע יאָהר — 353 טעג; אין אַן עיבור יאָהר האָט דאָס ריכטיגע יאָהר — 384 טעג, דאָס גענוגענדע יאָהר — 385 טעג און דאָס ניטגענוגענדע יאָהר — 383 טעג.

די דויער צייט פון אידישען יאָהר (צו איז עס א ריכטיגעס גענוגענדעס אָדער ניט־גענוגענדעס), ווערט באַשטימט לויט'ן טאָג אויף וועלכען עס פאַלט אויס דער ערשטער פון חדש תשרי און דער ערשטער פון חדש ניסן. דער צייט־חשבון אין אידישען לוח ווערט געפיהרט פון דער ערשטער פולער לבנה, וועלכע איז, לויט די אויסרעכענונ־גען פון די אַמאָליגע אידען, פאָרגעקומען מיט 3761 יאָהר פאר קריסטוס'עס געבורט, מאָנטאָג, 5 שעה מיט 204 טיילען נאָך האַלבען טאָג. א שעה פלעגט זיך ביי די דאַמאָלסדיגע אידען טיילען ניט אויף מי־נוטען און סעקונדען, נאָר אויף 1080 טיילען, און יעדער פון אָט די טיילען אויף 76 רגעות. די אומבאַקוועמליכקייט פון אזא לוח איז קלאָהר. אויסער ביי אידען איז דער דאָזיגער מין לוח פאַרבליבען מיט עטליכע ענדערונגען נאָך ביי עטליכע פעל־קער פון אַלטערטום.

דער פרויען זשורנאַל

א מאָנאַט זשורנאַל

געווידמעט דער היים און דער פרוי — א זשורנאַל וועלכער דאַרף זיך געפינען
אין יעדער היים וואו אידיש ווערט נאָר געלעזען

ערשיינט אין גיכען

סובסקריפּשאָן פרייז $1.50 א יאָהר

THE JEWISH WOMAN'S HOME JOURNAL

110 Nassau Street New York, N. Y.

:: :: אונזער זון־סיסטעם :: ::

צ י י ט.

די גאנצע אָרדנונג פון דעם מענשליכען לעבען אין פארלויף פון א רונדען יאָהר איז פארבונדען מיט די ענדערונגען אין דער ארומיגער נאַטור: דאָס לעבען פון די פעלקער, וואָס באַשעפטיגען זיך מיט ערד ארבייט, מיט לאנדווירטשאַפט, העננט אָב פון דער צייט פון זייהען און שנייהען תבואה. דאָס לעבען פון די הירטען און־וואנדערענדיגע שטאַמען (משפחות) העננט אָב פון דעם ארויסוואקסען און צייטיג ווערען פון די גראָז אויף די לאָנקעס. דאָס און יענעם העננט אָב פון די ענדערונגען אין די צייטען פון יאָהר. און די דאָזיגע ענדערונגען שטאַמען פון העם, וואָס די ערד דרעהט זיך ארום דער זון.

כדי אויסצומעסטען די צייט, איז נויטיג צו האָבען א גלייכמעסיגע באַוועגונג. נאָר אזוי ווי אויף דער ערד גופא זיינען נישטאָ אזעלכע קערפּער, וואָס זאָלען זיך גלייכמעסיג באַוועגען, האָט עס געצוואונגען זיך צו באַנוצען מיט דער באַוועגונג פון דער ערד ארום איהר אַקס, פון וועלכער עס העננט אָב אויך די זיכטבאַרע 24 שטונדיגע באַוועגונג פון די שטערן.

זיך באַנוצענדיג מיט דער ערשיינונג און איינריכטונג פון די דאָזיגע הימעלשע לייכטער אויפ'ן הימעל, האָבען מענשען פון קדמונים אָן זיך אויסגעלערענט צו באַשטימען די צייט, ווען עס טרעטען איין געשעהענישען, און אין אונזער צייט האָט מען זיך אויסגעלערענט איינצוריכטען א גאַנץ פּינקטליכען זייגער.

ווי מען פלעגט זיך אַמאָל פאָרשטעלען די וועלט.

א סך דורות זיינען פארביי איידער מען איז געקומען צו א ריכטיגער פאָרשטעלונג וועגען דעם געבוי פון דער ערד און פון דער גאנצער וועלט, גאנץ שווער איז אָנגעקומען דער מענשהייט דאָס צו באַגרייפען. אין די גאָר אַלטע צייטען פלעגט מען זיך פאָרשטעלען די ערד ווי א רייף, וואָס אין זיין מיטען געפינט זיך א ים, וועלכער האָט הערום באַקומען דעם נאָמען „צווישענערדישער" אָדער מיטלענדישער". דער דאָזיגער נאָמען איז פארבליבען נאָך ביז היינט. אויף דעם דאָזיגען רייף איז אָנגעשפּאַרט דער הימעל מיט אלע זיינע שטערן און פלאַנעטען. די ערד גופא רוהט לויט דער מיינונג פון איינינע אויף דריי לויתן'ס, לויט אנדערע אויפ'ן רוקען פון א ריזיגען שילדקרויט.

אונטער דעם איינפלוס פון דער ביבעל און העם קריסטענטום, וועלכע האָבען שפּעטער באַהערשט די מוחות פון דער מענשהייט, נעהמט מען זיך פאָרשטעלען די ערד אלס מיטעלפּונקט פון דער גאנצער וועלט, דעם מענשען אלס דעם בחיר, אלס די קרוין פון דער נאַטור, פאר וועמען אלץ שטעהט צו דינסט: די זון — כדי איהם צו געבען ליכט און ווארימקייט; די לבנה — כדי צו באַלויכטען די פינסטערניש פון דער נאַכט און א. וו.

די ערד גופא איז, לויט די דאמאָלסדיגע באַגריפען, אומבאַוועגליך, און ארום איהר דרעהען זיך די זון, די לבנה מיט די שטערן. דער געדאנק אליין, אז די ערד קאָן זיך פריי באַוועגען אין וועלט־רוים,

איז אן אפיקורסישער. די קירך פאַראורטיילט איהם אלס אן עברה.

אייניגע געלעהרטע פון אלטערטום האָבען זיך אפילו געהאַט אָנגעשטויסען, אז די ערד איז א ריזיגער קיילעכדיגער באַל, וואָס באַוועגט זיך פריי אין וועלט־רוים. די גייסטליכע פלעגען אָבער דעם דאָזיגען געדאַנק אויסלאכען, האַלטען פאַר אן אומזין, פאַר אן אומעגליכע זאַך.

בכלל אין יענער צייט פלעגט זיך דער מענש — אונטער'ן איינפלוס פון דער קירך — קנאַפּ־וואָס באַשעפטיגען מיט דער נאַטור און איהרע ערשיינונגען. די וויסענשאַפט איז געווען פאַרנאַכלעסיגט און דער פרייער מענשליכער געדאַנק געבונדען.

קאָפּערניק'ס אויפטו.

מיט העכער 400 יאָהר צוריק, אין דעם יאָהר 1492, איז ענדעקט געוואָרען אמעריקאַ, און גלייך נאָכדעם איז געמאַכט געוואָרען די ערשטע רונד־רייזע ארום דער ערד. דאָס איז געווען א אויסערגעוועהנליך וויכטיגע געשעהענים, מען האָט זיך איבערציייגט, אז די ערד קאָן מען ארומפאָהרען, זי איז אלזאָ קיילעכיג, אין ערגיץ נישט פאַרשפאַרט. היינט האָט די וויסענשאַפט א סך אנדערע באַווייזען דערפאַר, פינקטליכע, גענויע באַווייזען. די באַהויפּטונגען פון דער קירך און פון דער ביז־דאַמאָלסדיגע וויסענשאַפט — האָבען באַקומען א שטאַרקען קלאַפּ.

אין יענער צייט האָט געלעבט א מענש, אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפאַלען צו מאַכען א סוף צו די פאַלשע השערות וועגען געבוי פון דער וועלט. דאָס איז געווען ניקאָלאַי קאָפּערניק (א פוילישער בירגער) געבאָרען אין 1473, געשטאָרבען אין 1543. ער איז פאַרעכענט פאַר דעם גרינדער פון דער מאָדערנער אסטראָנאָמיע.

עטליכע יאָהר האָט ער שטודירט און געפאָרשט דעם הימעל מיט זיינע ערשיינונגען און דער רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען איז געווען, דאָס באַריהמטע בוך — „וועגען די באַוועגונגען פון די הימעלשע קערפּערס."

קודם כל שטעלט קאָפּערניק פעסט אין דעם דאָזיגען ווערק, אז ניט די ערד איז דער צענטער פון דער וועלט נאָר די זון, און ארום דער זון טאַקי דרעהט זיך אונזער ערד, מאַכענדיג א פולען ארומגאַנג אין א יאָהר, ד. ה. 365 טעג. דרעהענדיג זיך ארום דער זון, דרעהט זי זיך גלייכצייטיג ארום זיך אליין — ארום איהר אַקס — מאַכענדיג א פולען ארומגאַנג אין א מעת לעת, אין 24 שעה. און דערפון נעהמט זיך טאָג און נאַכט. ארום דער ערד דרעהט זיך די לבנה.

אין דעם זעלביגען ווערק באַווייזט קאָפּערניק, אז ארום דער זון דרעהען זיך נאָך עטליכע קערפּערס, וועלכע זיינען עהנליך צו דער ערד. קאָפּערניק ווייזט אָן סך הכל אויף 6 א זעלכע קערפּערס (פּלאַנעטען): מערקורי, ווענערא, אונזער ערד, מאַרס, יופּיטער און סאַטורן. היינט ווייס מען אָבער אז עס זיינען דאָ 8 פּלאַנעטען. צו די 6 אויסגערעכענטע קומען צו נאָך צוויי — אוראַן און נעפּטון. אָט די 8 פּלאַנעטען בילדען די הויפּט־סוויטע פון אונזער זון. אָבער, אויסער זיי, זיינען נאָך דאָ, לויט דער היינטיגער וויסענשאַפט, א סך זעהר קליינע פּלאַנעטען, וואָס שוועבלען און גריבלען ארום דער זון צווישען קרייז פון מאַרס און יופּיטער. דעם געוועהנליכען מענשען, וואָס באַטראַכט דעם הימעל, שטעלען זיי זיך פאָר ווי גרויסע העלע שטערן. דער אונטערשייד צווישען שטערן און פּלאַנעטען באַשטעהט אָבער אין דעם, וואָס די שטערן ענדערען ניט זייער לאַגע, איינער בנוגע צו דעם צווייטען, די פּלאַנעטען אָבער באַוועגען זיך כסדר צווישען די שטערן אין הימעל־רוים. פּלאַנעטען זיינען בלאָנדזשענדיגע שטרן. די היינטיג אסטראָנאָמיע האָט פעסט־

געשטעלט, אז די פּלאַנעטען גופא לייכטען ניט, נאָר זיי ווערען באַלויכטען פון דער זון. ס'הייסט, זייער ליכטיגקייט איז א געבאָרגטע, בעת די שטערן לייכטען יאָ, ס'הייסט זיי פאַרמאָגען אייגענע ליכט. אַלע פּלאַנעטען זיינען פאַרהעלטניסמעסיג „נאָהענט" צו דער זון, אָבער די שטערן, ווי קאָפּערניק האָט זיך ריכטיג אָנגעשטויסען, זיינען פון דער זון שרעקליך ווייט.

דאָס זיינען די הויפּט אמת'ן פון קאָפּערניק'ס בוך. קאָפּערניק'ס בוך האָט אין יענער צייט — אין 16־טען יאָהר־הונדערט — געמאַכט א געוואַלדיגען איינדרוק. דאָס איז געווען ווי א דונער פון הימעל. עס איז איינפאַך שווער געווען זיך צוגעוועהנען צום געדאַנק, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון. איטליכער האָט דאָך אליין געזעהן מיט די אייגענע אויגען, אז עס איז קאַפּויר — די זון געהט אויף, הויבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער, און צולעצט פאַרגעהט זי! און אָט לאָזט זיך גאָר אויס, אז דאָס, וואָס די אויגען זעהען, איז גאָר א טעות, א פאַרבלענדעניש. אין אמת'ן דרעהט זיך גאָר די ערד און די זון איז אומבאַוועגליך.

היינט ווייסען מיר אַלע, אז קאָפּערניק איז געווען גערעכט. די וויסענשאַפט האָט אָהן א ספק באַוויזען, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון. אָבער ניט אַזוי גרינג האָט אין יענער פינסטערער צייט דער אמת געזיגט. קודם כל האָט די קירך גענומען פיהרען קעגען קאָפּערניק'ס לעהרע א פאַרביטערטען קאַמף.

דער קאַמף פאַר קאָפּערניק'ס לעהרע.

אין יענער פינסטערער צייט איז די קירך געווען די גרעסטע מאַכט. א סך געלעהרטע פון יענער צייט, וואָס האָבען געוואַגט ארויסצוטרעטען קעגען איהר און פאַרטהיידיגען די פרייהייט פון דעם מענשליכען געדאַנק, האָבען מיט'ן לעבען באַצאָהלט. איינער פון די דאָזיגע קעמפער איז געווען דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכער האָט געלעבט אין איטאַליען נאָך קאָפּערניק'ן. זיך באַקאַנענדיג מיט קאָפּערניק'ס בוך, נעהמט ער פלייסיג פּרעדיגען זיינע אמת'ן און אומעטום באַווייזען, אז טאַקי די ערד דרעהט זיך ארום דער זון. פאַר אָט דעם פאַרברעכען ארעסטירט מען איהם, מען האַלט איהם אָב אין געפענגניס 7 יאָהר, פאָדערענדיג פון איהם, ער זאָל זיך עפענטליך אָבזאָגען פון דעם, וואָס ער פּרעדיגט. נישט קוקענדיג אויף די שרעקליכע יסורים און פייניגונגען פון דער אינקוויזיציע וויל ער בשום אופן זיך ניט אָבזאָגען דערפון, און ווערט דערפאַר לעבעדיגערהייט פאַרברענט אויפ'ן פלאַקערפייער אין דער שטאָדט רוים אין דעם יאָהר 1600.

ניט באַנוגענדיג זיך מיט אומברענגען אַן אומשולדיגען געלעהרטען, ערקלעהרען די גלחים מיט'ן פּאַבסט בראש קאָפּערניק'ס בוך „וועגען באַוועגונג פון הימעלשע קערפּער" פאַר אַן אפּיקורסישען און זינדיגען בוך און פאַרווערען עס צו דרוקען און לייענען. קאָפּערניק'ן אַליין האָט דער גלח לוטער אנגערופען „א נאַר, וואָס האָט קיין אהנונג נישט אין דער וויסענשאַפט." און א צווייטער גייסטליכער האָט געפאָדערט, מ'זאָל קאָפּערניק'ן פּשוט אָבשמייסען מיט ריטער.

טרויעריג איז געווען אויך דער גורל פון אַן אַנדערען גרויסען געלעהרטען, גאַלילעי. ער האָט ערפונדען אין 1609 דעם טעלעסקאָפּ. — אַזאַ מין פאַרגרעסער גלאָז, וואָס מאַכט מעגליך צו זעהן די ווייטסטע געגענשטאַנדען. מיט דער הילף פון דעם טעלעסקאָפּ מאַכט גאַלילעי וואונדערבאַרע ענדעקונגען אויפ'ן הימעל, וואָס שאַפט איהם א גרויסען נאָמען צווישען די געלעהרטע פון דער גאַנצער וועלט.

און אויך גאַלילעי, דער גרויסער געלעהרטער און קענער שטעלט זיך ענטשיידען אויף דער זייט פון קאָפּערניק'ס לעהרע

און ברענגט א גאנצע רייהע נייע באווייזען, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון.

גאלילעי'ן, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען א זקן פון 70, ארעסטירט מען און מען פייניגט איהם אין געפענגניס. דאָס מאָל דערגרייכען די גייסטליכע זייער ציעל. דער אלטער גאלילעי קאָן נישט אויסהאלטען די אומענשליכע יסורים און פייניגונגען פון דער „הייליגער אינקוויזיציע" און שטימט איין עפענטליך זיך אָבצוזאָגען פון קאָפּערניק'ס לעהרע. דעם 22־טען יוני פון יאָהר 1633 ברענגט מען איהם אין קלויסטער, מען צווינגט איהם זיך צו שטעלען אויף די קני און אין דער אנוועזענהייט פון א גרויסען עולם, גייסטליכע און צושויער מוז ער צוגעבען, אז קאָפּערניק'ס לעהרע איז פאלש און פארפיהרעריש.

אָט אזוי האָט די קירך געקעמפט מיט דער וויסענשאפט און מיט איהרע פאָרשטעהער. אָבער צולעצט האָט דער אמת דאָך באזיגט אלע פינסטערע כחות.

די זון־סיסטעם. — די זון. — די לבנה.

נאָך קאָפּערניק'ן און גאלילעי'ן האָט די אסטראָנאָמיע שנעל גענומען וואקסען און היינט האָבען מיר א קלאָרע בילד פון אונזער זון־סיסטעם, ווי אויך וועגען דער גרויס פון איהרע פלאנעטען, וועגען רוים, וואָס טיילט זיי אָב איינע פון די אנדערע און פון דער זון.

אין מיטען פון אונזער סיסטעם, אין צענטער, געפינט זיך די זון. זי איז א סך מאָל גרעסער ווי אלע פלאנעטען צוזאמענגענומען, וואָס דרעהען זיך ארום איהר. כדי צו געבען א באגריף, ווי גרויס די זון איז, — איז גענוג צו זאָגען, אז ווען מען זאָל נעהמען גאנצע הונדערט און צוועלף אזעלכע ערד־קוגלען, ווי אונזער ערד, און זיי אוועקשטעלען אין א רייהע איינעם אויף'ן אנדערען, וואָלט די דאָזיגע רייהע געהאט פלאץ אין דער זון. איהר אויבערפלאך איז 13 טויזענד מאָל גרעסער ווי דער אויבערפלאך פון דער ערד. אין איהר אומפאנג (ראונד עבאוט) האלט זי 4 מיליאָן וויאָרסט (א וויאָרסט איז א רוסישע לענגמאָס פון אומגעפעהר צוויי דריטעל ענגלישע מייל אָדער עטוואָס מעהר פון א קילאָמעטער).

די זון שטעהט אָב פון דער ערד אויף א שטרעקע פון 140 מיליאָן וויאָרסט. א צוג וואָס לויפט אָהן אן אויפהער מיט א שנעלקייט פון 50 וויאָרסט אין א שעה, וואָלט דורכגעמאכט די דאָזיגע שטרעקע אין 300 יאָהר. ליכט, וואָס פליהט צו 280 טויזענד וויאָרסט אין א סעקונדע, מאכט דורך די דאָזיגע שטרעקע אין 500 סעקונדען, אזוי, אז ווען די זון וואָלט פארלאָשען געוואָרען וואָלטען מיר וועגען דעם געוואָהר געוואָרען אויף דער ערד אין 8 מינוט מיט 20 סעקונדען ארום. אָבער ווען די זון וואָלט פארלאָשען געוואָרען, וואָלט דאס גאנצע אָרגאנישע לעבען אויף דער ערד אונטערגעגאנגען. ווען דער ערד־קוגעל וואָלט איינגאנצען געווען באדעקט מיט אן אייז־הויט פון 175 פוס דיק, וואָלטען די זונען שטראהלען צושמאָלצען די דאָזיגע אייז־מאסע אין א יאָהר.

ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט זיינען אין קאָפּערניק'ס צייטען געווען באוואוסט 6 פלאנעטען, שפּעטער זיינען אנטדעקט געוואָרען נאָך צוויי. די אלגעמיינע צאָהל פון די פלאנעטען איז 8. זיי דרעהען זיך ארום דער זון לויט פאָלגענדער אָרדנונג: די ערשטע פלאנעטע איז מערקורי, זי איז נעהנטער ווי די איבריגע צו דער זון, זי מאכט איהר ארומגאנג ארום דער זון אין 88 טעג. די צווייטע איז ווענערא, איהר ארומגאנג מאכט אוים 225 טעג. די דריטע איז אונזער ערד. זי מאכט איהר ארומגאנג אין 365 טעג. אויסער דעם פארמאָגט די ערד א באגלייטער, דאָס איז די לבנה, וואָס דרעהט זיך ניט ארום דער זון, נאָר ארום דער ערד. זי איז די נאָהענטסטע פלאנעטע

צו הער ערד. זי שטעהט אָב פון דער ערד אויף א שטרעקע פון 360 טויזענד וויאָרסט. ווען מען וואָלט געקאנט דורכפיהרען אן אייזענבאַהן און פאהרען פון דער ערד צו דער לבנה אויף א שנעל־צוג אָהן אן אויפהער, וואָלט מען אין א האַלב יאָהר צייט דערפאהרען ביז דער לבנה. אזוי גרויס איז דער שטח צווישען דער ערד און דער לבנה. זי האָט ניט איהר אייגענע שיין, זי באַקומט שיין פון הער זון און שפּיגעלט זי אָב. איהר ארומגאנג ארום דער ערד דויערט עפּעס מעהר ווי 29½ טעג. זי איז א סך קלענער פון דער ערד. די גרויס פון דער לבנה־פלעכע איז אן ערך 7½ הונדערטעל פון דער ערד־פלעכע. די מאַסע פון דער לבנה איז עפּעס מעהר ווי איין הונדערטעל פון דער ערד־מאַסע. די לבנה איז א פארגליווערטער, האַרטער קערפּער. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז אויף דער לבנה זיינען דאָ א סך בערג און פארלאָשענע פייער־בערג, וואולקאַנען. די באשטאַנד טיילען פון דער לבנה־מאַסע זיינען דיזעלבע, ווי פון דער זון און פון דער ערד. די לבנה־שיין איז אין איהר פולען בלאַנק 619 טויזענד מאָל שוואכער, ווי די שיין פון דער זון.

נאָך דער ערד געהט מאַרס. דאס איז די פערטע פלאנעטע. איהר ארומגאנג דויערט שוין כמעט גאנצע צוויי יאָהר, 687 טעג. זי איז ווייטער פון דער זון, איידער די ערד. זי פארמאָגט שוין צוויי באַגלייטער, אזוי צו זאָגען צוויי לבנות, וואס דרעהען זיך ארום איהר. די צוויי באַגלייטער זיינען ענדעקט געוואָרען ערשט אין 1877 דורך דעם אמעריקאַנישען אסטראָנאָם נאָל. די פינפטע פלאנעטע איז יופּיטער — הער ארומגאנג איהרער ארום דער זון דויערט שוין גאנצע 12 יאָהר, זי פארמאָגט שוין 8 באַגלייטערס. די זעקסטע איז — סאַטורן, איהר ארומגאנג ארום דער זון דויערט גאנצע 30 יאָהר. סאטורן האָט 10 באַגלייטער און א וואונדערבארען לייכטענדיגען רינג, וואָס גארטעלט זי ארום. זי איז 10 מאָל ווייטער פון דער זון, ווי די ערד. איצט געהען די לעצטע צוויי פלאנעטען — די 7־טע און די 8־טע — אוראַן און נעפּטון. זיי מאַכען זייער ארומגאנג ארום דער זון אין 84 און אין 165 יאָהר. נעפּטון איז מיט 30 מאָל ווייטער פון דער זון, ווי הי ערד, און דעריבער גיט איהם די זון מיט 30 מאָל ווייניגער וואַרימקייט און ליכט. חוץ דעם באוועגען זיך אין הימעל־רוים צווישען מאַרס און יופּיטער זיבען הונדערט קליינע פלאנעטעלעך.

נאָך א פּאָר ווערטער ווע̇לען מיר זאָגען וועגען דער זון. זי איז דער קוואַל פון גאנצען לעבען אויף דער ערד. אָהן איהר וואַרימקייט און ליכטיגקייט וואָלט אלץ אויף דער ערד אָבגעשטאָרבען.

וואָס־זשע שטעלט מיט זיך פּאָר די זון? גאַלילעי, וועלכער האָט דער ערשטער גענומען פאָרשען הי זון מיט דער הילף פון זיין טעלעסקאָפּ, איז שטאַרק איבעראשט געוואָרען, ענטדעקענדיג אויף דער זון פלעקען, טונקעלע ערטער. די אונערמידליכע פאָרשונגען האָבען באוויזען, אז די פלעקען ווערען גרעסער און קלענער, ענדערען די פאָרם, ווערען פארשוואָונדען און באווייזען זיך אויפסניי. אויסער די פלעקען זיינען ענטדעקט געוואָרען אויף דער זון אזוי גערופענע פאקלען — העלע ערטער, און א גאנצע רייהע אַנדערע ערשיינונגען, ווי למשל ראָזע פלאַמענדיגע פייער־צונגען. די זון וואַרפט ארויס אין וועלט־רוים די האָזיגע פייערדיגע צונגען, וואָס זיינען אָפט מורא׳דיג גרויס. פונקט ווי די פלעקען ענדערען זיי זיך, פארשווינדען און באווייזען זיך ווידער. אין דער אַסטראָנאָמיע רופט מען זיי פראטובעראַנצען.

די נאָכאַנאַנדיגע ענדערונגען פון דער זון־פלעכע, דאס ענטשטעהן און פארשווינדען פון די פלעקען און פאקלען, די פייערדיגע אויפרייסונגען פון די ראָזע פראטו־

בעראנצען ברענגען צום געדאנק, אז די זון שטעלט מיט זיך פאָר א אומגעהויערען ריזיגען, גליהענדיגען קוגעל, אן אמת'ע קעניגרייך פון פייער און היץ.

פון וואָסערע מאַטעריאלען באַשטעהט דער דאָזיגער קוגעל? ביז גאָר נישט לאנג פלעגט מען מיינען, אז דאָס וועט אויף אייביג בלייבען א רעטעניש. מיט א יאָהר 60 צוריק האָט מען אָבער געמאכט אן ענטדעקונג, וואָס ערלויבט פינקטליך און גענוי פעסטצושטעלען, אז די זון באַשטעהט פון די זעלביגע מאַטעריאלען ווי די ערד: אייזען, וואסער־שטאָפען, קויהלען, מעש און ד. ג. די אלע מאַטעריאלען געפינען זיך אויף הער זון אין א צושטאַנד פון צעגליהטע דאמפפען, שרעקליך דערהיצטע, אזוי, אז די זון איז ניט קיין הארטער קערפער, אפילו ניט קיין פליסיגער קערפער, נאָר א גאַז־קערפער. דערפון נעהמט זיך די היץ און ווארימקייט, וואָס מיר באַקומען פון דער זון. די זון איז אלזאָ א ריזיגער צוגליהטער קערפער, וואו עס בושעווען פייערדיגע שטורם ווינטען, א דאנק וועלכע עס פליהען ארוים מורא'דיג ווייט אין וועלט־רוים פלאמען־צונגען — פראָטובעראנצען. פון צייט צו צייט באַווייזען זיך אויך קאָמעטען, וואָס שטאַמען פון די גאזען און דאמפפען פון די מעטאַלען.

די שטערן. — דער מילך וועג.

די שטערן זיינען פון אונז אזוי ווייט, אז עס איז אומעגליך זיך פאָרצושטעלען אַזאַ ווייטקייט. ווי קאָן מען דען זיך פאָרשטעלען א ווייטקייט, וועלכע איז א מיליאָן מאָל גרעסער, ווי די ווייטקייט פון דער ערד צו דער זון?! ... אָבער לויט די אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען איז דאס די ווייטקייט ביז צו איינעם פון די סאמע נאָהענסטע שטערן. ס'רוב שטערן זיינען נאָך טויזענדער מאָל ווייטער. ווען מיר זעהען זיי פונדעסטוועגען איז דאס נאָר דערפאר, וואָס זיי זיינען גרעסער און שיינען העלער ווי די זון. ווען מען זאָל די זון אוועקרוקען פון אונז אויף אַזאַ שטרעקע, ווי עס איז צו אונז הער נאָהענסטער שטערן, וואָלט זי אונז אויסגעוויזען פון אונזער ערד, ווי א קלייניגקער, קוים באַמערקבאַרער געלער שטערענדעל.

עס זיינען דאָ שטערן, וואָס זייער שיין גרייכט אונז אין פארלויף פון העכער 4 יאָהר, פון אנדערע שטערן דערגרייכט אונז די שיין אין פארלויף פון 10 יאָהר. מאַנכע שטערן־גרופען ווייזען זיך אונז אויס אומקלאָהר, פארנעבעלט. אזעלכע נעבעלפלעקען זיינען דאָ איבער 5 טויזענד. די אָנזאמלונג פון גרויסע צאָהלען נעבעלפלעקען און שטערן (ארום 18 מיליאן), וואָס בילדען אזוי ווי א וועג דורכ'ן גאנצען הימעל, וואס מיר זעהן, ווערט אָנגערופען — דער מילך־וועג.

די ערד

מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק, בעת אונזער ערד איז געבוירען געוואָרען, איז זי געווען אין א צוגליהטען דאמפף־צושטאַנד און האָט געלויכטען אויפ'ן הימעל, ווי א העלער שטערן. ביסלעכווייז דורך באַריהרונג מיט'ן קאלטען וועלט־רוים, שאפט זיך אויף איהר אויבערפלאך אן אָבגעקיהלטער, פארגליווערטער שיכט.

אין משך פון מיליאָנען יאָהרען וואקסט דער דאָזיגער שיכט און איצט דערגרייכט ער צו א דיקהייט פון 40 ביז 120 קילאָמעטער. אין פערגלייך מיט דער גאנצער ערד־מאַסע איז אַזאַ שיכט אויך ניט מעהר, ווי א דין הייטעל, און די היץ פון ערד־קוגעל לאָזט זיך נאָך הייטליך שפירען. די טעמפעראטור אונטער די ערד וואקסט אויף יעדע 30 מעטער מיט איין גראד, ס'איז גענוג זיך ארובצולאָזען אויף א וויאָרסט אין דער טיעף, כדי די טעמפע־

ראטור זאָל זיין 30 גראַד. אויף הונדערט וויאָרסט אין דער טיעף דאַרף די טעמפּעראטור זיין אומגעפעהר 3600 גראַד. דער ערד־צענטער שטעלט נאָך איצט מיט זיך פאָר אן אמת'ן פייער־קוגעל.

די ערד־אָבקיהלונג איז געווען א מאַכטיגע, גראַנדיעזע ערשיינונג. פון די דאַמפּפען, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט ביי דעם דאָזיגען פּראָצעס, איז ענטשטאַנען די לופט, די אטמאָספערע, אין וועלכער די גאַנצע ערד איז איינגעהילט, און וועלכע איז 100 וויאָרסט דיק. נאָר אויף א באוואוסטער ענטוויקלונגס שטופע ווען דאָס פאַרגליווערטע הייטעל איז גענוג שטארק געוואָרען און די אטמאָספערע ארום איהר איז גענוג דיק געוואָרען, ווערט דאן מעגליך דאָס לעבען אויף דער ערד. אָבער לאַנג האָט געדויערט דער דאָזיגער פּראָצעס און די וויסענשאַפט איז נאָך צו קיין הסכם ניט געקומען, ווי אַלט איז די ערד. אַלע זיינען אָבער מסכים, אז זי איז אַלט ניט ווייניגער ווי 20 מיליאָן יאָהר. דאס איז אָבער דאָס מינימאַלע. עס זיינען דאָ ראיות, אז די ערד איז אַלט פון 500 ביז 600 מיליאָן יאָהר און אפילו א גאַנצער מיליארד יאָהרען.

דאָס אָבגעקיהלטע ערד־הייטעל איז ניט געווען גלאַט, ווי א טיש, ערטער־ווייז איז זי געווען נידריגער מיט ריזיגע לעכער און גריבער ערטער־ווייז געשוואָלען און הויך. די נידריגע ערטער זיינען די ים'ען, טייכען און אָזערעס, די געשווילעכצען זיינען די בערג.

אינטערעסאַנט איז אָבער, אז די גרויס פון די געשווילעכצען און די נידריגע ערטער אויף דער ערד־פלעכע איז כמעט די זעלביגע. דער אויסגעמאָסטענער טיעפסטער אָרט אין ים האַלט אן ערך 9 וויאָרסט (ער געפינט זיך אין גרויסען אָקעאַן, נישט ווייט פון יאַפּאַן), און דער העכסטער בארג האַלט 8½ וויאָרסט.

די פאָרם פון דער ערד, אויף וועלכער מיר לעבען, איז א קוגעל, א באַל, וואָס דרעהט זיך ארום זיין אקס און ארום דער זון, כמעט אין א רונדער ליניע, מיט א שנעלקייט פון אומגעפעהר 28 וויאָרסט (ארום דער זון) אין א סעקונדע. דער אויבערפלאַך פון דער ערד האַלט אן ערך פון 450 מיליאָן קוואדראַט וויאָרסט. איהר אומפאַנג (ראונד עבאוט) איבער'ן עקוואַטאָר (עקוואַטאָר מיינט די ליניע, דער קרייז, וואָס מיר שטעלען זיך פאָר אין אונזער דמיון, וועלכער צוטיילט דעם ערד־קוגעל אויף צוויי האַלבע קוגלען — דעם נאָרדליכען און זידליכען), איז אומגעפעהר פון 37 ביז 38 טויזענד וויאָרסט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען דעם ערד־קוגעל צושניטען אויף העלפט. כדי ארומצוגעהן די ברעג־ליניע פון דעם דאָזיגען שניט וואָלט מען דאַרפען מאַכען אן ערך פון 37,557 וויאָרסט. א צוג, וואָס מאַכט 60 וויאָרסט אין א שעה וואָלט די דאָזיגע שטרעקע דורכגעלאָפען אין 26—27 טעג. דער גרעסטער טייל פון דער ערד'ס אויבערפלאַך, צוויי דריטעל, איז באדעקט מיט אָקעאַנען און ימים; אויף דער יבשה קומט אויס נאָר איין דריטעל. די יבשה איז קאָנצענטרירט אין קאָמפּאַקטע מאסען, וועלכע רופען זיך קאָנטינענטען, ערד־טיילען, זיי זיינען פינף: אייראָפּאַ, אזיען, אמעריקאַ, אפריקאַ און אויסטראַליען. אייראָפּאַ איז דער קלענסטער טייל, אזיען דער גרעסטער טייל.

פון די בערג און בארג־שפּיצען צייכענען זיך אויס די וואולקאַנען — פייער־שפּייענדיגע בערג, וועלכע וואַרפען פון זיך צייטענווייז ארויס שטיקער אש און א צוגליהטע מאסע, וועלכע מען רופט לאַוואַ. דער אויסברוך פון די וואולקאַנען שטעלט מיט זיך פאָר א מורא'דיג גראַנדיעזען שוישפּיעל; די צוגליהטע לאַוואַ צושטערט אויף איהר וועג אַלץ, וואָס זי באגעגענט. מיט גענויע צוויי טויזענד יאָהר צוריק זיינען דורך אן אויסברוך פון דעם וואול־

קאָן וועזוואוויוס אין איטאליען פאַרשאָטען געוואָרען מיט אמאָל 3 שטעדט.

מיר באגעגענען אויך אויף דער ערד גלייכע פלאכקייטען, א טייל פון זיי זיינען באדעקט מיט גראָז — דאס זיינען סטעפעס; אנדערע שטעלען מיט זיך פאָר א זאמדיגען מדבר, וועלכער האָט אויף זיך קיין פלאנצונגען ניט. אויך באגעגענען מיר אָקעאַנען, טייכען, אָזערעס און זומפען.

אויפ'ן סאמען אויבערפלאך פון דער ערד געפינט זיך א שיכט לופט, וועלכען מען רופט אָן אַטמאָספערע. נאָהענט פון דעם אויבערפלאך איז די לופט פערהעלטנישמעסיג געדיכט, אין די אויבערשטע שיכטען איז די לופט אלץ שיטערער.

די פארענדערליכקייט פון דעם אויבערפלאך פון דער ערד.

אויפ'ן ערשטען בליק דוכט זיך אונז, אז דער אויבערפלאך פון דער ערד פארענדערט זיך ניט. די טייכען פליסען מיט זייער שטענדיגען געוועהנליכען וועג; די בערג שטעהן אויף זייערע ערטער און ריהרען זיך ניט.

אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אזוי אויס. לאָמיר זיך צוקוקען צו דער ארבייט פון א פול־וואַסערדיגען טייך. דער טייך טראָגט אריבער אין זיין גאנג אומגעהויערע מאסען זאמד און לייגט זיי ביסלעכווייז אָב — צום גרעסטען טייל ביי זיין אריינגוס אין ים. אין אריינגוס וואקסען ביסלעכווייז אויס זאמד־בערג אין דערנאָך קליינע אינזלען. די וואַסער־ארעמס צווישען די דאָזיגע אינזלען ווערען מיט דער צייט פארטראָגען מיט שליים. די קליינע אינזלען פאראייניגען זיך אין איין גאנצען שטח,— און אויף דעם ארט, וואו פריהער פלעגען פישער פארווארפען זייערע נעצען, וואקסט אויס א גאנצער אינזעל, אויף וועלכען עס באוואקסט זיך גראָז און בוימער.

שטעדט וואָס זיינען שוין אין די היס־טאָרישע צייטען געשטאַנען אויפ'ן רעכטען ברעג ים ביים אריינגוס פון א טייך, שטעהען איצט אָב פון ים־ברעג אויף צעהנדליגע ווערסטען; דער זאמד און דער שליים, וועלכע די טייכען האָבען אָבגעלייגט, האָבען זיי אָבגעטיילט פון ים מיט א פאַס פרוכטבארער ערד.

לאָמיר נעהמען נאָך א ביישפיעל, ווי אזוי עס פארענדערט זיך דער פנים פון דער ערד.

איטליכען איז מסתמא אויסגעקומען צו זעהן ניט קיין גרויסע טייכען, וועלכע זיינען פארוואקסען מיט אזעלכע שטעקלאָך־ראָהר. די שטעקלאָך־ראָהר וואקסען זיך פאנאנדער אלץ געדיכטער און רוקען זיך אריין וואָס אמאָל טיפער אין טייך. דער ווינד טראָגט אָן שטויב, ער פארהאלט זיך דורך דער וואנד פון די שטעקלאָך־ראָהר, צווישען זיי הויבען זיך אָן צו באוויזען זומפ־געוויקסען; די שטעקלאָך־ראָהר פארגעהן וואָס אמאָל ווייטער, און דער אויבערפלאך פון טייך ווערט אלץ קלענער. צום סוף ווערט דער גאנצער טייך פארוואנדעלט אין א זומפ, וועלכער איז פארוואקסען מיט שטעקלאָך־ראָהר פון פארשיידענע געוויקסען. דער דאָזיגער זומפ טריקענט ביסלעכווייז אויס. דער טייך איז פארשוואונדען געוואָרען; אזא מין ערשיינונג קאָן פארקומען אין פארלויף פון איין אָדער צוויי דורות.

עס איז ניט שווער זיך פארצושטעלען, וואָסערע ענדערונגען עס קאָנען פארקומען אין פארלויף פון פיעל הונדערטער און טויזענדער יאָהרען. א טראָפען וואַסער קאָן דורכבויערען א שטיין, ווען ער פאלט אָהן אָן אויפהער.

יאָ, די דאָזיגע אומפארענדערליכקייט פון דעם ערד־פנים נארט אונז זעהר; אין דער ווירקליכקייט איז אין דער נאַטור נישטאָ קיין רוה, אלץ האלט אין איין פארענדערן זיך.

די גרויסע קרעפטען פון דער נאַטור און זייער טהעטיגקייט.

לאָמיר איצט באַטראַכטען די נאַטור־קרעפטען, וואָס דורך זייער ווירקונג ענדערט זיך דער אויבערפלאַך פון אונזער ערד. אַזעלכע קרעפטען זיינען דאָ אַ סך. אַ טייל פון זיי אַרבייטען פאַר אונזערע אויגען, דאָס זיינען דערהויפּט די קרעפטען פון באַוועגליכען וואַסער און פון ווינד. די טהעטיגקייט פון די אַנדערע קרעפטען איז באַהאַלטען פון אונזער בליק. דאָס זיינען די אונטערערדישע קרעפטען. זייער טהעטיגקייט ענטפּלעקט זיך בעת ערד־ציטערנישען און אויסברוכען פון וואָלקאַנען.

די אורזאַכען פון ערד־ציטערנישען באַשטעהען געוועהנליך אין דעם, וואָס אינווייניג ווערט די ערד אָבגעקיהלט און ציהט זיך צונויף. פון דעם זעצט זיך אָב דער שאָלעכץ פון דער ערד אויף אַ געוואַלדיגער שטרעקע און מיר פיהלען אַ טרייסעל פון דער ערד. קלענערע ערד־ציטערנישען קומען אויך פאָר בעת אַן אויסברוך פון וואָלקאַנען.

אַ חוץ אינעווייניגסטע קרעפטען, אַרבייטען פאַר אונזערע אויגען מעכטיגע אויסערליכע קרעפטען.

די ים־כוואַליעס צוברעקלען ביסלעכווייז מיט זייערע קלעפּ די ברעגען; די טייכען הערען נישט אויף פאַנאַנדערצורשווענקען זייערע ברעגען, זיי טראָגען אָן ריזיגע מאַסען זאַמד און שליים, אויפבויענדיג נייע אינזלען און זאַמד־בערג. רעגען וואַסער האָט אויך אַ צושטערענדע ווירקונג, ווען עס קייקעלט זיך אַראָפּ אויף נידריגע ערטער. אַ חוץ דעם שווענקט עס אונטער די שיכטען פון דער ערד־הויט, איינזאַפּענדיג זיך אין באָדען, און גרייט צו מורא׳דיגע איינזינקונגען פון דער ערד.

ווערענדיג פאַרפרוירען, ציהט זיך דאָס וואַסער פאַנאַנדער און באַקומט אַ געוואַלדיגע צושטערענדע קראַפט. מיר ווייסען דאָך, אַז פלאַש מיט וואַסער ווערט צופּלאַצט אויפ׳ן פראָסט אויף שטיקלאַך. פּונקט אַזוי ווירקט דאָס רעגען וואַסער, ווען עס דרינגט אַריין אין די שפּאַלטען פון פעלזען־בערג און ווערט דאָרט פאַרפרוירען. אויף דעם זעלביגען אופן ווירקען אויך די וואָרצלען פון די געוויקסען. אַ וואָרצעל פון אַ געוויקס קאָן צושפּאַלטען דעם גרעסטען שטיין. דער ווינד הויבט אויף גאַנצע וואָלקענס שטויב, דערהויפּט אין די טרוקענע ערטער, און טראָגט אָן גאַנצע בערג. דאָס זיינען די הויפּט קרעפטען, וואָס אַרבייטען עקשנות׳דיג, לאַנגזאַם און אָהן אַן אויפהער אויף דעם אויבערפלאַך פון דער ערד.

דורך זייער בשותפות׳דיגער אַרבייט פאַרענדערט זיך די ערד כסדר. די דאָזיגע ענדערונגען זיינען זעהר קליין אין אַ קליינעם משך צייט. אָבער אין הונדערטער און טויזענדער יאָהרען קלייבען זיי זיך אָן, סומירען זיך און גיבען צו דער ערד אַ גאַנץ אַנדער פּנים. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט פון אַלע זייטען ענטוויקעלט און באַוויזען דער ענגלישער געלעהרטער לייעל (געב. אין יאָהר 1797, געשט. אין יאָהר 1875).

פריהער האָבען די מענשען ניט געקאָנט ריכטיג ערקלעהרען די ערשיינונגען און ענדערונגען אויף דעם אויבערפלאַך פון דער ערד און האָבען אָנגענומען אַמאָל, אַז דאָ מישען זיך אַריין עפּעס איבערנאַטירליכע קרעפטען. אַזוי פלעגט מען, למשל, ערקלעהרען ערדציטערנישען מיט דעם, וואָס בייזע גייסטער האָבען געשמיסען די ערד מיט זייערע משונה׳דיגע עקען; די וואָלקענס האָט מען געהאַלטען פאַר רעהרען — קאַנאַלען, וואָס געהען אַרויס פון גהינום. די קאַטוילישע גלחים פלעגען פיהרען פּראָצעסיעס צו די קראַטערן (די עפענונגען) פון די וואָלקאַנען און פלעגען אין זיי אַריינגיסען הייליג

וואסער, וועלענדיג דערמיט מחילה בעטען ביי די ברוגז'ע מלאכים, וואָס רופען ארויס די אויסברוכען פאר די חטאים פון די מענשען.

די שיכטען און אבלאגערונגען פון דעם ערד־שאָלעכץ.

א שארף אָבגעריסענער ברעג פון ים אָדער פון א טייך קאָן אונז געבען די פאָר־שטעלונג וועגען דעם געבוי פון דעם ערד־שאָלאכץ.

לאָמיר באטראכטען דעם שארפען ברעג פון דעם פינלאנדישען אויסגוס אויפ'ן באַלטישען ים. פאר אונז ליגען דאָ הייטליך פארשיידענע שיכטען.

דער אויבערשטער שיכט איז פון קאַלך; אונטער איהם ליעגט א שיכט פון ליים און זאַמד־שטיינער, דערביי ליעגען די שיכטען איינער אויף דעם צווייטען פונקט ווי בלע־טער אין א בוך.

פון וואנען האָבען זיך גענומען אָט די שיכטען? לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער טעטיגקייט פון פון פול־וואסערדיגען טייך. די דאָזיגע שיכטען האָבען זיך אבגעלאגערט פון וואסער. די טייכען האָבען אנגעטראָגען אין ים שליים און זאמד, פון וועלכע ס'האבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט אויפ'ן ים־דעק שיכטען פון ליים און זאמד־שטיינער. אין ים האָבען זיך באוויזען איינ־פאכסטע פרימיטיווע חיות, און פון זייערע הארטע רעשטלאך — די מושעל־הייזלעך זיינען ארויסגעקומען שניטען פון קאַלך.

לאנג האָט געדויערט די אָבלאגערונג פון די דאָזיגע קאַלך־שניטען, און דער ים פלעגט ווערען פלאכער פון נייע אבשווענ־קונגען און פלעגט אָבטרעטען פון פריהער־דיגען אָרט. די שיכטען וואָס זיינען פריהער געלעגען אויפ'ן דעק ים, האָבען ארויסגע־קוקט אויף דער וועלט, און אונטער זיי האָט זיך געבילדעט א דינער שיכט באָדען, אין וועלכען ס'האָבען זיך איינגעוואָרצעלט געוויקסען.

ווען מיר ווילען באַזוכען פארשיידענע ערטער אויף דער ערד און ווילען אויס־פאָרשען די נאַטירליכע, אָדער קינסטליכע דורכשניטען פון דעם ערד־שאָלעכץ, ווילען מיר כמעט אומעטום זיך אָנשטויסען אויף דעם זעלביגען שיכטען־בוי, און כמעט דער גאנצער אויבערפלאך פון דער ערד איז באַ־דעקט מיט אזעלכע אָבגעלאגערטע שניטען. דאָס הייסט, אז אויף דעם גאנצען אוי־בערפלאך פון דער ערד איז געווען אמאָל א ים. נאָר אויפ'ן ווייטסטען נאָרד באַגע־גענען מיר באַזונדערע באָדען־בילדונגען, גראניט־פעלזען, וואָס זיינען ניט געווען באַגאָסען פון ים.

אויסגעגראָבענע חיות און געוויקסען.

באַזונדערס האָבען געהאָלפען אויס־פאָרשען די געשיכטע פון דער ערד די בית עולם'ס, וואָס מען פלעגט געפינען בעת די אויסגראבונגען. די דאָזיגע בית עולם'ס שטעלען מיט זיך פאָר די רעשטלאך פון חיות און געוויקסען פון די עלטעסטע צייטען, וועלכע זיינען פארבליבען פאר־שטיינערט אין די שיכטען פון דעם ערד־שאָלעכץ.

אין א טייל פעלזען געפינען מיר נאָר פארשטיינערונגען פון פארהעלטניסמעסיג איינפאַכע חיות. צווישען די קאַלך־שיכטען און זאמד־שטיינער זיינען פארבליבען מאַ־סען מושעל־הייזלעך. בעת מען האָט גע־מאכט פאָרשונגען אויף די ברעגען פון טייכען און אין די אָבלאגערונגען פון טאָרף, האָט מען אָנגעהויבען געפינען אין די שיכ־טען פון שטיין קויהלען ביינער און גאנצע סקעלעטען פון פארשוואונדענע חיות, מאַנכע משונה'דיג גרויסע. צולעצט האָט מען געפונען אין די אייביג פארפרוירענע שיכטען פון צפון־מזרח סיביר גאנצע פגרים פון ניט געזעהענע חיות — מאַמאָנטען מיט פלייש און מיט א פעל, וועלכע זיינען טייל־ווייז עהנליך צו די היינטיגע העלפאַנטען מיט זייערע שטויס־ציינער.

צווישען די שיכטען פון זאמד־שטיין געפינט מען שפּורען פון אמאָליגע געוויקסען; ווען נישט ווען שטויסט מען זיך אָן אויף גאנצע שטאַמען פון אמאָליגע פלאַנצונגען.

אויפ׳ן גרונד פון גאנץ גענויע אויספאָרשונגען פון די ערד־שיכטען און פון זייער לאַגערונג, ווי אויך פון פארשטיינערונגען, וואָס מען האָט אין זיי געפונען, האָט זיך איינגעגעבען די געלעהרטע ווידער אויפצובויען די אלטע געשיכטע פון דעם ערד־שאָלעכץ.

די עפּאָכע פון דער ערד — די אָנפאַנגליכע עפּאָכע.

אין דער אָנפאנגליכער עפּאָכע איז דער אויבערפלאַך פון דער ערד געווען שטארק צוגליהט און פלעגט דערמאָנען אָן א פייערדיגען ים מיט שווימענדיגע אינזלען, וועלכע האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט פארגליווערטע קופּעס, פון פארשיידענע שטיינער.

די אָבקילונג איז געגאנגען ווייטער, אָבער דער הארטער שאָלעכץ האָט אָפט געפּלאצט און פלעגט זיך צורייסען פון די שטענדיגע אויסברוכען און ערד־ציטערנישען.

די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פארשיידענע דאַמפּפען און גאַזען, און זייער געדיכטער שלייער פלעגט פאַרדעקען פון דער ערד די זון. דערום איז ניט געווען קיין טאָג און נאכט, אויך זיינען ניט געווען די פארשיידענע צייטען פון יאָר. צום סוף פון דער דאָזיגער עפּאָכע באווייזען זיך אָקעאַנען און די יבשה, אזוי ווי די לופט, ווערט א ביסעל קלאָהרער.

וואהרשיינליך האָבען זיך צום סוף פון דער דאָזיגער עפּאָכע באוויזען די איינפאַכסטע לעבעדיגע אָרגאַניזמען, אָבער שפּורען פון זיי האָט זיך ניט איינגעגעבען צו ענטדעקען.

די פּאַלעאָזאיאישע עפּאָכע.

נאָך דער אָנפאנגליכער עפּאָכע געהט די פּאַלעאָזאיאישע עפּאָכע. (פּאַלעאָ באַדייט אויף גריכיש—אַלטערטימליך, זאָיאַ—לעבען).

אין אָנהויב פון דער דאָזיגער עפּאָכע באגעגענען מיר די ערשטע שפּורען פון לעבעדיגע אָרגאַניזמען אויף אונזער ערד אין דער געשטאַלט פון טרילאָביטען. אין אָנפאַנגס־פּעריאָד פון דער פּאַלעאָזאָאישער עפּאָכע האָט די ערד מיט זיך פאַרגעשטעלט אָן עלענדע בילד. איהר גאנצען אויבערפלאַך האָט פארנומען א טרויריגער מדבר אָהן א ברעג. קיין פלאַנצונגען זיינען ניט געווען; עס זיינען נאָך ניט געווען קיין פיש, קיין ראקעס און אין דער לופט זיינען נאָך ניט ארומגעפליגען קיין אינזעקטען. נאָר אין די ימים האָבען געלעבט טרילאָביטען (אזעלכע ים חיות) און אַנדערע איינפאַכסטע אָרגאַניזמען.

שפּעטער אנדערש זעהען מיר אין סוף פון דער דאָזיגער עפּאָכע. ביסלעכווייז באווייזען זיך נייע מינים ברואים—פיש, ראקעס, אינזעקטען און, ענדליך, יבשה־חיות, אין דער לופט האָבען זיך באוויזען אינזעקטען; עס ענטשטעהען אויך פלאַנצונגען און ענטוויקלען זיך.

די ווארימקייט פון דער ערד העלפט שטארק דער ענטוויקלונג פון די פלאַנצען. עס באווייזען זיך אויף דער ערד גיגאַנטישע וועלדער. אָבער גאנץ פארשיידען זיינען געווען יענע וועלדער פון אונזערע. זיי האָבען ניט געהאַט די באַלעבענדיגע פיעלפאַרביגקייט פון אונזערע וועלדער, מען האָט אין זיי ניט געהערט קיין געזאנג פון פויגלען. א שטילקייט פלעגט הערשען אין וואַלד. רונד און ארום פלעגט זיך אויפהויבען א ווארימע פייכטע פארע, דורך וועלכע עס פלעגט קוים דורכשימערן די פורפור־רויטע זון. צום סאמע סוף פון דער דאָזיגע עפּאָכע באווייזען זיך מורא׳דיגע שרצים (רעפּטילען). די יבשה, די

ימים און טייכען, דער קלימאט די געוויקסען און חיות זיינען געווען גאנץ אנדערש ווי היינט.

די מיטעלסטע עפּאָכע.

די מיטעלסטע עפּאָכע (די מעזאָזאָישע ערא) צייכענט זיך אויס קודם כל דערמיט, וואָס אין יענער צייט האָבען זיך באוויזען אזעלכע משונה'דיג גרויסע חיות, וועלכע זיינען ניט געווען ניט פאר דעם און ניט שפּעטער. דאָס איז געווען אן אמת'ע הערשאפט פון גיגאנטישע עגדישען און קראָקאָדילען. אין דער דאָזיגער עפּאָכע זיינען באקאנט 12 מינים שרצים, וואָס האָבען געלעבט אין וואסער, אויף דער יבשה און אין לופט.

מיר וועלען זיך דאָ אָבשטעלען אויפ'ן בראָנטאָזאָווער. די דאָזיגע חיה איז געווען 24 ארשין לאנג און האָט געוועגען ארום טויזענד פוד. די אנדערע מינים שרצים זיינען ניט געווען קלענער פון בראָנטאָזאָווער. א טייל פון זיי פלעגען געהן אויף די הינטערשטע פיס, אָנשפּארענדיג זיך אָן דעם עק, און זייער הויך פלעגט דערגעהן ביז 18 ארשין ביי א לענג פון 27.

די סקעלעטען פון אָט די משונה'דיגע באשעפענישען זיינען געפונען געוואָרען אין פארשיידענע ערטער אין די שיכטען פון דעם ערד־שאָלעכץ. מען קאָן זיי זעהן אין די מוזעען. אין מיטען פון דער דאָזיגע עפּאָכע באווייזען זיך אין דער לופט פויגלען, וואס האָבען געהאט ציין און לאנגע עקען.

די פלאנצען זיינען אין אָנהויב און אין מיטען פון דער דערמאָנטער עפּאָכע געווען טרויעריגע, פארבלאָזע, נאָר צום סוף פון דער עפּאָכע באווייזען זיך שוין פּאלמען און אנדערע בוימער און די געוויקסען הויבען אָן באקומען פארבען.

די פאנאנדערטיילונג פון די ימים אין דער דערמאָנטער עפּאָכע איז אויך געווען גאָר אן אנדערע ווי היינט. למשל, דער גאנצער דרום פון רוסלאנד איז געווען דעמאָלט פארגאָסען מיט וואסער.

די נייע עפּאָכע און די אייז־עפּאָכע.

אין דער נייער עפּאָכע (קאינאזאָאישע) האָט זיך באוויזען א גוואלדיגע מאסע חיות, וועלכע שטעהען נאָהענט צו די היינטיגע. עס פארשווינדען די משונה'דיגע באשעפענישען פון דער מיטעלער עפּאָכע (מעזאָזאָאישער), עס באווייזען זיך זעהר פיעל פארשטעהער פון די זויג־חיות, צווישען זיי אויך די מאלפּעס (מאַנקים).

די פלאנצונגען הויבען זיך אָן ביסלעכווייז צו דערנעהנטערן צו אונזערע, עס באווייזען זיך בלאט־בוימער.

ווען האָט זיך באוויזען דער מענש?

עס איז מעגליך, אז ער איז געקומען צום רעכטען סוף פון דער קאינאָזאָאישער, פון דער נייער עפּאָכע. אין די אויסגראבונגען האָט מען געפונען ביינער, וואָס זיינען עהנליך צו מענשליכע, אָבער גיכער פון אלץ זיינען דאָס געווען ביינער פון באשעפענישען, וואָס זיינען עהנליך צו מענשליכע, מעגליך, אז דאָס זיינען געווען מענשען־עהנליכע מאַנקים.

זיכערע שפּורען פון מענשליכען לעבען געפינען מיר אין פאָלגענדען לעבענס־פעריאָד פון אונזער ערד—אין דער אזוי־גערופענער אייז־עפּאָכע.

אין דער אייז־עפּאָכע האָבען גרויסע שטרעקעס אייז, צוליב אורזאכען, וואָס זיינען נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרען, פארנומען דעם גרעסטען טייל פון אייראָפּאָ און האָבען געמאַכט איהר קלימאט פאר א קאלטען און רויהען. אין די אויפשניטען פון דער אייז־עפּאָכע האָבען די געלעהרטע ניט איינמאָל געפונען ביינער און גאנצע סקעלעטען פון דעם אורמענשען און אויך פארשיידענע געצייג, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באנוצען. די דאָזיגע געצייג — העק, שפּיצען פון

שפּיזען, זעגען—זיינען געמאכט געוואָרען פון שטיין און באוויזען אז דער אור־מענש איז ס׳רוב געווען אַ יעגער. דער מענש פון יענער צייט איז געווען ניט פון הויכען וואוקס, האָט געהאַט אַ קיילעכדי־גען קאָפּ און אַ אַראָפּהענגענדיגע ברעמען.

אזוי ווי מענשען האָבען זיך דעמאָלט באנוצט מיט וואפען פון שטיין, הייסט דערפאר דער דאָזיגער פּעריאָד פון לעבען פון די אַמאָליגע מענשען—די שטיינערנע עפּאָכע. די מענשען פון דער שטיינערנער עפּאָכע זיינען אין אַ סך הינזיכטען געווען ענהליך צו ווילדע חיות און האָבען זיך באדייטענד אונטערשיידט פון דעם היינ־טיגען מענשען.

נאָך דער שטיינערנער עפּאָכע איז אָנ־געקומען די בראָנזענע עפּאָכע, בעת דער מענש האָט זיך אָנגעהויבען צו באנוצען מיט בראָנז פאר זיינע אויסארבייטונגען, און צום סוף—די אייזערנע עפּאָכע.

די וועלט און איהר ענטשטעהונג

ווי אַ צייכען פון אייביגקייט, פון אונ־פּארענדערליכקייט ווירקט אויף אונזער פאנטאזיע דער הימעלשער מעכאניזם—די זון, די לבנה, די פּלאנעטען און די שטערן. דער דאָזיגער מעכאניזם געהט מיט אַ וואונדערבארער פּינקטליכקייט, יאָהר־איין יאָהר־אויס חזרט ער איבער דיזעלביגע באוועגונגען. אין רעכטען מיטען פון מעכאניזם שטעהט די הויפּט פּרושינע—דער פייערדיגער קויל פון דער זון און ארום איהם דרעהען זיך אין אַ ווייטקייט פון מיליאָנען מיילען די רעהער־פּלאַ־נעטען.

אָבער אונזער גייסטיגער בליק, וואָס איז גוואלדיג פארשארפט געוואָרען דורך דער מאטעמאטיש־אסטראָנאָמישער ווי־סענשאַפט, דרינגט אלץ מעהר אריין אין דער וויייטסטער פארגאנגענהייט פון די שטערן־וועלטען. מיר דערוויסען זיך, אז אין דער וועלט איז קיין זאַך ניט אייביג אַ חוץ דער פארענדערליכקייט, אז די ערד, אויף וועלכער מיר לעבען, אונזער זון־סיסטעם, ווי בכלל אלע עקזיסטירענדע שטערן־סיסטעמען זיינען גאנץ לאנגזאם געקומען צו זייער איצטיגער לאגע, אין פארלויף פון מיליאָנען יאָהרען. זיי האָבען אלע זייער געשיכטע.

נאָך די נייעסטע טהעאָריעס וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט (קאָסמאָגאָנישע טהעאָריעס) איז אין אָנ־הויב אויפ׳ן ארט פון אונזער זון מיט אלע איהרע באגלייטער געווען איין ריזיג גרויסע פאָרמלאָזע נעבעל־מאסע פון עטער (וועלט־שטאָף). דער דאָזיגער שטאָף איז נאָך ביז היינט ניט דערפאָרשט געוואָרען.

מיט דער צייט האָט זיך אין מיטען פון דער דאָזיגער נעבעל־מאסע געבילדעט אַ געדיכטען קערן, ארום וועלכען זי האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען, ווי ארום אַן אַקס, אין אַ מין ווירבעל־באוועגונג. די מאסע האָט אָנגעהויבען צו באקומען אַ באשטימטע רונדליכע געשטאלט.

ווען די שנעלקייט פון דער באוועגונג און צוזאמען מיט איהר די טעמפּעראטור, האָט דערגרייכט אַ באשטימטען גראַד, האָט די מאסע באקומען אַ צושטאנד פון אַ גליהענדער שמעלצענדיגער פליסיגקייט. אין דער אייגענער צייט האָט די קראפט, וואָס שטויסט אָב די מאסע פון מיטעל־פונקט אָבגעריסען פון איהר איינציגע טייל־לען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרע־הען ארום זייערע אַקסען און אָנגענומען אַ רונדליכע געשטאלט. פון די דאָזיגע טיילען האָבען זיך דאָס ענטוויקעלט אונזער ערד און די אנדערע פּלאנעטען פון אונזער זון־סיסטעם.

די אזוי ענטשטאנענע פּלאנעטען האָבען זיך אָבער ניט צעשפּרייט אין אונענדליכען וועלט־רוים. דער צענטראלער קערפּער, אונזער זון, האלט זיי פון דערווייטען אויף א ווייטקייט פון מיליאָנען מיילען, ווי מיט אונזיכטבארע קייטען און צווינגט זיי צו דרעהען זיך ארום איהר. אונזער ערד, איהר באגלייטערקע—די לבנה—און די אנדערע פּלאנעטען פון אונזער זון־סיסטעם זיינען אָנגעהויבען אויך געווען נאָר נעבעלהיגע גאז־מאסען, און שפּעטער—פייערדיגע, לייכטענדיגע קוילען, הגם א סך קלענערע ווי אונזער זון.

ווי אזוי זיינען זיי דערגאנגען צו זייער איצטיגען מצב?

אין פארלויף פון מיליאָנען יאָהרען האָבען די פּלאנעטען אויסגעשטראלט זייער ווארימקייט אין קאלטען וועלט־רוים און, וואָס קלענער עס איז געווען דער אומפאנג, די ארומרינגלונג פון א פּלאנעט, אלץ שנעלער האָט ער זיך אָבגעקיהלט, פריהער אויפ׳ן אויבערפלאך און שפּעטער וואָס אמאָל אלץ טיפער. דער אויבערפלאך פון דער לבנה איז אומגעפעהר 13 און א האלב מאָל קלענער ווי דער אויבערפלאך פון דער ערד, דעריבער איז די לבנה, ווי עס זעהט אויס, שוין אינגאנצען פארגליווערט און טויט. אָבער אונזער ערד האָט, לויט דער מיינונג פון די פאָרשער, דערווייליגע נאָר אן אָבגעקיהלטע הארטע הויט, אונטער וועלכער עס ליגט א גליהענדיגע צושמאָלצענע מאסע.

די בערג און ימים זיינען אויך נאָר גיגאנטישע קנייטשען פון דער ערד־הויט. זיי האָבען זיך געבילדעט אין פּראָצעס פון איהר אָבקיהלונג, פּונקט אזוי ווי עס בילדען זיך די קנייטשען אויף א שלעכט אויסגעבאקענעם ברויטעל. אפילו אונזער „אייביגע" ליכט־שפּייזערין — די זון האלט אויך אין איין אָבקיהלען זיך. איהר ליכט איז שוין ניט אזוי בלענדענד וויים ווי ביי אנדערע זונען פון וועלט־רוים, זי איז שוין רויטליך. גרויסע אסטראָנאָמען האָבען אויסגערעכענט, אז ווען די מאסע פון דער זון וואָלט זיך נישט כסדר צוזאמענגעפּרעסט, פארגרעסערענדיג די היץ, וואָלט די זון אין 25 טויזענד יאָהר אינגאנצען פארלאָשען געוואָרען. אגב באקומט די זון כסדר פרישע ווארימקייט פון די פאלענדיגע שטערן, וועלכע שיטען זיך אויף איהר אין א באדייטענד גרעסערער צאָהל, ווי אויף דער ערד.

די זון וועט מיט דער צייט אפשר אויך איינשלינגען אלע איהרע קינדער — די פּלאנעטען פון איהר סיסטעם. אָבער אפילו דאָס וועט איהר נישט העלפען. אייביג וועט זי דאָך ניט קאָנען איינהאַלטען איהר טעמפּעראטור. זי וועט אונפארמיידליך האָבען דעם גורל פון אלע באשעפענישען אויף דער וועלט. אָבער וואהרשיינליך וועט די זון מיט „א נאַטירליכען" טויט ניט שטאַרבען. נאָך איידער עס וועט אינגאנצען אויסגעלאָשען ווערען איהר לעבען, וועט זי זיך מסתמא צונויפשטויסען מיט אן אנדער ריזיגען שטערן. פון דעם דאָזיגען צוזאמענשטויס וועט געבוירען ווערען א נייע, נאָך מעכטיגערע זון, וועלכע וועט אָנהויבען א ניי, א רייך און פיעלפארביג לעבען. אזוי ווערען אין דער גרויסער נאַטור כסדר פון קלענערע באשפעניששען געשאפען גרעסערע, פון טויט—ניי לעבען.

ווען און ווי אזוי עס האָט זיך אויף אונזער ערד באוויזען אָרגאַנישע באשעפענישען איז שווער געוני צו באשטימען. עס איז אפילו ניט באוואוסט, צו די זריעה פון אָרגאַנישען לעבען האָט זיך ענטוויקעלט אויף אונזער ערד גופא, אָדער זי האָט פארבלאָנדזשעט צו אונז פון אן אנדער פּלאנעט. זיכער איז אָבער, אז דאָס אָרגאַנישע לעבען האָט זיך ביי אונז ערשט דאַן דערוועקט, בעת עס איז ענטשטאַנען לופט און וואסער.

דער פּראָצעס, לויט וועלכען עס האָבען

זיך ענטוויקעלט די פארשיידענע פארמען פון ארגאנישען לעבען (פלאנצונגען, חיות ביז צום מענשען) איז געווען זעהר א לאנגער, ער איז געגאנגען צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער ערד און ער האט דורכגעמאכט א גאנצע רייהע עפאכען, פון וועלכע איטליכע האט געדויערט מיליאנען יאהרען. די גוואלדיגע שיכטען שטיין קויהלען, וועלכע מיר געפינען אין דער ערד, און אויך די אויסגראבונגען פון די פאר־שער באווייזען, אז מיט פיעל מיליאנען יאהרען צוריק זיינען אויף אונזער ערד גע־ווען אזעלכע מינים גיגאנטישע פלאנצונגען און חיות, וואס היינט זעהט מען עס גאר־נישט.

וועגען די איבעריגע פלאנעטען פון אונזער זון־סיסטעמע וויים מען נאר, אז זיי געפינען זיך אין פארשיידענע פאזען פון ענטוויקלונג, אז א טייל פון זיי האבען נאך זעהר א הויכע טעמפעראטור, אנדערע ווידער האבען זעהר א שיטערע לופט־אטמאספערע אדער בכלל קיין לופט ניט און דערום פארמאגען זיי װאהרשיינליך ניט קיין שום לעבעדיגע ארגאנישע באַ־שעפעניסען. נאר בנוגע צום פלאנעט מארס (מאדים), אויף וועלכען מען זעהט דורכ׳ן טעלעסקאפ א וואונדערליכע נעץ פון גאנץ ברייטע גראד־ליניגע קאנאלען, שטעלט מען זיך פאר, אז דארט איז פאראן ניט נאר ארגאנישע לעבען, נאר אפילו אזעלכע קלוגע באשעפענישען, וואס שטעהען אויף א העכערער שטופע פון קולטור, ווי די מענשען פון אונזער ערד.

ווי אזוי. פרעגט זיך, איז דער מענש, וועלכער איז נאר א שטויבעלע אויף דער ערד, וועלכע איז אליין נאר א פינטעל אין אונענדליכען וועלט־רוים,—ווי אזוי איז דער מענש אריינגעדרונגען אין די סודות פון דער שטערן־וועלט? ווי אזוי האט ער אויסגעמאסטען די גרויס פון די שטערן און דעם געוואלדיגען מהלך, וואס טיילט זיי אב פון אונזער פלאנעט? ווי אזוי האט ער באוויזען צו דערגעהן פון וואסערע שטאפען עס באשטעהט אונזער זון און אפילו פון אזעלכע ווייטע שטערן, פון וועלכע א ליכט־שטראהל דערגעהט צו אונז אין הונדערטער יאהרען?

ניט גרינג איז דאס אנגעקומען דעם מענשען. הונדערטער דורות האבען אין פארלויף פון טויזענדער יאהרען געמוזט אנזאמלען ערפאהרונג ביז וואנען די אס־טראנאמישע וויסענשאפט האט הער־גרייכט אזא שטופע, אז זי איז אימשטאנד פאראויסצוזאגען אויף א סעקונדע, ווען עס וועט זיין א ליקוי חמה אדער א ליקוי לבנה, ווען און וואו עס וועט דורכגעהן דער אדער יענער שטערן.

ווען דער מענש איז נאך געשטאנען ביי דער וויגעלע פון דער ציוויליזאציע האט ער שוין אנגעהויבען זיך צו אינטע־רעסירען מיט׳ן הימעל. ער האט שוין דע־מאלט געמוזט באמערקען, וואסער וויר־קונג די זון־שטראהלען האבען אויף איהם, אויף די חיות און פלאנצונגען, וועלכע געפינען זיך ארום איהם. אבער זיין ער־פאהרונג איז דעמאלט נאך געווען אזוי ארים, זיין פאַשטאנד אזוי קינדיש־נאאיוו און אזוי מעכטיג באהערשט פון דער פאנ־טאזיע, אז די גראנדיעזע ערשיינונגען פון הימעל פלעגען ביי איהם ארויסרופען מעהר מורא און אכטונג, ווי נייגעריגקייט.

אפילו דער ציוויליזירטער מענש האט נאך א לאנגע צייט געהאלטען די זון און די שטערן פאר געטליכע וועזנס, וועלכע מען דארף אונטערקויפען מיט תפלות און מתנות. פון אזעלכע נאאיווע אנשויאונ־גען איז לאנגזאם ארויסגעוואקסען די אסטראנאמישע וויסענשאפט.

אבער די אסטראנאמיע איז נאך לאנג, ביז׳ן 16־טען יאהר־הונדערט און אפילו שפעטער, געווען ענג פארבונדען מיט רעליגיאן, און בכלל מיט די לעבענס־באדינגונגען פון מענשען. די וויכטיגסטע רעליגיעזע יום־טובים ווערען נאך ביז

היינטיגען טאג באשטימט נאך הער לאנגע פון דער זון און הער לבנה.

א בעזונדער שטארקען איינדרוק פלעגען מאכען אויפ'ן מענשען די זון און די לבנה פארפינסטערונגען (ליקוי חמה און ליקוי לבנה). עס פלעגט זיך דעם מענשען אויסדאכטען, אז פינסטערע פיינדליכע קרעפטען פארפאלגען די ליכטיגע שטערן און ווילען זיי איינשלינגען. די גלחים, וואס האבען געהאט „דירעקטע פארבינדונגען" מיט די געטער האבען דורך טויזענד יאהריגע באאבאכטונגען זיך אויסגעלערנט פאראויסצוזאגען א ליקוי חמה אדער א ליקוי לבנה. דורך דעם האט זיך געוואלדיג אויפגעהויבען זייער פרעסטיזש ביים פאלק. דערפאר האבען די גלחים אלעמאל מיט גרויס פלייסיגקייט זיך באשעפטיגט מיט אסטראנאמישע פארשונגען.

מיט טויזענדער יאהרען פאר אונזער צייט רעכענונג האט אין כינא די קונסט פאראויסצוזאגען אזעלכע הימעלשע ערשיינונגען געהאט דערגרייכט אזא הויכער שטופע, אז די הויף־אסטראנאמען פלעגען שטרענג באשטראפט ווערען, בעת זיי פלעגען ניט פאראויסזאגען אזא געשעהעניש.

ביי די אמאליגע איינוואהנער פון מצרים זיינען די באריהמטע פיראמידען געווען געבויט, לויט די 4 ריכטונגען פון דער וועלט. פון דרויסען געהט אין דער פיראמידע א קאנאל, וועלכער איז אזוי געמאכט, אז די שטראהלען פון פאלארשטערן באלייכטען שטענדיג דעם קבר פון פרעה'ן אין דעם אינווייניגסטען קודש קדשים. דארט וואו דער טייך ניל גיסט זיך פאנאנדער און א באשטימטער צייט פון יאהר און טרינקט אן די פעלדער, פלעגט דער דארף איינוואהנער זיך באנוצען מיט'ן הימעל, ווי מיט א לוח.

איידער מען האט ערפונדען דעם קאמפאס זיינען פאר אלע פעלקער געווען די שטערן די איינציגע פיהרער אויף די ווייטע ימים.

פון די עגיפטער האבען די אסטראנאמישע ידיעות איבערגענומען די אלטע גריכען און רוימער. זיי האבען אבער אויף דעם דאזיגען געביעט ניט אויפגעטאן קיין באזונדערס וויכטיגע נייעס. די גריכען פלעגען זיך מעהר אבגעבען מיט פילאזאפיע און קונסט; די רוימער זיינען געווען אזוי שטארק פארנומען מיט מלחמות מיט „דער עראבערונג פון דער ערדישער וועלט, אז זיי האבען קיין צייט ניט געהאט צו עראבערן די הימעל־וועלט".

צו א זעהר הויכער שטופע האבען די אראבער געבראכט די אסטראנאמישע וויסענשאפט. ביי זיי האבען אין מיטעלאלטער געבליהט די מאטעמאטישע און נאטור וויסענשאפטען. די אראבער האבען אריבערגעטראגען די אסטראנאמיע קיין מערב־אייראפא. דא איז זי אבער אריינגעפאלען אין די הענד פון דער דעמאלט אלמעכטיגער קאטאלישער קירך, וועלכע האט זי גאנץ געשיקט אויסגענוצט, כדי צו הערשען איבער די מוחות פון די גלויביגע. א דאנק דעם איז אויף דער אסטראנאמיע אויסגעוואקסען, ווי א הויקער, די פאלשע וויסענשאפט, די אסטראלאגיע, ס'הייסט די אזוי גערופענע וויסענשאפט, וואס האט זיך באשעפטיגט אין מיטעלאלטער מיט פאראויסזאגען געשעהענישען אין דעם מענשענס צוקונפט לויט דער לאגע פון די שטערן. זי האט א לאנגע צייט פאראליזירט דעם אסטראנאמישען פארטשריט און בכלל אונטערגעהאלטען פינסטערניש און אבערגלויבען.

אבער אפילו דער דאזיגער פאלשער וועג האט צולעצט אונז געבראכט צו פארטשריט. דער געניאלער דייטשער אסטראנאם יאהאן קעפלער (1571—1630), וועלכער האט ענדעקט די וויכטיגסטע געזעצען, נאך וועלכע עס באוועגען זיך די פלאנעטען, האט זעהר געלונגען פארגעשטעלט

די דאמאלסדיגע באציהונג צווישען דער אסטראלאגיע און דער אסטראנאמיע:

„אמת, די אסטראלאגיע איז א נארישע טאכטער; אבער גאט ווייס, צו וואס עס וואלט געקומען איהר מוטער, די טיף געלערנטע אסטראנאמיע, ווען זי וואלט ניט געהאט די נארישע טאכטער. די וועלט איז דאך נאך א סך נארישער ווי זי, די וועלט איז אזוי נאריש, אז צוליב דער טובה פון דער אלטער פארנונפטיגער מוטער האט די נארישע טאכטער געמוזט פלוידערן און ליגען זאגען. דאס געהאלט פון די אסטראנאמען איז אזוי קלאגעדיג אז די מוטער וואלט זיכער געשטארבען פון הונגער, ווען די טאכטער וואלט גאר־נישט פארדינט“.

א ראדיקאלע איבערקעהרעניש אין דער אסטראנאמישער וועלט־אנשויאונג איז פארגעקומען אין 16־טען יאהר־הונ־דערט, צוגעגרייט איז זי געווען דורך אן איבערקעהרעניש אין די מוחות, דורך דער אבשוואכונג פון דער אויבערמאכט, וועל־כע די קירך האט געהאט איבער הער ווי־סענשאפט און דורך דער ענדעקונג פון אמעריקא. דאס לעצטע האט באדייטענד פארברייטערט דעם געאגראפישען און גייסטיגען האריזאנט, געבענדיג א בולט'ן באוויז וועגען דער קיילעכדיגקייט פון דער ערד. די גוואלדיגע טהאט פון קאפער־ניק'ן (1473—1543) איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט גענוי מאטעמאטיש באוויזען, אז ניט די זון דרעהט זיך ארום דער ערד, ווי עס שטעלט זיך פאר אונ־זער אויג, נאר די ערד און אלע פלאנעטען דרעהען זיך ארום דער זון. היינט קומט עס אונז פאר נאטירליך און פארשטענדליך. דעמאלט איז דאס אבער געווען א שרעק־ליכע אפיקורסות, א דרייסטער אטענטאט אויף די אלטע טראדיציאנעלע מיינונגען פון דער קירך. די ערד האט מיט איינמאל אויפגעהערט זיין דער מיטעלפונקט פון דער וועלט, און גלייכצייטיג האט מען אויך אנגעהויבען צווייפלען אין דעם, אז די זון און די שטערן זיינען נאר געשאפען גע־ווארען צוליב דעם, כדי צו געבען ליכט און ווארימקייט דעם בחיר פון אלע באשע־פענישען, דעם געוועלטיגער פון אונזער פלאנעט ערד, — דעם מענשען.

ווי גרוים אבער עס זאלען ניט זיין די פארהינסטען פון קאפערניק'ען פאר דער אסטראנאמיע, האט ער דאך נאר ענטדעקט און ריכטיג באשריבען די באוועגונג פון די הימעל־קערפער. ער האט אבער נאך ניט ערקלעהרט, פאר וואס זיי באוועגען זיך אזוי און ניט אנדערש. דאס האט געטאן דער בארימטער ענגלישער מאטעמאטי־קער און אסטראנאם — אייזעק ניוטאן (1642—1727). צוויי זאכען זיינען איהם דערביי באהילפיג געווען: די אלגעמיינע איבערצייגונג פון זיין צייט, אז דיזעל־ביגע געזעצען און קרעפטען, וואס געוועל־טיגען אויף אונזער ערד—געוועלטיגען אויך אין די איבעריגע טיילען פון דער וועלט; צווייטענס, דער אלגעמיינער צו־שטאנד פון דער מעכאניק און באזונדערס די געניאלע אויספארשונגען פון דעם אי־טאליענישען פיזיקער גאלילעי (1642—1564) וועגען די געזעצען, לויט וועלכע קערפער אויף דער ערד פאלען אראב, ווען זיי ווערען ניט אונטערגעהאלטען.

מען דערצעהלט, אז באטראכטענדיג ווי אן עפעל פאלט אראב פון בוים אויף דער ערד, איז ניוטאן געפאלען אויפ'ן גע־דאנק, אז די ערד און דער עפעל, ווי בכלל אלע קערפער, ציהען זיך געגענזייטיג צו דאס ווייטערע פארטיפען זיך אין דעם געדאנק האט איהם געבראכט צו דעם רע־זולטאט, אז די געגענזייטיגע צוציהונגס־קראפט צווישען צוויי קערפער הענגט אב פון זייער מאסע און פון דער שטרעקע, וואס ליגט צווישען זיי. די דאזיגע געדאנ־קען האט ניוטאן מיט א גלענצענדען ער־פאלג אריבערגעטראגען אויף דער געגענ־זייטיגער באציהונג צווישען די הימעלשע

קערפער. פונקט ווי די ערד ציהט-צו דעם עפעל, ציהט די זון צו די ערד און די אנ־דערע פלאנעטען פון איהר סיסטעם.

דא שווימט אבער ארויס די פראגע: פאר וואס-זשע פאלט די ערד ניט אראב אויף דער זון, פונקט אזוי ווי דער עפעל פאלט אראב אויף דער ערד? דערויף ענט־פערט ניוטאן: די ערד וואלט טאקי אראב־געפאלען, ווען זי וואלט געשטאנען אויף איין ארט. אבער ווי אלע אנדערע קערפער, וועלכע שוועבען אין פרייען וועלט-רוים, שטרעבט די ערד צו באוועגען זיך אין א גראדער ליניע דורך דעם דאזיגען רוים מיט אן אונגעהויערע געשווינדקייט. זי שטרעבט אלזא אוועקצוגעהן פון דער זון. אבער אזוי ווי אין דערזעלביגער צייט ציהט זי צו די זון צו זיך, מוז זי פארבויגען איהר גראד־דען וועג און דרעהען זיך ארום דער זון אין א רונדליכער ליניע. דאס זעלביגע וואלט פארגעקומען ווען מיר וואלטען, צום ביישפיעל, געקאנט ארויסשיקען א הארמא־טען-קויל מיט א געשווינדקייט פון 8 קילאמעטער אין א סעקונדע. די קויל וואלט קיינמאל אויף דעם ערד ניט אראב־געפאלען. אויף אזא'ן אופ'ן וואלטען מיר געקאנט צוגעבען אונזער ערד א חוץ דער לבנה, אזוי פיעל נייע באגלייטער וויפיעל מיר וואלטען אליין געוואלט.

אזוי האט דאס איינפאכע מעכאנישע פאל-געזעץ, וואס גאלילעי האט ענדעקט פאר די קערפער פון דער ערד, געהאלפען ניוטאן'ען צו ערקלעהרען די וואונדער־ליכע מעכאניק פון דער הימעלשער וועלט.

נאכדעם האט מען נאך געמוזט מאכען א רייהע ווייטערע פארטשריטען אין דער מאטעמאטיק, פיזיק און מעכאניק, כדי עס זאל קאנען וויסענשאפטליך ערקלעהרט ווערען די ענטשטעהונג און די ענטוויק־לונג פון די הימעלשע קערפער. דער גרוי־סער דייטשער פילאזאף קאנט (1804—1724) און דער בעריהמטער פראנצויזישער אסטראנאם לאפלאס (1827—1749) הא־בען כמעט גלייכצייטיג באוויזען ווי אזוי פון פארמלאזע נעבעל-מאסען האט זיך אויפ'ן סמך פון איינפאכע מעכאנישע באוועגונגס געזעצען געקאנט ענטוויקלען אונזער גאנצע זון-סיסטעמע.

זעהר פיעל האט אויך די אסטראנא־מישע וויסענשאפט צו פארדאנקען די אויספארשונגען וועגען די אייגענשאפטען פון ליכט. די ליכט-שטראהלען זיינען, ווי מיר ווייסען, די איינציגע שלוחים, וואס ברענגען אונז ידיעות וועגען די ווייטסטע שטערן און נעבעל-מאסען פון וועלט-רוים. די גיגאנטישע מאדערנע טעלעסקאפען האבען געשאפען די מעגליכקייט אזוי אויפצוקלייבען די שטראהלען, וועלכע קו־מען צו אונז פון די שטערן, אז די דאזיגע שטערן ווערען צו אונז באדייטענד נעהנ־טער און מיר קאנען זיי פיעל בעסער אויס־פארשען.

די ווייטערדיגע ענטדעקונגען, אז פאר־שיידענע שטאפען ווארפען אב שטראהלען פון פארשיידענע פארבען, האט אין אנהויב 19-טען יאהר-הונדערט אפילו געמאכט מעגליך צו דערגעהן, פון וואסערע שטאפען עס באשטעהען די זון און נאך א סך וויי־טערע שטערן.

זעהר פיעל סודות זיינען נאך געבלי־בען פאר'ן פארשענדען שכל פון דעם מענ־שען אין די טיפקייטען פון דעם אונענדלי־כען וועלט-רוים. אבער די גרויסארטיגע עטאפען פון דעם שוין אריבערגעגאנגענעם וועג גיבען אונז צו מוטה, ניט קוקענדיג אויף אלע קרבנות, צו געהן ווייטער, צו פארשען און זוכען דעם אמת.

די באדייטונג פון ביליאנען.

ווען מען זאל אהן אונטערברעכונג אין יעדער סעקונדע אבצעהלען אכט, וועט מען דארפען געברויכען ארום 3,962 יאהר, כדי אבצוצעהלען א ביליאן. א ביליאן באדייט א מיליאן מיליאנען. (אין אמע־ריקא טויזענד מיליאנען).

דער מאָרגען זשורנאַל

די איינציגע אידישע מאָרגען צייטונג

ערשטע און פּינקטליכסטע נייעס

ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטען אין
אַלע טהיילען פון דער וועלט

בעסטע אַרטיקלען פון די פּראָמינענטסטע אידישע שרייבער

Jewish Morning Journal

The Only Jewish Morning Paper

NEW YORK

אונזער קליינע ענציקלאָפּעדיע

צוזאַמענגעשטעלט און ערקלעהרט

פון ל. לאַקסאָן

א.

אוירעליוס מאַרקוס. א רוימישער אימפּעראטאָר, געבאָרען אין יאָהר 121 לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג, געקעניגט פון דעם יאָהר 161 ביז דעם יאָהר 180, וואָס איז געווען דער יאָהר פון זיין טויט. זיין פעטער, אַנטאָנינוס דער מילדער, האָט איהם אַדאָפּטירט, כדי איהם איבערצוגעבען דעם רוימישען טראָהן. לויט'ן באַרוף איז אוירעליוס געווען אַ פילאָזאָף, אַ סטאָיקער. זיין הערשאַפט איז געווען לויטער טוגענד. ער האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט דאָס גרויסע וואָרט „קאָסמאָפּאָליט“. „דו, אַלס מענש“ — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע ווערק, — „ביזט א בירגער פון דער גאנצער וועלט, דו ביזט א קאָסמאָפּאָליט“. ער האָט פיינד געהאַט קריסטען און האָט זיי רודף געווען.

אלעקסאַנדער מוקדון. — דער גרעסטער עראָבערער פון אַלטערטהום, געבאָרען אין יאָהר 358 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, געשטאָרבען אין יאָהר 326. צו צוואַנציג יאָהר איז ער געוואָרען דער הערשער פון מאַקעדאָניען, האָט געקעניגט 12 יאָהר מיט 2 חדשים. ער האָט איינגענומען קליין אַזיען, מצרים, וואו ער האָט געגרינדעט די שטאָדט אַלעקסאַנדריען, פּאַלעסטינא, פּערסיען און אַ טייל אינדיען — די גאַנצע וועלט, וואָס איז געווען באַוואוסט אין יענער צייט. ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם גרויסען גריכישען פילאָזאָף אַריסטאָטעל. דריי יאָהר האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט העברע וויסענשאַפטען און האָט איינגעפלאַנצט אין זיין נשמה אַזוי פיעל אַכטונג און ליעבע פאַר וויסען און בילדונג, אַז אפילו אין זיין פעלד־געצעלט פלעגט ער זיין אַרומגערינגעלט מיט געלעהרטע און פלעגט לייענען די ווערק פון די גרויסע גריכישע דיכטער. ער איז געווען אַ אידען פריינד.

אַפּאָסטאָל. — א שליח, א לעהרער פון א גייסטיגער באקענונג, ווי פון א רעליגיע: ספּעציעל די ערשטע 12 לעהרער פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון קריסטי'ן צו פארשפּרייטען דעם קריסטענטום

אָלימפּוס. — דער באַרג אלימפּוס, וואו עס האָבען, לויט דעם גלויבען פון די אמאָליגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12 הויפּט־ געטער.

אַטראָפירען. — אָפּדאַרען, אָפּצעהרען, מאַכען געלעהמט.

אַטעאיזם. — דאָס לייקענען אין גאָט.

אנאַלאָגיע. — עהנליכקייט, גלייכפאָרמיגקייט.

אַדאָניס. — 1) דער מיטאָלאָגישער ליבהאַבער פון דער געטין ווענוס. (2) א יונגער שעהנער מאַן.

אַנקעטע. — אן אָנפראַגע.

אַנימיזם. — דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער; דער גלויבען אין א גייסטיגער וועלט; דער גלויבען אין דער זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון א נשמה; דער גלויבען אין ספּיריטיזם.

אַבסטראקט. — אן אבסטראקט, וואָס לאָזט זיך משיג זיין נאָר מיט'ן שכל; א באַגריף זאך, צום ביישפּיל: א קאָליר אָהן א זאך אָדער א קערפּער אָהן אַ מאַסע קאָן מען דענקען נאָר אויף אן אַבסטראקטען אופן, ס'הייסט אָפּזונדערען אין געדאנקען דאָס, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט צונויפגעגאָסען מיט עפּעס וואָס אנדערש און קאָן באזונדער ניט עקזיסטירען; אבקירצונג פון א ווערק, דער הויפּט אינהאלט פון א ווערק.

אַנטראָפּאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען דעם מענשען בכלל, ווי בנוגע צום קערפּער, אזוי אויך בנוגע צו דער נשמה; די אַנטראָפּאָלאָגיע באשעפטיגט זיך אויך מיט דער אויספאָרשונג פון מענשליכע ראַסען אין פארבינדונג מיט זייער קולטורעלער

ענטוויקלונג און וועגען דעם, וואָסער אָרט דער מענש פאַרנעמט אין דער נאַטור.

אָביעקט. — אַ געגענשטאַנד, אַ זאַך; אַ ציל. אַ צוועק.

אימאָראַליזם. — די אפּליקענונג פון מאָראַל. אימאָראַליזם ווערט אָנגערופען ניטשע'ס לעהרע.

אינדיווידואום, אינדיוויד. — אַ באַזונדערס אומטיילבארס וועזען; א באזונדערע פּערזענליכקייט; א יחיד.

אָליגארכיע. — אַ מלוכה אָרדנונג, ביי וועלכער די העכערע מאכט געפינט זיך אין די הענד פון עטליכע אריסטאָקראַטען.

אָגורן. — די פּריסטער אין אַלטען רוים וואָס פלעגען פאראויסזאָגען די צוקונפט לויט דעם ווי די פויגלען פליהען און זינגען און נאָך די אינגעווייד פון די שאָף, וואָס מען פלעגט מקריב זיין.

אָרעאָל. — גלאַנץ, שטראַהלונג, וואָס ווערט געצייכענט ארום די פּנים'ער פון די הייליגע.

אינטעלעקט. — דער פארשטאנד, די אורטיילסקראַפט, דער גייסט.

אידענטיפיצירען. — ערקלערען פאר איינס און דאָס זעלביגע.

אינטענסיוויטעט. — שטאַרקייט אָנגעשטערנגטקייט, אימפעט.

אימפּעראטיוו. — באַפעהלענד, בינדענד, וואָס איז א מוז. אין גראַמאַטיק — דער אימפּעראטיוו אָדער די באפעהלס־פאָרמע, די פאָרמע פון ווערטער, וואָס דריקען אויס אַ באַפעהל, ווי למשל: געה, שטעה, שרייב, א. ד. גל. אין פילאָזאָפיע — אן אינערליכער באפעהל, א געוויסענס־באפעהל.

אוטאָפּיע. — אַ פאַנטאַזיע, אַ פאַנטאַסטישער אידעאַל, וואָס קאָן ניט פארווירקליכט ווערען.

איראַציאָנאַל. — ניט פארנינפטיג, קעגען דעם שכל, אונלאָגיש, אבסורד, זינלאָז.

אָביעקטיוויזם. — די שילדערונג פון א זאַך ווי זי איז, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אייגענע סימפּאַטיען און אנטיפּאַטיען; אין דער פילאָזאָפיע — די ריכטונג, וועלכע האַלט, אַז דאָס אמת'ע וויסען קאָן זיך באַקומען נאָר אויפ'ן גרונד פון די וואַהרנעמונגען פון אונזערע חושים און ניט אויפ'ן גרונד פון ספּעקולאַטיווען דענקען.

אפּריאָרי. — אַ מיינונג, וואָס איז ניט באַגרינדעט מיט פאַקטען, נאָר דער שכל איז מחייב, אַז עס איז אזוי.

אפּריאָרער מעטאָד. — די אויספאָרשונג פון דעם אמת אונאפּהענגיג פון דער ערפאַהרונג.

אַנטראָפּאָצענטריזם. — די אנשויאונג, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר צוליב די אינטערעסען פון דעם מענשען, אַז דער מענש איז דער צענטראַלער פּונקט פון דעם באַשאַף, פון דער גאַנצער בריאה.

אַריער. — איינער, וואָס געהערט צו דעם אינדאָ־גערמאַנישען שפּראַכשטאַם.

אַסקעטיזם. — די לעהרע און דאָס לעבען פון אסקעטען, פון נזירים, וועלכע פּרעדיגען, אַז מען דאַרף זיך אָפּשיידען פון אַלע וועלטליכע תאוות און פאַרגעניגענס.

אַטריבוט. — כאַראַקטעריסטישער צייכען, גרונד־אייגענשאַפט; קען־צייכען.

אַלטרואיזם. — מענשענליבע אָהן אייגעננוצען, אַלס געגענזאַץ צו עגאָאיזם.

אידעאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען.

אידעאָלאָג. — איינער וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אידעען אָדער אידעאלען, וועלכע האָבען ניט קיין ווירקליכען ווערט; איינער וועלכער בויט אן אידעאַלען פּלאַן פון צוקונפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאַקטען פון לעבען, אויף וויפיל זיי גיבען א מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען אזא פּלאַן; אן אנהענגער פון דער אידעאָלאָגישער לעהרע.

ב.

ביאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען לעבען און לעבעדיגע וועזענס.

בערטעלאָ. — אַ באַריהמטער פראנצויזישער כעמיקער. געב. אין 1827.

בייקאָן. — פרענסיס בייקאָן, אַ באַריהמטער ענגלישער פילאָזאָף, געב. אין 1561.

ביזאנץ. — די ביזאנטישע אימפּעריע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 395, בעת טהעאָדאָסיוס דער גרויסער האָט צוטיילט די רוימישע אימפּעריע צווישען זיינע זין. מיט דער עראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך דעם סולטאַן מאַחמעד דער 2טער אין 1453 איז געמאַכט געוואָרען א סוף פון דער ביזאנטישער אימפּעריע.

באַרדזשיאַ, צעזאַר. — צעזאַר באַרדזשיאַ הערצאָג וואַלענטינוא קאַרדינאַל פון וואַלענסי, דער זוהן פון דעם פּאַפּסט אַלעקסאַנדער דעם 6טען (ראָדע־ריגאַ באַרדזשיאַ), געבאָרען אין רוים אין יאָהר 1474, האָט באַקומען אַ גלענצענדע קלאַסישע בילדונג. שטרעבענדיג צו דער אומבאַגרעניצטער מאַכט איבער ראָמאַניען, האָט ער אָפּגעטאָן אַזעלכע רציחות, וואָס האָבען אפשר קיין גלייכען ניט אין דער וועלט געשיכטע. ער האָט אָנגעשטעלט מערדער, וואָס האָבען צוגע־הרג'עט זיין לייבליכען ברודער, ער האָט פאַר'סם'ט זיין קאָזין קאַרדינאַל יאָהאַן, האָט דערשטיקט זיין שוואָגער און דער־שטאָכען זיין פאָטער'ס בעסטען פריינד, פאַר'ן פאָטער אין די אויגען. ער איז געפאַלען אין שלאַכט ביי דער באַלאַגע־רענג פון וויאַנאַ.

ג.

גליקזעליגקייט. — דאָס העכסטע גליק. איינע פון די אַכט גליקזעליגקייט ברכות, וואָס קריסטוס האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין דרשה אויף'ן באַרג.

גנאָסטיק. — אַ מיטגליד פון אַ קריסטליכער סעקטע פון די ערשטע יאָהרהונדערטע נאָך קריסטוס'עס געבורט, וועלכע האָט געלערענט, אַז ניט דאָס גלויבען פיהרט צום אמת'ן גליק, נאָר דאָס וויסען און קענטניס. די גנאָסטיקער האָבען גע־שטרעבט צו פאַראייניגען די לעהרען פון דער קריסטליכער קירך מיט דער גריכיש־רוימישער פילאָזאָפיע.

גנאָסטיציזם. — די רעליגיע און פילאָזאָפיע פון די גנאָסטיקער.

גראַקכי (די ברידער).

טיווערוס סעמפּראָניוס גראַקכי. — געבאָ־רען אין יאָהר 163 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ערמאָרדעט געוואָרען אין יאָהר 133; זיין ברודער — גאיוס סעמפּראַניוס — געבאָרען אין יאָהר 153, האָט זיך גענומען דאָס לעבען אין יאָהר 121. אַלס אויסערוועהלטע פאָרשטעהער פון רוימישען פאָלק האָבען זיי אָנגע־ווענדעט גאָר זייערע קרעפטען דורכצו־פיהרען פאַרשיידענע געזעצען מיט'ן ציעל אָפּשאַפען אָרימקייט, דערמיט האָבען זיי אַרויסגערופען דעם צאָרן פון דער רוי־מישער אַריסטאָקראַטיע, דערהויפּט פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער. זיי האָבען אויך געקעמפט קעגען סענאַט, וואָס איז אַלע מאָל געווען אויף דער זייט פון די רייכע. אין סאַמע קריטישען מאָמענט האָט דער המון, פאַר וועלכען זיי האָבען זייערע לע־בענס איינגעשטעלט, זיי פאַרלאָזען, און זיי זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיט דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע.

ד.

דאָגמאַ, דאָגמאַט. — אַ גרונד־פּרינציפּ פון רעליגיע; אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ; אַן אָנגענומענער לעהר־זאַץ פון אַן אויטאָ־ריטעט אָהן אליין עס צו קאָנען באווייזען אָדער באַגרינדען (ווי ביי אידען הלכה למשה מסיני).

דידראָ. — אַ באַריהמטער פראַנצויזישער גע־לעהרטער (ענציקלאָפּעדיסט) 1713—1784.

דיפערענצירען. — מאַכען אַן אונטערשייד; ווערען פאַרשידען; געפינען דעם אונטער־שייד.

דעטערמיניזם. — די לעהרע, לויט וועלכער דער מענשליכער ווילען און אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען איז באַשטימט פון אור־זאַכען, אינערליכע און אויסערליכע. פאָלגליך, אַז דער דעטערמיניזם לייקענט אָפּ די פרייהייט פון ווילען.

דואַליזם. — צווייהייט; די פילאָזאָפישע סיסטעמע, וואָס אָנערקענט אין דער וועלט צוויי התחלות; למשל, גייסט און מאַ־טעריע, גוטס און שלעכטס. פּאָליטישער דואַליזם, — אַ רעגירונגס סיסטעמע, וואו צוויי לענדער זיינען פאַראייניגט דורך איין הויפּט, אָבער ווערען רעגירט פון זעלבסטשטענדיגע פּאַרלאַמענטען און רע־גירונגען, ווי ניט לאַנג צוריק עסטרייך־אונגאַרן.

דעאיזם. — אַ רעליגיאָנס לעהרע, וואָס אָנער־קענט גאָט פאַר דעם ערשטען יסוד פון זאַכען, וואָס לייקענט אָבער אָפּ אין דער אייגענער צייט זיין אַריינמישונג אין דעם גאַנג פון דעם וועלט־פּראָצעס.

דעקאַבריסטען. — די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערען, וועלכע האָבען גענומען אַנטייל אין דעם ערשטען אָפענעם אַרויסטרעט געגען דער רוסישער זעלבסטהערשונג, דעם 14טען דעצעמבער 1825 יאָהר, דעם

טאָג, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרען קייזער. די „דעקאַבריסטען“ זיינען געוועזען יונגע אָפיציערען פון די פאָרנעהמסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען פון רוסלאַנד, און זיי האָבען געפאָדערט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגיערונג און די אָבשאַפונג פון פאַנשטשיזנע (לייב־אייגענטום). 5 פון זיי האָט מען געהאנגען און אַלע אַנדערע זיינען פערשיקט געוואָרען אין סיביר אויף קאַטאָרזשנע אַרביט.

ה.

הומאַניזם. — אַ גייסטיגע בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין איירָאפּאַ צום ענדע פון מיטעל־אַלטער און האָט זיך בעזונדערס אַרויסגעוויזען אין 15־טען און 16־טען יאָהרהונדערט. די פאָרשטעהער פון דיעזער בעוועגונג — די „הומאַניסטען“, ווי עראַזמוס פון ראָטערדאַם, אולריך פון הוטען און ז. וו. — זיינען אַרויסגעטראָטען מיט דער שאַרפסטער קריטיק געגען די פערגליווערטע דאָגמען פון דער מיטעלאַלטליכער רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט און האָבען דורכגעבראָכען אַ וועג פאַר דעם נייעם פראָגרעסיווען אַרט דענקען.

היפּאָטעזע. — השערה; אַ טעאָריע, וואָס איז נאָך ניט דערוויזען געוואָרען שטרענג וויסענשאַפטליך.

העקאַטאָמבען. — העקאַטאָמב, אַן אָפּפער פון הונדערט אָקסען ביי די אלטע גריכען. אַ גרויסע שחיטה פון מענשען אָדער בהמות.

העלעניזם. — גריכענטום, דער גייסט און דער כאַראַקטער פון דער אַמאָליגער גריכישער ראַסע.

העדאָניזם. — די עטהישע לעהרע, וואָס זעהט דאָס העכסטע גליק פון לעבען אין זינליכע תענוגים, אין לעבען א גוטען טאָג. די אנהענגער פון אָט דער לעהרע האָבען זיך גערופען העדאָניקער.

ו.

וואָלונטאַריזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע וועגען דעם, אז אין יסוד פון דעם גאַנצען וועלט־פּראָצעס ליגט דער ווילען, וואָס ווערט פאַרשטאַנען אזוי ברייט, אַז ער כאַפּט אַרום יעדע ארט שטרעבונג, אפילו אין דער ניט אָרגאַנישער נאַטור.

וואָלטער. — א באריהמטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אייראָפּא; האָט געשריבען פּאָעמען, דראמען, סאַטירעס און אַנדערע זאַכען.

ז.

זעוועס, זעווס. — די הויפט גאָטהייט פון די אַלטע גריכען, דער פאָטער פון הימעל און ערד, דער גאָט פון געטער.

זאָאָלאָגיע. — די וויסענשאַפט וועגען חיות.

ט.

טארקוועמאדא, טאָמאַס. — אַ מאָנאַך, געבאָרען אין יאָהר 1420, געשטאָרבען אין יאָהר 1498. אין יאָהר 1483 האָט דער פּאַבסט סיקטוס דער 4־טער איהם געמאַכט פאַר׳ן גרויס אינקוויזיטאָר פון גאַנץ שפּאַניען, וואו ער האָט דערפיהרט די אינקוויזיציע צום העכסטען גראַד אכזריות און רציחה. ער האָט גע׳פּועל׳ט ביים שפּאַנישען קעניג פערדינאַנד, מ׳זאָל אַלע אידען אַרויסטרייבען פון שפּאַניען און דער גירוש איז פאָרגעקומען אין יאָהר1492. אין משך פון זיין בלוטיגער קאַריערע אַלס גרויס אינקוויזיטאָר האָט ער באַשטעטיגט 10,220 טויט אורטיילען. ער האָט אויך פאַרפאָלגט די מאָהרען און די ניט פרומע קריסטען.

טערמינאָלאָגיע. — די סיסטעמע פון טערמינען און אויסדריקען, וואָס ווערען באַנוצט אין א באַשטימטען פאַך פון דער וויסענשאַפט, טעכניק אָדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אָדער ווערטער.

טערמין. — 1) אַ באַגריף בכלל, 2) אַ ספּעציעלער באגריף, וואָס איז געאייגענט א וועלכער עס איז באזונדערער וויסענשאַפט.

טעאָלאָגיע. — רעליגיאָנס־וויסענשאַפט.

טהעזיס, טהעזע. — אַ זאַץ, אַ באַהויפּטונג; א באהויפּטונג אָדער א זאַץ, וואָס דאַרף באַוויזען ווערען; א דיסערטאציע, אַ וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג איבער וועלכער עס איז טהעמע, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון א קאַנדידאַט אויף אַ געלעהרטען טיטעל, ווי מאַגיסטער, דאָקטאָר און ד. גל.

טאַטואירונג. — די קונסט פון אויסשטעכען
פאַרביגע פיגורען אויפ'ן לייב.

טשאַרטיזם. — די גרויסע פּאָליטישע בעוועג־
גונג פון ענגלישען אַרבייטער קלאַס אין
די יאָהרען 1836-48. אין דער ערשטער
העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט
דער אַרבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד נאָך
ניט געהאַט במעט קיינע פּאָליטישע רעכ־
טען און איז געווען עקספּלואַטירט אויף
דעם שווידערליכסטען אופן. שטרעבענ־
דיג צו פערבעסערען זיין אונערטרעגליכע
לאַגע, האָט ער געפאָדערט גרינדליכע פּאָ־
ליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען. אין
די יאָהרען 1838, 1842 און 1848 זיינען
דערלאַנגט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט פּע־
טיציעס מיט דיעזע פאָדערונגען. דער
פּאַרלאַמענט האָט יעדעס מאָל ענטזאַגט,
און דאָס האָט געפיהרט צו אונגעהויערע
אונרוהען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

טענדענץ. — נייגונג, ריכטונג.

טעאָקראַטיע. — פּריסטער־הערשאַפט, וואו
דער פּריסטער קלאַס ווערט דער רעגירענ־
דער עלעמענט פון פאָלק.

טראַנסצענדענטאַל. — אין פילאָזאָפיע —
טראַנסצענדענטאַל, וואָס קומט ניט פון ער־
פאַהרונג, אָבער ליגט אין דער ערפאַהרונג
און איז נויטיג פאַר איהר (ווי די אידעע
פון אָרט און צייט); זעהר אבסטראַקט,
וואָס קאָן ניט באַגריפען ווערען דורך דעם
געוועהנליכען דענקען.

טראַנסצענדענט. — וואָס שטייגט אריבער די
גרעניץ פון ערפאַהרונג, וואָס איז למעלה
מן השכל.

י.

יאָהאַן דער שרעקליכער. — צאַר יאָהאַן וואַ־
סיליעוויטש, דער 4־טער (יאָהאַן דער
שרעקליכער), אַ רוסישער קייזער, געבאָ־
רען אין יאָהר 1530, געשטאָרבען אין
יאָהר 1584. אַזוי ווי דער רוימישער
אימפּעראַטאָר נערא, האָט ער זיך אויס־
געצייכענט מיט אונמענשליכער גרויזאַמ־
קייט, דערפאַר האָט מען איהם גערופען
יאָהאַן גראָזני—יאָהאַן דער שרעקליכער.
ער האָט מערדערליך פאַרפאָלגט די באָיאַ־
רעם (די רוסישע אַדעלליוט), ער פלעגט
אַליין פּייניגען זיינע קרבנות, ניט שאַ־
נעווענדיג קיין פרויען און קינדער. אין
אַן אָנפאַל פון כעס האָט ער צוגע'הרג'עט
זיין זוהן. צום פאָלק איז ער געווען
וואויל געניגט, אין זיין הערשאַפט זויי־
נען דורכגעפיהרט געוואָרען עטליכע גוטע
רעפאָרמען.

ל.

לאַפּלאַס. — אַ באַריהמטער מאַטעמאַטיקער
און אסטראָנאָם, 1749—1827.

לאָגאָס. — 1) דאָס וואָרט; 2) די פאַרנונפט,
דער שכל, דער געטליכער געדאַנק, וואָס
האָט זיך אויסגעטיילט אויף צו באַשאַפען
די וועלט און צו פיהרען; 3) די
גאָטהייט.

לעוועלערען. — אַ פּאָליטישע פּארטיי אין דער
עפּאָכע פון דער ערשטער ענגלישער רע־
וואָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט אז די
גאַנצע מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערען
אויסשליסליך צום פאָלק, אז דער שטאַט
זאָל געפיהרט ווערען דורך פאָרשטעהער,
וואָס זאָלען יעהרליך ערוועהלט ווערען,
האַנדעלס פרייהייט און אַנדערע רעפאָר־
מען.

מ.

מאָניזם. — א ריכטונג פון פילאָזאָפישען גע־
דאַנק, וועלכע אין געגענזאַץ צו דואַליזם,
שטרעבט צו ערקלערען אלע ערשיינונגען
פון דער וועלט, ארויסגעהענדיג פון איין
פּרינציפּ. (זעה דואַליזם).

מעטאָדע, מעטאָד. — אַ סיסטעמאַטישער,
פּלאַנמעסיגער וועג אויף צו דערגרייכען
אַ וועלכען עס איז טעאָרעטישען אָדער
פּראַקטישען ציל.

מיטאָלאָגיע. — די זאַמלונג אָדער די סיס־
טעמע פון זאַגען, פאַבלען און לעגענדען
פון א פאָלק וועגען זיין אפּשטאַמונג,
זיינע העלדען, געטער א. ד. גל.; די
וויסענשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט
אויספאָרשען די זאַגען און לעגענדען פון
די אַלטע פעלקער.

מיטהוס. — א מיף, א מיטה, א זאַגע, אַ לע־
גענדע, אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

מעטעאָראָלאָגיע. — די וויסענשאַפט וועגען
די ערשיינונגען אין דער אַטמאָספערע,
באַזונדערס וועגען וועטער.

מעטאַפיזיקע. — די וויסענשאַפט איבער זאַ־
כען און פּרינציפּען אין דער פיזישער
און גייסטיגער וועלט, וועלכע קאָנען באַ־
גריפען ווערען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט
דורך די חושים און ערפאַהרונג; די
לעהרע וועגען זאַכען, וואָס זיינען למעלה
מן הטבע.

מיסטיציזם. — די שטרעבונג צו באַגרייפען די העכסטע געהיימניסען פון מענשליכען וויסען (ווי דעם עצם פון געטליכקייט, די אורזאַכען פון זיין א. ד. ג.) ניט דורך דער געוועהנליכער אַרט דענקען, נאָר דורך אַ באַזונדערען אינערליכען צושטאַנד פון גייסט, ווי דורך עקסטאַז, השפעה, באַגייסטערונג א. אַז. וו.; דאָס מיסטישע, דאָס געהיימניספולע.

מאָנאָגראַפיע. — אן אָפּהאַנדלונג איבער אַ געוויסען איינצעלנעם ענין.

מאָנבלאַן. — דער העכסטער שפּיץ פון די אַלפּען (4½ וויאָרסט די הויך).

מאגיזם. — צויבער־קראַפט, כשוף־מאַכעריי.

מאַדזיני. — אַ איטאַליענישער פּאַטריאָט, רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון איטאַליען אין יאָהר 1831 און האָט געגרינדעט אין מאַרסעל אַ געהיימע געזעלשאַפט „יונג איטאַליען“, וואָס האָט געשטרעבט צו גרינדען א דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין זיין פאָטערלאַנד.

מאַניפּולאַציעס. — באַהאַנדלונגען מיט די הענד; באארבייטונגען מיט די הענד; צוגרייטונגען; צופּאַרטיגונגען; דאָס שווינדלען אָדער אָנווענדען המצאות.

מאָר, טהאָמאַס. — א באוואוסטער ענגלישער שריפטשטעלער און שטאַטסמאַן אין 16טען יאָהרהונדערט, דער פאַרפאַסער פון דעם ווערק „אוטאָפּיע“, וואו ער שילדערט אין א בעלעטריסטישער פאָרמע אַ אידעאַלע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

מעסיאַניזם. — די משיח־אידעע, די אידעע וועגען רעטען דעם מענשליכען מין.

מעטאַפאָרע. — אַ בילדליכע רעדענס־אַרט, אַ מליצה, אַזאַ רעדענס־אַרט, וואו מען גיט צו דער זאַך אן אייגענשאַפט, וועלכע זי האָט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קאָן איהר געבען נאָר אויפ'ן גרונט פון איהר עהנליכקייט צו אַן אנדער זאך. למשל: קריסטאָלענע וואַסער; בריליאַנטענע פעהיגקייטען, די זון שיסט מיט גליהענדע פיילען א. אַז. וו.

מאַנו. — 1) דער אורפאָטער פון מענשליכען מין לויט די אינדישע לעגענדען, 2) דער לעגענדאַרישער פאַרפאַסער פון דעם אינדישען געזעץ בוך „מאַנו“.

מאָנאָטעאיזם. — דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט.

מאָנאָטעאיסט. — איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט.

מאָראַליזם. — דער גלויבען אין אַ וועלטליכער אונרעליגיעזער מאָראַל; מאָראַליזירונג, דאָס נעמען זיך אַ מוסר, דאָס ארויסברענגען אַ מוסר השכל.

מינערוואַ. — אין אלטערטום די רוימישע געטין פון חכמה, די באַשיצערין פון וויסענשאַפטען, קונסטען און מלאכות.

מיסטיפיקאַציע. — אן אָפּנאַרעריי, אַ פאַרבלענדעניס.

מאַטריאַרכאַט. — פרויען־הערשאַפט. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ביי די פרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכע די פרוי איז געוועזען דער הויפּט פון דער פאמיליע און די קרובה'שאַפט אין ירושה־רעכט האָט זיך גערעכענט פון מוטער'ס צד.

נ.

נירוואַנאַ. — אין בודיזם — נירוואַנאַ, א צושטאַנד פון פאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען. (לויט די לעהרען פון בודאַ באשטעהט דאָס לעבען פון פיין און יסורים און דער מענש דאַרף שטרעבען צו טויטען אין זיך אַלע געפיהלען און ליידענשאַפטען — שטרעבען צו נירוואַנאַ).

נאָוואַטאָר. — אַ מענש וואָס פיהרט דורך אין לעבען נייע וועזענטליכע רעפאָרמען אָדער אידעען.

נעראָ, לוציוס דאָמיציוס. — אַ רוימישער אימפּעראַטאָר, געבאָרען אין יאָהר 37 לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג, געהערשט פון דעם יאָהר 54 ביז דעם יאָהר 68. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונמענשליכער גרויזאַמקייט. מיט זיין אייגענער האַנד האָט ער עפענטליך דערשטאָכען זיין ברודער, בריטאַניק, און האָט אָנגעשטעלט מערדער, וואָס האָבען צוגעהרג'עט זיין מוטער אגריפּינא. אין אָנהויב פון זיין הערשאַפט איז ער געוועזען מעהר אָדער ווייניגער מענשליך, ער איז דעמאָלט געוועזען אונטער'ן איינפלוס פון דעם רוימישען פילאָזאָף, סענעקא, וואָס איז געוועזען זיין מדריך און ראַטגעבער. מיט אַמאָל ווארפט ער אויף איהם אַן אומ'חן און הייסט איהם שטאַרבען, סענעקא האָט זיך גענומען דאָס לעבען. נערא

האָט זיך גענומען דאָס לעבען נאָכדעם ווי אין דער אימפּעריע איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד.

ס.

סאַנקציע. — אַ פויערליכע באַשטעטיגונג, אַ באַקרעפטיגונג; אַ הסכמה; אַ באַפעהל, אַ געזעץ; באַשטעטיגען, באַקרעפטיגען, מסכים זיין, סאַנקציאָנירען, גוטהייסען.

סוביעקט. — 1) אַן אונטערטאַן, אַ פּערזאָן, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער איינעמס הערשאַפט אָדער אויטאָריטעט. 2) אַ פּערזאָן אָדער אַ זאַך, וואָס איז די אורזאַך פון עפּעס (ווי פון קריג מחלקות); דאָס, איבער וואָס עס ווערט גערעדט אָדער פאַרהאַנדעלט. 3) דער געגענשטאַנד, דער שטאָף, די טעמע. 4) אין גראַמאַטיק אָדער לאָגיק — דער סוביעקט, די הויפּט זאַך, וועגען וועלכער עס רעדט זיך אין אַ זאַץ. 5) אין פילאָזאָפיע — דער סוביעקט, דער „איך“, די דענקענדע פּערזאָן (אין געגענזאַץ צו אַלע זאַכען פון דער אויסערליכער וועלט, וועלכע דער סוביעקט אָדער „איך“ פאַרנעמט אָדער באַגרייפט אַלס אָביעקטען).

סוביעקטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדע וואָהרהייט איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, זי איז ריכטיג בלויז אין באַצוג צו אונזער אייגענער ערפאַהרונג אָדער פאַרשטאַנד.

סוראָגאַט. — אַן ערזאַץ-מיטעל (דאָס, וואָס ווערט באַנוצט צו פאַרבייטען עפּעס וואָס, למשל, ציקאָריע אַנשטאַט קאַפע א. ד. ג.), אַ במקום, אַ שטעלפאַרטרעטער, א ריכטער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוואות און ירושות.

סען-סימאָן. — א באַריהמטער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער דענקער (1760—1825).

סובסטאַנץ. — עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך ניט צו זיין עקזיסטענץ; דער עצם, דאָס אומבאַוואוסטע „עפּעס“, וואָס איז דער אומפאַרענדערליכער יסוד פון יעדער פאַרענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית.

סינאָפּטיש. — קורץ געפאַסט, אויף א קורץ געפאַסטען אופן, בקיצור.

סטיכיש. — עלעמענטיש, וואָס איז שייך צום עלעמענט אָדער צום גרונד-פּרינציפּ פון עפּעס; וואָס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט. אין דער פילאָזאָפיע פון אַלטערטום: סטיכיע, אָדער עלעמענט — איינער פון די פיר יסודות (ערד, וואַסער, לופט און פייער), פון וועלכע עס באַשטעהט די גאַנצע וועלט. סטיכיע — אַ נאַטור קראַפט; סטיכיש — מיט דער מאַכט פון אַ נאַטור-קראַפט.

ספּיריטואַליזם, ספּיריטיזם. — דאָס גלויבען אין דעם פאַרקעהר פון גייסטער מיט מענשען.

סכאָלאַסטיק. — די מיטעלאַלטערליכע עקלעקטישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געווען א מין פאַראייניגונג פון אריסטאָטעלס פילאָזאָפיע מיט די רעליגיאָנס-לעהרען פון די קירך-פאַטערס; א טרוקענער, אינהאַלטסלאָזער און נוצלאָזער פּלפּול.

סאָציאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען די געזעצען, לויט וועלכע עס קומט פאָר דאָס לעבען און די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין איהר גאַנצער ווידער-פאַראייניגונג, אין איהר באַנייטער האַרמאָניע.

ע.

ערקענטניס. — די אַנערקענונג, די פאַרשטעלונג פון א זאַך, וועלכע מען ערקענט, די פאַרשטעלונג פון א געגענוואַרטיגער זאַך; דער אינבאַגריף פון אַלע קלאָרע און דייטליכע פאַרשטעלונגען.

עסטעטיק. — די וויסענשאַפט וועגען געשמאַק און שעהנקייט.

עטיק. — זיטען-לעהרע, מאָראַל; עטהיש — זיטליך, מאָראַליש.

עפּיגראַף. — אַן איינגעקריצטע אויפשריפט אין מעטאַל אָדער שטיין; אַן אויפשריפט אויף אַ מאָנומענט, סטאַטוע, מצבה און ד. גל.; אַן אויפשריפט ביים אָנפאַנג פון א בוך אָדער פון אַן אָפּהאַנדלונג; אַ ציטאַטע, וואָס ווערט געברויכט אַלס מאָטאָ פאַר אַ ווערק.

עפּיגראַפיש. — וואָס איז שייך צו אַן עפּיגראַף, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַן עפּיגראַף.

עקסטאַז. — אַ צושטאַנד פון העכסטער באַגייסטערונג אָדער ענטציקונג.

עמאָציעס. — אויפרעגונגען פון געמיט, אויפרעגונגען פון געפיהלען, ריהרונגען.

עמאַצעאַנעל. — וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען, וואָס ווירקט אויף די געפיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואָס דריקט אוים געמיט׳ס אויפרעגונג.

עקלעקטיק. — איינער וואָס נעמט ניט אן קיין פעסטבאַשטימטע סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט, נאָר ער נעמט ארוים פארשידענע טיילען פון פארשידענע סיסטעמען, אנערקענענדיג זיי פאר ריכטיג; אן אנהענגער פון דער אַלטער עלעקטישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט אַ געמיש פון פּלאַטאָנישע, סטאָאישע און עפּיקורעאישע לעהרען. אין מעדיצין: אַ דאָקטאָר, וואָס באַנוצט באַזונדערע טיילען פון פארשידענע הייל־סיסטעמען.

עקספּאַנסיוויטעט. — די אויסציהונג, די אויסשפּרייטונג; עקספּאַנסיווע קראַפט, די קראַפט פון פאנאנדערשפּרייטען אָדער אויסציהען זיך; עקספּאַנסיווע פעהיגקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצושפּרייטען אָדער זיך אויסצוציהען; אן עקספּאַנסיווער מענש, אַ מענש, וואָס קאָן זיך ניט באהערשען, וואָס ווייזט געשווינד ארוים זיינע געפיהלען.

עקזאַלטאַציע. — הויכע באגייסטערונג, א צושטאַנד פון הויכער באגייסטערונג.

עראָטיק. — וואָס איז שייך צו ליבע.

עמפּיריקער. — איינער וואָס האַלט זיך פאר׳ן פּרינציפּ פון עמפּיריזם, ס׳הייסט, אז די ערפאהרונג שטעהט העכער פון דער טעאָריע, אז נאָר דאָס וואָס איז באוואוסט פון ערפאהרונג, איז ריכטיג. עמפּיריש — וואָס איז באגרינדעט אויף ערפאהרונג.

ענציקלאָפּעדיסטען. — די אזוי גערופענע בכלל גרינדער און מיטארבייטער פון דער באוואוסטער פראנצויזישער ע נ צ י ק ל אָ פּ ע ד י ע, וועלכע איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין 1751—72 אונטער דער רעדאַקציע פון דידראָ און דאַלאמבער (דידראָ, דאַלאמבער, וואָלטער, העלוועצי, האָלבאַך, קאָנדיליאַק, לאַמעטרי, מאָנטעסקיע, רוסאָ און אַנדערע).

פּ.

פּאַנסלאַוויזם. — די אידעע פון פעראייניגען אַלע סלאַווישע פעלקער (ווי די רוסען, פּאָליאַקען, טשעכען, באָלגאַרען און ז. וו.) אין איין בונד אונטער דער אויבערהערשאַפט פון רוסלאַנד.

פּסיכיק. — די כחות הנפש, דער גייסט (אין געגענזאַץ צו פיזיק).

פּאַנטעאיזם. — די לעהרע, אַז גאָט און די וועלט איז איינס און דאָסזעלבע, אָדער אַז גאָט איז דאָס איינציגע עקזיסטירענדע וועזען און די וועלט איז איינע פון זיינע ערשיינונגס־פאָרמען און דארום איז אַלץ אין דער וועלט געטליך.

פּאָזיטיוויזם. — די פילאָזאָפישע שיטה, וועלכע אנערקענט, אז קיין אנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאָס וויסען וועגען ערשיינונגען, וואָס מיר באגרייפען מיט אונזערע חושים, וואָס מען קאָן דערגעהן דורך וויסענשאַפטליכע ערפאהרונג דורך פאקטישע פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען.

פּאָזיטיוויסט. — אן אָנהענגער פון פּאָזיטיוויזם.

פּסיכאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען זעעלען־ערשיינונגען.

פּאָסטולאַט. — א באהויפּטונג, וואָס פאָדערט ניט קיין באווייז, אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער אמת.

פּריזמע. — אַ קאַנטיגע פיגור (אַ דריי־קאַנטיגע, פיר־קאַנטיגע, פינף־קאַנטיגע א. אז. וו., ביי וועלכער די ענד־פּלאַכען זיינען פּאַראַלעל): אַ דריי־קאַנטיג שטיקעל געשליפענע גלאָז אָדער אַנדער דורכזיכטיגער מאַטעריאל מיט פּאַראַלעלע ענדען, וואָס ווערט באַנוצט פאַר אָפּטישע צוועקען (ווען א ליכט־שטראַהל געהט דורך אַזאַ פּריזמע, ווערט ער צוויי מאָל אָפּגעבויגען פון זיין וועג אין דערזעלבער ריכטונג, איינמאָל ביים אריינטרעטען אין דער פּריזמע און א צווייטען מאָל ביים ארויסטרעטען פון איהר. דער שטראַהל ווערט דאַן צוטיילט אין זיינע קאָלירען און בילדעט א ספּעקטרום, א שיין־בילד, אַ פאַרבען־בילד).

פּראָגנאָז. — אַ פאָרקענטניס, אַ פאָראויסזאָגונג וועגען דעם גאַנג פון א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

פּאַטרימאָניאַל. — ערבליך, וואָס איז געקומען בירושה פון עלטערען.

פּאָטענציאַל. — וואָס איז דאָ בכח (הגם ניט בפועל), וואָס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט (הגם ניט אין דער ווירקליכקייט). אין פיזיקע — וואָס ענטהאַלט

אינערליך אין זיך אָבער איז ניט אין באוועגונג.

פאראבאלא. — אין רעטאָריק אָדער רעדעקונסט — א גלייכעניס, דאָס פאָרמאַלע פאַרגלייכען פון צוויי זאַכען, וועלכע זיינען אין עצם זעהר פארשידען איינע פון דער אַנדערער, ווי צום בייספיל: זיינע ווערטער האָבען געשטראָכען ווי שפיזען.

פ.

פאבולירען. — פאַרפאַסען אָדער דערצעהלען פאַבלען, אָדער אויסטראַכטען פאַנטאַסטישע געשיכטען.

פיליסטער. — אַ מענש מיט א באשרענקטער וועלט־אנשויאונג, וואָס איז פארנומען מיט וואָכעדיגע אינטערעסען.

פילאָן. — דער אידישער פילאָזאָף ידידיה האלכסנדרוני (געבוירען 25 יאָהר פאר אונזער צייט־רעכענונג) האָט געטראָגען דעם גריכישען נאָמען פילאָן. ער איז אויך באַוואוסט אונטער'ן נאָמען פילון היהודי, פילון דער איד.

פעטישיזם. — דאָס דינען אָפּגעטער, די פארגעטערונג פון ערדישע געגענשטאַנדען.

פאזע. — 1) דער צושטאַנד פון אַ זאַך, אויף וויפיל זי זעהט אויס אין דעם אָדער יענעם מאָמענט: 2) אין אַסטראָנאָמיע — אַ באַזונדערער אויסזעהן פון דער לבנה אָדער פון אַ פלאַנעט אין דער אָדער יענער צייט.

צ.

צעזאר יוליוס. — א באריהמטער רוימישער אַרמיי־פיהרער, געבאָרען אין יאָהר 100 אָדער 102 פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, ערמאָרדעט געוואָרען אין סענאט דעם 15טען מערץ אין יאָהר 44. אַ חוץ זיין מיליטערישער טעטיגקייט האָט ער זיך אויסגעצייכענט אויף אַ סך אנדערע געביטען. ער איז געווען אַ דיפּלאָמאַט, אַ שטאַטסמאַן, אַ יוריסט, אַ רעדנער, אַ דיכטער אַ היסטאָריקער, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ דענקער, אַ אינזשיניר און אַ שפראַכענפאָרשער. אלס פיעל מאָל ערוועהלטער פאָלק'ס פארשטעהער האָט ער דורכגעפיהרט זעהר פיעל ראַדיקאַלע געזעצען לטובה פון די אָרימע קלאַסען אין רוים און אין די פּראָווינצען, וואָס רוים האָט איינגענומען. ער האָט געשאָנקען בירגער רעכט די איינוואָהנער פון די פראָווינצען, וואָס ער האָט איינגענומען, ער האָט רעפאָרמירט דעם קאַלענדאר, ער האָט דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרוועהרט צו נעמען מעהר ווי 12 פּראָצענט און האָט געגרינדעט קאָלאָניעס פאַר די ערדלאָזע בירגער. צעזאָר האָט געענדיגט דעם נצחון איבער גאַליען (די היינטיגע פראַנקרייך, בעלגיען און אַ טייל פון דער אויבערשטער איטאַליען). אין יאָהר 45 האָט מען איהם באַשטימט פאַר'ן דיקטאַטאָר פון רוים אויפ'ן גאַנצען לעבען און ער האָט באַקומען דעם טיטעל אימפּעראַטאָר. צעזאָר איז געווען אַ גרויסער אידען פריינד. אין דער גאַנצער וועלט האָבען די אידען איהם ליעב געהאַט. די רוימישע אידען האָבען געוויינט טעג און נעכט ביי דעם אָרט, וואו מען האָט איהם גע'הרג'עט.

ק.

קאָנט, אגוסט. — אַ פראַנצויזישער דענקער, 1795—1857, וועלכער האָט געלעגט דעם יסוד פון דער פּאזיטיווער פילאָזאָפיע און פון דער וויסענשאַפטליכער סאָציאָלאָגיע.

קאַסטע. — א שטאַנד, א קלאַס מענשען, וואָס האַלטען זיך אָפּגעזונדערט פון די אנדערע, אָדער וועלכע זיינען אויסגעטיילט פון די אנדערע מיט זייער רייכקייט, טיטלען, פּראָפעסיאָנען אָדער פּריווילעגיען.

קאָנדאָרסע. — אַ פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער, 1743—94, געווען אַ אנהענגער פון דער רעוואָלוציע און האָט געהאַלטען מיט די זשיראָנדיסטען. ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ ווערק, וואו עס ווערט אנטוויקעלט דער באַגריף וועגען פּראָגרעס.

קאַנאָניזירען. — דאָס הייליג מאַכען, (דאָס ערקלערען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירך).

קאָסמאָס. — די גאַנצע וועלט מיט די הימלען און שטערן אַלס האַרמאָניש גאַנצע.

קאָסמיזם. — די פילאָזאָפישע שיטה וועגען וועלט־אַל געגרינדעט אויף דער ענטוויקלונגס־לעהרע.

קולט. — די רעליגיעזע פאָרמען, מנהגים (גאָטעסדינסט); פאַרגעטערונג פון אַ מענשען אָדער אַ זאַך; די פאַרעהרונג.

קאנצעפציע. — א באגריף, א אידעע, א מיינונג, א פלאן, א פארטראכט.

קריטעריום. — א ציי‏כען, לויט וועלכען מען קאן אונטערשיידען דאס אמת'דיגע פון דעם פאלשען, דער מאסשטאב פון אמת'דיגקייט.

קאסמאלאגיע. — די לעהרע וועגען וועלט־אל, וועגען זיינע עלעמענטען און געזעצען.

קארל דער 12־טער. — א שוועדישער קעניג געבארען אין יאהר 1682, געשטארבען אין יאהר 1718. א גרויזאמער מענש, וואס האט געהאט נאר איין תאוה — מלחמה. מלחמה איז געוועזן א באדערפניס פון זיין טעמפעראמענט. קיין שום מענשליכעס איז אין איהם ניט געוועזן. זיין אידעאל איז געוועזן — צושטערונג. כמעט זיין גאנצען לעבען האט ער פארבראכט אויף די שלאכטפעלדער. אין דער מלחמה, וואס ער האט געפיהרט מיט רוסלאנד אין יאהר 1709 איז זיין ארמיי צושלאגען געווארען ארום פאלטאווא און ער אליין איז פארוו... ...ווארען.

ר.

רעלאטיוו. — ניט אבסאלוט, וואס עס עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, וואס העגנגט אפ פון עפעס, וואס באציהט זיך אויף עפעס, וואס האט א שייכות צו עפעס, וואס ווערט באטראכט אין שייכות מיט אן אנדער זאך.

ראציאנאליזם. — דאס שטעלען העכער דעם שכל איידער א וועלכע עס איז אויטאריטעט אין די פראגען פון גלויבען און אויפפיהרונג. די פילאזאפישע שיטה, אז דער ווירקליכער קוואל פון קענטניס איז ניט די ערפאהרונג דורך די חושים, נאר דער שכל, די „ריינע פארנונפט", ס'הייסט די אונמיטעלבארע דענקונגס־פעהיגקייט פון מענשען. אין טעאלאגיע — דאס אפלייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאגמען אלץ, וואס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

רעזיומירען. — ווידערהאלען אין קורצען, מאכען דעם סך הכל.

רוסא, זשאן זשאק. — איינער פון די גרעסטע, לויט זיין ווירקונג, פילאזאפען און וועלט־שריפטשטעלער (1712—78), א פראנצויז, דער פארפאסער פון דעם באריהמטען ראמאן „די נייע עלאאיזא", און פון דעם פעדאגאגישען ראמאן „עמיל", וואו ער אנטוויקעלט די סיסטעמע פון ערציהונג אין איינקלאנג מיט דער נאטור. ער האט אויך פארפאסט א ווערק אונטער'ן נאמען „ודוי", וואו ער דערצעהלט גאנץ ציניש וועגען זיין לעבען.

רעאביליטירען. — הערשטעלען, אומקעהרען צו דער פריהערדיגער לאגע, באשטעטיגען אין די פריהערדיגע רעכטען, ריינוואשען.

די הויפט שפראכען פון דער וועלט

עס ווערט באהויפטעט, אז עס זיינען דא אויף דער וועלט 3,424 שפראכען אדער דיאלעקטען אויף וועלכע מען רעדט: אמעריקא, 1624; אזיען, 937; אייראפא, 587; אפריקא, 276.

די ענגלישע שפראך ווערט גערעדט פון איבער 150,000,000 מענשען.

דייטש	פון איבער	120,000,000	מענשען
רוסיש	"	90,000,000	"
פראנצויז	"	60,000,000	"
שפאניש "	"	55,000,000	"
איטאליעניש	"	40,000,000	"
פארטוגעזיש	"	30,000,000	"

הגם די מלחמה האט מוסיף געווען מאנכע נייע ווערטער צו דער ענגלישער שפראך פון דעסטוועגען איז די צאהל ווערטער פון דער ענגלישער שפראך ווייניגער פון צעהן טויזענד. די ענגלישע שפראך ענטהאלט אומגעפעהר 7 הונדערט טויזענד ווערטער. פון דער דאזיגער צאהל באשטעהט נאהענט פון א העלפט פון וויסענשאפטליכע טערמינען, וואס מען באנוצט זעלטען אויסער אין די לעהר־ביכער און פון ווערטער, וואס זיינען ארוים פון געברויך, פארעלטערטע, אומדייטליכע.

אידישע פילאָזאָפען

פון יוסף מארגאָשעס

די ערשטע אידישע פילאָזאָפען זיינען געווען אונזערע נביאים. ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די אנדערע נביאים, אויסער דעם, וואָס זיי האָבען געשטראָפט אָדער געטרייסט דעם אידישען פאָלק, האָבען זיי אויך ארויסגעזאָגט טיפע פילאָזאָפישע און מאָראלישע געדאנקען, וואָס האָבען אן אייביגען ווערט.

מיר וועלען זיך אָבער איצט ניט אָבשטעלען אויף די נביאים, ווייל זיי, אינספירירט פון דער געטליכקייט, פארנעהמען א גאנץ באזונדערן אָרט אין דער געשיכטע פון דעם פילאָזאָפישען געדאנק, זיי קאָנען ניט פארעכענט ווערען צווישען די געוועהנליכע דענקער. מיר וועלען זיך אויך ניט אָבשטעלען אויף די פארפאסער פון איוב און קהלת, וואו מיר געפינען די שעהנסטע און טייערסטע פערל פון דער פילאָזאָפישער ליטעראטור. מיר וועלען אָנהויבען מיט׳ן עלטסטען אידישען דענקער

פילון

אין דער צייט, ווען דער צווייטער אידישער שטאָאט, און דער בית המקדש, זיינען שוין געווען ניט ווייט פון זייער פארניכטונג, איז אין אלעקסאנדריען, אין עגיפטען, אויסגעוואקסען א גרויסע אידישע קאָלאָניע, וואו עס האָבען זיך געפונען א זעהר גרויסע צאָהל געבילדעטע מענשען, וועלכע האָבען באקומען זייער ערציהונג אויף דער גריכישער קולטור. זייער דענקען און טראכטען, אפילו זייער אומגאנגסשפראך איז געווען גריכיש און אויך אין תורת משה און אין די ספרים פון די נביאים, האָבען זיי מיט געוואלד געוואָלט ארייננברענגען גריכישע פילאָזאָפישע געדאנקען.

דאָרט, אין אלעקסאנדריען, איז אינ׳ם יאָהר צוואנציג פאר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג, געבאָרען געוואָרען דער ערשטער אידישער פילאָזאָף פילון, אָדער פילאָ יודעאוס, ווי די היסטאָריקער רופען איהם. אין די אידישע ספרים איז ער באוואוסט אונטער׳ן נאָמען ידידיה האלכסנדרי.

קיין זיכערע פאקטען וועגען זיינע לעבענס־פאסירונגען, זיינען ניט באוואוסט, אויסער וואָס ער דערמאָנט אליין וועגען זיך און וואָס עס שרייבט וועגען איהם דער עלטעסטער אידישער היסטאָריקער יוסף הכהן, (יאָזעפוס), וועלכער האָט געלעבט מיט איהם אין איין צייט.

בעת די גריכען האָבען פארפאָלגט, אינ׳ם יאָהר 40, די אידען אין אלעקסאנדריען און האָבען ביי זיי געוואָלט אוועקרויבען זייערע פריווילעגיעס, האָבען זיי געשיקט א דעלעגאציע קיין רוים, וועלכע האָט דאמאָלסט געהאט די אויבערהערשאפט איבער עגיפטען און פילון איז געווען דער אָנפיהרער פון דער דעלעגאציע. אין זיינעם א בוך, וועלכער עקזיסטירט נאָך היינט, האָט ער אויספיהרליך באשריבען די ארגומענטען, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט פאר׳ן רוימישען קייזער קאליגולא.

פילון איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דורך זיינע ווערק ארייננגעבראכט די גריכישע פילאָזאָפישע געדאנקען אין תורת משה און האָט באהויפטעט, אז אלע פערזאָנען, וואָס ווערען דאָרט דערמאָנט, ווי א שטייגער אברהם, יצחק, יעקב און

אנדערע, האָבען גאָר קיין מאָל ניט עקזיס־
טירט, זיי זיינען גאָר סימבאָלישע פערזאָ־
נען און פערזאָניפיציירונגען פון פילאָזאָ־
פישע באגריפען.

די „פרושים,“ די פרומע, רעליגיעזע
סעקטע, אין ארץ ישראל, די באגרינדער
פון היינטיגען יודענטום, האָבען באקעמפט
פילון׳ס אידעען, זיי געהאַלטען פאר
אפיקורסישע און דערפאר ווערט ער אין
ערגיץ, אין דער משנה און אינ׳ם תלמוד
ניט דערמאָנט. ער איז געשטאָרבען נאָכ׳ן
יאָהר 40, פון דער געוועהנליכע צייטרעכ־
נונג.

אן ערך פון איבער ניין הונדערט יאָהר
איז אריבערגעגאנגען אינ׳ם יודענטום, און
דורך דער גאנצער צייט, זיינען ניט געווען
קיין ספעציעלע אידישע פילאָזאָפען. עס
זיינען אין דער פריאָדע פערפאסט גע־
וואָרען די וויכטיגסטע אידישע ספרים, די
משנה, תלמוד ירושלמי, תלמוד בבלי און
אויך די מדרשים, אָבער מיט ריינער פי־
לאָזאָפי, האָט זיך קיין איינציגער אידישער
געלעהרטער, דורך דער דאָזיגער לאנגער
צייט, ניט אָבגעגעבען, ביז עס איז אין דער
העלפט פון צעהנטען יאהרהונדערט אויפ־
געשטאנען

רב סעדיה גאון

דער דאָזיגער דענקער האָט אין גאנצען
אויפסנייע אויפגעלעבט די אידישע פילאָ־
זאָפיע.

ער, פונקט ווי דער ערשטער, איז גע־
באָרען געוואָרען אין מצרים, אין א דאָרף
נעבען דער שטאָדט פיומי (דאָס אַלטע
פיתום פון חומש), אינ׳ם יאָהר 892 און
לויט ווי ער שרייבט אליין, אין זיינעם
א ספר, איז ער געווען א גרויסער מיוחס,
וויל ער האָט געשטאַמט פון דער משפחה
פון שלמה, דער זוהן פון יהודה.

וואו ער איז אויפגעצויגען געוואָרען און
ווער זיינע רבי׳ס זיינען געווען, איז ניט
באוואוסט. שוין אין זיינע יונגע יאָהרען
האָט ער געשריבען וויכטיגע ספרים, פון
וועלכע פראגמענטען עקזיסטירען נאָך
היינט.

אין זיינע צייטען האָט די סעקטע פון
די „קראים“ (קאראאימער), וועלכע איז
מיט א צוויי הונדערט יאָהר פריהער גע־
גרינדעט געוואָרען, באקומען א גרויסע
פארשפרייטונג איבער אלע מזרח לענדער,
וואו עס האָט זיך דאַמאָלס געפונען כמעט
דאָס גאנצע יודענטום און זייער מאכט
איז געוואָרען אזוי שטארק, אז דאָס
תלמודישע יודענטום איז געווען אין א
געפאהר פארניכטעט צו ווערען און אָבצור־
טרעטען דעם פלאַץ פאר איהר קאָנקור־
רענטקע,—דאָס קראימטום, און ווען דאָס
איז ניט געשעהן, איז דאָס צו פארדאנקען
דעם גרויסען גייסט פון רב סעדיה גאון,
וועלכער האָט זיך געמאכט פאר זיין
לעבענס־אויפגאבע, צו באקעמפען די
קראים און צו שטארקען דאָס תלמוד׳ישע
יודענטום. מיט דעם צוועק האָט ער
צווישען אנדערע וויכטיגע ספרים, פער־
פאסט זיין גרויסען פילאָזאָפישען ספר
„האמונות והדעות.“

אין דעם דאָזיגען ספר האָט רב סעדיה
געלייגט דריי הויפט־פונדאמענטען. ער־
שטענס וועגען „חידוש העולם,“ אז די
וועלט איז באשאפען געוואָרען פון גאָט
און אז ער האָט איהר געגעבען איהר איצ־
טיגע פאָרם; „אחדות הבורא,“ אז עס
איז דאָ נאָר איין איינציגער גאָט און ניט
ווי אנדערע פעלקער—ווי א שטייגער די
פערזער—וואָס האָבען געגלויבט, אז עס
זיינען דאָ מעהרערע געטער, אָדער ווייניג־
סטענס צוויי, א „יוצר אור“—א גוטער
גאָט, און א „בורא חושך,“ א גאָט פון פינ־
סטערניש און שלעכטיגקייט; און דריטענס
וועגען „מציאות הנפש“ אז דער מענש
פארמאָגט א נשמה, וועלכע איז א חלק
אלוה ממעל,“ א טייל פון דער גאָטהייט.

רב סעדיה באהאנדעלט אין זיין ספר
אויך אנדערע וויכטיגע גרונד־פרינציפען

פונ׳ם יודענטום, ווי א שטייגער תורה מן השמים, נבואה, בחירה חפשית (פרייער ווילען) און שכר ועונש. אומעטום קעמפט ער געגען די „קראים" און באווייזט ווי אומריכטיג און ניט־לאגיש זייערע באהויפטונגען זיינען.

זיינע ספרים האבען געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער ווייטערע ענטוויקלונג פונ׳ם יודענטום און כמעט אלע שפעטערדיגע אידישע פילאזאפען, האבען זיך באנוצט מיט זיינע ארגומענטען.

רב סעדיה׳ס נאמען איז געווען באוואוסט און באריהמט איבער דער גאנצער אידישער וועלט און דער „ראש גלותא," דער אידישער פירסט פון בבל, וועלכער האט דאמאלסט געהאט א גרויסע מאכט כמעט איבער׳ן גאנצען יודענטום, האט איהם גערופען קיין בבל, און האט איהם געמאכט פאר׳ן ראש ישיבה אין סורא, און איהם צוגעטיילט דעם טיטעל „גאון," וועלכער איז דאמאלס געווען, ניט ווי היינט, דער גרעסטער אידישער עהרען־טיטעל. רב סעדיה איז געווען דער ערשטער, ניט אין בבל געבארענער, וועלכער האט פארנומען דאס גרויסע און וויכטיגע אמט, צו זיין דער ראש ישיבה פון דער גרעסטער אידישער ישיבה.

עס האט אבער ניט געהערשט קיין שלום צווישען דעם „ראש גלותא" און רב סעדיה. ביידע האבען זיך, געגענזייטיג, מחרים געווען און אראבגעזעצט פון זייערע אמטען. רב סעדיה האט געמוזט אנטלויפען פון בבל און אין משך פון זיבען יאהר האט ער זיך געמוזט באהאלטען פאר זיינע שונאים. ער האט דאמאלס פארפאסט פיעלע פון זיינע ספרים. אין גאנצען זיינען היינט פון איהם באקאנט 25 ספרים, פון וועלכע מעהרערע זיינען שוין געדרוקט געווארען און די איבריגע געפינען זיך, אלס האנדשריפטען, אין די גרויסע ביבליאטעקען. רב סעדיה איז געשטארבען אין זיין פופציגסטען יאהר, אין 942.

א גרויסער אידישער פילאזאף, וועמענס איינפלוס עס האט זיך געפיהלט אינ׳ם אידישען פאלק אין משך פון א סך דורות, איז געווען

רבינו בחיי

ער האט געלעבט אין שפאניען און איז געווען א דין (דאיאן) אין קארדאוא, און סאראגאזא, וועלכע זיינען דאמאלס געווען די פלעצער פון אידישער תורה און וויסענשאפט.

ווייל די אומגאנגס־שפראך פון אידען איז, אין יענע צייטען, געווען אראביש, האט ער אין דער דאזיגער שפראך פערפאסט זיינע וויכטיגע פילאזאפישע ספרים און זיי זיינען באלד נאכדעם איבערגעזעצט געווארען אין העברעאיש און דערפאר געווארען דאס אייגענטום און דער אוצר פונ׳ם גאנצען אידישען פאלק, אין אלע לענדער.

זיין וויכטיגסטער ספר איז דער „חובות הלבבות", וועלכער איז אין פארלויף פון פיעלע הונדערטער יאהרען, געווען די בעסטע גייסטיגע שפייז פאר אלע אידען.

אין זיין הקדמה צום „חובות הלבבות," זאגט רבינו בחיי, אז ביז צו זיין צייט האט קיינער פון די גרויסע אידישע געלעהרטע ניט געפונען פאר גענוג וויכטיג — א חוץ וועגען טרוקענע דינים און מצוות — צו שרייבען א ספר, וועגען די פליכטען פונ׳ם הארץ (חובות הלבבות). ער איז אויך געווען דער ערשטער פון אלע אידישע פילאזאפען, וועלכער האט העכער אוועקגעשטעלט דאס הארץ פונ׳ם קאפ, דאס הייסט, אז די אינערליכע געפיהלען און הארצענס־פליכטען, זיינען א סך וויכטיגער ווי די טרוקענע דינים און מצוות, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי פארשריפטען: מצות אנשים מלומדה...

דער „חובות הלבבות“ איז איינגעטיילט אין צעהן אבטיילונגען „שערים“ (טויערען, אָדער אריינגאנגען). שער היחוד, האחדות, תוארי ה׳, שער הבחינה, שער עבודת אלהים, שער הבטחון, שער יחוד המעלה, שער הכניעה ושער התשובה, שער חשבון הנפש, און שער אהבת ה׳.

לויט ווי די געלעהרטע באהויפטען, איז רבינו בחיי געווען גוט באקאנט מיט די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון די אראבער און ער האָט זיך מיט זיי פיעל באנוצט אין זיין ספר.

ווייל דער „חובות הלבבות“ איז ביים אידישען פאָלק געווען זעהר באליבט און מען האָט איהם פיעל געלערנט, איז וועגען איהם פערפאסט געוואָרען מעהרערע פרושים און ער איז אויך איבערזעצט גע־וואָרען אין עטליכע שפראכען, אויך אין אידיש.

מעהר אלס גרויסער דיכטער, ווי אלס פילאָזאָף, איז ביי אידען באקאנט .

ר׳ שלמה בן־גבירול

פיעלע, אפילו פון די געבילדעטערע לעזער, ווייסען אפשר ניט, אז ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע אידישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפען, וועלכער האָט גע־וואָלט צוריק אויפלעבען די ניי־פּלאטאָ־נישע (אפלטון) שיטה, לויט ווי עס האָט זי אויפגעפאסט דער ערשטער אידישער פי־לאָזאָף פילון — ידידיה האלכסנדרי.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין מאלא־גא, אין שפאניען, אינ׳ם יאָהר 1022, און איז געשטאָרבען אין זיין 36טען יאָהר, אין 1058. זיין פריהצייטיגער טויט, איז ארומגעוועבט געוואָרען מיט א קראנץ פון שעהנע, פּאָעטישע, אידישע לעגענדען.

זיין גרויסען נאָמען האָט זיך ר׳ שלמה בן־גבירול ערוואָרבען דורך זיינע אונשטערבליכע העברעאישע געדיכטען. דאָ איז אָבער ניט דער פּלאץ, וועגען דעם צו רעדען, פונקט ווי מיר וועלען דאָ ניט באשרייבען זיינע וויכטיגע טעטיגקייטען, אלס העברעאישער גראמאטיקער.

צווישען זיינע פילאָזאָפישע שריפטען, זיינען די וויכטיגסטע דער „מקור חיים“ און זיין פילאָזאָפישעס געדיכט „כתר מלכות“ (ווערט יעדעס יאָהר געזאָגט, לויי־דער אָהן פארשטענדניס, אום יום כפור). אין דעם דאָזיגען וואונדערבארען געדיכט בריינגט ער אלע פריהערע פילאָזאָפישע שיטות (סיסטעמען), וועגען דער גאָטהייט און דער באשאפונג פון דער וועלט.

אָבער פיעל וויכטיגער איז זיין ספר „מקור חיים“, וועלכען ער האָט פארפאסט אין אראביש און איז אינ׳ם יאָהר 1150 איבערזעצט געווען אין לאטיין. ער איז געשריבען געוואָרען אין סטיל פון פראגען און אנטוואָרטען, צווישען א רבי׳ן און זיין תלמיד, און ער איז איינגעטיילט אין פינף אבטיילונגען (מאמרים). ער באנוצט זיך ניט מיט ראיות פונ׳ם תנ״ך, וועלכע פיעלע פילאָזאָפען, ניט־אידישע, האָבען ניט גע־וואָלט אנערקענען, נאָר זיינע ארגומענטען זיינען באגרינדעט אויף לאָגיק און נאטור־געזעצען. גבירול איז אויך געווען דער ערשטער פון די אידישע פילאָזאָפען, וועל־כער האָט אריינגעבראכט דעם געדאנק, אז דער מענש איז אן „עולם קטן,“ א גאנצע וועלטעל אָדער „בבחינת זעיר אנפין“ ווי די מקובלים דריקען זיך אויס.

וועגען די פאסירונגען און פערזאָנען וואס ווערען דערמאָנט אין תורת משה, האָט גבירול צוריק אויפגעפרישט פילון׳ס שיטה, דאס זיי זיינען נאָר סימבאָלען און פערזאָניפיצירונגען פון פילאָזאָפישע געדאנקען.

זעהר אינטערעסאנטעס האָט פאסירט מיט׳ן ספר „מקור חיים“. ווי מיר האָבען געשריבען, איז ער, מיט קנאפע הונדערט יאָהר נאָך גבירול׳ס טויט, איבערגעזעצט געוואָרען אין לאטיין. אלס פערפאסער איז אָנגעגעבען געוואָרען (על פי טעות, אָדער א פארגרייזונג פונ׳ם נאָמען גבירול)

אביצעבראָן. די גאנצע קריסטליכע וועלט האָט געמיינט,—ווייל מען האָט ניט גע־קאָנט דעם „מקור חיים,“—אז דאָס איז די ארבייט פון אן אראבישען פילאָזאָף און אויף זיין נאָמען האָט מען פיעל ציר־טירט די לאטיינישע איבערזעצונג. ערשט דער באריהמטער אידישער געלעהרטער ר׳ שלמה מונק, פון פאריז, האָט, מיט א זעכציג יאָהר צוריק, אויסגעפונען און פאר דער וועלט ענטדעקט דעם אלטען טעות, אז דער „מקור חיים“ פון גבירול איז דער אָריגינאל, פון וועלכען די לאטיינישע איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרען און אז אן אראבישער פילאָזאָף, מיט'ן נאָמען אביצעבראן, האָט גאָר קיין מאָל ניט עקזיסטירט.

מונק האָט דערמיט פארשאפט א סך כבוד צו דעם אידישען פאָלק, און איהם צוריקגעקעהרט איינס פון איהרע ווערטה־פולע ליטעראַרישע אנטיקען.

פיעל מעהר, אלס דיכטער און אויך פילאָזאָף, איז באוואוסט און באריהמט

ר׳ יהודה הלוי.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם אלטען קלאסישען לאנד פון אידישער ווי־סענשאפט, אין שפאניען, אין די לעצטע יאָהרען פונ'ם עלפטען יאָהר הונדערט. אויסער זיין באריהמטקייט, אלס דער גרעסטער אידישער דיכטער, איז ער אויך אין זיינע צייטען געווען באוואוסט אלס גרויסער דאָקטאָר.

זיין פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי,“ האָט ער געגרינדעט אויף א רעליגיאָנס־געשפרעך (וויכוח), צווישען דעם קעניג פון די כוזרים, וועלכע האָבען אינ'ם זיבענטען יאָהרהונדערט, אנגענומען דעם אידישען גלויבען און האָבען געהאט א גרויס אי־דישע קעניגרייך אין רוסלאנד, ארום דער וואָלגא, און דעם אידישען געלעהרטען ר׳ יצחק סנגרי.

ר׳ יצחק—אזוי שטעלט ר׳ יהודה הלוי פאָר—איז פונ'ם הײדענישען קעניג בולאן פון די כוזרים, איינגעלאַדען געוואָ־רען צו קומען אין זיין הויף אריין און איהם דערקלערען די גרונד פרינציפען פונ'ם אי־דענטום און מיט וואָס עס אונטערשיידעט זיך און איז בעסער פון די אנדערע צוויי אמונות, דאָס קריסטענטום און דער מאהאָ־מעדאניזם.

דער אידישער געלעהרטער קלעהרט דעם קעניג אלעס אויף און רעדט בריט וועגען דעם אז די תורה איז מן השמים, אז הי אידישע תורה איז ניט די ארבייט פון מענשען, נאָר זי איז פון גאָט אליין געגעבען געוואָרען אויפ'ן בארג סיני; וועגען דער נשמה; וועגען דעם פרייען ווילען ביים מענשען (ידיעה און בחירה) און וועגען דעם פאָרצוג פון דער אידישער רעליגיאָן.

דער הײדענישער קעניג פרעגט פיעל פראגען וועגען תורת משה—כמעט אלעס, וואָס די פריהערע פילאָזאָפען האָבען גע־גען איהר געהאט איינצוואווענדען. ער איז אָבער פון סנגרי'ס לאָגישע און אויספיהר־ליכע ענטפערס אזוי שטארק צופרידען, דאָס ער,צוזאמען מיט זיין גאנצען פאָלק, זיינען זיך מגייר און נעהמען אָן דעם אי־דישען גלויבען.

מיר קעהרען זיך איצט צוריק קיין עגיפטען, דאָס געבורטס־לאנד פון די ערשטע צוויי אידישע פילאָזאָפען, ווייל דאָרט האָט כמעט זיין גאנצעס לעבען פארבראכט איינער פון די גרעסטע מענער, וואָס דאָס גאנצע יודענטום האָט ארויס־געבראכט, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די וויכטיגסטע אידישע פילאָזאָפען און האָט קיין מאָל קיין מורא געהאט, עפענט־ליך ארויסצוזאָגען דעם אמת און צו ענט־דעקען זיינע פרייע געדאנקען. דאָס איז דער באוואוסטער אידישער דענקער—דער

רמב"ם (רבינו משה בן מיימון).

ער איז געבאָרען געוואָרען אין קאָר־דאָווא (שפּאניען), אינ'ם יאָהר 1135, אָבער צוליב רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, האָט ער און זיין פאָטער ר' מיימון, וועל־כער איז אויך געווען א גרויסער תלמודי־שער געלעהרטער, געמוזט פאַרלאָזען שפּאניען און נאָכדעם ווי זיי האָבען עטלי־כע יאָהר געוואוינט אין פאס, נאָרד־אפרי־קא, אלס געהיימע אידען (אנוסים), וועלכע זיינען, אין דער עפענטליכקייט, געווען מאהאָמעדאנער, איז עס זיי געלונגען פון דאָרט צו אנטלויפען. נאָך פיעל געפאַה־רען און פלאָגענישען האָבען זיי זיך באזעצט אין עגיפּטען, וואו הער רמב"ם האָט, צוליב זיינע גרויסע מעדיצינישע קענטניסען, באלד באקומען א שטעלע אינ'ם סולטאַן'ס הויף, אלס זיין לייב־דאָקטאָר. דאָרט איז דער רמב"ם גע־שטאָרבען אינ'ם יאָהר 1206.

אויסער דעם פּירוש אויף משניות און דעם באריהמטען געזעץ־קאָדעקס „יד החזקה" (אָדער „משנה תורה"), אויף וועלכען ער האָט געארבייט פולע צעהן יאָהר, האָט ער פערפאַסט נאָך מעהרע־רע, גרעסערע און קלענערע ספרים, אינגאַנצען פופצעהן ספרים.

זיין באריהמטע פילאָזאָפישע ווערק „מורה נבוכים" האָט ער אָנגעשריבען אין אראביש און איז נאָך ביים רמב"ם'ס לעבען פון ר' שמואל אבן־תיבון, איבער־זעצט געוואָרען אין העברעאיש.

דער רמב"ם האָט איינגעטיילט זיין „מורה נבוכים" אין דריי טייל, וועלכע האָבען אלע צוזאמען 178 קאפּיטלעך. אינ'ם ערשטען טייל רעדט ער ברייט וועגען דער איינהייט פון גאָט און אז מען מוז פון איהם דערווייטערען אלע גשמיות'ן. ער טייטשט פילאָזאָפיש אויס פילע פסוקים פונ'ם תנ"ך, אין וועלכע עס ווערט דער־מאָנט יד ה', אָדער עיני ה', גאָט'ס האַנד, גאָט'ס אויגען, אָדער „ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר" (שמות, כ"ד, 10) וועגען די עדעלשטיינער, וואָס די אידישע זקנים האָבען געזעהען פונקלען אונטער גאָט'ס פיס.

אינ'ם צווייטען חלק רעדט ער ברייט ארום די אטריבוטען (תוארים — אייגענ־שאַפטען), וועלכע ווערען צו גאָט צוגע־שריבען, איבערהויפּט אין די „שלש עשרה מדות" (שמות, ל"ד, 6), און ער טייטשט זיי אויס פילאָזאָפיש, דאָס זיי מיינען ניט אזעלכע איינפאכע אייגענשאַפטען, ווי מען טרעפט זיי אָן ביי מענשען.

דאָרט רעדט ער אויך וועגען „חידוש העולם", דאָס די וועלט איז באשאַפען גע־וואָרען א יש מאין, אז דאָס איז א פונדא־מענטאלער פּרינציפּ פון דער גאנצער אי־דישער תורה. ער גיט אויך צו פארשטעהן דעם ענין פון די מלאכים און די באדייטונג פון די גלגלים און די „שכליים הנפרדים," וועלכע באוועגען די אלע גלגלים און וועגען דעם „צעהנטען שכל," דעם „שכל הפועל," וועלכער געפינט זיך אינ'ם כח און ער ברייגנט ארויס דעם „כח אל הפועל." דאָרט ערקלעהרט ער אויך, וועגען די נבואה און איהרע פארשידענע, גרעסערע און קלענערע מדרגות, וועגען חלומות און זייער שייכות צו דער נבואה.

אינ'ם דריטען און לעצטען חלק, באשרייבט ער אויספיהרליך וועגען „מעשה מרכבה" (מעטאפיזיק) און „מראות יחזקאל", איבערהויפּט וועגען „חומר און צורה" (קראַפט און פאָרם) און זייער שייכות צו גוט און שלעכט. דאַן געהט ער ווייטער איבער צו פרייען ווילען, ידיעה און בחירה, און צו דער אלטער און שטענ־דיג נייער פראגע, פון „צדיק ורע לו, ורשע וטוב לו" און וועגען דעם ויכוח פון איוב'ן מיט זיינע פריינד. צולעצט קומט ער צו זיין וויכטיגסטען צוועק, ווייל ער וויל, על פי שכל, געבען צו פארשטעהן, די אורזא־כען, די טעמים, און די צוועקען פון אלע

מצוות פון דער תורה, וועלכע ער רעדט ארום אין גאנצע 23 קאַפּיטלעך און טיילט דאָרט די מצוות איין אין צוויי הויפּט־אָבטיילונגען: מצוות השכליות און מצוות השמעיות, — צווישען אזעלכע מצוות, וואָס דער מענשליכער שכל איז מחייב (למשל כבד את אביך ואת אמך, לא תגנוב, לא תרצח) און אזעלכע, וועו מען וואָלט דעם מענש וועגען זיי ניט אָנגעזאָגט, וואָלט איהם קיין מאָל ניט איינגעפאַלען זיי צו האַלטען (א שטייגער כלאים, שבת, שמיטה, יובל און פּיעלע אנדערע).

אין זיינע פּילאָזאָפישע ספרים, איז דער רמב"ם שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער אריסטאָטעלישער שיטה, וועגען א „חומר היולי" (אורשטאָף). דאָס און זיינע אנדערע פרייע געדאנקען, האָבען געגען איהם, נאָך ביי זיין לעבען, ארויסגערופען א גרויסען שטורם פון ענטריסטונג און א פּאָר יאָהר נאָך זיין טויט, האָבען די פרומע פאַנאַטיקער אזוי וויט געבראַכט, אז מען האָט אין מעהרערע אידישע קהלות דעם „מורה נבוכים" עפענטליך פארברענט און ארויסגעגעבען א חרם, אז מען טאָר אין איהם ניט אַריינקוקען. אין אנדערע — וויניגער פאַנאַטישע קהלות, האָט מען איהם און אנדערע פילאָזאָפישע ספרים, פארבאָטען פאר יונגע לייט אונטער 30 יאָהר אַלט.

אָבער א חוץ די אַלע פאַרפאָלגונגען, איז דער „מורה נבוכים" געווען, און וועט אויף שטענדיג פארבלייבען איינער פון די וויכטיגסטע אידישע פילאָזאָפישע ספרים.

מען וואָלט באַדאַרפט צו די וויכטיגע אידישע פילאָזאָפען צורעכנען און באַשרייבען אזעלכע גייסטיגע ריזען, ווי ר' אברהם אבן עזרא, ר' יוסף בן צדיק, ר' אברהם דוד הלוי (ראב"ד, מחבר פונ'ם ספר „אמונה רמה"), ר' לוי בן גרשון (רלב"ג, מחבר פון „מלחמות השם"—וואָס ר' יעקב עמדען רופט אָן „מלחמות עם השם"), ר' חסדאי קרשקש (מחבר פון „אור ה'") און ר' יוסף אלבו (מחבר פונ'ם „עיקרים"). ליידער איז דער פּלאַץ באַשרענקט און מיר מוזען זיי פארבייגעהן.

איצט קומען מיר צו איינעם פון די שפּעטערע, אָבער אויך פון די מעהר באַוואוסטע אידישע פילאָזאָפען, וואָס זיין סיסטעם איז פאר אן ערך פון איבער הונדערט און פופציג יאָהר כמעט אין גאנצען פארנאכלעסיגט און האַלב פארגעסען געוואָרען, אָבער זייט די לעצטע הונדערט יאָהר, פארנעהמט ער ווידער דעם אויבעןאָן צווישען די נייערע פילאָזאָפען און זיין שיטה האָט איצט זעהר פיעל נאָכפאָלגער און אויסטייטשער. דאָס איז

ברוך שפּינאָזאָ.

ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 24־טען נאָוועמבער, 1632. וואו ער איז געבאָרען געוואָרען איז ניט באוואוסט אויף זיכער. ער איז אויפגעצויגען געוואָרען אין אַמסטערדאַם, וואו זיין פאמיליע האָט פארנומען א זעהר בכבוד'ען אָרט. ער האָט דאָרט געלערנט אין דער גרויסאַרטיגער תלמוד תורה, וועלכע איז געווען א מוסטערשולע אין האָט געהאַט קלאַסען פון א"ב, ביז צום העכסטען גראד פון אידישער וויסענשאַפט.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין שטודירען, האָט ער זיך ניט געוואָלט אָבגעבען מיט מסחר, ווי זיינע ברידער און קרובים, נאָר ער האָט ווייטער געלערנט, אָבער ניט בלויז אידישע לימודים. ער האָט אָוועקגעגעבען דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט צו וועלטליכע זאכען.

ביי זיינעם א קריסטליכען פריינד און לעהרער, וואן־ענדע, האָט ער געלערנט אַלע דאַמאָלסט באַקאַנטע וויסענשאַפטען און אַבערהויפּט פילאָזאָפיע. ער האָט זיך אין דעם אזוי טיף פארטאָן, אז ער איז כמעט אין גאנצען אָבגעפרעמדט געוואָרען

פון זיינע אידישע פריינדע און האט אנגעהויבען פיהרען א לעבען פון א פריידענקער און רעליגיאנסלאזען מענשען.

די אידישע קהלה פון אמסטערדאם, וועלכע האט געלייגט גרויס האפנונגען אויפ'ן יונגען שפינאזא און זיין גרויסער געלעהרזאמקייט, האט זיך געפונען שטארק ענטוישט און באליידיגט, און אלע מיטלען זיינען אנגעווענדעט געווארען, דעם יונגען געלעהרטען צוריקצופיהרען צו אידישקייט. שפינאזא איז אבער געבליבען פעסט ביי זיינע פרייע מיינונגען און ער האט פון זיי ניט געוואלט אבטרעטען. ווייל די רבנים און די ראשי הקהל פון אמסטערדאם האבען אבער מורא געהאט, אז ער זאל דורך זיין גרויסען איינפלוס ניט פארפיהרען די אנדערע אידישע יונגע לייט, פאר וועמען מען האט ביז איצט שפינאזא'ן ארויסגעשטעלט אלס א מוסטער און גוטען ביישפיעל, האבען זיי פאר זיך ניט געזעהען קיין אנדער אויסוועג, נאר איהם אויסצושליסען פון כלל ישראל, און זיי האבען איהם אריין געלייגט אין חרם.

דער כאראקטער־פעסטער שפינאזא, האט אבער קיין מאל ניט ארויסגעוויזען וועלכען ס'איז צייכען פון חרטה פאר זיין ארויסטריט פונ'ם יודענטום. קיין אנדער גלויבען האט ער קיין מאל ניט אנגענומען, ער האט אויך קיין מאל ניט חתונה געהאט. באלד נאכ'ן חרם איז ער אוועק פון אמסטערדאם און מעהר האט ער מיט אידען קיין מגע־ומשא ניט געהאט, ער האט זיך אויסגעלערנט א מלאכה, אלס ברילען־גלעזער־שלייפער און דאס איז געוועזען זיין פרנסה, ביז צו זיין טויט.

נאך ביי זיין לעבען איז שפינאזא געווען פאררעכענט אלס איינער פון די גרעסטע פילאזאפען און מעהרערע גרויסע אוניווערזיטעטען האבען איהם געוואלט האבען אלס פראפעסאר, ער האט אבער קיין שום לעהרער־שטעלע ניט געוואלט אננעהמען. ער איז געשטארבען אין האלאנד, אין 1677, אויפ'ן 47טען יאהר פון זיין לעבען.

ביי זיין לעבען האט ער אבגעדרוקט נאר איין בוך (אין דער לאטיינישער שפראך) „טראקטאטוס טהעאלאגיקא פאליטיקוס," וועגען טהעאלאגיש־פאליטישע אויפפיהרונג. אבער דאס דאזיגע בוך איז געווען גענוג דעם פערפאסער באריהמט צו מאכען, אבער אויך ביי אלע פרומע מענשען, אידען און קריסטען, פערהאסט צו מאכען.

דער בוך איז ערשינען אנאנים, אהן דעם נאמען פונ'ם פערפאסער, און באלד זיינען געגען איהם געדרוקט געווארען מעהרערע אנגריפען און ענטפערס, און דאס האט געבראכט דערצו, אז ער זאל דערלעבען מעהרערע אויפלאגען, איינע נאך די אנדערע. נאך זיין טויט איז דער בוך ארויס אונטער זיין אמת'ן נאמען און דאמאלסט זיינען אויך געדרוקט געווארען זיינע פאליטישע בריעף און אנדערע ווערק.

כאטש שפינאזא איז שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון א פריהערדיגען פראנצויזישער פילאזאף, דעקארט, האט ער זיך אבער שטארק באנוצט מיט זיינע גרויסע אידישע ידיעות און ווי פיעלע געלעהרטע, דארונטער אויך לייבניץ און מענדעלסאן, באהויפטען, האט ער זיין פילאזאפישע סיסטעם געבויט אויף די פרינציפען פון דער קבלה. אנדערע באהויפטען אבער, אז ער האט זיך מעהר באנוצט מיט די ספרים פונ'ם רמב"ם, רלב"ג און ר' חסדאי קרשקש און אז מיט דער קבלה האט ער — ווי ר' נחמן קראכמאל באהויפטעט—גאר ניט געהאט צו טהאן און „ער איז פון איהר ווייט געווען, ווי מזרח פון מערב." אזוי צו אזוי, שפינאזא איז אין גייסט געבליבען א איד און אויף דער אידישער ליטעראטור האט ער געבויט זיינע פילאזאפישע פונדאמענטען.

אוים מאנגעל אין פלאץ מוזען מיר

אויף פאַרבייגעהען און ניט באשרייבען אזא וויכטיגען אידישען פילאָזאָף, ווי מאָזעס מענדעלסאָן (געבאָרען 1729, געשטאָרבען 1786) און איבערגעהן צו די דריי גרויסע אידישע פילאָזאָפען, פון דער לעצטער צייט. דער ערשטער איז

שלמה מיימון.

ער איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעפּ און איינער פון די גרעסטע פריידענקער וואָס די אידישע ליטע האָט ארויסגעגעבען אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין נישוויז, א קליין ליטווישע שטעטעל, אינ'ם יאָהר 1754. צו עלף יאָהר, האָט איהם זיין פאָטער חתונה געמאכט. אז ער איז קוים אַלט געווען פערצעהן יאָהר, האָט ער געמוזט ווערען א מלמד ביי א דאָרפסאָרענדאר, כדי ער זאָל קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינד. דערצו נאָך האָט ער אין זיין פרייער צייט געהאָלפען פיטערען די בהמות און ביינאכט געלערנט חקירה־ספרים. איבערהויפּט האָט ער זיך טיעף פאַרטאָן אין דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים", אויף וועלכען ער האָט, מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, פערפאַסט א זעהר וויכטיגען פירוש, מיט'ן נאָמען „גבעת המורה", און צוליעב דעם האָט ער זיך א נאָמען געגעבען מיימון, ווייל דאָס איז געווען דעם רמב"ם'ס פאַמיליען נאָמען.

אין יענע צייטען האָט זיך אין די סלאווישע לענדער אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען דער נייער דרך החסידות, פון וועלכען ר' ישראל בעל שם איז געווען דער גרינדער. אין דיעזע יונגע יאָהרען ווען ער איז נאָך געווען אין דער ליטא, האָט זיך מיימון שטארק אינטערעסירט מיט'ן חסידיזם און ער האָט דאמאָלס געלערנט א סך קבלה. ער איז אויף איין מאָל געווען אויף א באזוך אין מעזשריטש, ביי'ם גרויסען חסידישן רבי'ן ר' בער, דעם בעל שם'ס תלמיד און נאָכפאָלגער. אין זיין אייגענער לעבענסבאַשרייבונג באשרייבט מיימון דעם רבי און זיינע חסידים. ער אונטערוואַרפט דעם גאנצען דרך החסידות אונטער א זעהר שאַרפער קריטיק, און זאָגט איהר אָב א לאנגע און לעבענס־טהעטיגע צוקונפט, ווייל זי איז ניט געבויט אויפ'ן שכל, נאָר אויפ'ן געפיהל, א זאך, וואָס איז ניט קיין שטענדיגע און איז אַלעמאָל אונטערוואָרפען א סך אינערליכע און אויסערליכע אומשטענדען.

צו זיין 25טען יאָהר, ווען ער האָט זיך שוין, פון זיך אליין, אָהן א שום לעהרער, אין דעם דאמאָלס פערוואָרפענעם און פינסטערען ליטווישען שטעדטעל, געהאַט אויסגעלערנט עטליכע שפּראכען און וויסענשאַפטען, האָט ער בעשלאָסען צו פאַרלאָזען ליטא, און זיך אוועקצולאָזען קיין דייטשלאנד, וואָס האָט דאמאָלס געשם'ט פאַר דאָס איינציגע לאַנד פון בילדונג און אויפקלעהרונג, כדי דאָרט צו שטודירען מעדיצין, נאַטור־וויסענשאַפטען און איבערהויפּט פילאָזאָפיע.

אָרעם און נאַקעט איז ער, בגנבה, אוועק פון זיין ווייב און קינדער, און ער האָט פאַר א לענגערע צייט געוואַנדערט צופוס, ביז עס איז איהם דאָך געלונגען זיך צו דערשלאָגען קיין קעניגסבערג.

ווען ער האָט איינגעזעהן, אז ער קען דאָרט ניט אויפגענומען ווערען אין דער אוניווערזיטעט, איז ער אוועק קיין פּויזען, וואו דער רב, דער גרויסער גאון ר' הירש חריף, האָט איהם פאַר זיינע אונגעוויינליכע גרויסע אידישע ידיעות אין אָנהויב שטארק מקרב געווען. ער האָט אבער, צוליב זיינע פרייע געדאנקען און נאָך פרייערע מעשים, די שטאָדט געמוזט באלד פערלאָזען.

אין בערלין האָט איהם דער באַ־

ריהמטער אידישער פילאזאף משה מענ־
דעלסאָן זעהר פיעל געשטיצט. אין א קור־
צער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט
רעדען ריכטיג די דייטשע שפּראך און
און אזוי גוט אין איהר שרייבען, אז ער
איז באלד אימשטאנד געווען צו שרייבען
דייטשע פילאָזאָפישע אבהאנדלונגען.

זיין ציעל אריינצוטרעטען אין א אוני־
ווערזיטעט האָט ער קיינמאָל ניט דער־
גרייכט. ער האָט שטענדיג געפיהרט א
זעהר ניט־רעגעלמעסיגען לעבען און האָט
זיך ניט געקענט צופּאסען צו א סטודענ־
טישען לעבען. עס האָט איהם דערצו גע־
פעהלט די נויטיגע גערולד און אויסדויער.

ער האָט ארויסגעגעבען מעהרערע זעהר
וויכטיגע פילאָזאָפישע ווערק, און אויף א
קריטיק אויף די ווערק פון דעם וועלט־
בעריהמטען דייטשען פילאָזאָף עמנואל
קאַנט. דער פילאָזאָף האָט אָבער אויף איהם
דערפאר קיין פאראיבעל ניט געהאט, און
ער האָט צו מענדעלסאָנ׳ען געשריבען, אז
קיינער האָט איהם ניט אזוי גוט פארשטאַ־
נען און אויפגעפאסט זיינע געדאנקען, ווי
אָט דער ליטווישער איד מיימון, וועלכער
האָט זיך ערשט איצט אויסגעלערנט
דייטש שרייבען.

ער איז זיין גאנצען לעבען געווען אַן
ארעמאַן און האָט זיך קיין מאָל ניט גע־
קענט דערשלאָגען צו א תכלית. ער האָט
געלעבט פון דער הילף פון זיינע פריינד,
דארונטער פיעל קריסטען, און אויף א
גראף׳ס א גוט, אין שלעזיען, איז ער דעם
22טען נאָוועמבער, 1800, געשטאָרבען.
עס האָט געקאָסט גענוג מיה, ביז די
ברעסלוי׳ער אידען האָבען איהם געוואָלט
געבען א שטיקעל פלאץ, פאר א קבר, אויף
זייער בית עולם.

זיין אוטאָ־ביאָגראפיע (לעבענס־בע־
שרייבונג), וועלכע ער האָט אליין אָנגע־
שריבען, איז זעהר אינטערעסאנט און
איז א גרויסער בייטראג צו דער אידישער
געשיכטע, אין די סלאווישע לענדער,
אינ׳ם אכטצעהנטען יאהר הונדערט, אי־
בערהויפּט פאר דער אָנפאנגס־געשיכטע
און ענטוויקלונג פונ׳ם חסידיזם.

אויסער זיינע מעהרערע דייטשע פילאָ־
זאָפישע אָבהאנדלונגען, וועלכע האָבען א
גרויסען און שטענדיגען ווערטה, האָט ער
אויך עטליכע ספרים אָנגעשריבען אין
העברעאיש. דער וויכטיגסטער פון זיי
איז זיין פירוש אויפ׳ן רמב״ם׳ס „מורה
נבוכים“ — „גבעת המורה“; „תעלומות
חכמה“ (וועגען מאטהעמאטישע פיזיק)
און „חשק שלמה.“

דער לעצטער ספר „חשק שלמה“, איז
איינגעטהיילט אין פיער הויפּט־אָבטיי־
לונגען: „מעשה ניסים“ (וועגען די „י״ב
דרשות“ פון רבינו ניסים); „עבד אברהם“
(וועגען דעם אבן עזרא׳ס פירוש אויף
תורה און תהילים); „מעשה לבנת הספיר“
(פילאָזאָפישע און מעטאפיזישע באטראכ־
טונגען) און „מעשה חושב“ אויף אל־
געברא).

הערמאַן קאָהען.

געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאנד,
דעם 4טען יולי, 1842. שוין אין זיינע
יונגע יאָהרען האָט ער געמאכט די פילאָ־
זאָפיע פאר זיין לעבענס־שטודיום. צו
זיין 21טען יאָהר איז ער געוואָרען „פּריי־
וואט דאָצענט“ (געהילפס־פּראָפעסאָר)
אין דער אוניווערזיטעט אין מארבורג, 4
יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען א פולער
פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע. דאָס איז
דאמאָלסט געווען אַן אויסעראָרדענטליכע
פּאסירונג. אויסער דעם וואָס ער איז
געווען יונג, האָט די דייטשע רעגירונג
זעהר זעלטען ערלויבט א אידען ווערען
פּראָפעסאָר, סיידען ער האָט זיך פריהער
גע׳שמד׳ט.

קאָהען איז געווען פערעכענט פאר׳ן
בעסטען קענער און אויסטייטשער פון
דער קאנט׳שער פילאָזאָפיע און ער האָט

וועגען דעם פערפאסט מעהרערע וויכטיגע ביכער.

ער איז אויך ביז צו זיין טוידט — אפריל 19, 1918 — פארבליבען א פרומער איד. ער האט אויך וועגען דער אידישער וויסענשאפט פארעפענטליכט מעהרערע ביכער.

דער לעצטער אידישער פילאזאף, וועלכער געפינט זיך נאך איצט צווישען די לעבעדיגע, איז

אנרי בערגסאן,

ער שטאמט פון א אידישער פאמיליע פון פוילען. זיין עלטער־זיידע איז געווען דער באוואוסטער פראגא־ווארשאווער גביר און גרויסער בעל־צדקה, ר' שמואל זביטקאווער (בערקסאן). אנרי איז געבארען געווארען, אין פאריז, דעם 18טען אקטאבער, 1859, און איז איצט פראפעסאר פון דער בארימטער פאריזער אוניווערזיטעט.

ער איז איצט אנערקענט פאר'ן גרעסטען פילאזאף פון היינטיגען דור. ער האט אנגעשריבען פיעל וויכטיגע פילאזאפישע ביכער, און אלע זיינען זיי איבערזעצט אין א סך אייראפעאישע שפראכען. דערהויפט זיינען בעריהמט זיינע ביכער „קריאייטיוו עוואלושאן", „טיים ענד פרי וויל" און „מעטער ענד מעמארי".

כאטש עס איז ניט בעוואוסט, אויב בערגסאן איז אימשטאנד צו שעפען מיט זיין אייגענעם כח פון די אידישע קוועלען, זעהט מען דאך אבער זייער איינפלוס גענוג ארום פון זיינע אלע פילאזאפישע אבהאנדלונגען.

לעאן פינסקער דר. הערצל'ס פארלויפער

דעם 21 דעצעמבער פון פארגאנגענעם יאהר איז געווארען 30 יאהר, ווי עס איז אין אדעס געשטארבען דער בעריהמטער אידישער כלל־טהוער און ציוניסטישער פיהרער, דר. יהודה לייב (לעאן) פינסקער, וועלכער ווערט מיט רעכט גערופען „דער פארלויפער פון דר. הערצל", ווייל נאך מיט א פופצעהן יאהר בעפאהר איהם, באלד נאך די רוסישע פאגראמען, פון'ם יאהר 1881, האט ער ארויסגעגעבען זיין וויכטיגע בראשורע „אויטא־עמאנציפאציאן", אין וועלכער ער בעווייזט דאס די הילף פאר'ן אידישען פאלק ליגט נאר בלויז אין זיין אייגענע הענט און אויב די אידען וועלען באמת וועלען, קענען זיי צוריק ווערען א זעלבסטשטענדיגעם פאלק, אויף זייער אייגען לאנד.

לעאן פינסקער איז געבוירען געווארען דעם 24טען דעצעמבער, 1821. זיין פאטער איז געווען דער בעריהמטער געלעהרטער ר' שמחה פינסקער, וועלכער האט זיך פארשאפט א גרויסען נאמען אלס אידישער אלטערטומס־פארשער, דורך זיינע זעהר וויכטיגע ספרים „לקוטי קדמניות" און „מבוא אל הנקוד האשורי או הבבלי". דער יונגער פינסקער האט אויסשטודירט מעדיצין, אין דער מאסקווער אוניווערזיטעט, און האט זיך באזעצט אין אדעס, וואו ער איז געווארען שטאדטישער שפיטאל־דאקטאר און האט באלד באקומען א גרויסען נאמען.

אין די זעכציגער יאהרען האט לעאן פינסקער זיך פיעל אפגעגעבען מיט אידישע כלל־טהועריי און ער איז געווען

איינער פון די וויכטיגסטע פאַרשטעהער פון דער השכלה־באוועגונג צווישען די רוסישע אידען. אָבער נאָכ'ן ערשטען פּאָגראָם אין אָדעס, אין'ם יאָהר 1872, האָט ער כמעט אין גאַנצען אויפגעגעבען זיין קהל'שע טהעטיגקייט. ער האָט אין גאַנצען פאַרלאָרען זיין צוטרויען פאַר א בעסערער אידישער צוקונפט.

ערשט די גרויסע פּאָגראָמען, פון די יאָהרען 1881 און 1882, האָבען איהם ווידער צוריקגעבראַכט צו זיין פאָלק און ער איז געוואָרען אַן אמת'ער, באוואוסטזיניגער נאַציאָנאַלער איד. אונטער ־עם פסעוודאָנים „איין רוסישער יודע", האָט ער אין'ם יאָהר 1882, אין בערלין, ארויסגעגעבען זיין דייטש־געשריבענע בראָשורע „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן", וועלכע האָט אָנגעמאַכט א זעהר גרויסען רושם איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, און זייט דאַמאָלס איז פּינסקער אנערקענט געוואָרען אַלס פיהרער פון די רוסישע ציוניסטען, („חובבי ציון").

ווען עס איז אין קאַטאָוויץ, אין 1884, אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער ציוניסטישער צוזאַמענפאָהר, איז פּינסקער געווען דער פּאָרזיצענדער, און אז עס איז, אין 1890, געגרינדעט געוואָרען אין אָדעס די אַלגעמיינע רוסישע „חובבי־ציון", איז פּינסקער, ביז צו זיין טויט, געווען איהר פאָרשטעהער.

די איצטיגע באַפעלקערונג פון פוילען

דער הויפּט־סטאַטיסטישער אמט האָט פּובליקירט די דערווייליגע רעזולטאַטען פון דער פאָלקס־צעהלונג אין פוילען. די צאָהל פון דער באפעלקערונג איז פאָלגענדע:

ווארשא 931,176. ווארשעווער וואָיעוואָדסטווע 2,111,165. לאָדזשער וואָיעוואָדסטווע 2,256,655. קיעלצער וואָיעוואָדסטווע 2,537,127. לובלינער וואָיעוואָדסטווע 2,090,040. ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטווע 1,295,086. נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדסטווע 1,296,417. פּאָליעסיער וואָיעוואָדסטווע 865,035. וואָהלינער וואָיעוואָדסטווע 1,151,511. פּויזנער וואָיעוואָדסטווע 1,970,822. פּאָמאָרזשער וואָיעוואָדסטווע 941,461. קראָקויער וואָיעוואָדסטווע 1,986,055. לעמבערגער וואָיעוואָדסטווע 2,724,327. סטאַניסלאַוואָווער וואָיעוו. 1,334,630. טאַרנאָפּאָליער וואָיעוו. 1,419,355. ציעשינער וואָיעוואָדסטווע 145,241.

די אַלגעמיינע צאָהל פון דער באַפעלקערונג באַטרעפט 25,406,103. די ריכטיגע צאָהל איז אָבער גרעסער, ווייל מען דאַרף זיך רעכענען דערמיט וואָס עס איז מסתמא עפּעס דורכגעלאָזט געוואָרען, און אויסער דעם געהט אין די דאָזיגע ציפפער ניט אריין די צאָהל פון די פּערזאָנען וואָס זיינען פאַרשריבען געוואָרען דורך דער מיליטערישער מאַכט.

די פאָלקס־צעהלונג האָט אויך ניט אריינגענומען די טהייל פון אויבער־שלעזיען, וועלכע איז אנערקענט געוואָרען פאַר פוילען און וועלכע האָט אין יאָהר 1919 געהאַט 980,296 איינוואוינער.

ערשטע הילף :: וואָס צו טהאָן איידער דער דאָקטאָר קומט.

פון דר. ב. דובאָווסקי.

דער בעסטער כלל איז זיך אליין ניט צוקורירען. פיעלע מענשען פארנאכלעסיגען ערנסטע קראנקהייטען און באצאָהלען אָפט זעהר טהייער פאר א פארזוך זיך אליין צו דאָקטאָרען אָדער צו פאָלגען די עצות פון גוטע פריינד אָנשטאָט צו געהן צו א דאָקטאָר ווען מען פיהלט זיך ניט געזונד.

אפילו אין קליינינקייטען, ווי לייכטע וואונדען, איז בעסער צו קריגען בעהאנדלונג פון א דאָקטאָר אָנשטאָט אָנצוווענדען באבסקע רפואות. עס זיינען אָבער דאָ צייטען ווען א מענש מוז וויסען וואָס צו טהאָן איידער דער דאָקטאָר קומט, ווען עס איז אונמעגליך צו ווארטען אויפ'ן דאָקטאָר. אָט אין אזעלכע פּעלע מוז יעדער מענש האָבען כאָטש א שוואכען באגריעף וועגען דעם וואָס ער דארף און וואָס ער טאָר ניט טהאָן. למשל:

ווען א מענש חלש'ט.

ווען איינער חלש'ט ווערט זיין מארך בלוט ארעם. צייטווייליג ווערט זיין הארץ צו שוואך צו פּאָמפּען א גענוגענדע מאָס בלוט צום קאָפּ. דאָס געזיכט ביי אזא מענשען ווערט בלאס, און אויך דער מארך ווערט „בלוט־לאָז." אָהן בלוט קען דער מארך ניט ארבייטען און דארום פארלירט אזא מענש דעם באוואוסטזיין.

לעגט אזא מענשען אויף א זאָפא אָדער אויף דער ערד מיט דעם קאָפּ עטוואס נידריגער ווי די איבעריגע טיילען פון קערפּער. דאָס איז כדי דאָס בלוט זאָל קענען לייכטער פליסען צום קאָפּ. שפּילעט אָפּ דעם קאָלאר אָדער קאָרסעט און אלע ענגע קליידער פון גע'חלש'טען. שפּריצט א ביסעל קאלטעס וואסער אין זיין געזיכט, און ווען ער וואכט אויף גיט איהם א לעפעל „אראמאטיק ספּיריטס אָוו אמאָניא" אין א האלבע גלאָז וואסער. ווען דער גע־חלש'טער ערוואכט זעצט איהם ניט גלייך אויף, לאָזט איהם ליגען און זיך אָפּרוהען.

ווען מען בריהט זיך אָפּ. עס זיינען דאָ פארשיעדענע גראדען אָפּבריהען זיך. א לייכטער בריה איז ווען בלויז די הויט ווערט רויט. אן עטוואס ערנסטערער בריה איז ווען פּוזירען לויפען אויף אָדער די הויט ווערט טאקי ערנסטער באשעדיגט. א נאך ערנסטערער בריה איז ווען אויך דאָס פליש אונטער דער הויט ווערט באשעדיגט.

א פּשוט'ער בריה קען אָפט פיהרען צו ערנסטע רעזולטאטען און דערפאר איז נויטהיג אין יעדען פאל זיך לאָזען בעהאנדלען פון א דאָקטאָר. אָבער איידער דער דאָקטאָר קומט, און באלד ווי מען בריהט זיך אָפּ איז גוט צוצולעגען טיכער איינגענעצט אין ווארעמע וואסער אין וועלכע מען האָט אויפגעלעזט בייקארבאָנעט אָוו סאָדא, אָדער ליים וואסער מיט פּשוט'ע אויל געמישט. א גוט מיטעל צו פארהיטען עס זאָלען ניט אויפלויפען פּוזירען איז, מען זאָל צולעגען צו דער אָפּגעבריהרטער הויט טיכער איינגענעצט אין אן אויפלעזונג פון „פּיקריק עסיד," וואָס מען קען קריגען אין יעדע דראָג סטאָר. פּיקריק עסיד גיט א געלען קאָליער צו דער הויט וואָס פארגעהט ניט א לענגערע צייט. דערפאר אָבער שטילט

עס די שמערצען און פארהיט פון בליס־טערס (פוזירען).

פאר יעדע וואונד. א וואונד איז אירגענד וועלכע באשעדיגונג פון קערפער. א פארמאכטע וואונד איז אזא ביי וועלכע די הויט איבער דעם פארוואונדעטען פלאץ איז ניט באשעדיגט. אן אפענע וואונד איז אזא ביי וועלכע די הויט איז באשע־דיגט.

די געפאהר פון יעדע אפענע וואונד איז דאס מיקראבען זאלען זיך אריינכאפען און פאראורזאכען אן ענטצינדונג.

יעדע אפענע וואונד דארף דארום באשיצט ווערען פון מיקראבען. דאס קען געטהאן ווערען דורך אפוואשען דעם באשעדיגטען פלאץ מיט:

פעראקסייד אוו היידראזשין,
אדער, באריק עסיד וואסער
אדער 70 פראצענט אלקאהאל
און נאכהער פארבינדען מיט א
שטיקעל סטעריליזירטע מער־
ליע,

וואס מען קען קריגען אין יעדען דראג סטאר.

יאד, „טינקטשור אוו אייאדין" איז א גוטעס מיטעל צו טויטען מיקראבען, מען דארף דאס אבער ניט געברויכען אויף א נאסען פלאץ, ספעציעל ווען מען פארבינדט עס נאכהער מיט א באנדאזש. אנשמירען דיק מיט יאד אויף אן אפענע וואונד און נאכהער פארבונדען מיט א באנדאזש קאן פאראורזאכען א כעמישע בראנד וואונד.

באשמירען מיט יאד אויף א פלאץ וואו די הויט איז ניט באשעדיגט, ווי מאנכע טהוען דאס, איז נוצלאז.

ווען מען שניידט זיך איין. די אל־געמיינע בעהאנדלונג פון אפענע וואונדען באשטעהט אין אפשטעלען און פארהאלטען דעם בלוט פארלוסט, פארבינדען די וואונד, און שיקען נאך א דאקטאר.

אויב די וואונד איז א לייכטע איז די גלייכסטע זאך צו פארבינדען דעם פאר־וואונדעטען פלאץ מיט א שטיקעל סטערי־ליזערטע מערליע. דאס העלפט צו פאר־האלטען דאס בלוט און צו באשיצען די וואונד.

מאנכע ראטהען צוזאמענצודריקען די ארטעריען העכער פון דעם פארוואונדעטען פלאץ, אבער דער וואס ווייסט ניט גענוי וואו און ווי שטארק צו דריקען קען פאר־אורזאכען מעהר שאדען ווי נוצען. א שטיקעל סטעריליזירטע מערליע און שטארק צו בינדען איז דאס לייכטסטע און בעסטע מיטעל.

אויפהויבען דעם פארוואונדעטען פלאץ העכער פון הארצען העלפט אפט־מאל דורך דעם וואס דאס בלוט מוז דאן פליסען בארג ארויף און עס האט מעהר צייט פארגליווערט צו ווערען. שטארק הייסע אדער שטארק קאלטע קאמפרעסען העלפען אפשטעלען דאס בלוטען, אבער לעבליכע קאמפרעסען העלפען נאך צו פאר־גרעסערען דעם פלוס פון בלוט.

בלוט פון נאז. אין די אינערליכע וועגט פון נאז געפינען זיך פיעלע בלוט רעהרען, און ווען איינע פון דיעזע רעהרען ווערט באשעדיגט געהט בלוט פון נאז.

בלוט פון נאז איז אפטמאל איינער פון די ערשטע סמנים פון אן ערנסטע קראנק־הייט, ווי טייפויד פיבער צום ביישפיעל. מאנכע מענשען וועלכע האבען א צו הויכען בלוט דרוק ליידען אפט פון נאז בלוטונג. אבער אין אזא פאל איז בלוטען פון נאז נוצליך, ניט שעדליך עס דיענט ווי א „סייפטי וואלוו," און פארהיט עס זאל ניט פלאצען א בלוט רעהר אין מארך. (אפא־פלעקציע) עס איז דארום ניט ראטהזאם אפצושטעלען אזא בלוטען פון נאז ביז דער באטרעפענדער פערזאן האט פארלוירען א היבשע מאס בלוט.

אָבער אין די געוועהנליכע פעלע פון נאָז בלוטונג איז גלייכער אָפּצושטעלען דאָס בלוטען פון נאָז וואָס שנעלער. און דאָס קען געטהאָן ווערען דורך ארייננלעגען א שטיקעל וואַטע אין דער זייט פון נאָז פון וואַנען דאָס בלוט קומט און צודריקען די זייט פון נאָז. דאָס קען פארגליכען ווערען צו דעם פאַל פון א אָפענע וואונד, צו וועלכע מען לעגט צו סטעריליזירטע מערליע און מען פאַרבינדט עס. ניט קענענדיג באנדאזשירען אין דער נאָז דאַרף מען צודריקען מיט'ן פינגער. אָפטמאָל איז נויטהיג אין גאנצען צו פארשטאָפּען ביידע נאָז לעכער מיט מערליע איידער דאָס בלוטען הערט אויף. אין אזא פאַל איז גלייכער צו שיקען נאָך א דאָקטאָר.

קאַלטעס וואסער אָדער קאַלטע קאָמפּרעסען צום נאַקען שאַדען ניט אין אזא פאַל, אָבוואָל קיינע נוצען ברייננען זיי אויך ניט. אָבער אָנבויגען דעם קאָפּ אונטער דעם קראַן וואסער איז שעדליך וויל דאָס איינבויגען דעם קאָפּ ברייננט מעהר בלוט צו דער נאָז און פארגרעסערט דאָס בלוטען.

ווען עטוואָס פאַלט אריין אין אויג.

די מעהרסטע מענשען ווען עס פאַלט עטוואָס אריין אין זייערע אויגען, פאַנגען זיי גלייך אָן צו רייבען די אויגען, אין א פארזוך ארויסצוטרייבען דעם אונגעבעטענעם גאַסט. דאָס איז דאָס ערגסטע וואָס זיי קענען טהאָן. אונטער קיינע אומשטענדען טאָר מען ניט רייבען דאָס אויג. אנשטאָט ארויסצוטרייבען דעם אונגעבעטענעם גאַסט רייבט מען איהם נאָך טיעפער אריין אין די זעהר פיינע געוועבען פון די אויגען זעקלעך און מען מאַכט דערמיט נאָך שווערער איהם ארויסצוקריגען פון דאָרטען.

אין די מעהרסטע פעלע געפינט זיך דאָס שטיקעל שטויב, אָדער קויהל, הינטער דער אויבערשטער אויגען דעקעל. וואָס מען דאַרף דארום טהאָן איז אָנעהמען די וויהע (האָר) פון אויבערשטען אויגען דעקעל און עס ארונטערציהען ווי ווייט נור מעגליך איבער דעם אונטערשטען אויגען דעקעל. ווען מען לאָזט עס דאן אָפּ און דאָס אויבערשטע אויגען דעקעל געהט צוריק אויף איהר פּלאַץ, רייבט זיך די אינערליכע הויט פון אויבערשטען אויגען דעקעל איבער די האָר פון אונטערשטען אויגען דעקעל, און אין פיעלע פעלע נעהמען די האָר ארונטער דעם פרעמדען געגענשטאַנד.

אויב נאָך איניגע מאָל פּרובירען דיעזען מיטעל געלינגט עס דאָך ניט צו באַפרייען דאָס אויג פון'ם אונגעבעטענעם גאַסט, דאַרף מען איבערקעהרען די אויגען דעקעלעך און אויסגעפינען וואו דיעזער פרעמדער געגענשטאַנד געפינט זיך. דאָס דאַרף געטהאָן ווערען אויף פאָלגענדען אופן :

צוערשט דאַרף מען ארונטערציהען דאָס אונטערשטע אויגען דעקעל און זעהן צו דער פרעמדער געגענשטאַנד געפינט זיך ניט דאָרטען. דאָס איז זעהר לייכט צו טהאָן, אָבער אין די מעהרסטע פעלע געפינט זיך דאָס, וואָס איז אריינגעפאַלען אין אויג הינטער דעם אויבערשטען אויגען דעקעל. אין דיעזען פאַל דאַרף מען דעם באַטרעפענדען פערזאָן אַוועקזעצען און איהם הייסען לייכט אויסבויגען דעם קאָפּ הינטערוויילעכס. דער וואָס וויל ארויסנעהמען דעם פרעמדען געגענשטאַנד שטעלט זיך הינטער יענעם פערזאָן. און מיט'ן גראָבען און ציינג פינגער פון איין האַנט נעהמט ער אָן די וויהע (האָר) פון אויבערשטען אויגען דעקעל. דעם פאַציענט הייסט מען „קוקען ארונטער,“ און ארונטערציהענדיג עטוואָס דאָס אויבערש־

טע אויגען דעקעל איז לייכט דאָס איבערצוקעהרען איבער דעם שפּיץ פון א פינגער, א צינד העלצעל (מעטש) אָדער א בליישטיפט.

אויף אזא אופן קען מען זעהן די אינוועניגסטע הויט פון אויבערשטען אויגען דעקעל, און אין די מעהרסטע פעלע איז לייכט צו זעהן דעם פרעמדען געגענשטאַנד וואָס געפינט זיך דאָרטען.

איידער מען טהוט דאָס דארף מען פריהער אָנגרייטען א שטיקעל וואטע, (קאטען) ארומגעוויקעלט אויף א דין שטעקעל, אָדער א ריינע טיכעל מיט דיעזער וואטע, אָדער מיט א שפּיץ פון א זעהר ריינע האַנד טיכעל קען מען אָפּווישען דאָס שטיקעל שטויב אָדער קויהל פון דער הויט.

עס איז ראטהזאם דאָס נאָכדעם ווי דאָס אויג איז שוין פריי פון פרעמדען געגענשטאַנד צו באָדען דאָס אויג אין באָריק עסיד וואסער, (א טהע לעפעלע באָריק עסיד צו א גלאָז וואסער).

אין פאַל דאָס שטיקעל שטויב געפינט זיך ניט אויף דער הינטערשטער הויט פון די אויגען דעקלעך, נור איז איינגעגראָבען אין אויג זעלבסט, מוז מען געהן צו א דאָקטאָר ער זאָל דאָס ארויסנעהמען. א געוועהנליכער פערזאָן ניט א דאָקטאָר, קען אָפטמאָל פאראורזאכען אן ערנסטע וואונד אין אויג מיט זיין פערזוך ארויסצוקאַלופּען א פרעמדען געגענשטאַנד פון אויג.

פראָסט בים. א פערזאָן וועלכער קען ניט פארליידען קיין פיעל קעלט דארף אכטונג געבען אויף זיך ספּעציעל אין די קאַלטע טעג. אויב די פיס ווערען איהם לייכט געפרוירען, דארף ער טראָגען וואָלענע זאָקען און ברייטע שיך. ער דארף אויך באשיצען זיינע הענד און זיינע אויערען געגען דער קעלט. אויב זיינע פינגער ווערען לייכט געפרוירען דארף ער זיי וואשען יעדען טאָג מיט קאַלטעס וואסער, זיי אָפּווישען און דאן באשמירען מיט א לינימענט וואָס באשטעהט פון איין טייל יאָד (אַיאָדין) צו צוויי טיילען זייף לינימענט. די עסקימאָסען און די אינדיאַנער געברויכען טוירפּענטין־אויל אין אזא פאַל.

ווען איינער האָט זיך שוין אָפּגעפרוירען א האַנד, א פוס, די פינגער, אָדער די אויערען, דארף ער זיך היטען ניט ארייגצוקומען צו שנעל אין א ווארעמען פּלאַץ און ניט פּרובירען אָנווארעמען די אָפּגעפרוירענע טייל פון קערפּער געבען אן אויוועז. אזא האַנדלונג קען פיהרען צו „גענגרין,“ דאָס פוילען פון די אָפּגעפרוירענע טייל פון קערפּער.

די בעסטע בעהאַנדלונג איז צו רייבען די אָפּגעפרוירענע טייל מיט שנעע, אָדער שטאַרק קאַלטעס וואסער. ווען דאָס בלוט פאַנגט ווידער אָן צו צירקולירען דורך די בלוט רעהרען אין דעם אָפּגעפרוירענעם טייל פון קערפּער מעג מען געברויכען וואַרעמע וואסער, דאן דארף מען אָפּווישען די הויט, באשמירען מיט „וועזעלין דזשעלי“ אָדער מיט באָריק עסיד זאַלב און ארומבינדען די טייל פון קערפּער מיט א באַנדאַזש.

קאָנוואולסיעס. עס זיינען דאָ פאַרשיעדענע סאָרטען קאָנוואולסיעס. די פאַליגע קראנקהייט (עפּילעפּסי) פאראורזאכט קאָנוואולסיעס, א וואונד אין קאָפּ קען פאראורזאכען קאָנוואולסיעס, פאַרשיעדענע קראַנקהייטען, ווי נירען קראַנקהייט, סיפיליס, אָדער אַלקאָהאָליזם (שכרות) קען פאראורזאכען קאָנוואולסיעס. קינדהער ליידען גאַנץ אָפט פון קאָנוואול־

סיעס, סטריכנין פארגיפטונג פאראורזאכט קאַנוואולסיעס, און עס זיינען אויך דאָ היסטערישע קאַנוואולסיעס וואָס מען באַגעגענט אם מעהרסטען ביי פרויען און מיידלעך וועלכע זיינען אויסגעמאַטערט, פארהונגערט, אָדער וועלכע ליידען פון בלוט ארמוטה.

עס זיינען דאָ געוויסע סמנים לויט וועלכע מען קען דערקענען די פארשיעדענע פאָרמען פון קאַנוואולסיעס. אָבער דער דורכשניטליכער מענש וועלכער איז ניט בעקאַנט מיט די פארשיעדענע קראַנקהייטען וועלכע פיהרען צו קאַנוואולסיעס דאַרף זיך ניט אונטערנעהמען צו אונטערשיידען צווישען זיי.

וואָס צו טהאָן.

דאָס ערשטע דאַרף מען גלייך שיקען נאָך א דאָקטאָר. איידער הער דאָקטאָר קומט דאַרף מען לויז מאַכען די קליידער פון קראַנקען. מען דאַרף אָפּשפּיליען זיין קאָלנער, דעם ראָק און דעם הויזען־פּאַס, אָדער דעם קאָרסעט אין'ם פאַל פון א פרוי. מען דאַרף אויך פארהיטען דער קראַנקער זאָל זיך ניט פארוואונדען דעם קאָפּ און ניט איינבייסען זיין צונג.

א וואונד אין קאָפּ קען פארהיט ווערען דורך אונטערלעגען דעם קראַנקען צוקאָפּענס א קישעלע, אָדער א צונויפגעלעגטען ראָק. צו פארהיטען ער זאָל ניט בייסען זיין צונג דאַרף מען ארומוויקלען א ריינע טיכעל ארום א בליישטיפט אָדער ארום אירגענד וועלכען גלאַטען און דינעם שטיקעל האָלץ און דאָס ארייננרוקען צווישען זיינע צייהן. דאָס וועט פארהיטען ער זאָל ניט קענען צומאַכען דאָס מויל און ניט בייסען זיין צונג.

אין קאָנוואולסיעס פון קליינע קינדער איז אָפּטמאָל גוט צו געבען א הייסע מאָסטארד (זענפט) וואנע, און א קליסטיר פון ווארעמע וואסער און זייף איידער דער דאָקטאָר קומט.

היץ ערשעפּונג און זונען שטיך.

אין פערלויף פון די הייסע זומער מאָנאַטען קען מען זעהר אָפט לעזען אין די צייטונגען דאָס א געוויסע צאָהל מענשען זיינען געפאַלען אין די גאַסען פון א זונען־שטיך און א נאָך א גרעסערע צאָהל מענשען זיינען קראַנק געוואָרען פון היץ.

היץ קרבנות ווערען צוטיילט אין צוויי קלאַסען: אין איין קלאַס געהן אריין די וואָס ווערען ערשעפּט פון היץ, בעקערס, לאַונדרי לייט, פּרעסערס און אלע די וועלכע זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אין א הייסע אַטמאָספערע, פיהלען זיך שרעקליך אָפּגעשוואַכט אין די הייסע טעג. די היץ פון זייער קערפּער וואָס דאַרף אויסשטראַהלען קען ניט אויפגענומען ווערען אין דער ארומיגער נאָך הייסערע לופט. די היץ פון זייער קערפּער זאַמעלט זיך אָן און פּאַראַליזירט דעם מעכאַניזם וואָס רעגולירט די קליינע בלוט רעהרען פון קערפּער און די אָרדנונג פון דער גאַנצער בלוט צירקולאַציאָן פון קערפּער ווערט דורך דעם געשטערט. דער מענש פיהלט זיך זעהר אָפּגעשוואַכט. דער קאָפּ טהוט איהם וועה, פאַר די אויגען ווערט איהם טונקעל, עס איבעלט איהם און אָפטמאָל ליידעט ער אויך פון דייעריהע (שלשול).

דיעזע סמנים ווערען וואָס אמאָל שטאַרקער. אנשטאַט הייס, פאַנגט אָן דער פּאַציענט צו פיהלען קאַלט. זיין הויט ווערט קאַלט און קלעפּיג, זיין טעמפּעראַטור, אנשטאַט צו זיין הויך, ווערט נידריגער ווי ביי א נאָרמאַלען מענשען. זיין פּולס ווערט זעהר שוואַך און אין מאַנכע פעלע פּאַרלירט ער דעם באַוואוסטזיין.

אין אזא פאל דארף מען דעם קראנקען וועקנעהמען פון'ם הייסען פלאץ אין וועלכען ער געפינט זיך. אויב מעגליך, דארף מען איהם אריינלעגען אין בעט אין א קיהלען, לופטיגען צימער. די קליידער וואס ער האט געטראגען ווען ער איז קראנק געווארען דארף מען איהם אויסטהאן, און די קליידער וואס מען טהוט איהם אן דארפען זיין לויז און ניט שטערען זיין אטהעמען אדער זיין בלוט צירקולאציע. קאלטע קאמפרעסען צום קאפ און הייסע פלעשער וואסער צום קערפער העלפען צוריק ברייגגען די נארמאלע טעמפעראטור.

אין צווייטען קלאס געהן אריין די, וועלכע ליידען פון זונען שטיך. דאס זיינען מענשען וועלכע ארבייטען שווער און געפינען זיך דירעקט אונטער די זונען שטראהלען, ווי צום ביישפיעל, סאלדאטען וועלכע מארשירען אין א הייסען זוניגען טאג, א ווייטע שטרעקע מיט היבשע פעקלעך אויף די פלייצעס.

אזא קרבן קען פאלען פלוצלונג באוואוסטלאז און שטארבען. אין א געוועהנליכען פאל פון זונען שטיך הערט דער פערזאן פלוצלונג אויף צו שוויצען. דער קאפ פאנגט איהם אן וועה צו טהאן, אין די אויגען ווערט פינסטער, עס איבעלט איהם, און אין מאנכע פעלע ברעכט ער; דאן פאלט ער באוואוסטלאז.

דאס געזיכט פון אזא קראנקען איז פארפלאמט, די הויט איז טרוקען און הייס, די מוסקלען פון זיין קערפער ווערען שוואך און נאכגעלאזען. זיין טעמפעראטור איז זעהר הויך, זיין פולס איז זעהר שנעל און פול.

אין אזא פאל פון זונען־שטיך, נאך מעהר ווי אין א פאל פון היץ־ערשעפונג, דארף מען גלייך שיקען נאך א דאקטאר, און איידער דער דאקטאר קומט, אויב דער קראנקער האט א הויכע טעמפעראטור, דארף מען איהם אריינלעגען אין א קאלטע וואנע. דאס וואסער אין דער וואנע זאל זיין ארום 80 גראד פארענהייט, און אין וואסער זאל זיך געפינען אייז. אין דער זעלבער צייט דארף מען רייבען די הויט פון'ם קראנקען מיט שטיקער אייז אום צו שאפען א בעסערע בלוט־צירקולאציאן אין דער הויט. דיעזע קאלטע באד דארף דויערען ארום 20 מינוטען צייט, אדער ביז די טעמפעראטור פון קראנקען פאלט צו 102. דער דאקטאר וועט געוועהנליך אנקומען ביי דיעזער צייט, און די ווייטערע בעהאנדלונג פון קראנקען וועט פון דאן אן זיין אונטער דער אויפזיכט פון דאקטאר.

אין פארשיעדענע נויטפעלע, וואס טרעפען אין א פאמיליע, איז די „וועזעלין", וואס איז פאבריצירט פון דער טשעסבראו מאנופעקטשורינג קאמפאניע, זעהר ניצליך און מען קאן עס קויפען אין יעדער דראג סטאר, פאר א קלייניקייט. האלט אין זינען די פאלגענדע־ליסטע:

„וועזעלין" יוקאליפטאל דזשעללי פאר פארקיהלונגען אין קאפ.

„וועזעלין" קארבאלייטעד דזשעלי פאר א ברען און א שניט.

„וועזעלין" מענטהאלייטעד דזשעלי פאר קאפוועהטאג און שמערצען אין די מוסקלען.

„וועזעלין" אקסייד אוו צינק אינמענט פאר רויהע וואונדען (סארס) און אויסשיטונגען אויפ'ן קערפער (ראשעס) א. א. וו.

Vaseline

פעטראלעאום דזשעלי

ווען איהר שניידט איין אייער פינגער אָדער איהר
האָט אַ וואונד וואָס איז שווער צו פארהיילען;
ווען די בייבי קלאפּט אָפּ די קאָפּ אָדער צוקוועטשט
די פינגערלאך; געהט צו דער נעהנטסטער סטאָר און
קויפט פאַר אַ פּאָר סענט א באָטעל „וועזעלין“ פּעט־
ראָלעאום דזשעלי, איהר וועט עס דערקענען דורך
דעם בלויען זיעגעל אויף דער דעקעל, לייגט עס צו
ווי אָנגעצייגט און איהר וועט זיין צופרידען מיט די
רעזולטאטען.

ריין און אימער זיכער, ווערט געברויכט פאַר איבער
פופציג יאָהר אין די פאַראייניגטע שטאַאטען
איהר וועט עס געפינען פאַר אן אמת'ע הויז נויט־
ווענדיגקייט.

CHESEBROUGH MANUFACTURING COMPANY

(CONSOLIDATED)

STATE STREET **NEW YORK**

די צוקער קראנקהייט

וואס יעדער ליידענדער פון צוקער קראנקהייט דארף וויסען

פון דר. ב. דובאָווסקי

(1) וואָס איז די צוקער קראנקהייט?

די שפייז וואָס מיר עסען ווערט פאר־דייעט אין אונזערע קישקעס און ווערט הורך׳ן בלוט געבראכט צום לעבער. דאָר־טען ווערט די שפייז פארוואנדעלט אין א געוויסען סאָרט צוקער, און אין דיעזער פאָרמע ווערט זי דורך׳ן בלוט צופיהרט צו די צעלען פון קערפער.

אין א נאָרמאלען צושטאנד, פארהאל־טען די נירען דעם צוקער וואָס געפינט זיך אין׳ם בלוט און די מוסקלען פאר־ברויכען דעם צוקער וואָס דער לעבער שיקט זיי דורך׳ן בלוט. אָבער אין גע־וויסע פעלע פארלירט דער קערפער די פעהיגקייט צו פארברויכען די גאנצע מאָס צוקער וואָס געפינט זיך אין׳ם בלוט, און ווען דאָס בלוט צירקולירט דורך די נירען געהט א טהייל הערפון ארוים צו־זאמען מיט די אורין. אזעלכע פעלע רופט מען „דייעביטיז" אָדער די צוקער קראנקהייט.

---

(2) איז אמת אז אידען ליידען פון דיעזער קראנקהייט מעהר ווי מענ־שען פון אנדערע נאציאָנען?

די לעצטע סטאטיסטיקס פון די גרויסע קליניקס אין וועלכע מען בעהאנדעלט טויזענדע דייעבעטיקער ציינען דאָס אי־דען ליפערען ארום פינף און זעכציג פראָ־צענט פון אלע דייעבעטיק פאציענטען. אָבער דאָס איז נאָך אלץ קיין בעוויז ניט דאָס אידען ליידען פון דיעזער קראנק־הייט מעהר ווי אנדערע נאציאָנען. עס איז זעהר מעגליך דאָס אידען קורירען זיך פון דיזער קראנקהייט מעהר ווי ניט אידען, און דארום ווארפען זיך די אידישע פאצ־יענטען אין די אויגען.

---

(3) ווי אזוי קען מען דערקענען דאָס איינער ליידעט פון דער צוקער קראנקהייט?

ווען איינער טרינקט פיעל וואסער, לאָזט פיעל וואסער און איז שטענדיג דורשטיג, ווען איינער עסט צופיעל, איז שטענדיג הונגעריג און פארלירט גע־וויכט, איז א גרויסער חשד דאָס ער ליי־דעט פון דער צוקער קראנקהייט. אָבער דער זיכערסטער סמן איז אן אונטערזו־כונג פון די אורין און דאָס בלוט פון אזא פערזאָן. אויב זיין אורין ענטהאלט צוקער, און זיין בלוט ענטהאלט מעהר צוקער ווי א נאָרמאלען מענשען׳ס בלוט דארף ענטהאלטען איז זיכער דאָס ער לייהעט פון דער צוקער קראנקהייט.

---

(4) וואָס זיינען די אורזאכען פון דער צוקער קראנקהייט?

די גענויע אורזאכען פון דער צוקער קראנקהייט זיינען ניט באקאנט. עס זיי־נען אָבער דאָ געוויסע אורזאכען וואָס העלפען ברייגגען די קראנקהייט. דיעזע זיינען: פעטקייט, עסען צופיעל קראָכ־מאל שפייז און צוקער שפייז. צופיעל זאָרג, צופיעל גייסטיגע אָנשטרענגונגען און טיילווייז ווערט אויך די קראנקהייט גע׳ירש׳נט.

---

(5) געהט די צוקער קראנקהייט אויף איבער בירושה?

ניט אין אלע פעלע. נור אין א גע־וויסע צאהל פעלע פון דייעביטיז קען מען אויסגעפינען מעהר ווי איין קראנקען אין דער זעלבער פאמיליע.

---

(6) קען מען אויסגעפינען צו איינער איז גענייגט צו קריגען די צוקער קראנקהייט?

יא. דורך א געוויסע פראבע. א נארמאלער מענש קען פארברויכען א גע־וויסע מאס צוקער מעהר ווי זיינע מוס־קולען נויטהיגען זיך אין יענעם מאמענט. אבער איינער וואס איז גענייגט צו קרי־גען די צוקער קראנקהייט קען אזוי פיעל צוקער ניט פארברויכען. א נארמאלער מענש דארף קענען פארברויכען קארגע צוויי גראמס צוקער פאר יעדע קילא (2 און א פינפטעל פונט) געוויכט פון זיין קערפער. אויב מען גיט א מענשען דיעזע מאס צוקער און אין א געוויסע צייט ארום אונטערזוכט מען זיין בלוט און זיין אורין קען מען אורטהיילען צו דער בא־טרעפענדער פערזאן קען פארברויכען די נארמאלע מאס צוקער אדער ניט.

---

(7) וואס קען טהאן א מענש וועל־כער איז גענייגט צו קריגען דייע־בעטיז?

אזא מענש דארף עסען ווייניגער קראכ־מאל און צוקער געבעקס. די מעהרסטע מענשען עסען צופיעל צוקער, און אויב א מענש וועלכער האט בלויז א נייגונג צו קריגען די קראנקהייט זאל זיך אפהיטען פון עסען צוקער און צוקער שפייזען קען ער זיך אויסהיטען פון קריגען די קראנק־הייט.

(8) קאן די צוקער קראנקהייט קו־רירט ווערען?

קורירט ווערען אזוי, אז דער קראנקער זאל מעגען עסען אזוי פיעל צוקער און קראכמאל שפייז ווי איידער ער איז קראנק געווארען, דאס קען מען ניט. אבער בריינגען דעם קראנקען צו אזא צושטאנד ער זאל האבען גענוג צו עסען און זאל דאך ניט פארלירען קיין צוקער, דורך זיין אורין, דאס קען מען יא.

---

(9) אין וואס באשטעהט די בע־האנדלונג פון דער צוקער קראנק־הייט?

ערשטענס דארף מען אויסגעפינען ווי־פיעל קראכמאל און צוקער שפייז דער קראנקער מעג עסען. דאס ווערט גע־טהאן דורך אונטערזוכען דאס בלוט און די אורין פון קראנקען אום אויסצוגעפי־נען וויפיעל צוקער ער פארלירט. דאן גיט מען איהם אזוי ווייניג שפייז ביז ער פארלירט אינגאנצען די איבעריגע צוקער, דאן גיט מען איהם וואס אמאל מעהר און מעהר שפייז, און מען עקזאמינירט יעדעס מאל זיין אורין און זיין בלוט ביז מ׳געפינט אויס די ריכטיגע מאס קראכמאל שפייז וואס ער מעג עסען. דאס איבעריגע וואס איהם פעהלט צו זיין דיעטא דארף מען גוט מאכען מיט פעטס און פראטעין (איי־ווייס שפייז).

---

(10) איז אזא בעהאנדלונג נוצליך פאר דייעבעטיקער?

אזא בעהאנדלונג וואס האלט דעם קראנקען פריי פון צוקער, פארהיט דעם קראנקען פון ערנסטע פאלגען צו וועלכע די צוקער קראנקהייט פיהרט. זי פארהיט דעם קראנקען פון קאמא (דייעבעטישע היהנער פלעט) וואס הרג׳עט א גרויסע צאהל ליידענדע פון דיעזער קראנקהייט,

און פון גענגרין, דאָס אָפּפוילען פון גלידער, און עס פארלענגערט דאָס לעבען פון ליידענדען פון דער צוקער קראנקהייט. דייעבעטיקער וועלכע ווערען געהאלטען פריי פון איבעריגע צוקער זיינען כמעט אין אלע הינזיכטען עהנליך צו געזונדע מענשען וועלכע האָבען גאָר ניט די קראנקהייט. וועהרענד דייעבעטיקער וועלכע ווערען ניט ריכטיג בעהאנדעלט און האלטען אין איין פארלירען צוקער זיינען אלע מאָל אין א געפאהר צו קריגען ערנסטע פאָלגען און לעבען געוועהנליך ווייניגער ווי נאָרמאַלע מענשען.

(11) דארף א דייעבעטיקער וויסען וועגען זיין שפּייז?

יאָ, און קיין אנדער קראנקהייט קען דער קראנקער זעלבסט אזוי פיעל ניט העלפען און קאָנטראָלירען זיין קראנקהייט ווי אין דייעבעטיז. און העלפען קען ער נור ווען ער פארשטייט די נאטור פון זיין קראנקהייט און ווי אזוי זי ווערט בעהאנדעלט. און דערצו איז נויטהיג ער זאָל זיין בעקאַנט מיט זיין שפּייז.

בולגארישע באצילען און דייעביטיז

פון דר. בן אברהם.

פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו, א גרויסער וויסענשאַפטסמאַן אין ביאָלאָגיע, און הויפּט פון בארימטען פאסטער אינסטיטוט אין פראנקרייך, (געשטאָרבען אין יאָהר 1916) איז א ן פערלויף פון זיינע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען געקומען צו דער איבערצייגונג דאָס דעם מענשען'ס לעבען ווערט פיעל פארקירצט דערפון וואָס אין זיינע קישקעס ווערען געשאפען גיפטיגע שטאָפען. דיזע שטאָפען ווערען געשאפען דערפון וואָס די איבערבלייבעכץ פון די שפּייז ווערט אויפגעלעזט דורך געוויסע מיקראָבען. אויף פראָסט אידיש מיינט עס דיא שפּייז פוילט. דיא גיפטיגע שטאָפען וואָס ווערען דאביי געשאפען ווערען איינגעזאפט אין קערפּער אין דאָס שאדעט דעם קערפּער און פארקירצט דעם מענשענס לעבען.

דיא שפּייז אין דיא קישקעס וואָלט ניט געקענט פוילען ווען עס זאָלען דאָרטען ניט זיין אזוי פיעל שעדליכע מיקראָבען. כמעט דריי פערטעל פון דעם וואָס פארלאָזט אונזערע קישקעס באשטעהט פון מיקראָבען, און וואָס לייננער די שפּייז פערבלייבט אין דיא קישקעס און ווערט אויפגעלעזט פון די מיקראָבען אלץ מעהר שעדליכע שטאָפען ווערען איינגעזאפט אין קערפּער.

א צווייטע ענטדעקונג וואָס פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו האָט געמאכט איז דאָס דיזע מיקראָבען וואָס פאראורזאכען דאָס פוילען פון שפּייז קענען ניט לעבען אין עסיד. צום ביישפּיעל, נעהמט אן אוגערקע און לאָזט זיא ליגען א לאנגע צייט. זיא וועט אָנפאנגען פוילען. דיא מיקראָבען וואָס פעראורזאכען דאָס פוילען וועלען די אוגערקע, אָדער אירגענד אן אנדער שפּייז ארטיקעל אטאקירען און וועלען מיט איהר טאָן דאָסזעלבע וואָס זיי טהוען מיט די שפּייז אין אונזערע קישקעס. אָבער איינגעזייערטע שפּייז אין עסיג וועט ניט פוילען, ווייל דיא

מיקראָבען וואָס פאראורזאכען דאָס פוי־לען קענען נים לעבען אין עטיג.

האָבענדיג דיעזע צוויי פאקטען אין זי־נען האָט פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו אָנגע־פאנגען זוכען א מיטעל וויא אזוי צו שטערען די ארבייט פון די שעדליכע מיקראָבען אין דעם מענשען׳ס קישקעס, א מיטעל וואָס זאָל קענען אריינברייננען אין די קישקעס א מילדען עסיד וואָס זאָל זיין גענוג שטארק צו שטערען דיא אר־בייט פון דיא שעדליכע מיקראָבען און אין דער זעלבער צייט נים שעדיגען דעם קערפער.

זויער מילך ענטהאלט „לאקטיק" עסיד. א עסיד וואָס קען דיענען פאר דעם אוי־בענדערמאָנטען צוועק. ווען מילך שטעהט א לענגערע צייט און עס ווערט אטאקירט פון מיקראָבען, ווערט אין דיא מילך פּראָ־דוצירט לאקטיק עסיד און די מילך ווערט זויער.

אזא זויער מילך ענטהאלט אָבער וועניג לאקטיק עסיד און דיא באצילען צוזאמען מיט זייער עסיד און דיא זויער מילך ווע־רען פארניכטעט לאנג איידער זיי גרייכען דיא טהייל פון דיא גרויסע קישקע וואו זיי זיינען אם נויטהיגסטען.

צווישען די בולגארען האָט דר. מעטש־ניקאָוו באמערקט זיינען דאָ א פאר־העלטניסמעסיג גרויסע צאָהל הונדערט־יעהריגע זקנים, וועלכע זיינען גאנץ גע־זונד און ארבייטספעהיג. דיעזע מענשען וויא מען האָט אויסגעפונען טרינקען זעהר פיעל זויער מילך, זיכער מוז זיין א וועל־כע עס איז שייכות צווישען זייער זויער מילך און זייער געזונד.

אן אונטערזוכונג פון זייער זויער מילך האָט געצייגט דאָס זיא ענטהאלט א ספּע־ציעלען סאָרט באצילען וואָס פּראָדוצירען פיעל מעהר לאקטיק עסיד וויא געוועהנ־ליכע באצילען. נאָך מעהר, דיעזע באצי־לען פון בולגארישע זויער מילך ווערען נים פערדייעט אין מאָגען, זיי קענען גרייכען די־גרויסע קישקע, און דאָרטען וואקסען, ארויסשטופענדיג און פארניכ־טענדיג דיא שעדליכע מיקראָבען.

דר. מעטשניקאָוו האָט דארום געראָ־טהען צו טרינקען נים סתם זויער מילך, נור מילך וואָס ווערט זויער דורך דיא טהעטיגקייט פון דיעזע בולגארישע באָ־צילען. צוליעב דיא אורזאכען וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען.

ווען די בולגארישע זויער מילך באצי־לען, (זיי קענען וואקסען און פּראָדוצירען לאקטיק עסיד אויך אין אנדערע נאָרהאפ־טע פליסיגקייטען אויסער מילך) קומען אריין און וואקסען אין די קישקע פון אזא מענשען העלפען זיי פארקלענערען דיא שעדליכע שטאָפען וואָס ווערען איינ־געזאפּט דורך די קישקעס און דאָס פאר־לייכטערט דיא ארבייט פון קערפער.

דאָס פארקלענערט די ארבייט פון דעם לעבער וועמען׳ס אויפגאבע עס איז אונשעדליך צו מאכען די גיפטיגע שטאָ־פען וואָס קומען פון די קישקעס, און דער לעבער קען דאן בעסער אבטונג גע־בען אויף זיין „צוקער פעקטאָרי". דאָס איז דארום א דירעקטע הילף אין דער בעהאנדלונג פון דער צוקער קראנקהייט.

דיא פראנקא אמעריקאן פוירמענט קאָמפּאני פון 225-27 זעקסטע עוועניו, מאנופעקטשורט די בולגארישע באצילען לויט דער פאָרמולא פון פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו.

דיא זעלבע קאָמפּאני מאנופעקטשורט אויך בולגארישע באצילען אין א „מעד־יום" וואָס איז פריי פון צוקער, און וועל־כע קען געברויכט ווערען פון דייעבעטי־קער. יעדער ליידענדער פון דער צוקער קראנקהייט דארף זיך באנוצען מיט דיע־זע בולגארישע באצילען פון דער פראנ־קא־אמעריקאן פוירמענט קאָמפּאני ווייל זיי וועלען איהם זיכער העלפען צו פער־לייכטערען זיין קראנקהייט.

ALLISON FLOUR

מעהל פריי פון סטאַרטש

אויב איהר ליידעט פון צוקער קראנקהייט (דייאביטיס) אָדער פון קידני (נירען) טראָבעל וועט אייער דאָקטאָר אייך וואָרנען ניט צו עסען קיינע שפּייזען וועלכע ענטהאַלטען סטאַרטש (קראָכמעל).

עלליסאָן מעהל, געמאַכט פון קאטאן סיעד (זוימען), ענטהאַלט איבער 50 פּראָצענט פּראָטעאין און דעם קלענסטען פּראָצענט קראָכמעל און צוקער אין פערגלייך מיט ווייצענע אָדער קאָרענע מעהל.

די פאָלגענדע זיינען צוויי אַנאַליזען פון עלליסאָן מעהל. געמאַכט פון די בעריהמטע צוויי אַנאַליסטישע כעמישע לאַבאָראַטאָריען:

ווענסטפיעלד סטענדערד פון שיקאַגאָ און ניו יאָרק.

פּראָטאין — — — — — — — —	44.81
אַש (מינעראַל שטאָפען) — — —	5.97
פעטס — — — — — — — — —	8.21
פייכטקייט — — — — — — — —	5.85
ניטראַדזשין — — — — — — —	7.17
קאַרבאָהיידרייטס — — — —	27.99

סאָסייעטי אָוו קעמיקעל אינדוסטרי, לאָנדאָן, ענגלאַנד.

אַלבומינאַידס — — — — —	50.40
פעטס — — — — — — — — —	8.77
אַש (מינעראַלע שטאָפען) — —	5.16
פייכטקייט — — — — — — — —	8.32
רויהע פייבער — — — — — — —	4.56
פערדייהענדע קאַרבאָהיידרייטס	22.79

עלליסאָן מעהל איז רייך אין פּראָטעאין און פריי פון סטאַרטש. פרעגט אייער דאָקטאָר וואָס דאָס מיינט פאַר אייך.

פּ. ס. טילסאָן, פון די יוסטאָן, טעקסעס לאַבאָראַטאָריען האָט אַנאַליזירט אַ סעמפּעל פון די עלליסאָן מעהל און האָט ערקלעהרט דאָס עס ענטהאַלט 64.53 פּראָצענט פּראָטעאין און פעטס, וועהרענד אַלגעמיינע ווייצענע מעהל ענטהאַלט בלויז 11.73 פּראָצענט פּראָטעאין און פעטס, פרישע אייער ענטהאַלטען 23.9 פּראָצענט, און פלייש ענטהאַלט פון 1 ביז 25 פּראָצענט פּראָטעאין און פעטס.

מען קען זעהן דערפון, דאָס קאטאן סיעד מעהל איז פינף מאָהל אזוי פיעל נאַרהאַפטיגער אַלס ווייצענע מעהל, דריי מאָהל אַזוי פיעל ווי מאָגערע רינד פלייש און פון דריי ביז דרייסיג מאָהל מעהר נאַרהאַפטיג ווי פיעלע פון די בעקאַנטעסטע און פיעל געברויכטע שפּייז־אַרטיקלען.

פון עלליסאָן מעהל קען מען באַקען די בעסטע ברויט, ביסקיטס, „דזשינדזשער סנעפּס“, א. ז. וו. דורך מישען עס מיט אַ טייל געוועהנליכע ווייצענע אָדער קאָרענע מעהל. די הויוועז ווערט אַריינגעטאָן פריהער פון געוועהנליכע מעהל און נאַכהער ווען עס האַלט אין אויפגעהן קנעט מען עס איין מיט די עלליסאָן קאטאן סיעד מעהל.

די עלליסאָן מעהל געהט געפּאַקט אין 6־פונטיגע זעקלאַך, פּרייז 50 סענט. 12־פונטיגע זעקלאַך, פּרייז 85 סענט. פּרייזען פון גרעסערע קוואַליטעטען געשיקט לויט אַנפראַגע.

פּאַרסעל פּאָסטיידזש עקסטראַ. קיינע סטעמפּס ניט אָנגענומען.

THE SCHULENBERG OIL MILL

ESTABLISHED 1882

Schulenberg, Texas

שפּייזען אבסאָלוט פריי פון קראַכמאַל און צוקער פיר

דייעבּיטיס (צוקער קראַנקהייט)

עס איז זעהר לייכט צו מאַכען אין אירגענד
היים אויסגעצייכענטע דייעבּיטישע ברויט,
מופינס, ביסקיטס, לאַטקעס, פייסטרי א. ז. וו. פון

LISTERS DIABETIC FLOUR
PREPARED CASEIN

אַבּסאָלוט קראַכמאַללאָז

זיכער פיעל בעסער ווי גלוטען, וועלכע אפילו אם בעסטען ענטהאַלט פיעל קראַכמאַל. אן אויסערגעווערהנליך באקוועהמע דייעבּיטישע מעהל, פּאַנאַנדער־וועקסענדע, צוזאַמענגעשטעלט אין איינצעלנע פּעקעדזשעס, איינעם פאַר יעדען טאָג — צוזאַמען מיט פּאָרשריפטען, וועלכע וועלען אייך צייגען ווי צו מאַכען פיעלע אנדערע געשמאַקע זאכען אויסער געשמאַקע, אַפּעטיטנע ברויט.

איין מאָנאַט'ס סופּליי $4.85 — פופצעהן טעג סופּליי, $2.75

Lister Bros., Inc., 405 Lexington Ave., New York City

קיינע דייעטס מעהר — הונגערט ניט מעהר

Only Genuine with this Trade-Mark
"Eksip"

אָט איז א וואונדערבארע נייעס

שיקט פאַר מיין פרייען בוך איבער דייעבּיטיס

עסט און ווערט געזונד

געפינט אויס וועגען עקסיפּ נאָן־דייעבּיטיק טריטמענט
לייגט ניט אָפּ צו נעהמען עקסיפּ אויב איהר האָט סימפּטאָמס פון דייעבּיטיס
שיקט גלייך פאַר א קורס אין טריטמענט

M. RICHARTZ, 220 W. 42nd St., N. Y. City

„עסט און ווערט געזונד"

עלעקטרישע ליכט בעדער $1.50

ברויזע, נאַדעל, דוש, עלעקטרישע מאַסאַזשען, מעכאַנישע טריטמענט, באַקען א. ז. וו. פאַר רהומאַטיזם, לומבאַגאָ, נערוועזיטעט, נאַריטיס און אלע אנדערע קערפּער שוואַכקייטען.

HYDRIATIC INSTITUTE

220 West 42nd St., New York — Room 505—Tel., Bryant 3560

דאָס לעבען אויף דער ערד

די ענטוויקלונג—דאָס גרונד־געזעץ פון דער וועלט.

אין די פריהערדיגע ארטיקלען איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, אז אלץ, וואָס איז ארום אונז, איז אונטערוואָרפען א שטענדיגער פארענדערונג און ענטוויקלונג (עוואָלוציע). די אסטראָנאָמיע, ס'הייסט די וויסענשאפט וועגען די הימעלשע קערפער, זאָגט אונז, אז אנשטאט דער זון, דער ערד און אלע אנדערע פלאנעטען איז אמאָל, מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק, געווען א ריזיגע נעבעל־מאסע, א תהו ובהו, וואָס איז באשטאנען פון צוגליהטע גאזען, און פון אָט דער נעבעל־מאסע האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט די זון און די פלאנעטען און אונזער ערד צווישען זיי.

די וויסענשאפט וועגען דער פארגאנגענהייט פון אונזער ערד (געאָלאָגיע) זאָגט אונז וועגען דעם, אז ימים האָבען זיך אריבערגערוקט פון זייער אָרט און אז בערג זיינען פארשוואונדען געוואָרען — קורץ, זי לערנט אונז, אז דער אויבערפלאך פון דער ערד האָט זיך כסדר פארענדערט. פארענדערט זיך נאָך און וועט זיך נאָך פארענדערען.

ווייטער זאָגט עדות די געשיכטע, אז די מלוכה, דער שטאט, און די געזעלשאפט שטעלען מיט זיך אויך ניט פאָר עפּעס וואָס פארגליווערטעס, אומבאוועגליכעס. פארקעהרט מיט דער פארענדערונג פון די פראָדוצירענדיגע מיטלען ענדערען זיך אלע געזעלשאפטליכע פארהעלטנישען.

אומעטום זעהען מיר באוועגונג, פארענדערליכקייט, מיר זעהען, אז דאָס געזעץ פון פארענדערונג האָט א שליטה אויף אלץ, וואָס מיר באָאבאכטען.

און אָט דאָס געזעץ פון ענטוויקלונג, פון פארענדערונג, וואָס רופט זיך אויך דאָס געזעץ פון עוואָלוציע—איז דאָס גרונד־געזעץ פון אלע וויסענשאפטען, דער פונדאמענט שטיין פון אונזער וועלט־אנשויאונג.

די אָרגאנישע וועלט.

די לעבעדיגע באשעפענישען, וואָס געפינען זיך ארום אונז—חיות און פלאנצונגען—בילדען די אזוי גערופענע אָרגאנישע וועלט.

די דאָזיגע ארגאנישע וועלט, די וועלט פון אָרגאנישע לעבעדיגע באשעפענישען, רופט ארוים ביי אונז פארוואונדערונג מיט איהר אומגעוועהנליכער פארשידענארטיגקייט.

מיר קאָנען באָאבאכטען אויף דער ערד א מורא'דיגע צאָהל פלאנצונגען און חיות.

ניט אכטענדיג אויף דער דאָזיגער פארשידענארטיגקייט פון די לעבעדיגע באשעפענישען, באמערקען מיר צווישען זיי א געוויסע עהנליכקייט, וואָס וואַרפט זיך מעהר אָדער ווייניגער אין די אויגען. כדי אויסצופאָרשען די דאָזיגע וועלט פון פלאנצונגען און חיות, האָבען די געלעהרטע אָנגעהויבען איינטיילען זי לויט עהנליכע סימנים אויף גרופען, וואָס האָבען באקומען דעם נאָמען גאטונגען (מינים).

די דאָזיגע מינים האָט מען אָנגעהויבען פארבינדען אין גרעסערע גרופען — געשלעכטער, משפחות, שבטים.

דאָס איז געווען א זעהר שווערע און פארפלאָנטערטע אויפגאבע.

כדי צו געבען א באגריף וועגען דער קאָמפּליצירטקייט פון דער דאָזיגער ארבייט, איז גענוג צו זאָגען, אז נאָר די צאָהל

די הייפט אורזאכע פאר דער אינערליכער באד

אין שיקאגא איז לעצטענס אפגעהאלטען געוואָרען א ריעזיגע פאליטישע פארזאמלונג, וועלכע האט צוגעצויגען אן עולם פון אומגעפעהר 15,000 מענער און פרויען פון פארשיעדענעם אלטער. אויף דער פארזאמלונג אן א זייט איז געשטאנען א דאקטאר מיט זיינעם א פריינד. ווענדענדיג זיך צו זיין פריינד האט דער דאקטאר געזאגט: „איד'ל וועטען דאס צווישען דיעזען ריעזיגען עולם זיינען ניטא קיין 100 פערזאן וועלכע זיינען אזוי ווי עס איז נארמאל געזונד".

ווי שטארק מיר זאלען ניט ליעבען אונאנגענעהמע ווארהייטען, איז דאך דא גרויס באדייטונג פאר אונז אלעמען אין יענעם דאקטארס באמערקונג. וועניג פון אונז קענען מיט עהרליכקייט זאגען, דאס מיר זיינען איבער 50 פּראָצענט עפּישיענט.

מיר אלע ווילען זיין פריי פון קראנקהייט אדער פעהלערען פון אירגענד וועלכען סארט. מיר אלע ווילען האבען ריינע בלוטען, א נארמאל הארץ און שטארקע נערווען. מיר אלע ווילען געניסען רוהענדע נעכט און אקטיווע קרעפטיגע טעג. דאך די מעהרסטע פון אונז זיינען א העלפט פון דער צייט מרה שחורה'דיג און פארזארגט, די גאנצע צייט נערוועז און די מעהרסטע צייט פשוט אונפעהיג צוליעב קראנקהייט.

און ווארום? היפּאָטעזעכליך דערפאר, ווייל מיר פאלגען ניט אויס א פּאָאר איינפאכע רולס אין דעם פאל פון אונזער פיזישען צושטאנד. וויפיעל פון אונז, צום ביישפּיעל, פּראַקטיצירען אינערליכע בעדער? עס איז אמת, אז דיזער מיטעל פון פארבעסערען דעם פיזישען צושטאנד וואקסט אין געברויך יעדען טאג, אבער עס זיינען נאך דא טויזענדער פון אונז, וועלכע זיינען גאנץ פרעמד צו די בענעפיטען פון דער אינערליכער באד.

די נויטווענדיגקייט פאר אינערליכען באדען זיך איז איינפאך צוליב דעם פאקט דאס מיר האבען אין אונזערע קערפּערס אזא מין ארגאן ווי די גרויסע קישקע, וועלכע מען רופט דער קאלאן. איינזאמלענדיג אבפאל, ווי דער פאל איז, איז דער קאלאן די קללה פון אונזער געזונדהייט. די אבפאל איז גיפטיג, דאס מיינט פשוט סם, און ווען דאס בלוט פליסט דורך די ווענטלאך פון דעם קאלאן זאפּט עס איין דיזע גיפטען און טראגט זיי אוועק דורך דער צירקולאציאן. דאס איז וואס עס פאראורזאכט אויטא־אינטאקסיקיישאן — וואס אין פשוט'ן מאמע לשון הייסט עס „זעלבסט־פארגיפטונג", א צושטאנד, וועלכער פארניכטעט אונזער קראפט פון ווידערשטאנד און מאכט אונז אונטערוואָרפען צו כמעט אירגענד וועלכע ערנסטע קראנקהייט, וועלכע איז גרארע פארשפּרייט אין יענער צייט. און דער ערגסטער פּיטשור דערפון איז וואס ווענינ מענשען פון אונז ווייסען ווען מיר זיינען "אויטא־אינטאקסיקייטעד„.

דער ריכטיגער סארט פון אינערליכער באד איז די נאטורס אייגענע הילף און פארבעסערער — פשוט ווארימע וואסער וועלכע ווען באנוצט אויף דעם ריכטיגען אופן רייניגט דורך דעם קאלאן פאלשטענדיג די גאנצע לענג און מאכט און האלט עס געזונד און ריין.

די ווירקונג אויף אייער פיזישען צושטאנד איז פשוט וואונדערבאר. אייערע אויגען נעהמען אן א נייעם גלאנץ, אייער טריט קריגט א נייע שטארקייט, אייערע נערווען לאזען זיך פאנאנדער, אייער אפעטיט פארבעסערט זיך און אייער שלאף ווערט מעהר רוהענד און מעהר ערפרישענד. איהר פיהלט גאר ווי א נייער מענש.

אום ווירקליך צו פארשטעהן די אינערליכע באד און אלץ וואס עס טוט אויף, דארף מען לעזען דאס זעהר אינטערעסאנטעס ביכעל פון דר. טשארלס א. טיירעל, דער ערפינדער פון דער „דזשיי בי על קאסקאדע". דר. טיירעל'ס אייגענער לעבען איז גערעטעט און פארלענגערט געוואָרען דורך אינערליכע בעדער, און ער האט געשריבען וועגען דעם געגענשטאנד ווי ער אלס גרויסער אויטאָריטעט ווייס. דאס ביכעל, וועלכע רופט זיך „דהי וואַט, דהי וואי, ענד דהי וועי אוו אינטוירנעל בײדהינג" (דער פארוואס, דער ווארום און דער אופן פון אינערליכען באדען זיך) וועט אינטערעסירען יעדען מאן און פרוי. אלעס וואס עס איז נויטיג אום צו קריגען דיזען ביכעל איז צו שרייבען צו:

TYRRELL'S HYGIENIC INSTITUTE,
152 West 65th Street, New York City.

און דערמאנט אז איהר האט געלעזען דיזען ארטיקעל אין דעם „אידישע'ן אלמאנאך". דאס ביכעל וועט אייך ארויסגעשיקט ווערען פריי פון אלע קאסטען און פארפליכטונגען.

קיין זאך איז ניט אזוי וויכטיג ווי דער סארט געזונדהייט וואס האלט אינז פּאַסענד, פול מיט פארטרויען און ענטהוזיאסטיש פיר דעם טאג ארבייט; און אזוי ווי דאס קריגען דיעזען בוך קאסט גאר ניט, טא ווארום ניט שרייבען פיר דעם יעצט, וועהרענד עס איז פריש אין אייערע געדאנקען?

גאטונגען (מינים) פון חיות און פלאנצונ־גען דערגרייכט א האלבען מיליאן און די גאנצע צאהל לעבעדיגע באשעפענישען, וואס געפינען זיך אויף דער ערד, זיינען מיר הערוויילע בכלל ניט אימשטאנד פעסטצושטעלען.

ווען מיר באטראכטען די פלאנצונגען און חיות ווארפט זיך אונז אין די אויגען זייער וואונדערליכע פולקאמהייט, די זעל־טענע צוגעפאסטקייט צו די אויסערליכע באדינגונגען פון זייער קיום, פון זייער עק־זיסטענץ. אזוי למשל, האבען די שטארקע רויב־חיות — לייבען, טיגערס—שטארקע צייהן און נעגעל; חיות וואס שפייזען זיך מיט גראז, מיט פלאנצליכע שפייזען,—קיה, פערד—האבען גאר אן אנדער געבוי פון די צייהן און האבען ניט קיין נעגעל. אזעל־כעביישפיעלען קאן מען ברענגען אהן א שיעור.

און אט, ווען מען טוט א קוק אויף דער דאזיגער וועלט פון פלאנצונגען און חיות, ווען מען זעהט די פולקאמהייט פון די דא־זיגע לעבעדיגע באשעפענישען, הויבט זיך ניט ווילענדיג אויף די פראגע: ווי זיינען ענטשטאנען, ווי האבען זיך געבילדעט אלע ארגאנישע באשעפענישען, וואס בא־וואהנען די ערד?

צוויי ענטפערס זיינען דא מעגליך:

1) אדער אלע גאטונגען פון פלאנצונ־גען און חיות זיינען ענטשטאנען און עק־זיסטירען יעדע פאר זיך, ניט אבהענגיג איינס פון צווייטען;

2) אדער זיי זיינען ארויסגעקומען איינס פון צווייטען דורך א לאנגזאמער כסדר׳דיגער ענדערונג.

אט די פראגע איז געלייזט געווארען גאר ניט לאנג צוריק, דורך איינעם פון די גרעסטע געלעהרטע—טשארלז דארווין. (געב. אין ענגלאנד אין יאהר 1809, געשט. אין יאהר 1882).

דארווינ׳ען האט זיך איינגעגעבען פעסטצושטעלען, אז צווישען אלע לע־בעדיגע באשעפענישען עקזיסטירט א פאר־וואנדשאפט, אז אלע פלאנצונגען און חיות, און צווישען זיי אויך דער מענש, זיינען ניט ענטשטאנען, ניט באשאפען געווארען יעדעס באזונדער, יעדעס פאר זיך, ניט אבהענגיג איינס פון דעם צווייטען, נאר פארקעהרט, זיי זיינען ארויסגעקומען איינס פון צווייטען אין א לאנגזאמען ענדערונגס פראצעס אין משך פון א שרעקליך גרויסער צאהל יאהרען, וואס דערגרייכען מיליאנען.

השערות וועגען דער פארוואנדשאפט צווישען אלע ארגאנישע באשעפענישען.

ניט קוקענדיג אויף דער פארשידענ־ארטיגקייט פון די ארגאנישע באשעפעני־שען, וועלכע מיר באאבאכטען, אונטער־שיידען זיי זיך דאך ניט אזוי שטארק איי־נע פון דער צווייטער ווי עס דוכט זיך אונז אויס ביי אן אויבערפלעכליכער בא־טראכטונג. אן אויפמערקזאמער באאבאכ־טער באמערקט אויף יעדען טריט א גע־וויסע עהנליכקייט, עפעס א פארוואנד־שאפט טיילמאל זעהר א נאהענטע, טייל־מאל א גאנץ ווייטע.

אויפ׳ן גרונד פון דער דאזיגער עהנ־ליכקייט האט זיך די געלעהרטע איינגעגע־בען צו פאנאנדערטיילען אלע לעבעדיגע באשעפענישען אויף גרופען אזוי, אז דער אריבערגאנג פון איין גרופע צו דער צוויי־טער ווארפט זיך ווייניג אין די אויגען. דאס איז די ערשטע השערה.

דער צווייטער טריט אין דער פראגע וועגען דער פארוואנדשאפט צווישען די לעבעדיגע באשעפענישען איז געמאכט גע־ווארען דאן, ווען מען האט אנגעהויבען אויספארשען דעם געבוי פון איינצעלנע ארגאנען (גלידער).

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די פארשיידענע ארגאנען זיינען געבויט גע־ווארען ווי לויט איין מוסטער, לויט איין

דר. לונץ׳ם

(א ברודער פון הרב הגאון ר׳ אליהו משה לונץ פון ירושלים).

הערבאַל פלאַקסאָלין קאָמפּאונד

שאפט אָב די שעדליכע בענוצען פון הראָגס און פערנעהמט דעם ארט פון אבפיהר מיטלען.

מאָדערנע דאָקטויריש אין דער גאַנצער וועלט גיבען אויף די באנוצונג פון גיפטיגע דראָגס און באזונדערס באטויבענדע שטאָפען און שטארקע אבפיהר מעדיצינען, וועלכע פארציהרען די דעליקאַטע ליינינג פון די קישקעס.

די נאַטור דאַרף מען העלפען, ניט צווינגען מיט גוואַלד, און אינטעליגענטע דאָקטוירים באהאנדלען יעצט די אורזאַכע אנשטאט דעם עפעקט.

צווישען די פארשפּרייטעסטע מענשליכע קראַנקהייטען, ספּעציעל אין אמעריקא, איז פאַרשטאָפּונג, אונפאַרדייאונג, נערוועזיטעט, טעמפּער לעבער, קאָפּ שמערצען, מאָגען קראַנקהייט, שלאָפלאָזיגקייט, מיעדקייט, אונריינע בלוטען און אן אלגעמיין צוזאַמענגעבראָכענער צושטאַנד קענען אַלע קומען דירעקט פון אַ פאַרשטאָפּטען צושטאַנד פון די געדערים.

גרויסע דאָקטוירים האָבען זייט פיעלע יאָהרען געהאַלטען אין זוכען די ריכטיגע וויסענשאַפטליכע קאָמבינאַציע פון גראָז פלאַנצען, וועלכע זאָלען פארנעהמען דעם פּלאַץ פון דער גרויסער צאָהל געפעהרליכע דראָגס וואָס ווערען יעצט באנוצט. עס איז א גוט באוואוסטער פּרינציפּ אין מעדיצין דאָס גראָזען זיינען די ווירקזאַמסטע ווי אויך דער נאַטירליכסטער מיטעל פאַר מענשליכע חולאת׳ן. אָבער צו געפינען דעם געהעריגען קאמפּאונד וועלכער זאָל ווירקען אם בעסטען אויף די עלעמענטען פון דעם מענשליכען קערפּער איז געווען די פּראָבלעמע וואָס האָט אינטערעסירט די וויסנשאַפטס לייט.

פּראָמינענט צווישען די פאָרשער אין דיעזער ריכטונג איז דער באריהמטער ספּעציאַליסט דר. לונטץ, א ברודער פון הרב הגאון ר׳ אליהו משה לונץ פון ירושלים, וועלכער האָט פארבראַכט צוואנציג יאָהר אין שטודירען די ווירקונג פון גראָז אויף דעם מענשליכען קערפּער סיסטעם.

די לעצטע רעזולטאַטען פון דיעזער גרינדליכער פאָרשונג פון דר. לונץ איז דער גראָזיגער קאמפּאונד פלאַקסאָלין, וועלכער איז צוערשט אריינגעבראַכט געוואָרען אין דיזען לאַנד דורך דר. לונץ מיט צעהן יאָהר צוריק און וואָס איז יעצט פון אַלגעמיינעם געברויך אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע און אין סאַניטאריומס און צווישען אלגעמיינעם פּובליקום.

פלאַקסאָלין איז א קאמפּאונד פון דורכאוים אונשעדליכע גראָזען, צווישען זיי אויפ׳ן זון־געבאַקענע פלאַקס זוימען, וועדזשעטייבעל טשאַרקאָול, דזשוניפּער יאַגדעם, ביטער וואָרצעל, קאלווער וואָרצלען, קאַרדאָמען זוימען, כינעזישע רהובאַרב, שפּאַנישע ליקריץ וואָרצלען און וואלעריען אפריקאַנישע דזשינדזשער וואָרצלען.

פאָלגענדעס פון דר. בענעדיקט לוסט, דער באוואוסטער אויטאָר און רעדאַקטאָר פון „דהי העראלד אָוו העלטה“, רעדט פאַר זיך אליין:

איך האָב לעצטענס גענוצט אייער פלאַקסאָלין אין מיין באהאנדלונג פון פיעלע פון מיינע פּאציענטען אין דעם באטלער סאַניטאריום. איך האַלט עס פיר דעם מאָדערנסטען און נאַטירליכסטען מיטעל און איך געפין עס פאר א גרויסע הילף אין העלפען דעם פּאציענט פון באזייטיגען רייץ מיטלען פון דעם קערפּער סיסטעם. עס העלפּט ברענגען דעם קערפּער צוריק צו זיין נאָרמאַלע שטופע. עס איז זיכער אַ נאַטירליכער שפּייז מיטעל, און קומט נאָך די לעהרען און פּרינציפּען פון דעם גרויסען פאדהער קנייפּפּ און אנדערע אויטאָריטעטען פון נאַטירליכע היילונג. איך ראַטה יעדען דראָגלאָזען אַרצט צו געבען דר. לונטץ׳ס פלאַקסאָלין א עהרליכע פּראָבע.

ברידערליך אייער

ב. לוסט, נ. ד., מ. ד.

דר. וו. פּ. מאָרעי, אן אָסטעאָפּאַטה דאָקטאָר פון סענדוויטש, אילינאָיז, ערקלערט:

„איך געפין עס אלס דעם בעסטען מיטעל וואָס עקזיסטירט פאר דעם אָסטעאָפּאַטה פאר נאָך אינפלוענציא קייסעס.“

דייווענפּאָרט אָסטעאָפּאַטיק סאַניטאריום,,
דייווענפּאָרט, וואַש.

15טען מערץ, 1920.

ליעבער דר. לונטץ:

ביילויגענד געפינט א טשעק פיר וועלכען ביטע שיקט א האַלבען גראָס פלאַקסאָלין. מיר געפינען אייער פלאַקסאָלין אַלס אונגעוועהנליך נוצבאַר און ווירקזאַם אַלס אַ טאָניק און אלס נאָרמאַלער אָבפיהר מיטעל.

ברידערליך אייער,

פּ. ב. טעטער, ד. א.

דזש. ס. פּאָינטער, מ. ד., ד. א.

פּרייז 1 דאָלאר פּער באָקס.

שוין אריינגערעכענט פּאָסטיידזש.

ספּעציעלער פּרייז פאַר דאָקטוירים.

שיקט דיעזען קופּאָן פיר אַ ביכעל.

H. H. LUNTZ, M.D., D.O.,

1155 St. John's Place, Brooklyn, N. Y.

Please find enclosed..........for........ box of Flaxolyn, and your booklet of Rules of Health.

....

....

וואָרצלען און גראָז צוזאַמענגעמישט מיט זון־געבאַקענע פלאַקס זוימען — דאָס איז

פ ל אַ ק ס אָ ל י ן

און דערזעלביגען פלאן. אזוי, למשל, די האנד פון א מענשען, די לאפע פון א מוילוואורף (קראט), דער פליגעל פון די פלעדער־מויז באשטעהען פון דיזעלביגע ביינער, וועלכע זיינען פארבונדען צווישען זיך אין דערזעלביגער ארדנונג.

נאך קלאהרער איז די פארוואנדשאפט צווישען די ארגאנישע באשעפענישען ווען מיר פארשען זיי אוים אין זייער עמבריאנאלען צושטאנד דאס הייסט אין זייער גאר ערשטען אנהויב (אין שוים פון דער מוטער). צוליב דעם פארשט אוים די וויסענשאפט די זריעות־עמבריאנען, און די דאזיגע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט א פארוואנדשאפט צווישען די עמבריאנען גופא.

ענדליך—די פערטע השערה—די פארשוואונדענע פלאנצונגען און חיות, וואס מען האט געפונען אין די שיכטען פון דעם ערד־שאלעכץ, זיינען אין זייערע אלגעמיינע שטריכען עהנליך צו פלאנצונגען און חיות, וואס לעבען היינט.

אלע געבראכטע השערות רעדען פאר דעם, אז אלע באשעפענישען פון דער ארגאנישער וועלט געפינען זיך אין א געוויסען צוזאמענהאנג איינע מיט דער צווייטער.

פונדעסטוועגען זיינען געוועהנליך די פארשיידענהייטען צווישען צוויי מינים פלאנצונגען און חיות זעהר באדייטענד.

אזוי זיינען, צום ביישפיעל, דאס פערד און דער אייזעל אין פיעל זאכען זעהר עהנליך איינער צום צווייטען, אבער אין פיעל זאכען זיינען זיי ניט עהנליך. צוליב זייער עהנליכקייט זיינען זיי פאראייניגט אין איין געשלעכט—צוליב זייער פארשיידענהייט זיינען זיי צוטיילט אויף פארשיידענע גאטונגען (מינים).

אבער אויך אלע לעבעדיגע ארגאניזמען זיינען ארויסגעקומען איינער פון דעם אנדערען, מוזען עקזיסטירען שטופענווייזע איבערגאנגען צווישען זיי, און איין מין דארף אונבאמערקטערהייט זיך פארוואנדלען אין א צווייטען מין.

דאַרווין'ס פארדינסט באשטעהט טאקי אין דעם, וואס ער האט באוויזען די מעגליכקייט, אז מינים זאלען זיך ענדערען און האט פעסטגעשטעלט די געזעצען, לויט וועלכע דאס קומט פאר.

ערבליכקייט און פארענדערליכקייט קינסטליכער אויסוואהל.

לאמיר זיך צוקוקען צו אונזערע היימישע חיות. איטליכער וויים, אז פריהער האבען זיי געלעבט אין א ווילדען צושטאנד און זיינען שטופענווייז היימיש געמאכט געווארען דורך דעם מענשען.

אבער, ווי באדייטענד האט זיי דער מענש פארענדערט! ווי ער האט זיי צוגעפאסט צום דינסט פאר זיינע באדערפענישען!

עס איז גענוג זיך צו דערמאנען אן דעם אונטערשייד צווישען דעם מעכטיגען, אבער שווער־גענגיגען שלעפ־פערד און דעם לייכטען שנעלען רייט־פערד; מען דארף זיך נאר צוקוקען צו די פארשיידענע מינים הינד און שאף, וועלכע זיינען נוצליך פאר'ן מענשען יעדערער אויף זיין אופן, כדי צו פארשטעהן, אז דער מענש און ניט א בלינדער צופאל האט באשאפען די דאזיגע מינים, האט געצוואונגען די נאטירליכע פארמען זיך צו ענדערען אזוי ווי דאס איז פאר איהם געוואונשען.

ווי אזוי האט דער מענש דערגרייכט די דאזיגע רעזולטאטען? כדי צו ענטפערן אויף דער דאזיגער פראגע לאמיר זיך ווענדען צו די, וואס האדעווען חיות—צו די פיה־ציכטער, צו מענשען פון פראקטיק. פון זיי דערוויסען מיר זיך, צו מען קאן ענדערען לעבעדיגע באשעפענישען אין דעם אדער יענעם הינזיכט.

דארווין'ס גרויסער פארדינסט באשטעהט אבער אין דעם, וואס ער האט אויפמערקזאם געמאכט די געלעהרטע אויף

דער קיראָפּראַקטיק קליניק

איז אן אינסטיטוציע וואו כראָנישע און אַנדערע קראנקהייטען ווערען געהיילט אָהן מעדיצין און אָהן אָפּעראַציעס, נאָר מיט דער נייער היילונגס מעטהאָדע — קיראָפּראַקטיק. דער קליניק שטעהט אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דעם ניו יאָרק קאַלעדזש אָוו קיראָפּראַקטיק.

טויזענדער געהיילטע חולאים איז דער בעסטער און שטאַרקסטער באווייז פאַר די ווירקזאמע פאָלגען פון קיראָפּראַקטיק.

פאַר מעהר אויסקינפטע וועגען דעם שטודיום פון קיראָפּראַקטיק אין אונזער קאַלעדזש ווי אויך וועגען קליניק ווענדעט זיך צו

NEW YORK COLLEGE OF CHIROPRACTIC

DR. M. CARNOT, *Pres.*

245 WEST 72nd STREET NEW YORK

Telephone, Columbus 4676

נ. ב. ווען איהר געהט צו איין קיראָפּראקטאָר זעהט אַז ער זאָל זיין א גראדואיוט פון ניו יאָרק קאַלעדזש אָוו קיראָפּראַקטיק.

LUSTGARTEN BATHS, 223 E. 2nd ST., NEW YORK

ר ו ס י ש ־ ט ע ר ק י ש ע ב אָ ד

שלאָף אַקאָמאָדיישאָנס פאַר איבער דריי הונדערט פערזאָן, פּרייוועט רומס, רעסטאָוראַנט, עלעקטרישע קאַבינעט בעדער פאַר רהומאַטיזם ליידענדע, שיראָפּאדיסט, מאַסאַזשען.

מ י ט וו אָ ך פ אַ ר פ ר וי ע ן

ל ו ס ט ג אַ ר ט ע ן ב ע ט ה ס

223 איסט צווייטע סטריט

שעריף שוויץ באָד

66־68 שעריף סט.
נעבען ריווינגטאָן סט.

די שעהנסטע רוסיש־טערקישע באָד אין ניו יאָרק

סטיעם באקסעם פאר רהומאַטיזם און מאָגען קראנקהייט

מאָנטאַג און מיטוואָך פאר ליידיס

—— קומט און איבערציגט זיך ——

הער דאָזיגער ערשיינונג און האָט זיך אליין באַנוצט מיט די אָנווייזונגען ניט נאָר פון געלעהרטע, נאָר אויך פון פּראַקטיקער.

און אָט די פיה־ציכטער זאָגען אַלע איינשטימיג, אז חיות זיינען אונטערוואָרפען ענדערונגען. צוויי גרונד־אייגענשאַפטען פון דער אָרגאַנישער וועלט,—ערבליכקייט און פאַרענדערליכקייט—העלפען זיי דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל.

די ערבליכקייט באַשטעהט אין דעם, וואָס יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש ווידערהאָלט די פאָרמען פון זיינע עלטערן. יעדערער ווייס, אז א בולדאָג וועט ארויסברענגען אויף דער וועלט—בולדאָגס; א יאַכט־הונד—יאַכט־הינטלאַך.

אָבער אויסער דער ערבליכקייט איז נאָך דאָ די פאַרענדערליכקייט: אין דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט זיינען קינדער ניט אינגאַנצען עהנליך צו די עלטערן, מען באַמערקט ביי זיי די אָדער יענע אבטרעטונג, די אָדער יענע פאַרענדערונג, און די דאָזיגע פאַרענדערונגען קאָנען צוליב דעם געזעץ פון ערבליכקייט אריבערגעהן צו זייערע ווייטערדיגע דורות.

אָט מיט די דאָזיגע צוויי געזעצען—פון ערבליכקייט און פאַרענדערונג—באַנוצען זיך די פיה־ציכטער, די וואָס גיבען זיך אָב מיט אויפברענגען בהמות, און אויך די גערטנירער, כדי צו שאַפען נייע מינים חיות און פלאַנצונגען. לאָמיר נעהמען א ביישפּיעל פון דער ווירקליכקייט.

איינמאָל איז ביי אַן אַמעריקאַנישען פאַרמער געבוירען געוואָרען א שעפּס מיט א פעהלער—מיט קורצע הינטער־פיס. דער פאַרמער האָט איינגעזעהן, אז אזא אייגענשאַפט פון שעפּס איז נוצליך פאַר׳ן מענשען, ווייל דער דאָזיגער שעפּס האָט ניט געקאָנט אריבערקריכען איבער צוימען. דער פאַרמער האָט אויסגעקליבען א שעפּס פון זיין סטאַדע, ביי וועלכען די הינטערשטע פיס זיינען געוועזן קירצער ווי ביי אנדערע שעפּסען, און האָט זיי צונויפגעפּאָרט.

ביי דעם נייעם דור, וועלכער איז ארויסגעוואַקסען פון דער דאָזיגער פּאָר שעפּסען, האָט א טייל, לויט די געזעצען פון ערבליכקייט, געהאַט קירצערע הינטערשטע פיס.

דער פאַרמער האָט ווייטער געמאַכט זיינע פּרוּבען אין דער זעלבער ריכטונג, און אויף אזא׳ן אופן איז ענטשטאַנען א נייער דור קורצפיסיגע שעפּסען.

אזוי בעגעהן זיך די פיה־ציכטער אין אַלע פאַלען. זיי קוקען נאָך די קלענסטע אָבטרעטונג אין דעם געבוי פון די חיות און וועלכע אָבטרעטונג עס איז נוצליך פאַר׳ן מענשען, קלייבען זיי אָב אזעלכע חיות און פּאָרען זיי צונויף.

פונקט אזוי טוען גערטנירער מיט פלאַנצונגען. אויסקלייבענדיג די פּאַסיגסטע פלאַנצונגען, באַנוצען זיי זיך מיט זייערע זוימען.

דער דאָזיגער אופן צו פאַרענדערן מינים ווערט אָנגערופען אויסוואַהל, און דערביי קינסטליכער, ווייל דעם אויסוואַהל מאַכט דער מענש, ניט די נאַטור.

מיט דער הילף פון קינסטליכען אויסוואַהל האָט זיך איינגעגעבען דעם מענשען צו באַשאַפען מינים חיות, וואָס זיינען נוצליך פאַר אונז, און אויך אויסצוהאָדעווען א רייהע זעהר ווערטהפולע פלאַנצונגען, ווי למשל: צוקער־ריבען, הויכע זאָרטען ווייץ און א. וו.

דער קינסטליכער אויסוואַהל פלעגט אָנגעווענדעט ווערען אין די עלטסטע צייטען און איז אויך באַקאַנט די האַלב־ווילדע שבטים, נאָר זיי באַנוצען זיך מיט איהם ניט באַוואוסטערהייד; דערביי פאַרניכטען געוועהנליך די האַלב־ווילדע פעלקער די ערגערע חיות, אָבהיטענדיג פון הונגער און קעלט די בעסערע.

אזוי טוען אויך היינט די גערטנירער. זיי ברענגען אויס די פלאַנצונגען, וועלכע

...אָרטהאָפּעדישע שיך...

אונזער ספּעציאַליטעט איז אויסער געוועגליכע
שווערע קעיסעס.
פום פלאַטען ספּעציאַליסטען

MASSACK

1021 THIRD AVENUE NEAR 61st STREET
Telephone, Plaza 5170 ESTABLISHED 1907

G. LYMAN NOBLE

כירורגישע אינסטרומענטען

האָספּיטאַל סופּליים, ברוך בענדער,
בויך בענדער, עלאַסטישע סטאַקינגס
א. ז. וו.

391 EAST 149th STREET
Near 3rd Ave. NEW YORK
Room 205 Tel., Melrose 2040

לאָזט ניט אויספאַלען די האָר פון קאָפּ

די ליידענדע פון דער לעצטער קראַנקהייט, אָדער אַנדערע ליידענדע ביי וועמען עס פאַלען אוים די האָר פון קאָפּ, זאָלען זיך זאָפאָרט מעלדען צו מיר, איך גאַראַנטיר עס אָפּצושטאָפּען אין א קורצער צייט.

SONIA KURMAN
11 RIDGE STREET
Cor. Grand St. First Floor
Tel., Drydock 3697

לייטע וואָס וואוינען אויסער ניו יאָרק אין קאָונטרי, שיקט צו $1.35 אין סטעמפּס, אָדער מאָני אָרדער, וועלען מיר אייך אַלעס צושיקען.
א ספּעשעל דאָבעל באָטעל — $2.50
אין קענעדע, — — — 1.50 און $2.75

סטייוועסאַנט 0767 ס. מיכעלס, פּרעז.

The New York Artificial Limb Co., Inc.

מאַנופעקטשורערס פון

לעצטע פּאַטענטירטע פולע באָל בערינג

לעצטע פארבעסערטע אָרעמס און אלע אינסטרומענטען

27 UNION SOUARE, W., NEW YORK
Branch: 53 S. Main St., Wilkes Barre, Pa.
מאַנופעקטשורערס פיר די יונייטעד סטייטס רעגירונג

עטאַבלירט זייט 1881 Harry D. Haber's Magic Hair Coloring

וועט די גרויע האָר ברינגען צוריק צום נאַטירליכען קאָליר
1 דאָלער א באָטעל
ווערט פארקויפט אין יעדער דראָג סטאָר
10 סענט עקסטרא פאר יעדער באָטעל דורך פּאָסט

HAB'R Manufacturing Co.

211 EAST BROADWAY
Tel., Orchard 2689 NEW YORK CITY

טעלעפאָן, לענאָקס 2673 ליידי אַטענדענט

M. J. WINTERKORN

מאַנופעקטשורער פון



כירורגישע און אָרטהאָפּעדישע אינסטרומענטען



334 East 86th Street, New York
פעקטאָרי אם פּלאַץ

ענטשפּרעכען ניט די אָדער יענע צוועקען.

געוויס שפּיעלט א געוויסע ראָלע אויף דער ארט נאהרונג און דער באָדען, אָבער די דאָזיגע איינפלוסען האָבען ניט קיין גרויסע באַדייטונג ביי דער פאַרענדערונג פון די נאַטירליכע פאָרמען ביי חיות אין פלאַנצונגען.

דער קינסטליכער אויסוואהל — אַט דאָס איז די מעכטיגע קראַפט, וועלכע גיט די מעגליכקייט צו פאַרענדערן אויף א באַדייטענדען אופן די אייגענשאַפטען פון די חיות און פלאַנצונגען; דערביי ווערען אָפּט, צוליב דעם דאָזיגען אויסוואהל, באַזייטיגט אָדער פאַרניכטעט די וויניגער דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ און דער צוגעפּאַסטע באַשעפּענישען.

נאַטירליכער אויסוואהל.

מיר האָבען געזעהן, אז מיט דער הילף פון דעם קינסטליכען אויסוואהל ווערט דערגרייכט אן ענדערונג ביי אָרגאַנישע באַשעפּענישען, אז איינס פון די מעכטיגסטע מיטלען פון דעם אויסוואהל איז די פאַרניכטונג פון וויניגער פאָלקאָמענע און צוגעפּאַסטע אָרגאַניזמען.

צי עקזיסטירט אזא מין פאַרניכטונג אויך אין דער נאַטור? צי באַמערקט מען דאָרט אזא מין אויסראָטונג פון לעבעדיגע באַשעפּענישען?

ענטפערענדיג אויף דער דאָזיגער פראַגע, שפּרייט פאַר אונז דארווין פאַנאַנדער אזא שרעקליכע בילד פון פאַרניכטונג, א בילד פון קאַמף פאַר'ן „זיין", פאַר דער עקזיסטענץ, אז עס איז פּשוט זיך שווער פאָרצושטעלען.

אַלע אָרגאַנישע באַשעפּענישען—חיות און פלאַנצונגען—אַלע, וואָס לעבט, האָט זיך צומישט און פאַרפלאָנטערט אין דעם קאַמף אויף לעבען און טויט, וואו יעדע באַשעפּעניש טרעט אריין אין לעבען איבער די טויטע קערפּער פון מיליאָנען באַשעפּענישען, אזעלכע ווי זי.

די אורזאך פון דעם דאָזיגען גרויזאַמען קאַמף פאַר עקזיסטענץ ליגט אין דעם שטרעבען פון לעבעדיגע באַשעפּענישען צו פאַרמעהרען זיך.

לאָמיר זיך צוקוקען, למשל, צו דער פאַרמעהרונג פון דעם לייב־צאהן (אזא בלום), וועמענס געלע בלומען עס איז אויסגעקומען איטליכען צו זעהן. לאָמיר אָננעהמען, אז יעדע פלאַנצונג גיט ארויס יעהרליך הונדערט זוימען־קערנדלאך (דאָס וועט ניט זיין פּיעל אין פאַרגלייך מיט דער ווירקליכקייט).

אויף אזא'ן אופן וואָלטען די בלומען פון לייב־צאהן פאַרדעקט די גאַנצע יבשה, און פאַר דעם צעהנטען דור וואָלט מען געדאַרפט האָבען א פּלאַץ, וועלכער וואָלט געוועזען 15 מאָל גרעסער, ווי דער אויבערפלאַך פון דער גאַנצער יבשה אויף דער ערד.

היינט לאָמיר זיך פאָרשטעלען די פרוכטבאַרקייט פון מאָן, וואָס אין איין קעפּעל איז דאָ דריי טויזענד זוימען

די זעלבע זאַך איז אויך אין דער וועלט פון חיות, זיי פאַרמעהרען זיך און ווען זיי וואָלטען ניט אומגעבראַכט געוואָרען וואָלטען זיי געקאָנט פאַרפּלייצען די וועלט דער מענש, וועלכער פרוכפּערט זיך לאַנגזאַם, איז קיין אויסנאַהם ניט. ווען די באַפעלקערונג אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל וואָלט זיך פאַרמעהרט מיט אזא שנעלקייט, ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָלט זי אין יאָהר 2535 פאַרדעקט די גאַנצע ערד—די יבשה און דאָס וואַסער—מיט איין געדיכטען המון, פּלייצען ביי פּלייצע. היינט ווי גרויס דאַרף זיין די פאַרמעהרונג ביי פרוכטבאַרע באַשעפּענישען, ווי, צום ביישפּיעל, ביי פיש, וואָס אין זייער איקרע געפינען זיך טויזענדער אייעלאך!

מיט איין וואָרט, עס איז ניטאָ אזא באַשעפּעניש אין דער וועלט פון פלאַנצונ־

!אויפמערקזאַם

דיעלערס, פּראָיעקטירער און פּרעמיום געברויכער

ביי אונז איז די העדקוואָרטערס פאַר טאַשען זייגערלאַך (וואַטשעס), זויגערס, דזשועלערי, זילבערוואַרג, אייוואָרי, לעדער גודס, האָלידעי און פּרעמיום אַרטיקלען, פאָון בו אָקערס און אַקשאַניערס ספּעשעלטיס, אַמעריקאַנער געמאַכטע טאַשען זייגערלאַך און זייגערס אַזוי ביליג ווי 79 סענט.

גאָלדפילד פּרעמיום וואַטש $4.98

אויב איהר זייט אין א לאגע צו קויפען אין גענוגענדע קוואנטיטעטען אום איהר זאָלט זיין בארעכטיגט צו דיעלערס פּרייזען, שרייבט פיר אונזער קאַטאַלאָג, וועלכער קוואָטירט די קלענסטע ספּאַט קעש פּרייזען בלויז פיר דיעלערס.

JOSEPH HAGN COMPANY

Dept. J. A.

Wholesale & Manufacturing Jewelers

223-225 W. MADISON ST.
Chicago, Ill.

HIS MASTER'S VOICE

די גרעסטע אַרטיסטען האָבען אויסגעקליבען די

וויקטראָלאַ

ווייל זיי ווילען אַז איהר זאָלט זיי הערען אין אייער הויז, אזוי גוט ווי איהר הערט זיי אויפ'ן סטיידזש פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא.

די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט אנערקענט אַז אום צו געניסען דעם העכסטען אויסדרוק פון צויבערענדע מוזיק אין אייער אייגענער היים, איז נאָר דורך וויקטאָר רעקאָרדס געשפּילט אויף א

ר י כ ט י ג ע ן

וויקטאָר וויקטראָלאַ

מיר האָבען דעם שענסטען אויסוואַהל פון וויקטראָלאַס אין פאַרשידענע קאָלירען און דעם רייכסטען סטאַק פון רעקאָרדס אין אלע שפּראַכען.

אונזערע באדינגונגען: די בעקוועמסטע פאַר אייך אליין

פריינדליכע בעהאַנדלונגען.

באזוכט אונז אָדער שרייבט.

European Phonograph Co.

L. Titefsky, Prop.

Ave. A and 10th Street
New York



J. C. KELLY

מאַנופעקטשורער פון

פּיקטשורס און אַדווערטייזינג פּריימס

פּיקטשור מעטס, איזעל בעקס, קאַלענדאַרען, גילדינג, בעוועלינג און דייקאַטינג.

ס פּ ע ש ע ל

לאַדזש מעטס געמאַכט צו ציינען פון 1 ביז 1000 עפּענונגען.

347-349 BROOME STREET Telephone, Canal 575

גען און חיות, וועלכע זאָל ניט קאָנען פאַרפלייצען די גאַנצע ערד, ווען מען זאָל זי נאָר פאַרהיטען פון אויסראָטונג. מיר זעהען אַלזאָ, אז לעבעדיגע באַשעפענישען ווערען געבוירען אַ סך, אַ סך מעהר ווי עס איז דאָ אָרט פאַר זיי אויף דער ערד.

עס איז קלאָהר, אז די לעבעדיגע באַשעפענישען מוזען אריינטרעטען אין אַ מיטליידס־לאָזען טויט־קאַמף צווישען זיך, שטרעבענדיג אויסצוקעמפען פאַר זיך אַן אָרט אונטער דער זון.

ווער־זשע וועט דערהאַלטען ווערען ביים לעבען פון דעם דאָזיגען ווילדען געפעכט אויף טויט און לעבען? ווער וועט אויסקעמפען פאַר זיך דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ און וועט פאַרניכטען זיינע געגנער—שונאים? ווער וועט איהם מאַכען פאַר אַן אויסערוועהלטען, און דערהאַלטען איהם ביים לעבען? דאָס וועלען זיין זיינע אייגענשאַפטען: אויב אין איהם אליין וועט זיך געפינען כאָטש איין אייגענשאַפט, אפילו ניט קיין גרויסע, אַזאַ, וואָס זיינע געגנער האָבען ניט, וועט ער ווערען אויסדערוועהלט.

אויף אַזאַ׳ן אופן וועט די פולקאָמסטע באַשעפעניש, וועלכע איז אַ מעהרסטען צוגעפּאַסט צו די ארומיגע באַדינגונגען, ארויסגעהן אלס זיגערין פון דעם קאַמף און וועט זיין די אויסדערוועהלטע פון דער נאַטור.

די חיות קעמפען פאַר זייער עקזיסטענץ מיט די אויסערליכע באַדינגונגען, למשל, מיט קעלט. דיזעלביגע זאַך קומט פאָר אין דער וועלט פון פלאַנצונגען: יעדע שטרעבט צו פאַרשטעלען איהרע קאָנקורענטקעס און באַקומען פאַר זיך וואָס מעהר שטראַהלען פון דער זון. אין דעם דאָזיגען שטענדיגען דועל, אין דעם דאָזיגען שטענדיגען קאַמף פאַר עקזיסטענץ קומען אום די שוואַכערע, די ווייניגער צוגעפּאַסטע; דאָס הייסט אין דער נאַטור עקזיסטירט אַן אויסראָטונג פון ווייניגער פּאָלקאָמענע באַשעפענישען — עס עקזיסטירט אַ נאַטירליכער אויסוואַהל.

און אויב דער מענש האָט פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד געקאָנט פאַרענדערן פאַרשיידענע מינים חיות און פלאַנצונגען, טאָ ווי גרויס מוזען זיין די רעזולטאַטען, וועלכע עס האָט הערגרייכט דורך דעם נאַטירליכען אויסוואַהל, די נאַטור, אין משך פון מיליאָנען יאָהרען, זינט עס עקזיסטירען אָרגאַנישע באַשעפענישען!

דער נאַטירליכער אויסוואַהל, זאָגט דאַרווין, קוקט אונטער יעדע שעה, יעדע מינוט, יעדע אָבטרעטונג, אפילו די קלענסטע, וואָס קומט פּאָר אויף דער גאַנצער וועלט, וואַרפט אָב אַלץ, וואָס איז שלעכט, דערהאַלט און קלייבט אָן דאָס נוצליכע. דער נאַטירליכער אויסוואַהל אַרבייט שטילערהייט און ניט באַמערקטערהייט, וואו און ווען עס מאַכט זיך נאָר אַ געלעגענהייט אויף צו פאַרפאָלקאָמען די אָרגאַנישע באַשעפענישען, צופּאַסענדיג זיי צו די אָרגאַנישע און ניט אָרגאַנישע באַדינגונגען פון לעבען.

מיר באַמערקען ניט דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון די דאָזיגע פאַרענדערונגען און נאָר נאָכדעם ווי עס געהט פאַרביי אַ לאַנגער משך צייט באַוואונדערן מיר די רעזולטאַטען.

וואונדערליך זיינען די ביישפּיעלען פון דער דאָזיגער צופּאַסונג פון די אָרגאַניזמען צו די אויסערליכע באַדינגונגען פוז זייער עקזיסטענץ!

אזוי, למשל, באַגעגענט מען אויף דעם אינזעל מאַדיירא זשוקעס, וועלכע קאָנען ניט פליהען. די אורזאַך פון דעם ליגט אין דעם נאַטירליכען אויסוואַהל: די זשוקעס ווערען ניט זעלטען פאַרטראָגען דורכ׳ן ווינד אין ים אריין און קומען אום. יעדער זשוק, וואָס האָט אַמאָל געהאַט קורצע פליגלען, האָט געהאַט מעהר שאַנסען אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ; די נאַטור האָט

איהר דארפט עס וויסען

מיר זיינען די הויפט פּאַרטרעטער פון דער עסטרייכישער און טערקישער טאַבאַק מאָנאָפּאָל

מיר האָבען אימער:

טאַבאַק, סיגאַרען און סיגאַרעטען, שמאַלצלער שמעק־טאַבאַק, נאָרדהאוזער קיי טאַבאַק, האָלענדיש (אָלדענקאַט) פּייפּ־טאַבאַק, מעטאַל סיגאַרעט קעיסעס און טאַבאַק פּושקעס.

קאָרטען פיר: טאַראַק, קלאַבריאַס, פּיקעט, אויפשלאַג, וויסט, טראַפּוליער, פּאָקער, סקאַט. קוויטלאך, פּראַגער, שווייצער און אַמעריקאַנער שפּיעלקאָרטען. — דאָמינאָ און שאַך.

סיגאַרעטען פּאַפּיער, הילזען און מאַשינקעס, פּאָרצעלאַיענע, ליימענע, מעערשאום און ווייקסעל פּייפּס.

גרויסער אויסוואַהל פון סיגאַרען און סיגאַרעטען האָלדערס.

עכטע זאנדאו און די בעסטע טאַבאַק און שמעק־טאַבאַק פּושקעס.

פּרייזען און אַלע אויסקינפטע אויפ'ן פאַרלאַנג.

לאָזט אונז וויסען ווען איהר אָרדערט אויב עס איז פאַר אייך אליין אָדער צום פאַרקויפען.

ספּעשעל פּרייז פאַר דילערס

A. B. NEWMAN CO., 290 East Houston St., New York

שערט זיך אליין אָפּ די האָר — לייכטער ווי שייווען זיך

יעצטיגער פּרייז בלויז $1.00





איהר דארפט ניט האָבען אירגענד עקספּיריענס אָדער פּראַקטיקע צו געברויכען דעם דופּלעקס אַטאָמאַטישען האָר שערער. עס קומט צו אייך פערטיג צו יוזען און אין פינף מינוט נאָכדעם ווי איהר ערהאַלט עס קענט איהר האָבען אייערע האָר געשאָרען בעסער ווי איהר האָט עס געהאַט געשאָרען ווען בעפאָר.

דער דופּלעקס קען שערען אייערע האָר אזוי לאנג אָדער קורץ ווי איהר ווילט. איהר דאַרפט ניט האָבען קיינע שערען מיט דעם דופּלעקס; עס טוט אָפּ די ארבייט פאלקאם. עס שניידט די האָר אין פאָרענט פון קאָפּ לאַנג און די הינטערשטע האָר קורץ. עס גאָלט אויך די האָר ארום די אויערען, א. ז. וו.

גאָר אין קורצען וועט איהר דאַרפען צאָהלען 2 דאלאר פאר דעם דופּלעקס, אָבער וויל מיר האָבען נאָך דעם יעצטיגען סטאק, וועלען מיר אָננעמען דיעזע אדווערטייזמענט פאָר א דאלאר קעש. שניידט אויס דיעזע אדווערטייזמענט און שיקט עס צו אונז מיט בלויז 1 דאלאר און מיר וועלען אייך שיקען דעם דופּלעקס אַטאָמאַטישען האָר שערער, פארטיג צו געברויכען, פּאסטיידזש באַצאָהלט צו אירגענד וועלכער אדרעס. שיקט נאָך דעם היינט.

אַגענטען פארלאנגט איבעראל.

Duplex Mfg. Co., Dept. J. 22, Detroit, Mich.

אָבגעקליבען אזעלכע זשוקעס, און אויף אַזאַ'ן אופן זיינען סוף כל סוף ארויסגעקומען זשוקעס אָהן פליגלען.

א זעלטענעם ביישפּיעל פון צופּאַסונגען, וועלכע באַשטעהען אין א פאַרטיידיגונג געגען פיינד, זעהען מיר אין דער באַפאַרבונג פון א טייל חיות. א סך אינזעקטען, וועלכע דערנעהרען זיך מיט בלעטער,—זיינען גרין; אנדערע, וועלכע דערנעהרען זיך מיט קאָרע,—זיינען אינגאַנצען אין גראָהע פלעקען. די דאָזיגע באַפאַרבונג איז נוציליך פאַר זיי—דאס פאַרדעקט זיי פון די פיינד.

די אָבשטאַמונג פון מענשען און די ענטשטעהונג פון מענשען אויף דער ערד.

אויבען האָבען מיר בקיצור איבערגעגעבען דארווין'ס לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט. דער תמצית פון דער דאָזיגער לעהרע באַשטעהט אין פאָלגענדעם:

אַלע לעבעדיגע באַשעפּענישען געפינען זיך א ן פאַרוואַנדשאַפט, און אין א בלוטפאַרבינדונג איינער מיט דער אנדערער. זיי זיינען ניט באַשאַפען געוואָרען אַלע אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי עקזיסטירען איצט. פאַרקעהרט, אַלע לעבעדיגע אָרגאַניזמען זיינען ענטשטאַנען דורך אן ענטוויקלונג פון איינפאַכסטע פאָרמען צו העכסט צוזאַמענגעזעצטע.

די אורזאַך פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג ליגט אין דער נויטווענדיגקייט צו פיהרען א קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און קומט ארויס פון העם דאָזיגען נאַטירליכען אויסוואַהל.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט דארווין פעסטגעשטעלט די איינהייטליכקייט פון דעם גאַנצען אָרגאַנישען לעבען אויף דער ערד, און די בלוט־פאַרבינדונג צווישען דער וועלט פון חיות און דער וועלט פון פלאַנצונגען.

אָבער פאַר וואָס באַמערקט מען פאָרט א גאַנץ שאַרפען אונטערשייד צווישען די חיות? דארווין האָט גאַנץ ריכטיג ערקלעהרט די דאָזיגע ערשיינונג מיט דעם, וואָס די איבערגאַנגס פאָרמען זיינען אומגעקומען אין קאַמף פאַר'ן קיום.

די אויסגראבונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען דורך די געאָלאָגען ברענגען אַלץ מעהר און מעהר באַווייזען פאַר דער ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער ערקלעהרונג.

עס וואָלט זיך געקאָנט דוכטען, וואָסער שייכות איז דאָ צווישען פויגלען און שרצים? און דאָך האָט מען אין דער ערדשאָלעכץ געפונען פויגלען, וועלכע האָבען צייהן און פאַראייניגען אין זיך סמנים אי פון שרצים, אי פון פויגלען. עס האָט זיך איינגעגעבען אויסצוזוכען די נאָהענסטע עלטערן פון דעם היינטיגען פערד און אז. וו.

דארווין'ס טעאָריע איז דער רעזולטאַט פון אן עקשנות'דיגער 20 יאָהריגער אַרבייט. איהרע יסודות האָט דארווין איבערגעגעבען אין זיין בוך „די אָבשטאַמונג פון די מינים מיט דער הילף פון דעם נאַטירליכען אויסוואַהל“, וואָס איז ערשינען אין יאָהר 1859.

פון דארווין'ס לעהרע פאָלגט, אז דער מענש שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין אויסנאַהם אין דער וועלט פון פלאַנצונגען און חיות און ער איז ניט באַשאַפען געוואָרען באַזונדער פון זיי. דער מענש—דאָס איז דער לעצטער רינג אין דער קייט פון אָרגאַנישע באַשעפּענישען—דאס הייסט פון די העכערע באַשעפּענישען. די נאָהענטסטע אור־עלטערן פון דעם מענשען—דאס זיינען מענשען־עהנליכע מאַנקים. מאַנכע מינים, וואָס בילדען די צווישען־און אריבער־גאַנגס־שטופען צווישען דעם מענשען און די מאַנקים—זיינען שוין געפונען געוואָרען אין די שיכטען פון דער ערד.

אין יאהר 1871 איז ערשינען דאַר־

די ראיעלסטע וויקטראָלא סטאָרס אין ברוקלין

בעים בראדערס ענד פריעדבערג פאָנאָ־גראַף קא., אינק.

דריי גרויסע און אפ־טו־דייט
וויקטראָלא סטאָרס

1525 פיטקין עוועניו
1658 פיטקין עוועניו
1430 סיינט דזשאָהנ'ס פליים

באַטערמאַן'ס

בראָדוויי און פלאַשינג עוו.
ברוקלין

אַלעס פאַר יעדער היים און פאַר אַלעמען

Batterman's

Broadway and Flushing Avenue
Brooklyn

מ. גורעוויטש'ס בוך סטאָר

די גרעסטע אויסוואַהל פון מאָדערנע אידישע, העברעאישע, רוסישע און ענגלישע ליטעראַטור, אימפאָרטירטע קונסט־פאָסטעלס גראַווירען און פאָסטעל קאַרדס אלבומען.

א פאָלשטענדיגע ליין פון קאָמויר־שעל סטיישיאָנערי און וואָטערמאַן אידיעל פאונטען־פענס.

אָרדערס פאר ראָבער סטעמפס און בוקביינדינג ארבייט.

M. GUREWITCH
BOOK STORE

202 E. Broadway New York

Tel. Orchard 4980

וויליאַמסבורג פריוועט סקול

די בעסטע סקול צו לערנען ענגליש שנעל און גוט. פריוועט לעסאָנס פאַר די יעניגע וועלכע קענען ניט בע־זוכען די קלאַסען.

מיר גאַראַנטירען אין זעקס מאָנא־טען אייך אויסצולערנען לעזען אן ענגלישען בוך אָדער צייטונג, שרייבען אן ענגלישען לעטער אָהן גרייזען און צו רעדען א ריינעם ענגליש מיט דער ריכטיגער אויסשפּראַכע.

טאָג און אַבענד קלאַסען

סטודענטס געלערנט פריוואט אָדער אין קלאַסען.

אָפען טעגליך פון 8 אוהר פריה ביז 11 אוהר אבענד.

THE WILLIAMSBURG
PRIVATE SCHOOL

47 Throop Ave. Brooklyn, N. Y.
Cor. Wallabout St. Tel. Stag 1582

1 בלאָק פון לארימער „על" סטיישאָן בראָדוויי ליין.

ווין׳ס בוך „די אָבשטאַמונג פון דעם מענשען“ (איבערזעצט אין אידיש), וואו די פראגע וועגען דער אָבשטאַמונג פון דעם מענשען איז טאַקי געלייזט געוואָרען אויף אַזאַ׳ן אופן. אגב האָט דארווין שוין הערמאָנט וועגען דעם אין זיין בוך „וועגען דער אָבשטאַמונג פון די מינים.“

מען קאָן זיך פאָרשטעלען די אלגעמיינע אויפרעגונג, וואָס דארווין׳ס לעהרע האָט ארויסגערופען. די רעליגיעזע ספרים האָבען געלערנט, אז דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען דורך א העכערען אונזיכטבאַרען וועזען, אז גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען אין זיין פאָרם און געשטאַלט, און דאָ האָט זיך מיט אמאָל געפונען א געלעהרטער, וואָס האַלט, אז דער מענש— דאס איז נאָר א העכער־ע שטופע אין דער אָרגאנישער וועלט.

עס האָבען זיך א שאָט געטאָן אויף דארווין׳ען אָנפאַלען, פארוואָורפען, קללות. לויט דער מיינונג פון א סך מענשען האָט דארווין ארונטערגענומען די קרוין פון דעם מענשען און האָט באַליידיגט זיין ווערדע. א סך מענשען האָבען מסכים געווען צו אַנערקאָנען דארווין׳ס לעהרע, נאָר פאַר׳ן מענשען האָבען זיי פארלאנגט צו מאַכען אן אויסנאַהם פון די אלגעמיינע נאַטור געזעצען.

דארווין האָט זיך אָבער פארהאַלטען מיט דער רוהיגקייט פון א געלעהרטען צום שטורעם פון צאָרן, וואָס ער האָט ארויסגערופען, און האָט געענטפערט זיינע געגנער מיט נייע פאָרשונגען, וואָס האָבען באַשטעטיגט און דערגאַנצט זיין לעהרע.

בכלל איז דארווין געווען א מענש פון זעלטענע מאָראלישע מעלות. די גרונדשטריכען פון זיין כאַראַקטער זיינען געווען עהרליכקייט, גוטסקייט און דאס געפיהל פאר גערעכטיגקייט. זיין גאַנץ לעבען— ער האָט געלעבט 72 יאָהר—האָט ער אָבגעגעבען פאר עקשנות׳דיגע וויסענשאפטליכע ארבייטען. אין דער יוגענד האָט ער געמאַכט א רייזע ארום דער וועלט און דאס האָט איהם געשאַפען די מעגליכקייט צו פאָרשען די חיות און פלאַנצונגען פון פארשיידענע לענדער, און די גאַנצע איבערגעבליבענע צייט האָט ער פארבראכט אין אן איינזאמען ווינקעל פון ענגלאַנד אין שטענדיגע פאָרשונגען לטובה פון דער וויסענשאַפט און פון דער מענשהייט. די צייט איז דערווייל געגאַנגען, די שטרייטען ארום דארווין׳ס לעהרע זיינען שטילער געוואָרען, איצט ווערען די יסודות פון דארווין׳ס לעהרע פון אלעמען אנערקאנט אין דער וויסענשאַפט.

לויט דארווין׳ס לעהרע זיינען אמאָל אויף דער ערד ענטשטאַנען די איינפאַכסטע לעבעדיגע באַשעפענישען, און דורך טויזענד יאָהריגע פארענדערונגען האָט זיך פון זיי ענטוויקעלט די גאַנצע רייכע פארשיידענארטיגע וועלט פון פלאַנצונגען און חיות.

ווי אזוי־זשע זיינען אויפגעקומען די ערשטע זוימען פון לעבען אויף דער ערד? —אָט דאָס איז די געהיימניספולע פראגע, וואָס באַאומרוהיגט און רעגט שוין לאנג דעם מענשליכען פאַרשטאַנד. דערווייל בלייבט עס א טיפער סוד.

דארווין׳ס איינפלוס אויף די אנדערע געביטען פון דעם מענשליכען וויסען איז זעהר גרויס. קודם כל האָט זיך אין אלע וויסענשאַפטען איינגעשטעלט דאָס געזעץ פון עוואָלוציע, פון ענטוויקלונג. דאָס געזעץ פון אייביגער שטענדיגער פארענדערונג. אויסער דעם איז דארווין׳ס לעהרע וועגען דעם קאַמף פאר עקזיסטענץ אריינגעדרונגען אין דעם געביט פון געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען. א סך פאַקטען פון דער געשיכטע האָט מען גענומען ערקלעהרען אין דער ליכט פון דער דאָזיגער לעהרע.

טעלעפאָן אָרטשאַרד 576

עטאַבלירט 1888



H. LEWKOWITZ

דיימאָנדס, דזשועלערי און זילבערוואַרג

צופרידענהייט
גאַראַנטירט

געלד צוריקגעגעבען
אויף אַלע וואַרע

288 גרענד סטריט

קאָרנער עלדרידזש סטריט, ניו יאָרק

JOSEPH LEIBOWITZ

239-241 GRAND STREET
near Bowery

FUR MANUFACTURERS

---

and one of the oldest fur establishments in the city. We specialize in fur coats in all latest styles. Also expert repairing and remodeling of furs of every description.

We storage furs at the lowest price.

דזשאָזעף לייבאָוויץ

241-239 גרענד סטריט
ניער בויערי

איינע פון די עלטסטע פאָר
עסטאַבלישמענטס אין
שטאָדט

מיר ספּעציאַליזירען אין

פאָר קאָוטס

אין אַלע לעצטע סטיילס

אויך עקספּערט ריפּעירינג און
רימאָדעלינג פון אַלערליי קאָוטס

מיר האַלטען פאָרס אין סטאָ-
ריידזש צו די ביליגסטע פּרייזען.

די וועלט אונטער'ן וואַסער

אַמאָל האָט מען געמיינט, אז דער אָקעאַן האָט קיין גרונד ניט, אז דאָס איז א אומענדליכער, מורא'דיגער אָבגרונד. היינט ווייס מען שוין, אז אלע ימים און אָקעאַנען האָבען א גרונד. דער טיפסטער פון אלע ימים איז דער גרויסער אָקעאַן, וואָס האַלט אין איין אָרט איבער 9 וויאָרסט. ווען מען זאָל אוועקשטעלען צוויי מיט דריי שטאָקיגע הייזער איינס אויפ'ן אנדערן, וועלען זיי צוזאמען קוים האַלטען 9 וויאָרסט. איצט קאָן מען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאר א גוואלדיגע טיפעניש דאָרט איז.

אין די טיפע טיפענישען פון אָקעאַן הערשט אן אייביגע קעלט און אן אייביגע פינסטערניש, ווייל די שטראהלען פון דער זון געהען לייכט א דורך די לופט, אָבער דורך וואסער — גאנץ שווער. זיי קאָנען אריינדרינגען אין ים אויף 200—250 קלאפטער (א קלאפטער איז אומגעפהר 2 מעטער), נידריגער דערגרייכט שוין קיין איין שטראהל ניט. אין די טיפענישען פון ים איז ניטאָ ניט קיין פריהלינג, ניט קיין זומער — א שטענדיגע קעלט.

לאָמיר זיך אויף א ווײלע ארונטערלאָזען אויפ'ן גרונד ים צוזאמען מיט די וואַסער־קריכער, מיט די טויכער. איידער מיר לאָזען זיך אראָב דארפען מיר אנטאָן גומענע קליידער, הויכע שטיוועל מיט בלייענע פאָדעשוועס, א מעטאַלענע היטעל אויפ'ן קאָפּ, דיקע גלעזער פאר די אויגען און א רעהרעל צום אַטהעמען. מען מוז אויך האָבען אן עלעקטרישען לעמפּעל, א מעסער הינטער'ן גאַרטעל.

לאנגזאם לאָזען מיר זיך אראָב אין ים אריין. עס ווערט ניט גוט, דער קאָפּ נעהמט זיך דרעהען. פעסטער אָן שטריק. ס'איז געננוג א ציה צו טאָן—און אינדערהויך ווערט נעהמען קלינגען און מען שלעפּט אונז ארויס צוריק.

מיר לאָזען זיך אַלץ טיפער, טיפער.

אָט פארשווינדט דער בלייכער טאָגשיין. א וואונדערליכע בלויקייט איז ארום אונז. אין דעם פאר'כישופ'טען שיין באַווייזען זיך פאר אונזערע אויגען די וואונדער פון דער אונטערוואסערדיגער וועלט. אָט שווימען ארום מאָדנע באַשעפענישען. אנדערע זיינען גרויס, ווי א שוואָם, אנדערע—ווי טעלער. גרינע, בלויע, געלבלאךרויטע, ווייסע, ווי מילך, אָדער דורכזיכטיגע, ווי די לופט, שווימען זיי הין און הער. דאָס זיינען מעדוזעס, ים־שירעמלאך.

עס ווערט פינסטער און קעלטער. אָט באַווייזען זיך שוין מויערקעפּלאך מיט די צונויפגעדרעהטע מושלען. די מויערקעפּלאך האַלטען זיך טיף אין ים, א סימן, אז דער גרונד איז נאָהענט. עס ווערט אינגאנצען פינסטער. מיר צינדען אָן די עלעקטרישע לעמפּלאך. איצט שטעהען מיר אויפ'ן ים־גרונד צווישען נידריגע רויטלאכע קוסטעס, וואָס זיינען עהנליך צו פלאנצען. בויגט זיך איין, פּרובירט אראָברייסען אַזאַ קוסטעל. ער האַלט זיך וואונדער שטארק. וואָס איז דאָס? עפּעס א גרויסער שלייםמיט ווייסער הויט באדעקט. דאָס זיינען ים־שוואַמען. קוקט נאָר—זיי פארנעהמען א היבשען שטח. צווישען די ים־שוואמען געפינען א רוהע פלאץ פיעל וואונדערבארע באַשעפענישען.

אָט ליגט א משפחה ים־שטעכלערס,—קליינע פעסעלאך, באדעקט מיט נאָדלען. אָט קריכען ארום ים־שטערען, פינפ־



אויסגעצייכענטע דאַמפּפער סערוויס נאָך יוראָפּ

אונזערע גרויסע באַקוועהמליכע שיפען זאַמלאַנד, גאָטלאַנד, פּאָלאנד און מיניקהאדא ווערען אָפּעריִרט דורכאויס פאר דריטע קלאַס פּאַסאַזשירען. זיי דערגרייכען די הויפּט אייראָפּעאישע האַפענס וואו די בעסטע פארבינדונג קאָנען געמאַכט ווערען מיט אלע טיילען פון יוראָפּ. דיעזע דאַמפּפערס זיינען גוט באַקאַנט צווישען די אידישע פּאסאזשירען פאַר זייערע אויסגעצייכענטע און פיעלע שפּייז, אויסערגעווערהנליכער צאָהל פון פארמאכטע צימערן און גרויסע דעק פּלאַץ. זיי גיבען אויך די אַלע באַקוועהמליכקייטען פון א מאָדערנעם ים שיף און גיבען די דריטע קלאַס פּאַסאַזשירען מיט פיעלע אַקאָמאַדיישאָנס וועלכע זיינען געוועהנליך רעזערווירט פאר ערשטע און צווייטע קלאַס רייזענדע.

AMERICAN LINE

WHITE STAR LINE — **RED STAR LINE**

INTERNATIONAL MERCANTILE MARINE COMPANY

9 בראָדוויי, ניו יאָרק

BALTIC-AMERICAN LINE

9 BROADWAY, NEW YORK

דירעקטע פּאַסאַזשיר סערוויס אָהן די נויטווענדיגקייט פון בייטען שיפען צווישען דאַנציג, ליבוי, האַליפאַקס, קענעדע און ניו יאָרק

פּאַסאַזשירען באַזאָרגט פון אַלע פּונקטען אין רומעניען, פּוילען, ליטא און לאַטוויא. אָפיסעס און אַגענטען אין אַלע הויפּט שטעדט פון דיעזע לענדער

פּאַסאַזשירען אויך טראַנספּאָרטירט פון סאָוועט רוסלאַנד

פיר מעהר אייגצעלהייטען ווענדעט זיך צו אירגענד פון אונזערע אויטאָראַ־זירטע אַגענטען אָדער צום הויפּט אָפיס

באַלטיק אמעריקאַן ליין

9 בראָדוויי, ניו יאָרק

שטראַהליגע, פיעלפאַרביגע באַשעפענישען, וואָס זיינען עהנליך צו שטערען. אָט דאָ אויפ'ן בערגעל ליגען ראקעס, אָבער גאָר אנדערע, ווי די ראקעס פון אונזערע טייכען. די האָבען ריזיגע אויגען, די אנדערע זיינען אינגאנצען בלינד.

קוקט־נאָר! א וואונדער! א פייערל אויפ'ן ים־גרונד. נאָך איינער. א גאנצער הויפען בלויע פייערלאך, וואָס זיינען געראָטען אין שטערנדלאך, וואָס באָדען זיך אין וואסער. מיר געהן צו נעהענטער. א גאנצע מחנה קליינע ברואים'לאך, וואָס לייכטען, א שטייגער ווי אונזערע פייערפליגען, לייכט־ווערימלאך, און שווימען ארום. אָט שווימט א גרויסער קאָפּפיסלער. זיין גאנצער קערפער איז באדעקט מיט בלייכע בלויליכע לעמפלאך. ער שווימט און באלייכט זיך אליין דעם וועג. עס ווערט ליכטיג און מיר פארלעשען אונזערע עלעקטרישע לעמפלאך.

אָט שווימט א פיש מיט א בינטעל הערעלאך אויפ'ן מויל, וואָס לייכטען ווי ליכטעלאך אין פינסטערן אָבגרונד. דאָרט איילט זיך ערגיץ א גרויסער פיש, וואָס טראָגט נאָר איין לעמפעל אויפ'ן שטערן. אָט איז אַן אנדער פיש מיט צוויי פלעקען אונטער די אויגען. פון פאָרענט גיבען זיי ארויס א רויטען שיין, פון הינטען — א גרינעם.

איצט פאַרשטעהען מיר צו־וואָס אנדערע איינוואָהנער פון די טיפע ימים דארפען האָבען אויגען. זיי דארפען האָבען א ראיה, ווייל זיי האָבען אייגענע ליכטיגקייט, ווייל זיי קאָנען שיינען אין דער אייביגער פינסטערניש פון אייביג קאַלטען אָקעאַן.

פאר וואָס אָבער זעהען מיר נאָר לעבעדיגע באַשעפענישען? וואו זיינען די פלאנצען?

טיפער פון 250 קלאַפטער געפינען זיך אין ים נאָר בעלי־חיים, לעבעדיגע באַשעפענישען, פלאנצען קאָנען דאָ ניט לעבען, ווייל זיי נויטיגען זיך אין זונענשטראהלען.

און דערפאר טאקי, פיהרען די בעלי־חיים פון ים א רויבערשען לעבען. איין מין שפייזט זיך מיט'ן אנדערן. די גרעסטע פרעסען אויף די קלענערע און גאָר די קלענסטע לעבען פון די פוילענדיגע פגרים, וואָס פאלען אראָפּ אויפ'ן ים־גרונד.

אין די אייביג פינסטערע, קאלטע און רוהיגע טיפענישען פון ים פיהרט זיך א פארביסענער קאמף, א ביטערע מלחמה צווישען אלע מינים ים באַשעפענישען.

וואָסער ארבייט די באַשעפענישען טוען.

אין ים־וואסער לעבען פיטשינקע באַשעפענישען, וואָס זיי קאָן מען נאָר זעהן דורך א מיקראָסקאָפּ. זייער קערפער איז אַן איינפאַכער פיצעל שליים, אָפט איז ער באדעקט מיט א שאָלעכצעל, וואָס באַשטעהט פון קאלך אָדער קיזעלזויער. די שאָלעכצלאך פון אָט די קליינינקע ברואים'לאך זיינען געראָטען אין מושלען פון מויערקעפלאך, נאָר אין א סך טויזענדער מאָל קלענער. אָט אין די שאָלעכצען זיינען דאָ קליינע שפעלטלאך, דורך וועלכע עס ציהען זיך ארויס פון קערפער פעדימלאך, א שטייגער, ווי הערעלאך. זיי דינען צו פארכאַפען שפייז. אזוי ווי די הערעלאך זיינען עהנליך צו וואָרצלען, רופט מען די דאָזיגע קליינע באַשעפענישען — וואָרצעל־פיסלער.

די וואָרצעל־פיסלער וואקסען און פארמעהרען זיך מיט א מורא'דיגער שנעלקייט. אין א פּאָר מינוט צוטיילט זיך איין וואָרצעל־פיסלער אויף דער העלפט און עס ווערען צוויי, פון צוויי ווערען פיער, פון פיער — אכט. אין א פּאָר שעה קאָנען ענטשטעהען מיליאָנען נייע וואָרצעל־פיסלער.

אויב קיין זאך וואָלט נישט געשטערט, וואָלטען די דאָזיגע וואָרצעל־פיסלער פארפולט אונזערע ימים און אָקעאנען און פאר

אמעריקען ניער איסט און בלעק סי ליין

אינקאָרפּאָריישעד

דירעקטע וועג נאָך און פון
קאָנסטאַנזא און אָדעסא

נאָך קאָנסטאַנזא

1טע קלאַס קעבין — — — — $305
2טע קלאַס קעבין — — — — — 225
3טע קלאַס קעבין — — — — — 140
3טע קלאַס סטירידזש — — — — 130

נאָך אָדעסא

1טע קלאַס קעבין — — — — $350
2טע קלאַס קעבין — — — — — 260
3טע קלאַס קעבין — — — — — 175
3טע קלאַס סטירידזש — — — — 150

פון קאָנסטאַנזא

1טע קלאַס קעבין — — — — — $305
2טע קלאַס קעבין — — — — — 220
3טע קלאַס קעבין — — — — — — — 140
3טע קלאַס סטירידזש — — — — 125

פון אָדעסא

1טע קלאַס קעבין — — — — — $350
2טע קלאַס קעבין — — — — — 285
3טע קלאַס קעבין — — — — — 175
3טע קלאַס סטירידזש — — — — 165

AMERICAN NEAR EAST & BLACK SEA LINE Inc.

21—24 STATE STREET NEW YORK

קונאַרד ליין

אויסלענדישע געלד אָרדערס, קייבעלס, דרעפטס
און טשעקס פיר רייזענדע

געלד זענדונגען נאָך אַלע לענדער שנעל איבערגעשיקט און
פּינקטליך איבערגעגעבען

זעהר ווייניג האָבען אזא אויסגעצייכענטע סירוויס ווי מיר
אָבער קיינער קיין בעסערע.

איהר דאַרפט ניט נעהמען אונזער וואָרט דאַפיר. פּרובירט אונז און
איהר וועט זיך אליין איבערצייגען.

פאַר וויטערע אויסקינפטע ווענדעט זיך דורך טעלעפאָן, לעטער
אָדער פּערזענליך צום נאָהענטסטען אָפיס פון דיזער קאָמפּאַני

THE CUNARD STEAMSHIP COMPANY, Ltd.

הויפּט אָפיס : 25 בראָדוויי, ניו יאָרק סיטי.

אַנדערע אָפיסעס פון דער קאָמפּאַני :

107 איסט באַלטימאָר סט., באַלטימאָר, מד.
126 סטייט סט., באסטאָן, מאַסס.
140 נ. דיערבאָרן סט., שיקאַגאָ, איל.
האָטעל קליוולאנד בילדינג, קליוולאנד, אָ.

1227 וואשינגטאָן בולוואַרד, דיטראָיט מיש.
1300 וואלנאט סט., פילאדעלפיא, פּא.
712 סמיטהפיעלד סט., פּיטסבורג, פּא.
1135 אָליוו סט., סיינט לואיס, מיזורי

אנדע־ע בעלי חיים וואָלט קיין ארט ניט געבליבען. דאָס קומט אָבער ניט פֿאָר. די וואָרצעל־פֿיסלער האָבען א סך שונאים און שטערונגען אין לעבען. זיי שטארבען מיליאָנענווייז און פאלען אראָב אויפ׳ן ים־גרונד.

פון וואָס, מיינט איהר, באַשטעהען די ברעגען פון דעם טייך ניעמאַן, דער באדען פון ליטע, די אלפּען־בערג און די באַלקאַנען? טאַקי פון די דאָזיגע וואָרצעל־פֿיסלער. דער ים איז ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין יבשה און די טויטע וואָרצעל־פֿיסלער האָבען געבילדעט שטיינער.

כמעט אַלע הייזער פון פּאַריז, זיינען געבויט פון שטיינער, וואָס זיינען געוואָרען פון וואָרצעל־פֿיסלער. זיי בילדען דעם באָדען פון מאָסקווע און בערלין, פון זיי זיינען געבויט די פּיראַמידען אין מצרים.

קאָראַלען, קליינע ברואים, וואָס בויען אינזלען און פעלזען.

איהר האָט געוויס געזעהען קאָראַלען? אָט די רויטע אָדער ווייסליכע קאַלכשטיינער? מענשען פּאָלירען זיי און טראָגען אין אויערינגלאַך, בראַסלעטען און האַלזבענדער.

צו ווייסט איהר, אַז די דאָזיגע קאָראַלען שטאַמען פון טיפֿען אָקעאַן? אויפ׳ן גרונד פון אָקעאַן וואַקסען וואונדערשעהנע קאָראַלען וועלדער. די שווארצע צווייגען פון די דאָזיגע שטיינערנע בוימער פלעכטען זיך איבער מיט די רויטע, ווייסע און גרויע, שווער איז זיך פֿאָרצושטעלען די פאַרשיידענאַרטיגע קאָראַלען. דאָ זעהען זיי אויס, ווי הויפֿענס אָנגעוואָרפענע שטיינער, דאָרט—ווי שלאַנקע צווייגען און בלעטער.

נאָר וואונדערבאַרער פון אַלץ איז, וואָס די ריזיגע קאָראַלען וועלדער, האָבען אויפגעבויט קליינע חיה׳לאַך — פּאָליפּען. מאָדנע ברואים זיינען זיי, די פּאָליפּען. זיי האָבען נאָר א מויל און מאָגען. דער מאָגען איז א זעקעלע, דער מויל איז פון אויבען מיט א בינטעל שטראַהלען ארום. אָט די שטראַהלען זיינען פאר׳ן פּאָליפּ, ווי פאר אונז הענד.

דער פּאָליפּ זעהט ניט און הערט ניט. ער קאָן זיך צומאָל ניט ריהרען און איז שטענדיג באַפעסטיגט צו איין אָרט. אין א גוטען וועטער צושפּרייט ער זיינע הענדשטראַהלען און וואַרט ביז דער ים וועט צוטראָגען צו זיין מויל קליינע ברואים׳לאַך. דאַן פאַרבויגען זיך די שטראַהלען און די קליינע קרבנות פאַלען באַלד אריין אין פּאָליפּס מאָגען.

עס ווייזט זיך אויס, אַז דער פּאָליפּ איז אינגאַנצען שוצלאָז, דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. פאַרקעהרט, ער פאַרטיידיגט זיך אויסגעצייכענט קעגען פאַרשיידענע געפאַהרען. איהר קאָנט איהם אריינוואַרפען אין הייסע וואַסער אָדער אין אייז, איהר קאָנט איהם אָבשניידען זיינע הענד, דעם פּאָליפּ אַרט עס ווייניג. שנעל קומט ער צו זיך, און די הענד וואַקסען אָן פון דאָס ניי.

אין א באַשטימטער צייט באַווייזען זיך אויפ׳ן פּאָליפּס קערפּער קליינע בערגעלאַך, פון וועלכע עס וואַקסען ארויס יונגע פּאָליפּלאַך. די דאָזיגע פּאָליפּלאַך זיינען פאַראייניגט מיט׳ן קערפּער פון מוטער־פּאָליפּ און יעדער איינציגער פון זיי געפינט זיך אין א קאָראַלענער שטיבעלע, וואָס איז געמאַכט פון קאַלך, דער קליינער פּאָליפּל וואַקסט אונטער און אויף זיינע זייטען ענטוויקלען זיך קליינע פּאָליפּלאַך מיט קאָראַלענע שטיבעלאַך.

עס פאַרגעהען יאָהרען און יאָהרען. די מחנה פּאָליפּען ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער, עס ציהען זיך שוין אויפ׳ן ים־גרונד אמת׳ע קאָראַלענע וועלדער פון לעבעדיגע און טויטע פּאָליפּען.

נאָר אָט דערגעהען שוין די פּאָליפּען־שטיבעלאַך ביז׳ן אויבערפלאַך פון ים. די פּאָליפּען קאָנען ניט לעבען אין דער לופט,

מאָני אָרדערס נאָך אלע טיילען פון דער וועלט דורך אונזערע דירעקטע
פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע בענקינג אינסטיטושאָנס אין אויסלאַנד

אין דאָלאַרס אָדער אין אויסלענדישע

געלד צו די נידריגסטע מארקעט פרייזען

שיפסקאַרטען צו און פון אַלע לענדער

מעיל אָנפראַגען און אָרדערס קריגען פאָרזיכטיגע און פינקטליכע באהאַנדלונג

די גרעסטע און עלטסטע אידישע באַנק אין פילאַדעלפיא

PEOPLES BANK

GIRARD AVE. at 7th ST.
410 SOUTH ST.

NINTH & WALNUT STS.
SEVENTH & WOLF STS.

PHILADELPHIA

מיר שיקען געלד

נאָך אַלע טיילען פון דער וועלט דורך מעיל אָדער קייבעל

צו די בעסטע עקסטשיינדזש רעיטס

אונזערע אויסגעצייכענטע פאַרבינדונגען אין
אַלע לענדער וואו אידען וואוינען מאַכט עס
מעגליך פאַר אונז אויסצוצאָהלען געשיקטע
געלדער שנעל און פינקטליך

שיפסקאַרטען

דעפּאָזיטס

EMIL KISS

עמיל קיס, באַנקיר

133 צווייטע עוועניו

קאָרנער 8טע סטריט

ניו יאָרק

זיי שטאַרבען, נאָר זייערע קאָראַלענע שטיבעלאַך בלייבען ליידיג און בילדען ניט זעלטען מורא'דיג גרויסע פעלזען, וואָס ציהען זיך אויף טויזענדער וויאָרסט.

אָפטמאָל בילדען זיי אינזלען, גאַנצע אינזלען, וואָס באַשטעהען פון היילע קאַלכ־שטיבעלאַך פון געשטאָרבענע פּאָליפּען!

אָט וואָסערע גרויסע זאַכען עס קאָנען אויפטאָן קליינע ים־ברואים!

איינער א געלעהרטער האָט געזאָגט, אז די גרעסטע בנינים, וואָס דער מענש האָט אויסגעבויט, ווי א שטייגער, די פּיראַמידען אין מצרים, זיינען א קינדערשפּיעל, אין פאַרגלייך מיט די אויפבויאונגען פון די קליינע ברואים־פּאָליפּען.

גוטברודערשאַפט ביי די ים־בעלי־חיים

ניט אַלע פּאָליפּען לעבען מחנות'וויז אין גאַנצע קאָלאָניעס. עס זיינען דאָ אזעלכע צווישען זיי, וואָס ווילען זיך ניט חבר'ן מיט זייערע ברידער. איינזאַם לעבען זיי אויף א ים־פעלז. אָט די פּאָליפּען רופט מען ים־רויזען.

דאָס זיינען וואונדערשעהנע ברואים, וואָס זיינען געראָטען אין בלומען. זייערע פאַרבען פאַר'כשוף'ן דעם צוקוקער; עס גלוסט זיך אויסציהען די האַנד און אָברייסען דעם פיינעם בליהמעל.

אָבער זייט פאָרזיכטיג! די ים־רויז האָט וואָפען. בעסער ריהרט זי ניט. קוקט זיך צו, צו דער ים־רויז, און איהר וועט זעהען, אז דאָס איז א לעבעדיגע באַשעפעניש, וואָס הרג'עט קליינע ראַקלאַך, מויערקעפּלאַך און וואָרצעל־פיסלער און פרעסט זיי אויף מיט א מורא'דיגער שנעלקייט.

אָט שאָקלען זיך איהרע שטראַהלען אין רוהיגען ים־וואַסער. זיי זעהען אויס אזוי אומשולדיג און הערוועקען ניט דעם קלענסטען פאַרדאַכט ביי די קליינע ים־ברואים.

א קליין מויערקעפּעל שווימט פאַרביי די שטראַהלען. ער פיהלט אינגאַנצען ניט די גרויסע געפאַהר. מיט אמאָל דערלאַנגען זיך א פּאָר שטראַהלען פון דער ים־רויז וואָרף אויפ'ן מויערקעפּעל, זיי בריהען איהם אָב, ווי מיט קראַפּעווע, ער פאַלט א פאַר'חלש'טער. די ים־רויז קאָרטשעט איין איהרע שטראַהלען־האַנד און שנעל ווי א בליץ פאַרשווינדעט איהר קרבן אין אָפּענעם מויל פון דעם דאָזיגען ים־רויבער, וואָס איז געראָטען אין א שעהנעם בלום.

אין ים זיינען דאָ אַלערליי מינים ראַקעס: גרויסע און קליינע, שטאַרקע און שוואַכע. נאָר דער וואונדערבאַרסטער פון זיי איז דער ראַק—דער־אַסקעט (נזיר).

אזוי רופט מען איהם, ווייל ער לעבט ניט בשלום מיט זיינע ברידער—אַנדערע ראַקעס, נאָר איטליכער פון זיי טיילט זיך אָב באַזונדער און פיהרט א לעבען פאַר זיך. דער ראַק—דער אַסקעט איז א ים־רויבער, א גזלן און דערצו א שרעקליכער כעסן.

דער פאָדערשטער טייל פון זיין קערפּער איז באַשיצט מיט א האַרטער פּאַנצערהויט און מיט א פּאָר לאַנגע שטאַרקע צוואַנגען, וואָס זיינען עהנליך צו שערן.

באַוואָפענט דערמיט, באַפאַלט דער ים־רויבער אַלע שוואַכערע ברואים. אין זיין מויל פאַלען אריין מויערקעפּלאַך, קליינע פישלאַך, ים־ווערים און אַלערליי קליינע ראַקלאַך.

אָט די אַלע ברואים'לאַך זיינען גאָר ניט קיין שטאַרקע בעלנים אריינצופאַלען אין ראַקס צוואַנגען. זיי קאָנען גוט זייער שונא און ווייסען, אז דער ראַק — דער אַסקעט איז באַוואָפענט נאָר פון פאָרענט, אָבער פון הינטען איז זיין קערפּער ווייך און ניט באַשיצט.

דאָס נוצען טאַקי אויס די קליינע ים־בעלי־חיים'לאַך. זיי באַפאַלען דעם ראַק פון הינטען און קאָנען ניט זעלטען גוט צו'מזיק'ען זייער שונא.

מארק, קראנען, לעי

און אנדערע אויסלענדישע וואלוטען צו קורס פון טאג

באנדס פון די שטעדט קארלסבאד, פראג, וויען, בערלין, בודאפעסט,
האמבורג, ברעמען א. ז. וו.

מיר באזארגען שיפסקארטען צו פאהרען נאך יוראפ ווי אויך פאראויס באצאהלטע שיפסקארטען פאר די וועלכע איהר ווילט אריבערברייגגען נאך אמעריקא. מיר באזארגען אויך פאר אייך אלע נויטיגע פעסער און דאקומענטען וועלכע זיינען נויטיג פאר ארויספאהרען נאך יוראפ אדער קומען נאך אמעריקא.

BERNARD KLUG & CO.

150 NASSAU STREET NEW YORK, N. Y.

קאסטאם הויז בראקערס און עקספארט איבער-שיקער

פארסעל אגענטור פון דער דייטשער פארסעל פאסט

פארסעל אגענטור פון דער ראיאל דעניש מעיל

פראכט און רעליעף שיפמענטס איבערשיקט נאך אלע לענדער צו די ביליגסטע פרייזען

רעגולער וועכענטליכע שיפמענטס פון עקספרעס פעקעדזשעס ביז 40 פונט געשיקט נאך דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען, רומעניען, לאטוויא, ליטא, א. ז. וו.

HENSEL, BRUCKMAN & LORBACHER, Inc.

29 BROADWAY
NEW YORK

טעלעפאן: ווהייטהאל 0670
עטאבלירט 1879

R. M. BAUER & CO.
25 BROAD STREET
NEW YORK

Cable Address: "RABAUER"

Tel.: Broad 0416 — 0417 — 0125
0126 — 0127 — 0658

אים-לענדי-שע באנדס שערס עקסטשיינדזש געלדער

פערטרעטער פאר די יונייטעד סטייטס און קענעדע פון:

ענגלישער-עסטרייכישער באנק

וויען (עסטרייך); בודאפעסט (אונגארן); פראאג (טשעכא-סלאוואקיא); טשערנאוויץ (רומעניען); און פינף און דרייסיג ברענטשעס און פערבינדונגען מיט בענק

HARDY & CO.
BERLIN

וואס־זשע טוט דער ראק? ער געפינט ערגיץ־וואו א ליידיגען מושעל און קריכט אין איהם אריין. זיין הינטערלייב איז אינ־גאנצען פארבאהאלטען אין מושעל, נאר פון פארענט שטעקט ער ארויס די מורא׳־דיגע צוואנגען זיינע. איצט האט ער שוין פאר קיינעם קיין מורא ניט!

אט אזוי שווימט ארום איבער די ימים דער געפאנצערטער ים־רויבער און שלעפט אויף זיך א פרעמדען מושעל.

ים־רויבער — גוטע חברים.

דער ראק קאן פראנק און פריי אריבער־געהן פון ארט צו ארט. עס פארשטעהט זיך, אז בעת דער ראק וואנדערט ארום איבער די ים־וואסערן שלעפט ער מיט זיין מושעל. איז אבער דא א סכנה. דעם ראק׳ס קערפער פארנעהמט ניט די גאנצע עפע־נונג פון מושעל. עס בלייבט איבער א קליין שפעלטעלע, דורך וועלכען עס קאנען זיך פאר׳גנב׳ענען אין מושעל דעם ראק׳ס קליינע שונאים. דאס איז פאר׳ן ראק א לעבענסגעפאהר און דערצו טאר ער ניט דערלאזען. וואס־זשע טוט ער?

ער האט א גוטען חבר, אויך א ים־רויבער, ווי ער אליין. דאס איז די ים־רויז. האבען זיי ביידע געמאכט א מין שותפות. די ים־רויז באזעצט זיך אויפ׳ן ראק׳ס מושעל און זארגט, אז קיינער זאל אהינצו ניט אריין. זי הרג׳עט קליינע ברואים׳לאך און טיילט די רויב מיט׳ן ראק. פאר אט די אלע מעשים טובים שלעפט דער ראק דעם מושעל צוזאמען מיט דער ים־רויז איבער די וואסערן פון ים. דאס איז א גרויסע טובה פאר דער ים־רויז, ווייל אליין קען זי בשום אופן ניט אריבערגעהן פון איין ארט אויפ׳ן אנדערן.

אט אזוי לעבען זיך אין ים צוויי רויבער, צוויי גוטע חברים—די רויז און דער ראק. זיי האבען כלומרשט געשלאסען א יד אחת. עס ווייזט אויס, די שווערע נויט האט זיי דערצו געצוואונגען.

אוצרות אויפ׳ן ים־גרונד.

איהר האט געווים געזעהען, ווי מען נעהמט ארויס פון א טייך אדער אזערא א צווייג אדער א שטיק האלץ. דאס האלץ איז נאס, ערטערווייז צופוילט און וואו ניט וואו באמערקט איהר קליינע, ווייכע, געל־גרינע בערגלאך, וואס האלטען זיך פעסט אין האלץ.

דאס זיינען ניט קיין איינפאכע בערג־לאך בלאטע, נאר לעבעדיגע ברואים׳לאך, וואס פרעסען אנדערע באשעפענישען, קלענערע פון זיי. דאס זיינען טייך שוואַ־מען. זייער קערפער האט פיעל שפארינ־קאלאך און רעהראלאך דורך וועלכע דאס וואסער געהט שטענדיג אריין און ארויס. אינאיינעם מיט׳ן וואסער געהען אויך אריין די קליינע ברואים׳לאך, וואס מיט זיי שפייזט זיך דער טייך־שוואם.

דער טייך־שוואם האט א נאהענטען קרוב, וואס איז ווי א טראפען וואסער געראטען אין איהם. דאס איז דער ים־שוואם. אמת, ער איז פיעל גרעסער פון זיין ברודער פון טייך, נאר זיין קערפער, זיין לעבען און זיינע מנהגים זיינען דיזעלביגע.

כמעט אין אלע ימים זיינען דא ים־שוואמען, אמעהרסטענס האבען זיי ליעב א טיפען, טיפען ארט, וואו זיי וואקסען צו צו אן אונטערוואסערדיגען פעלז.

דער ווייכער קערפער פון די שוואמען, וואס איז עהנליך צו א פייכטען שליים האט אינעווייניג הארטע טיילען. ווען מען נעהמט ארויס א שוואם פון וואסער טרי־קענט ער אויס, עס בלייבט נאר די הארטע טיילען, דעם שוואמס סקעלעט.

קוקט זיך אמאל צו צו א שוואם, וועל־כען מיר באנוצען צום וואשען זיך. דאס איז טאקי נאר דער סקעלעט פון א מין ים־שוואם, וואס לעבט אין די ווארימע ימים. אמעהרסטען געפינט מען די שוואַ־מען אין מיטעללענדישען ים, ביי די ברע־גען פון גריכענלאנד און קליין אזיען.

אײראָפּעאישע רעגירונגס און שטאָדטישע באָנדס

צוליעב די יעצטיגע נידריגע פּרײזען פאר אויסלענדישע געלדער, קענען פיעלע אײראָפּעאישע שטאָדט באָנדס געקויפט ווערען צו די ביליגסטע פּרײזען וואָס עס זיינען ווען געווען. פיעלע פאר ווייניגער ווי 1 פּראָצענט פון זייער פאַר מלחמה ווערטה. ווען די צושטענדע וועלען זיך פאַרבעסערען וועלען די באָנדס וואָס וועלען יעצט געקויפט ווערען צייגען זעהר גרויסע פּראָפיטען.

	פּרייזען דעצ. 23, 1921	בעפאָר מלחמה
דייטשע רעגירונגס 5%	$5.25 פיר 1000 מאַרקס	$238
ברעמען 3%	$5.00 פיר 1000 מאַרקס	238
וויען 5%	$0 35 פיר 1000 קראָנען	202
רוסלאנד 4% 1894	$6 00 פיר 1000 רובעל	514
פּוילישע 5%	$0 75 פיר 1000 פּ. מאַרקס	238
רומעניעז 5%	$9 00 פיר 1000 לעי	193
פּראאג 4%	$12.00 פיר 1000 קראָנען	202

NEHEMIAH FRIEDMAN & CO.

אויסלענדישע באָנדס און אויסלענדישע עקסטשיינדזש

60 Beaver Street **New York**

TEL. BOWLING GREEN 2538

Everready Shipping Service

צו אלע טיילען פון דער וועלט

ספּעשעל דעפּאַרטמענט פיר אריבערשיקען רעליעף וואַרע און אלגעמיינע
מוירטשענדייז נאָך

רוסלאַנד, אוקראינא, פּוילען (גאַליציע), רומעניען, עסטרייך, אונגאַרן, דייטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואקיא, יוגאָ־סלאוויא.

מיר האָבען אונזערע אייגענע פערטרעטער אין אלע גרויסע שטעדט ווי

ריגא, רעוואל, ליבאו, ווארשא, מיסלאָוויץ, לאָדז, האַמבורג, דאנציג, בערלין, וויען, אָדעס, פּעטראָגראד, א. ז. וו.

מיר וועלען מיט פערגעניגען צושטעלען רעיטס און אינפאָרמיישאָן אויף אייער פערלאַנג

EVERREADY SHIPPING CORPORATION

110 Front Street **New York**

Tel. Bowling Green 2970-71

גרויסער אויסוואַהל פון אידישע מוזיק ראָלס, מוזיק ראָל קאַבינעטס
און פאָנאָגראַף רעקאָרדס

ס. נאנאס

8 צווייטע עוועניו, ביטווין האוסטאָן און ערשטע סטריטס.
טעלעפאָן, דריידאָק 3725

מיט זוכען שוואמען באשעפטיגען זיך כ'רוב די גריכען און אראבער. אין תמוז, ביי א רוהיגען וועטער, לאזען זיי זיך אויף קליינע שיפלאך אין ים אריין.

דאס וואסער איז דורכזיכטיג, מען זעהט דעם גרונד און וואו ניט וואו גרויסע שוואמען־משפחות.

נאקעט, מיט א קארב ביים גארטעל און א מעסער אין האנד, ווארפען זיך די שוואמען יעגער אין ים אריין. זיי רייסען אן א פולען קארב און שווימען ארויף צו דער שיפעל.

די לעבעדיגע שוואמען דריקט מען איין, מען טריקענט זיי אויף דער זון, שפעטער וואשט מען זיי און מען באקומט דעם ריינעם סקעלעט פון שוואם.

אט מיט דעם סקעלעט וואשען מיר זיך.

ווי אזוי ים־זעמדלאך פארוואנדלען זיך אין שעהנע פערל.

ביי אונז אין די טייכען געפינען מיר צוויי מינים מושלען: געדרעהטע און אזעלכע, וואס עפענען זיך ווי א קעסטעלע. דאס זיינען צוויי־שיסעלדיגע מושלען. קלייבט אויף א ביסעל צוויי־שיסעלדיגע מושלען און איהר וועט אהן צווייפעל באמערקען, ווי אנדערע פון זיי פינקלען און שימערן מיט די שעהנסטע פארבען און קאלירען. אט זיינען זיי באזילבערט, אט — הערלאז, דא פינקלען זיי מיט א גרינעם וואסער־קאליר דא זיינען זיי ווייס, ווי מילך.

פאר וואס פינקלען אזוי די מושלעם?

ווייל אינוועניג זיינען זיי באדעקט מיט פערלמוטער. יא, מיט פערלמוטער, וועלכער איז ארוים פון דעם מויערקאפס קערפער, ווי א שטייגער פון אונזער קערפער שוויים. די מושלען פון אונזערע טייכען האבען גאר ווייניג פערלמוטער. אנדערש זיינען אבער די מושלען פון די ווארימע ימים, אנדערע פון זיי זיינען אינוועניג אויסגעלעגט מיט א דיקען שיכט פון טייערען פערלמוטער. אט פון די פערלמושלען מאכט מען טאקי קנעפ, מעסערלאך און בראשקעס.

דאס איז נאך אבער ניט אלעס.

עס טרעפט אמאל, אז א קליין זעמדעלע פאלט אריין אינוועניג אין מושעל אריין. דער מויערקעפעל, וואס לעבט אין מושעל, איז גארניט צופרידען מיט אזא אומגעבעטענעם גאסט. דער זאמדעלע רייבט זיין ווייכען קערפער, ער פארשאפט איהם יסורים, ווי א שטייגער אונז, ווען עס געהט אריין א שטיקעל האלץ אין פינגער.

וואס־זשע טוט ער, דער מויערקעפעל, כדי צו פארלייכטערן דעם וועהטאג?

ער לעגט ארום דעם זעמדעלע מיט פערלמוטער און דער קליינער ים־זעמדעלע ווערט אין א שעהנעם פערל פארוואנדעלט. דער דאזיגער פערל ליגט טיף באהאלטען אין מויערקעפעלס מושעל.

וואס־זשע איז אזוינס פערל, די טייערע צירונג, וואס מען צאהלט פאר דעם, ווי פאר בריליאנטען? דאס זיינען בלאטערלאך, געשוואולסען פון דעם מויערקעפעלס קערפער, וואס זיינען געווארען פון א צופעליגער זעמדעלע. דאס איז א מין „ראק", „א קענסער" אויפ'ן קערפער פונ'ם מויערקעפעל, וואס איז פאראורזאכט געווארען פון דער אריינגעדרונגענער זעמדעלע.

אמאל האט מען באקומען פערל אין אינדיען, היינט פארנעהמט מען זיך דערמיט כמעט אין אלע ווארימע ימים. דאס איז א שווערע, געפעהרליכע ארבייט!

פארנאכט, ווען די היץ ווערט שוואכער, לאזען זיך ארוים אין ים אריין שיפלאך מיט די פערלזוכער. אין יעדער שיפעל זיצען א 10—12 נאקעטע מענשען. זיי ארבייטען זאלבענאנד: איינער ווארפט

רבי צוקער'ס

מעדיצינס

וועלכע ענטהאלט די בעסטע
כעמישע שטאָפען וואָס האָט
פיעלע הונדערטע שוין
געהאָלפען.
די פאָלגענדע מעדיציגס זיינען
צו באקומען
אין רבי צוקערס אָפיס
78 גרעהעם עוו., ברוקלין, נ. י.

נערוועזיטעט מעדיצין
פאליגע "
קאָנוואולסיען "
רומאטיזם "
מאָגען "
קאָפּ שמערצען און שוואכקייט
אין קערפער.

בינען האניג

עכט רייגער האָניג גאראנטירט פון דער
אייגענער פאַרם אין באקס קאונטי

3 פונט 1 דאלאר — 6 פונט $1.60
12 פונט $2.75

שיקט א טשעק אָדער מאָני אָרדער
FRANK J. MAYER
206 E. 28th ST. NEW YORK CITY
Between 2nd & 3rd Aves.

Tel. Columbus 4676 — 4677
DR. G. M. OTTO
CHIROPRACTOR
.245 WEST 72nd STREET
NEW YORK
צוועלף יאָהר אין פראקטיס
באראטהונגען וועגען אלערליי קראנק-
הייטען
שטונדען: 2:30 ביז 5:30 נאָכמיטאָג
אַנדערע שטונדען דורך אַפּוינטמענט
דר. ג. מ. אָטאָ
245 וועסט 72טע סטריט
ניו יאָרק

דר. מאקס סמאָל
דענטיסט
333 איסט 6טע סטריט, ניו יאָרק
טעלעפאָן: אָרטשאַרד 8571.

מיר קאָנען מאַכען צו אָרדער אַלע סאָרטען
ברוך בענדער, בויך בענדער
און סטאָקינגס פיר מענער
און פרויען
געפּאַסט ריכטיג צו אייער מאָס — ביליגער ווי
איהר צאָהלט אנדערשוואו פאַר פערטיגע
אונזער ביזנעס עקזיסטירט שוין זייט 26
יאָהר. מיר האָבען שוין טויזענדע צופרידענ-
געשטעלט און מיר וועלען אייך אויך צופרידענ
שטעלען. א פרוי אַטענדעט צו פרויען.
טשערי ענד טאלמאטש, אינק.
464 גרענד סטריט
(דראָג סטאָר) קאָרנער פּיט סטריט
טעלעפאָן, אָרטשאַרד 6531—10058

ווילט איהר הנאה האָבען פון
אייער עסען?
בעזוכט
דושאזעף פעלדשטיין'ס
רעסטאָראַנט
164 עלען סטריט — ניו יאָרק

M. WINTERLE
VIOLINS
156 E. 86th STREET
Telephone, Lenox 4882 — NEW YORK
ספעציאַליסט אין פאַריכטען ווייאָלינס
אַרטיסטיש
זעלטענע אַלטע ווייאָלינס אימער אין
פלאַץ
מעיל אָרדערס פּינקטליך אַטענדעט

זיך אין וואסער, דער צווייטער שלעפט איהם ארויס.

קוקט זיך צו, ווי אזוי זיי ארבייטען, די פערלזוכער. אט לאזט זיך איינער אראב. וואס פאר א מאדנעם אויסזעהען האט דער מענש. ארום גארטעל א לאנגע שטריק, א שטיין אויף דער שטריק, אויפ׳ן האלז א זעקעל, אין האנד א מעסער...

אט איז דער מענש פארשוואונדען. איהר צעהלט די רגעס... ווי איז ער דארט אהן לופט? א מינוט געהט אריבער; נאך א מינוט. דער מענש פון שיפעל שלעפט ארויף די שטריק. אט ריהרט זיך דאס וואסער. א קאפ באווייזט זיך. א בלאס פנים, גרויע אויגען. ער לעבט!

מיט א ברייט צועפענט מויל אטהעמט ער אריין די לופט און קריכט אריין אין שיפעל. ביי איהם אין זעקעל איז א הויפען פערלמושלען. אפטמאל פאלט דער פערלזוכער א פאר׳חלש׳טער אויפ׳ן שיפעל, בלוט רינט איהם פון נאז. א ביטערע שווערע ארבייט איז דאס. זי גראבט אונטער דעם געזונד פון די פערלזוכער און געוועהנליך שטארבען זיי יונגערהייד.

די איינוואהנער פון יענע געגענדען זיינען גאנץ ארים. דער שווערער דלות צווינגט זיי זיך צו פארדינגען צו די בעלי־הבתים, וואס שיקען זיי אין ים אריין נאך פערל. נאר די פערל, וואס זיי געפינען, געהערט צו די בעלי־הבתים.

וועט איהר אמאל זעהן א טייערן שעהנעם פערל, דערמאנט זיך, אז איהם האט אן ארימער פערלזוכער פון טיפען ים ארויסגעשלעפט.

אין דער מלוכה פון פיש—ווי אזוי הערינג וואנדערן איבער די ימים.

די פויגלען אויף דער יבשה זיינען די בעסטע פליהער, די פיש אין די ימים—די שנעלסטע שווימער. עס איז ניט קיין וואונדער, וואס די פיש מאכען ריזיגע נסיעות, אפטמאל וואנדערן זיי אין אומגעהויער גרויסע מחנות. דאס נוצט טאקי אויס דער מענש, און כאפט זיי אין די נעצען.

צו די וויכטיגסטע וואנדער־פיש געהערען אהן צווייפעל די הערינג. א גאנץ יאהר לעבען זיי אבגעזונדערט אין די טיפע ימים. נאר אט קומט סוף ווינטער, ווען מען דארף נעהמען זארגען פאר די קומענדיגע דורות, די צייט פון לייגען אייעלאך, רויגען.

דאן קלייבען זיך אויף די הערינג אין ריזיגע מחנות און לאזען זיך וואנדערן צו די ברעגען פון ים. דא ווארטען שוין די פישער. מיט אומגעדולד קוקען זיי אויס דעם אנקומען פון די הערינג, זיי שטעלען אן די נעצען און כאפען מיליאנען מיליאנען.

אזעלכע מחנות, וואס אין יעדע מחנה איז דא מעהר הערינג, ווי מענשען אין גאנץ פוילען און ליטע, באווייזען זיך פון יאהר צו יאהר ביי די ברעגען פון נארוועגיען און ענגלאנד.

שווער איז זיך פארצושטעלען אט דעם משונה׳דיגען בילד פון די ריזיגע פיש־ארמייען. זיי באדעקען דעם ים אויף מיילען אין דער לענג, אויף מיילען אין דער ברייט, אויף מעהר פון צעהן קלאפטער אין דער טיף. עס איז א געפאהר אריינצופאהרען מיט א שיפעל צווישען די ריזיגע פיש־ארמייען. א רודער, וואס מען שטעקט אריין צווישען אט די געדיכטע הערינג־ארמייען, בלייבט שטעהן גלייך, פונקט ווי מען וואלט איהם אריינגעשטעקט אין דער ערד. אזוי געדיכט געהען זיי, די הערינג!

ווען עס קומט די צייט פון הערינג כאפען, ווערען אלע ברעג־איינוואוינער שטארק אויפגעלעבט. דער קלענסטער פישער דארף אין נארוועגיען האט א טעלעגראף און אלע, פון קליין ביז גרויס ווארטען אב די גוטע בשורה, אז אין דעם און דעם ארט האבען זיך באוויזען די הערינג.

Rugoff & Company

85-87 Canal St.
New York

אונזערע קליידער קומען נאָך אין יעדען רעס־פעקט די קוואליטעט, סטייל, פיט און פיניש. אלע אונזערע סוטס און אָווערקאוטס אויס־געצייכענט גענעהט אין אונזער פלאץ. אונ־זער קוואַליטעט סטאַנדאַרד בלייבט אונגעביטען.

ריכטיגע קליידער פיר מענער און יונגעלייט צו פרייזען וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען.

רוגאָף ענד קאָמפּאַני
85 קאַנעל סטריט

אויב איהר ווילט אריבערברייגען אייערע קרובים פון סאָוויעט רוסלאנד אָדער פון אירגענד אנדער לאנד, קומט אָדער שרייבט צו

RUSSIAN PETROGRAD BUREAU

עפּשטיין און עפּימאָף, אַגענטען

25 דעלענסי סטריט
ניו יאָרק

געלדזענדונגען נאָך אלע טיילען פון דער וועלט

טעלעפאָן, דריי־דאק 4352—2108

Cable Address: "Petrorus"

פּרוכת'ן מענטעלאך

טליתים, סילקענע און וואָלענע, חופות, בענערס

האָלסייל און ריטייל

מאַנופעקטשורד ביי

י. נעכעס, 64 קלינטאָן סטריט

I. NECHES, 64 Clinton St., N. Y.

קאַנטרי אָרדערס שנעל, ריכטיג און פינקטליך אַטענדעט

אינקאָם טעקס רעפּאָרטס — פּאַרטנערשיפּ טראָבעלס — פּראָפיט און פארלוסט סטייטמענטס — קאָרפּאָריישאָן טעקסעס

מאָנאַטליכע אָדער וועכענטליכע אָדיטס

HOLLAND ACCOUNTING CO.

CERTIFIED PUBLIC ACCOUNTANTS

299 BROADWAY
NEW YORK

Worth 2246 — Telephones — Franklin 5719

זינגער מאשינען

נייעסטע סטיילס, ווייניג געברויכט 5—10 דאָלער; נייע צוזאמענלייגענדע דראפּהעדס און קאַבינעטס צו פעקטאָרי פּרייזען. וועט אָנ־נעהמען אַלטע מאַשינען אַלס ערשטע איינ־צאהלונג.

J. MAYER

206 E. 28th STREET, NEW YORK

ה. גינזבורג

דזשולער און דיימאָנד סעטער

מיר ארבייטען אויך איבער אלערליי דזשולערי נאָך די לעצטע סטיילס

H. GINSBURG

122 HESTER STREET

Near Christie Telephone, Orchard 0558

קויפט דירעקט פון מאַנופעקטשורער

פּרוכת'ן, מענטעלעך, ספרי תורות

טליתים, ספרים, כלי קודש צו די ביליגסטע פּרייזען

שרייבט פיר אינפאָרמיישאָן צו :

L. BRODER, 41-43 Delancey St., N. Y.

דער ים־ברעג, וואס איז א גאנץ יאהר וויסט, ווי א מדבר, ווערט פול מיט לעבען און געפילדער. הונדערטער גרויסע שיפען און פישער־שיפלאך גרייטען זיך צו אפצופאהרען. עס קומען אן סוחרים, בעלי מלאכות, ארבייטער. יעדער וויל אנטייל נעהמען אין דער ארבייט,, עפעס צו פארדינען.

אלע רעדען און טראכטען נאר וועגען הערינג, די אלטע לייט באטראכטען רוהיג די הכנות פון די יונגע און אין די לאנגע אווענדען דערצעהלען זיי פאר דער יונגווארג מעשיות פון אמאליגע צייטען, די פרויען און טעכטער פאריכטען די נעצען. אפילו די קינדער, זיי העלפען אויך, ווי זיי קענען, און שמועסען נאר וועגען הערינג. אלע ווארטען, אלע ארבייטען, אלע הערצער זיינען פול מיט איין געדאנק, מיט איין האפענונג. אז עס טרעפען זיך צוויי שכנים, פרעגען זיי: — נו, ווי איז היינט די פיש?

נאר אט קומט שוין אן די גוטע בשורה. פון דער ווייטען, אויף וויפיעל די אויג קאן נאר כאפען, פינקעלט און זילבערט זיך דער ים פון ריזיגע הערינג־ארמייען. פון ים־גרונד ביז'ן אויבערפלאך איז אלץ פול מיט פיש און צעהנדליגער טויזענדער פון זיי ווערען ארויסגעשפארט אינדערהויך, ווייל עס איז ניטא פאר זיי קיין ארט אין וואסער.

ווי אזוי איין ים־רויבער שווימט נאכ'ן אנדערן.

צוזאמען מיט די הערינג באווייזען זיך אנדערע באשעפענישען. וואס טוען זיי דא? ווייסען מיר דאך, אז אין ים, ווי אין דער גאנצער נאטור, געהט אן א פארביסענער קאמף צווישען אלע באשעפענישען.

צוזאמען מיט די הערינג קומען אן זייערע דם־שונאים. די דראשען־פיש און אלע זארטען פויגלען. אט די דראשען כאפט מען מאקי אינאיינעם מיט די הערינג, ווייל דער מענש באנוצט זיי אלס שפייז. אבער די דראשען אליין זיינען אין גרויס געפאהר, ווייל נאך זיי שווימען נאך די ריזיגע הייפיש (שארקס).

עס טרעפט אמאל, אז מען כאפט א הייפיש געפינט ביי איהם אין מאגען א דראש; שניידט מען אויף א דראש—געפינט מען א קליין הערינגעל.

די דראשען, די פויגלען און אנדערע רויבער פון ים פארניכטען א סך הערינג, מיליאנען מאל אזוי פיעל ווי עס פארניכטען אלע מענשען צוזאמען.

איז דאך א וואונדער, ווי אזוי לעבען נאך די הערינג? ווי זיינען זיי נאך ניט פארשוואונדען פון דער וועלט? גאנץ איינפאך. וואס מעהר שונאים דער פיש האט, אלץ מעהר לייגט ער אייעלאך. א געוועהנליכער הערינג לעגט 25 טויזענד אייעלאך עס זיינען פארהאן אזעלכע פיש, וואס יעדער איינציגער פון זיי לעגט ביז 150 מיליאן אייעלאך! די צינויפגעקלעפטע אייעלאך רופט מען רויגען, אין רוסיש — איקרא.

א גליק וואס די ים־באשעפענישען עסען די רויגען, וואס ווערט פון זיך קאליע, אויך דאס, וואס דער מענש באנוצט עס, ווייל אנדערש וואלטען אלע ימים אנגעשטאפט געווארען מיט פיש, עס וואלט געוועזן ניט דורכצופאהרען!

איצט ווייסען מיר, וואס פאר א מייערע פיש איז די הערינג, א שפייז פאר מיליאנען מענשען, א מזל־ברכה פאר טויזענדער פישער־פאמיליען.

דער הייפיש — דער מענשענפרעסער און זיין קליין חבר'טע — די רודערפישעל.

דער הייפיש איז דער גרויזאמסטער ים־רויבער, א פארביסענער גזלן, וואס עסט ניט נאר פיש, נאר אפילו מענשען.

United Hebrew Community of New York

עדת ישראל פון ניו יאָרק, 203 איסט בראָדוויי

די עדת ישראל בעצוועקט צו געבען אַ מעגליכקייט צו מיטעלע און אָרימע פאַמיליעס צו בעלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציאָן מיט פערשיעדענע בענעפיטס פיר קליינע געלד. איינע פון די בענעפיטס איז דאָס אַחר מאה שנים איז די גאַנצע פאַמיליע פערזאָרגט מיט קרקע און נויטיגע עקספּענסעס. אויסער דעם ווערט אַטענדעט פּריוועט לויות פּינקטליך און אַנשטענדיג.

עס בעלאַנגען שוין 9000 פאַמיליעס. קיינע טעקסעס, קיין דאָקטאָר אַטעסט, קיינע קאָמיטעען.

נור 3 דאָלאר אַ יאָהר.

שטיצט אַלע אידישע אינסטיטושאָנס.

משה צבי פיליפּס, פּרעזידענט — דר. ס. מאָזעסאָן, האָנ. סעקרעטערי.

מאָנטעפיאָרע סעמעטערי

די מאַנטיפיאָרע סעמעטערי האָט קונה שם געווען ביי אַלע שיכטען פון דער אידישער בעפעלקערונג פון גרעיטער ניו יאָרק: ביי קאָנגרעגיישאָנס, חברות, סאָסייעטיס, לאָדזשעס און פּריוואַט בעלי בתים. אויסער וואָס די מאַנטיפיאָרע סעמעטערי ציכענט זיך אויס מיט איהר פּראַכטפאָלע שעהנקייט און טרוקענקייט פון די ערד, טראָגט זי אויך אויף זיך דעם געשטאַלט פון איין עכט־אידישען בית עולם, איבער וועלכען עס שוועבט איין אמת'ער רוח מוסרות.

די מאַנטיפיאָרע סעמעטערי איז אין קווינס באָראָ, גרעיטער ניו יאָרק. עס איז לייכט צוצוקומען צו איהר פון אַלע געגענדען פון גרעיטער ניו יאָרק.

אָפּיס: 14 דילענסי סטריט, ניו יאָרק.

טעלעפאָן: אָרטשארד 4276

מודעה מאוצר הספרים

ווער עס וויל ספרים קויפען, דאַרף בעזוכען מיין סטאָר וואו איהר קענט בעקומען אַלעס אין דער וועלט ביליג.

אַלערליי ש"ס, קבלה, דרוש, השכלה, חקירה, פילוסופיא, דקדוק, טליתים, מזוזות, תפילין, א. ז. וו.

I. M. ALTER

110 Suffolk Street — New York

אמעריקען יוראָפּיען ישורון בוך קאָ.

גרעסטער ספרים אימפּאָרט געשעפט אין אַמעריקא

הויפּט פאַרטרעטער פון די גרעסטע אייראָפּעאישע פערלאַגען: האלמנה והאחים ראָם, ראָזענקראַנץ־שריפטזעצער, צענטראַל, לעווין־עפּשטיין, גיטלין און אַנדערע.

איהר קריעגט ביי אונז פון ש"ס בבלי ביז צום קלענסטען סדור.

פון די פאָלקאָמענע ווערק פון די בעקאַנטעסטע אידישע און העברעאישע שרייבער ביז צו אַן איינפאַכען בריעפענשטעלער.

ספּעציעלער אויסוואהל פון די בעסטע לעהר־ביכער און קינדער־ליטעראַטור וואָס איז ערשיענען אין אייראָפּאַ סאַי אין דער העברעאישער, סאַי אין דער אידישער שפּראַך.

קאַטאַלאָגען ארויסגעשיקט פריי, לויט פערלאַנג.

AMERICAN-EUROPEAN JESHURUN BOOK CO.

202 E. BROADWAY, Telephone, Orchard 6668 NEW YORK

דאס איז א ריזיגער ים־פיש, וואס דער־גרייכט ביז 15 ארשין אין דער לענג, דאס הייסט זעקס מאל אזוי פיעל. ווי א דער־וואקסענער מענש.

די הייפיש זיינען שטארק, בלוט־דורשטיג און דערצו גרויסע בעלי־העזה'ני־קעס. איהר קאנט זיי שלאגען, טרייבען און שרעקען, נאר זיי מאכען זיך דערפון גארנישט און שווימען וואכען לאנג נאך א שיף.

זייער מויל איז גרויס, ווי אן אמת'ע גרוב. עס האלט 3 ארשין אין ארומנעהם און איז באוואפענט מיט 6 רייהען שארפע רויבערשע צייהן.

די הייפיש שפייזען זיך מיט ים־הינד און מיט אלערליי ים־פיש, דערהויפט דרא־שען. טרעפט אמאל א דוחק אין שפייז— עסט דער הייפיש אפטמאל מויערקעפלאך, אמאל ווארפען זיי זיך איינער אויפ'ן צווייטען, כדי א בייס צו טאן און שטילען דעם הונגער מיט'ן חבר'ס פלייש און בלוט. עס איז דערום קיין וואונדער ניט, וואס אזא פיש ווארפט אן שרעק אויף די ארו־מיגע ים־פיש און אפילו אויפ'ן מענשען.

צו אלעם דעם איז דער הייפיש איינער פון די גיריגסטע, זשעדנעסטע חיות. דע־ריבער איז איהם טאקי לייכט צו כאפען. אויף א ריזיגען האק טוט מען אן א שטיק פעטס אדער א גרויסען פיש. דעם האק באפעסטיגט מען מיט א קייט און די קייט צו א דיקער שטריק.

אויב דער הייפיש איז זעהר זאט, קומט ער אפאר מאל צו צו דער פעטס. באשמעקט און באקוקט עס פון אלע זיי־טען און געהט אוועק.

די מאטראזען פון שיף ווייסען אבער מיט וואס פאר א נפש זיי האבען צו טאן. און בעת דער זאטער הייפיש שמעקט ארום די פעטס, דערלאנגען זיי א שלעפ פאר דער שטריק און די פעטס דער־ווייטערט זיך פון הייפיש. דער זשעדנער ים־רויבער קאן עס ניט דערלאזען. ער טוט זיך א ווארף אויפ'ן געשמאקען ביסען און פאלט אריין אין פאסטקע. דערשפירענדיג דעם אייזען, פרובירט ער איבערייסען די קייט מיט זיינע פעסטע צייהן. דאס גיט זיך איהם אבער זעלטען איין. די מאטראזען שלעפען איהם ארויף אויפ'ן שיפדעק, וואו מען שינדט פון איהם אראב זיין פעל, און מען נעהמט ארויס פון איהם דעם שמאלץ.

עס טרעפט אמאל, אז דער הייפיש בייסט איבער די קייט און שווימט אוועק אין ים אריין מיט'ן האק אין מויל. אזעלכע הייפיש האלטען זיך נאהענט פון ברעג און ווארפען אן א שרעק אויף די ארומיגע מענשען.

איינע פון אזעלכע הייפיש איז א גאנצען זומער געשוואומען לעבען ברעג און האט ארויסגעקוקט, טאמער באדען זיך ערגיץ וואו קינדער . צום גליק האט ער קיינעם ניט געכאפט. א גאנצען זומער האט דאס דארף געליטען פון דעם דאזיגען היי־פיש. מען האט פרובירט איהם פאנגען מיט א האק, שיסען אין איהם, אבער אומזיסט. צולעצט האט מען זיך אן עצה געגעבען. אויף א האק האט מען ארויפ־געטאן א גאנץ חזיר'ל און בעת דער היי־פיש האט זיך ארויסגעשטעקט פון וואסער, כדי צו דערשלינגען די רויב האט מען איהם אריינגעשאסען א קויל אין קאפ.

בעת מען האט דעם רויבער ארויסגע־שלעפט האט מען אין זיין מויל געפונען א האק מיט א פארזשאווערטער קייט, און אין זיין מאגען—א שטיק אייזען. א שרויף, און א קנאפעל פון א שוך. אויך א סך קלענערע מעטאלענע זאכען.

דער הייפיש האט א חבר'טע—א קליין בלוי פישעל. זי שווימט שטענדיג פאראויס, און דער הייפיש — נאך איהר. דערפאר

דער טייפּרייטער פאַר
דעם איד

העברעאיש (וואקאליזירט) און ענגליש
אידיש און ענגליש
געשריבען אויף דער זעלבער מאַשין.

אירגענד אַנדער קאָמבינאַציע פון שפּראַכען, אָדער אַלע פון זיי געשריבען
אויף דער זעלבער מאַשין.

דריי פערשיעדענע טייפּ־סעטס אָדער שפּראַכען צוגעשטעלט מיט יעדער מאַשין.



Heart
of the
Hammond

Instantly
Changeable
Type

די בייטענדע מאָדעל
ה אַ מ אָ נ ד
מולטיפּלעקס
ט י י פּ ר י י ט ע ר

Two different styles of type always in the machine—"*Just turn the Knob*"

Special type-sets for every business, every language, every profession, every science. Any type may be substituted in a few seconds.

פיעלע טייפּרייטערס אין איינעם

ש אזן ענגליש אָדער וועלכע עס אין
־ע צוויי־שפּראָכען־קאָמבינאַציאָנס
ן האָבען אויף'ן זעלבען מאַשין—
־ א דרעהן די הענטעל."

די גרויסע בייטענדע טייפּ שרייבמאַשין
אין אויטאָמאַטישע טייפּ דרוק — אַ געניטער
פינגער דרוק איז ניט נויטיג.

ם;פּ,לףזכימדונהח בגטשתרסדעששצזאק
!:פּ.לד?כימ:ונהו בגטשת"סדץשאָצזאַק
6 *7ד 8 °9ל 0 ־ 1 _ 2 3 4 5

,אָפּתלדפֿכימןנהח בגטופרסדעץשצזאק
,אַפּתלדפֿכימןנהח בגטופרסדעץשצזאק
6&*7י‸8(?9).0!/ 1"@2;:3$+4%=5_¢

א ניע צוזאַמענגליענדע מאָדעל פון דעם סטענדערד האַמאָנד מולטיפּלעקס קען מען יעצט בעקומען. דער אַבסאָלוט בעסטער טייפּרייטער פאַר דעם רייזענדען און פאַר דער היים.

האָט אלעס ווי די רעגולערע מאָדעלס.

דער איינציגער ה ע כ ס ט ע ר גראַד טייפּרייטער פון די וועלכע מען קען ליכט טראָגען מיט זיך.
וועגט 8½ פונט

THE HAMMOND TYPEWRITER COMPANY
573 E. 69th Street, New York, N. Y.
New York Branch : 305 Broadway

פּריי — פולע ליטעראַטור אויף אייער פערלאַנג.

האט מען איהר א נאמען געגעבען—רודער־פישעל.

די דאזיגע פישעל האט א שארפע ראיה און א גוטען חוש־הריח. זי דערשפירט די רויב פון דער ווייטען און פיהרט אהינצו דעם הייפיש. דערפאר טיילט דער הייפיש אלע מאכלים מיט זיין חבר'טע.

אזוי לעבען זיך בשלום דער גרויסער ים־רויבער—דער הייפיש און זיין שותפ'טע, די קליינע בלויע רודערפישעל.

ים־רויזען — דער וואלפיש.

דער וואלפיש איז א חיה, הגם פיעל מענשען האלטען איהם פאר א פיש. דאס איז אבער א טעות. א פיש לעגט דאך רויגען און אטעמט מיט די זשעברעס. דער וואלפיש אבער אטעמט מיט לונגען און זיינע קינדער גיט ער זויג־מילך. דער וואלפיש געהערט טאקי צו די זויג־חיות, ווי א שטייגער, א הונד, א העלפאנד און אז. וו.

דער וואלפיש איז די גרעסטע פון אלע חיות אויף דער ערד. עס איז שווער זיך פארצושטעלען אט דעם ריז, וואס שווימט איבער די אומבאגרענצטע ימים.

שטעלט אייך פאר א 50 אקסען, אלע צוזאמען וועלען זיי זיין אזוי דיק, ווי דער וואלפיש. זיין לענג דערגרייכט ביז 15 קלאפטער, דאס איז העכער פון א פיער שטאקיגען הויז. ער וועגט פון 6 ביז 8 טויזענד פוד. 2500 עלטערע מענשע וועלען זיי אלע צוזאמען וועגען, אזוי פיעל ווי פיעל איין וואלפיש וועגט.

דער וואלפיש איז א גוטער שווימער. דורכמאכען צוואנציג וויארסט אין א שעה איז פאר איהם א קלייניגקייט. ווען ער איז איבערגעשראקען אדער פארוואונדעט אנטלויפט ער אזוי האסטיג, אז די שנעלכטע שיף קאן איהם ניט דעריאגען. אבער לאנג זיין אונטער'ן וואסער קאן ער ניט. ווייל ער איז פארט ניט קיין פיש, נאר א זויג־חיה. פון צייט צו צייט מוז ער ארויפשווימען אויפ'ן אויבערפלאך פון וואסער און ארייננאטעמען לופט.

ווען דער וואלפיש שווימט ארויף אינדערהויך רייניגט ער קודם כל אוים זיינע נאזלעכער. אין די נאזלעכער פארקלייבט זיך וואסער, וועלכער דער וואלפיש בלאזט ארוים מיט אזא מורא'דיגער קראפט, אז עס צופליהט זיך אין טויזענדער טראפענס. דאס זעהט אוים ווי א באנטאן וואס שלאגט אויף 2, 3, קלאפטער אין דער הויך.

ווען זיינע נאזלעכער זיינען ריין פון וואסער קאן ער שוין ארייננאטעמען לופט. דאס ארייננאטעמען לופט אין זיינע גרויסע לונגען דויערט ביז א פערטעל שעה.

מאדנע איז איינגעארדענט דער גאנצער קערפער פון וואלפיש. ער איז באדעקט מיט 2 פעלען, אונטער ביידע פעלען געהט א דריטע, וואס באשטעהט פון פליסיגען פעטס און דאן א פערטע פעל—פון הארטען פעטס. ער איז ווי איינגעוויקעלט אין פיער ווארימע קאלדרעס. נאר דאס וואונדערבארסטע ביי איהם איז זיין שרעקליך מויל: א גרויסע שיפעל אינאיינעם מיט די מענשען קאן פראנק און פריי אריינפאהרען אין וואלפיש מויל. דאס איז א מורא'דיג גרויסע גרוב. היינט וואסערע צייהן דארף אזא ים־ריז האבען?

נאר ביי אנדערע וואלפיש אנשטאט צייהן הענגט אראב פון אויבערשטען גומען א גאנצער וואלד מיט צווייגען. דאס איז דער „פישביין," דער באריהמטער פישביין, וואס דאמען־שניידער באנוצען איהם.

ער הענגט אין לאנגע פאסען, וואס

The Jewish Tribune

AMERICA'S FOREMOST JEWISH WEEKLY

The Largest Paid Circulation of any Jewish Weekly in America printed in English

איז אן ענגליש־אידישע וואכענבלאט וואס גיט יעדע וואך :

1. אידישע נייעס פון דער גאנצער וועלט

2. ארטיקלען וועגען
   - אידישע אנגעלעגענהייטען
   - אידישע גרויסע מענשען
   - אידישע נייע ענטדעקונגען

3. תשובות צו אונזערע אינערליכע און אויסערליכע שונאים.

4. וועכענטליכע ערקלערונגען איבער די וואכען סדרה אין מדרש, אין וועלכע עס ווערט דערוויזען דאס אונזערע חכמים׳ם וועלט אנשויאונג און חכמה האט ניט קיין גלייכען אין דער וועלט.

5. עדיטאריעלס, וועלכע פארטיידיגען מיט שלאגענדע לאגיק דאס יודענטהום און די אידען.

דיזע עדיטאריעלס זיינען געשריבען ביי דר. נחמי׳ מאזעסאהן, א מוסמך להוראה פון גרויסע אייראפעאישע רבנים און א גרעדואייט פון פיעלע אוניווערזיטעטען.

אחינו בני ישראל וועלכע ווילען איינפלאנצען אין זייערע קינדער

ליעבע צו יודענטהום\
עהרע צו אונזער תורה\
אכטונג פאר אונזערע תלמודישע רבנים\
טרייהייט צו אונזער רעליגיאן\
הערצליכע פארבינדונג מיט כלל ישראל

מוזען האבען THE JEWISH TRIBUNE אין זייערע הייזער.

זייערע קינדער וועלען לערנען פיעלע נויטיגע זאכען און וועלען האבען פארגעניגען פון דעם ענגליש אין וועלכען דאס בלאט איז געדרוקט

עס קאסט נאר 3 דאלאר א יאהר; 5 דאלאר פאר 2 יאהר.

שיקט אייער סובסקריפשאן צו :

THE JEWISH TRIBUNE\
MARBRIDGE BUILDING\
1328 BROADWAY, NEW YORK

זיינען פון אויבען דיק און הארט און פון אונטען דין, ווי הערלאך. די צאהל פאסען פון פישביין דערגרייכט ביז 8 הונדערט, זיי וועגען אן 80 פוד און די גרעסטע פון זיי האבען אפט אין דער לענג ביז 2 קלאפטער. שטענדיג מוז ער שלעפען אין זיין מויל אן 80 פודיגע משא. אין דעם איז אבער דא א שכל. הגם דער וואלפיש איז די גרעסטע פון אלע חיות, מוז ער זיך אבער שפייזען מיט די קלענסטע ים־באַ־שעפענישען. אין זיין מויל קאן טאקי שטעהן דער העכסטער מענש, אבער זיין קעהל איז אזוי שמאל, אז דורך איהר וועט צומאל ניט אדורכגעהן א קינדערשע האנד.

מוז זיך טאקי דער וואלפיש גוט היטען. עס איז פאר איהם א געפאהר, אז א גרע־סערע באשעפעניש זאל צו איהם אין מויל אריין, ער וועט זיך לייכט דערווערגען.

דער וואלפיש מוז זיין א גרויסער אויסקלייבער אין עסען. ער מוז זיך שפיי־זען נאר מיט קליינע ים ברואים, ער מוז גוט דורכזיפען זיין שפייז... ער האט טאקי א זיפ, ווי עס פאסט זיך פאר אזא ריז, א זיפ פון 80 פוד.

פון לאנג אן הרג'עט דער מענש די וואלפישען צוליב דעם טייערן פישביין און שמאלץ. טויזענדער שיפען לאזען זיך אין די קאלטע ימים אויף יאכט נאך די דאזיגע ריזען. צוויי מאטראזען קלעטערען ארויף אויף די הויכע מאסטבוימער פון שיף; זיי קוקען אין אלע זייטען און ווי נאר זיי שרייען אויס: „א פאנטאן!“ — ווערט אויפ'ן שיף א טומעל און א לויפעניש.

אויף געשווינד לאזט מען אראב א קליין שיפעל מיט א פאר מענשען. פון פארענט שטעהט א מאטראז מיט א פיעל שפיציגען אייזען אין האנד. דאס איז דער „הארפון“ מיט וועלכען מען הרג'עט די ריזען. די שיפעל מוז צופאהרען נאהענט צום וואלפיש, ווייל אנדערש קאן מען ניט ווארפען דעם הארפון.

פארזיכטיג ארבייטען די מענשען. קיין ווארט לאזט זיך פון זיי נישט הערען, קיין קלאנג, קיין פלושקע פון וואסער. דער וואלפיש האט שארפע חושים און וועה איז צו דעם מענשען, ווען דער ריז וועט דערשפירען די סכנה, ער קאן איין מאך טאן מיט'ן עק און פון שיפעל מיט די דרייסטע מענשען וועט קיין זכר ניט בלייבען.

נאר די מענשען זיינען געניט: זיי טוען ווייטער זייער ארבייט. יאהר איין יאהר אויס הרג'ענען אויס די מענשען זעהר פיעל וואלפישען. אויך אנדערע צרות האט דער וואלפיש. עס פעהלען ניט קיין ים־ברואים, וואס דערוואגען זיך אנצו־פאלען אויפ'ן ים־ריז.

אפטמאל נעהמען זיך צונויף א צעהנ־דליג הייפיש זיי באפאלען דעם וואלפיש, יאגען איהם נאך און רייסען ארויס פון זיין קערפער לעבעדיגע שטיקער פלייש.

ניט ווינציג ליידט אויך דער וואלפיש פון זיינע אייגענע קלענערע ברידער, וואס זיינען באוואפענט מיט צייהן.

אז א חיה האט א סך שונאים און זי קאן זיך מיט זיי קיין עצה ניט געבען, ווערט זי ביסלעכווייז פארשוואונדען.

אט אזוי שטארבען אויס די וואל־פישען, די ריזען פון אונזערע ימים. זיי ווערען אלץ קנאפער און קנאפער און ווער וויים, עס איז אפשר נאהענט די צייט, ווען מען וועט דערצעהלען מעשיות פון די אמאליגע צייטען, ווען אין די ימים האבען וואלפיש געלעבט.

עס ווייזט אוים, אז אין דעם שווערען קאמף, וואס פיהרען אלע באשעפענישען אין דער נאטור, איז ניט אלעמאל בעסער דעם גרעסטען.

די ערציהונגס סיסטעם אין אמעריקא

פון פיליפּ שובאל

עדיוקיישאָן אין דיא יונייטעד סטייטס קען איינגעטיילט ווערען אין פיער פּעריאָדען: (1) דיא פּעריאָדע פון קאָלאָניאלע עדיוקיישאָן, ווען דער הערשענדער מאָטיוו איז געווען רעליגיאָן; (2) דיא איבערגאנגס פּעריאָדע פון נאָך דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן ביז דיא אויפלעבונג פון דיא פּאָבליק סקולס; (3) דיא בליהונג־פּעריאָדע פון די פּאָבליק סקולס (1837 — 1876), ווען אלע סטייטס האָבען ענטוויקעלט ערציהונגס סיסטעמען אונטער זייער קאָנטראָלע. (4) דיא פּעריאָדע פון ערציהערישע אויסברייטונג וועלכע איז די איצטיגע כאראקטעריסטיק פון אמעריקאנער עדיוקיישאָן.

1. אין דיא קאָלאָניאלע צייטען האָבען מיר געהאט דריי פערשיעדענע ערציהערישע טיפּען, דעם ענגלישען אדער אריסטאָקראטישען טיפּ אין דיא זידליכע קאָלאָניעס, דעם פּעראָקיעל סקול טיפּ אין דיא מיטעלע קאָלאָניעס, און די שטאָדטישע סקולס אין ניו ענגלאנד.

מייסטע פון דיא זידליכע קאָלאָניעס האָבען אין זייער נייע היים אריבערגעפירט דיא געזעלשאפטליכע צושטענדע וואָס האָבען דאָן עקזיסטירט אין זייער פאָטערלאנד. זיי האָבען געהאט היזעלבע קלאַסען אונטערשיידונגען ווי אין ענגלאנד, און דיא אנגליקאנישע קירכע איז דאָרטען עטאבלירט געוואָרען. דאָס האָט נאטירליך געהאט א גרויסען איינפלוס אויף עדיוקיישאָן. דיא לאנד־בעזיצער האָבען געהאט פּריוואטע לעהרער פאר זייערע קינדער אדער זיי אריבערגעשיקט אין ענגלאנד צו קריגען אן עדיוקיישאָן. קיינער האָט זיך ניט פּעראינטערעסירט אין דעם ערציהערישען צושטאנד פון דיא מאסען, חוץ אין זעהר ווענינע פעלע, און אזעלכע סקולס זיינען געווען בעוואוסט אלס „פּור סקולס“.

דיא מיטעלע קאָלאָניעס האָבען געהאט די „פּעראָקיעל“ אָדער קירכען־סקולס. דיעזע קאָלאָניעס זיינען געווען בעזעצט פון פערשיעדענע קאלוויניסטישע סעקטען, ווי דיא האָלענדישע רעפאָרמירטע קירכע אין ניואָרק, דיא פּרעסביטיריאנער אין ניו־דזשוירזשי און דיא קוועיקערס אין פּענסילוועניא, זיי אלע האָבען געגלויבט דאָס יעדער בעדארף לעזען דיא ביבעל, און זיי האָבען דערפאר באזאָרגט עלעמענטארע עדיוקיישאן פאר אלעמען. אָבער אזוי ווי יעדע סעקטע האָט געלייקענט דיא דאָקטרינעם פון יעהע אנדערע סעקטע, האָט אזא עדיוקיישאָן אָנגענומען א רעליגיעזען כאראקטער אין דער פּארמע פון סקולס פערבאנדען מיט דיא קירכע. מיט דער גרינדונג פון קינג'ס קאָלעדזש (יעצט קאָלאָמביא יוניווערכיטי), דיא אקאדעמיע אוו פּענסילוועניא (יעצט דיא יוניווערסיטי אָוו פּענסילוועניא), און פּרינסטאָן, אין די קאָלאָניאלע צייטען, זיינען די מיטעלע קאָלאָניעס געווען פיעל בעסער פאַרזאָרגט מיט עלעמענטארער, מיטעלער און העכערער עדיוקיישאָן, ווי די זידליכע קאָלאָניעס.

ניו ענגלאנד האָט געהאט איהרע שטאָדטישע סקולס. אין ניו ענגלאנד האָבען מיר ניט געהאט קיינע קלאסען אונטערשיידונגען, און קיינע פערשיעדענ־

הייטען אין רעליגיאָן. דיא ניו ענגלענדער זיינען מייסטענס געווען פון דעם מיטעלען קלאַס, האָבען כמעט אלע געהאט א גוטע בילדונג, און האָבען געהאט זעהר געבילדעטע פיהרער. זיי האָבען געגלויבט אין א דעמאָקראטישע רעגיערונג און אין א קירכען־שטאַאט. אין מאסאטשוסעטס האָט דער דזשענעראל קאורט, היא געזעצגעבענדע קערפערשאפט אָנגענומען א געזעץ אין 1647, דאָס יעדע שטעדטיל פון פופציג פאמיליען אָדער מעהר זאָל עטאבלירען אן עלעמענטארע סקול. א שטאָדט פון הונדערט פאמיליען האָט אויך געמוזט האָבען א גרעמער סקול. אָבער אין דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט ניו ענגלאנד ניט אָנגעהאלטען דעם הויכען שטאנד פון איהרע ערציהערישע אנשטאלטען. דיא „טאון" סקול איז פערנאכלעסיגט געוואָרען און דאן איז געקומען דיא ענטוויקלונג פון דער דיסטריקט סקול מיט זעהר קליינע בעקוועמליכקייטען פאר ערציהונג. אָבער דיא קאלעדזשעס ווי הארווארד, יעיל, דארטמאוטה, און בראון, האָבען באזאָרגט דיא העכערע בילדונג פאר דיא וואָס האָבען געוואָלט שטודירען פאר פראָפעסיאָנען.

2. דיא איבערגאנגס פעריאָדע. פון א מאטעריעלישען שטאנדפונקט האָט דיא אמעריקאנער רעוואָלוציאָן געהאט א שלעכטען רעזולטאט פון עדיוקיישאָן, ווייל מייסטע פון דיא סטייט רעגיערונגען, ווי אויך דיא צענטראלע רעגיערונג, זיינען געוואָרען באנקראָט. פון א גייסטיגען שטאנדפונקט האָט אָבער די רעוואָלוציאָן געהאט אַ גוטען רעזולטאַט. די פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכע דיא מלחמה האָט פעסטגעשטעלט האָבען ענטוויקעלט א סענטימענט פאר דער נויטווענדיגקייט פון אוניווערסאַלע עדיוקיישאָן. דיעזע בעוועגונג האָט אָבער געהאט איינינע הינדערניסע.

די פראקטיק צו באוויליגען שטאט געלדער צו פריוואטע סקולס. — די סטייטס האָבען ניט אויפגעהאלטען קיינע מיטעלע סקולס. אָבער דיא וואָהלהאבענדע האָבען עטאבלירט פריוואט אקאדעמיעס פאר העכערע ערציהונג. אָבוואָהל דיזע אנשטאלטען זיינען געווען פריוואטע אונטערנעהמונגען האָבען זייערע אונטערשטיצער דורך זייער פאָליטישען איינפלוס ערהאלטען שטיצע פון סטייט אָדער פון שטאָדט. דיעזע סקולס זיינען ניט געווען פאר די קינדער פון די מאסען, און דערפאר האָט פרייע העכערע בילדונג לאנג געמוזט ווארטען אין ניו ענגלאנד, ווייל דיא פאָרנעהמסטע בירגער האָבען געהאָלפען צו באנוצען דיא עפענטליכע שטייער אויף צו סובסידירען פריוואטע סקולס.

אַ גוטער ביישפיעל איז די פרי סקול סאָסייעטי פון ניו יאָרק סיטי, אָרגאניזירט אין 1805, פון פיעלע פילאנטראָפען מיט די וויט קלינטאָן אלס זייער הויפט. דיא סאָסייעטי האָט בעצוועקט צו ארגאניזירען סקולס פאר קינדער וואָס זיינען ניט געגאנגען אין דיא קירכען־סקולס, אָדער אין פריוואט סקולס. זיא האָט בעקומען געלד פון סטייט און פון שטאָדט. אין 1826 האָט זיא בעקומען א נייעם טשארטער, געענדערט איהר נאָמען אויף די פאָבליק סקול סאָסייעטי פון נויאָרק און האט בעקומען ערלויבניש צו נעהמען שכר לימוד פון קינדער וועמעס עלטערען עס האָבען געקענט בעהויפטען, אָבער ווען פיעלע שילער זיינען אָפגעפאלען ווייל זיי האָבען ניט געקענט צאָהלען, האָט די סאָסייעטי איינגעפיהרט פרייען אונטערריכט פאר אלעמען, דיא סאָסייעטי האָט אָבער ערוועקט דעם אייפער פון פיעלע רעליגיעזע סעקטען וועלכע האָבען פערלאנגט דאָס דיא שטאָדט זאָל אויך אונטערשטיצען זייע־ע סקולס. דיא קאטאָליקען ספעציעל האָבען בעקעמפט די טעטיגקייטען פון דער סאָסייעטי, און אין

1842, האָט דיא לעדזשיסלייטשור עטאבלירט א באָארד אוו עדיוקיישאָן פאר נויאָרק סיטי. דיא באָארד איז ערוועהלט געוואָרען פון דיא בירגער און זיא האָט קאָנטראָלירט אלע סקול געלדער. אזוי איז בעשאַפען געוואָרען דיא ניויאָרק סיטי פּאָבליק סקול סיסטעם.

די ענטוויקלונג פון פּאָבליק עדיוקיישאָן איז פיעל געהינדערט געוואָרען פון די פאַרשיעדענע רעליגיעזע סעקטעס, ווי צום ביישפּיעל אין פּענסילוויניא, ווען נאָך דיא רעוואָלוציאָן האָבען פיעלע פּארטגעשריטענע בירגער געוואָלט עטאבלירען פּאָבליק סקולס. אָבער די דאַמאָלסדיגע מיינונג איז געווען, אַז די ערציהונג דארף איבערגעלאָזען ווערען צו דיא קירכען. די קוועיקערס, לוטהעראַנער, און דיא אנדערע סעקטעס האָבען זיך געשטעלט געגען סיסטעם פון ערציהונג וואָס וועט זיי פּארבאָטען צו געבען אונטעררי כט אין זייערע רעליגיעזע דאָגמען. דיא סטייט האָט באַזאָרגט עדיוקיישאָן פאר ארעמע שילער אין פּריוואט סקולס וועלכע האָבען בעקומען זייער שכר לימוד פון קהל. רעליגיעזע קנאה האָט אויך פארהאַלטען דיא ענטוויקלונג פון פּאָבליק סקולס אין ניו דזשוירסי און דעלאַווער.

פון דער אנדער זייט האָבען מיר געהאט פיעלע בעוועגונגען וואָס האָבען סטימולירט דיא ענטוויקלונג פון עדיוקיישאָן אונטער די קאָנטראָלע פון דעם שטאַאט. דיא ערשטע איז געווען דיא „סאָנדעי סקול“ באַוועגונג, וועלכע האָט געפיהרט צו דער אָרגאַניזירונג פון סקולס פאַר אָרעמע קינדער, און זאָנדערבאַר ווי עס וועט קלינגען, איז עס אָבער א פאַקט, אַז די ערשטע „סאָנדעי סקולס“ זיינען ניט געווען קיינע קירכען סקולס, נור וועלטליכע סקולס אונטער די קאָנטראָלע פון פילאַנטראָפּען.

א צווייטע בעוועגונג איז געווען דיא אָרגאַניזירונג פון "אינפענט סקולס", וועלכע זיינען צו ערשט געווען פילאַנטראָפּישע אנשטאַלטען, אָבער וועלכע האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט אלס אונזערע פּריימערי סקולס.

3. דיא פּעריאָדע פון אויפלעבונג (1837-1876). דיעזע בעוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט א פערזוך צו מאכען רעפאָרמען אין עלעמענטארע עדיוקיישאָן און האָט געפיהרט דערצו, אַז אין יעדע סטייט זאָל געגרינדעט ווערען אַ פּאָבליק סקול סיסטעם וואָס באַזאָרגט פרייען אונטערריכט ניט נור אין די עלעמענטאַרע קלאַסען, נור אויך אין די מיטעלע און קאָלעדזש קורסען. דיזע פּעריאָדע איז פערבונדען מיט די נעמען פון האָרעיס מענן און הענרי באַרנאַרד. מענן אין מעסעטשוזעטס און באַרנאַרד אין קאָנעקטיקוט און רהאוד איילענד, האָבען אין זייערע סטייטס אַזוי רעפאָרמירט און פאַרברייטערט פּאָבליק עדיוקיישאָן דאָס אַלע אַנדערע סטייטס האָבען מאָדילירט זייערע סיסטעמען נאָך דיא פון מעסעטשוסעטס אָדער קאָנעקטיקוט. הענרי באַרנאַרד איז אויך געווען דער ערשטער קאָמישאָנער פון דיא באָארד אוו עדיוקיישאָן אין וואשינגטאָן, וועלכע איז עטאבלירט געוואָרען אין 1867.

4. דיא פּעריאָדע פון ערציהערישע אויסברייטונג. די ענדע פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט געזעהן ברייטע סקול סיסטעמס אונטער דער קאָנטראָלע פון דיא סטייטס, און אפילו אין דיא סאוטה, וועלכע איז געווען מעהר הינטערשטעליג ווי אירגענד אנדער טייל פון אונזער לאַנד, האָט יעדע סטייט עטאַבלירט פרייען אונטערריכט פאַר אַלעמען. פיעלע סטייטס גיבען א פרייע ערציהונג אָנהויבענדיג מיט'ן קינדערגארטען און ענדיגענדיג מיט'ן אוניווערזיטעט, און אין קיין פאַזע פון אונזער לעבען האָבען מיר אַזוי רעאַליזירט די מיינונג פון די ווערטער דאָס "אַמעריקאַ איז די לאַנד פון גלייכע

געלעגענהייטען פאר אלעמען", ווי אין דעם ערציהערישען פעלד.

דער פאלגענדער אויסצוג איז גענומען פון דיא סטאטיסטיק פון דיא ביורא אוו עדיוקיישאן, דעפארטמענט אוו דהי אינ־טיריאר. אין 1918 איז אונזער קינדער בע־פעלקערונג פון 5 ביז 18 יאהר געווען 27,686,476. פון זיי זיינען ,853,516־ 20 געווען פערשריעבען אין דיא פאבליק סקולס, אונטער די השגחה פון 650,709 לעהרער, פון וועלכע 105,194 זיינען גע־ווען מענער און 545,515 זיינען געווען פרויען. אין דיזעלבע פעריאדע האבען די סקולס אויסגעגעבען 763,678,089 דאלארס פאר ערציהונג. אין דיעזע ציע־פער זיינען קיינע פריוואט סקולס ניט אריינגערעכענט.

אין 1918 (דאס זיינען דיא לעצטע סטאטיסטיקס) האבען מיר געהאט 13,951 פאבליק האי סקולס, מיט 29,731 מענער לעהרער און 55,257 פרויען לעהרערינס. פון דיא סטודענטען זיינען געוועזן ,954־ 851 באיעס און 1,081,867 מיידלאך. דיא פריוואט האי־סקולס האבען זיך געצעהלט 2,058, מיט 5,411 מענער טיטשערס, און 8,788 פרויען טיטשערס; 72,238 באי סטודענטען, און 86,507 מיידלאך.

פאבליק נארמאל סקולס — 251, מיט 7,614 טיטשערס; און 128,505 סטודענ־טען. פריוואט נארמאל סקולס, — 55; 938 טיטשערס און 9,569 סטודענטען.

קאלעדזשעס און יוניווערסיטיס — דיא יונייטעד סטייטס בעזיצט 509 אזעלכע אנשטאלטען, 59 פון זיי האבען אן ענדאו־מענט פאנד פון א מיליאן דאלאר אדער מעהר. קאלאמביא יוניווערסיטי, ניו יארק, האט אן ענדאומענט פון 35 מיליאן, האר־ווארד, 43 מיליאן, און יעיל יוניווערסיטי, 24 מיליאן דאלארס. די צאהל פון לאה סקולס איז 23, סקולס פון טעאלאגיע, 84, און 41 אגריקולטשורער און מעקעני־קעל סקולס.

געטשארטערט אין ניו יארק סטייט. געגרינדעט 1902

אירא פרעפערעטארי סקול

183—185—187 איסט בראדוויי

פארבערייטעט סטודענטען פאר

קאלעדזש, קופער יוניאן, רידזשענטס

די איראן סקול גיט אויך דעם פאלקאמסטען

קאמוירשעל קורס

סטענאגראפי — טייפרייטינג — בוקקיפינג — קארעספאנדענץ

טאג און אבענד קלאסען

ERON PREPARATORY SCHOOL

JOSEPH ERON, Principal

183-185-187 EAST BROADWAY NEW YORK CITY

אַלבערט קרוגער, אַ טאַטע צו די אַלטיטשקע

עס איז שווער, זעהר שווער, איבערצוגעבען אין קורצען די טעטיגקייט פון מר. אַלבערט קרוגער, דער סופּעראינטענדענט פון דעם מושב זקנים בית בנות יעקב פון ניו יאָרק. ער איז אַ מענש פול מיט ענערגיע, ענטהוזיאַזם און אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און דאָס אַלעס ווידמעט ער צו העלפען די וועלכע נויטיגען זיך אין הילפע.

זיין הויפּט טהעטיגקייט ווידמעט ער צו דעם מושב זקנים בית בנות יעקב וואו ער איז סופּעראינטענדענט זייט דעם 18טען דזשון, 1899. אָבער מיט דעם ענדיגט זיך ניט זיין טהעטיגקייט פאַר כלל ישראל. עס איז קוים פאַראַן אַ וויכטיגער אַנשטאַלט אין ניו יאָרק וועלכען מר. קרוגער האָט ניט געהאָלפען אויפבויען, דירעקט אָדער אינדירעקט. און מערקווירדיג איז אַז פאַר אַלעס געפינט ער צייט.

מר. אַלבערט קרוגער איז אָנגענומען געוואָרען אַלס סופּעראינטענדענט פון דעם מושב זקנים בית בנות יעקב בלויז אַ קורצע צייט נאָך זיין אריבערקומען נאָך אַמעריקאַ. ער האָט זיך גלייך געשטעלט די אויפגאַבע צו מאַכען דיעזען אַנשטאַלט פאַר דעם גרעסטען און שעהנסטען מושב זקנים אויף דער וועלט און צו פערדאַנקען זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען זיין איבערגעבענהייט, זיין אונערמידליכע אַרבייט איז עס איהם געלונגען. דער מושב זקנים בית בנות יעקב ווערט יעצט מיט רעכט אָנגערופען „דער קרוין פון אידישע אַנשטאַלטען“ און דאָס איז צו פערדאַנקען די אַרבייט פון מר. קרוגער.

אויסער דעם וואָס מר. קרוגער האָט אויף זיך דעם גרויסען יאָך פון פערוואַלטען דעם ריזיגען אַנשטאַלט, טראָגט ער אויך אויף זיך דעם יאָך צו זעהן אַז די נויטיגע פאָנדען וועלכע זיינען נויטיג פאַר אויפצוהאַלטען דיעזען אַנשטאַלט זאָלען אריינקומען. ער אַרבייט

אַלבערט קרוגער

אוים באַרשידענע וועגען און פּלענער ווי צו שאַפען געלד, ווי צו שאַפען מיטגליעדער און אַלעס טהוט ער מיט אַזאַ ליבשאַפט צו דער זאַך. — און אַט טאַקע אין דעם ליעגט דער גרויסער ערפאָלג וואָס ער האָט געהאַט מיט דיעזען אַנשטאַלט. ער טהוט ניט אַ זאַך ווייל מען דאַרף עס טאָן, נאָר ווייל ער האָט עס ליעב צו טאָן.

איז דען א וואונדער וואָס ער איז אזוי בעליעבט ביי די אלטיטשקע וועלכע געפּינען זיך אין אַנשטאַלט, ביי די דירעקטאָרען, ביי די מעמבערס פון דיעזען אַנשטאַלט? צו די אלטיטשקע איז ער ווי א טאַטע. ער בעהאַנדעלט זיי אלעמען אזוי שעהן, אזוי צערטליך אז עס מוז ארויסרופען די ליבשאַפט און רעספּעקט ביי אַלעמען, וועלכע קענען איהם.

דער נאָמען פון מושב זקנים בית בנות יעקב און אַלבערט קרוגער איז איינס.

מר. קרוגער זעלבסט איז א שטילער, געלאַסענער מענש, יאָגט זיך ניט נאָך כבוד, איז טהעטיג ניט צוליעב א נאָמען נאָר ווייל יעדער וואָס קען נאָר דאַרף אזוי זיין, ווי ער אליין האָט אַמאָל געזאָגט. איז א יודע סופר און משכיל, שטאַמט פון א משפּחה פון אידישע גדולים און איז איינער פון דעם שעהנסטען טיפּ איד.

מר. קרוגער איז איינער פון די גרינדער פון דער היברו אימיגראַנט אייד סאָסייטי (האיאס), איינער פון די גרינדער פון עדת ישראל און פון גן ילדים פאר יאָהרען לאַנג געוועזען פּרעזידענט פון משכיל אל דל. ער איז א טהעטיגער ציוניסט און אַקטיוו אין יעדער בעוועגונג וועלכע איז נאָר צו העלפען דאָס אידישע פאָלק און אין יעדער אָרגאַניזאַציע וועלכע שטרעבט צו העלפען לײדענדע.

טעטיגקייט פון דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע

די סומען וואָס די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט אויסגעטיילט אין פאַרשידענע לענדער פאַר אידישע מלחמה קרבנות, זינט די קאָמיטע האָט זיך געגרינדעט, נאָוו. 1914 ביז יוני 30, 1921.

אביסיניען — — — — —	$ 11,704.80
אַלעקסאַנדריא, עגיפּטען (פליכטלינגע) — — — —	58,851.55
אלזשיר, טונים און מאראקא (פליכטלינגע) — — —	9,000.00
עסטרייך אונגארן — — —	2,881,591.10
עסטרייך — — — — — —	899,425.79
באלטישע פּראָווינצען — —	66,317.04
בעלגיען — — — — — —	2,500.00
באָלגאריען און די פארנומענע טעריטאָריעס פון סערביען	26,600.00
צענטראַל איוראָפּא — — —	388,451.00
טשעכא־סלאוואקיא — — —	316,008.73
דאנציג (פליכטלינגע) — —	10,012.25
דענעמארק — — — — —	1,700.00
פראנקרייך (פליכטלינגע) —	12,996.55
דייטשלאַנד — — — — —	424,765.32
גריכענלאַנד, טירקיי, סערביען און סיריען — —	1,365,884.88
גריכענלאנד (מצות) — — —	19,000.00
האָלאנד (פליכטלינגע) — —	92,115.70
אונגארן — — — — — —	480,092.63
איטאליען (מצות) מלחמה געפאנגענע, פליכטלינגע —	29,998.99
יאפאן (פליכטלינגע) — —	125,002.50
יוגאָ־סלאוויא (פליכטלינגע)	35,000.00
לאטוויא — — — — — —	117,392.36
ליטע — — — — — —	214,384.29
פּאלעסטינא — — — — —	5,194,502.06
פּערזיען — — — — — —	35,700.00
פּוילען, ליטע און קורלאנד —	11,522,007.09
פּוילען, (שליסט איין $300,000 פאר קאָנסטרוקטיווע ארבייט)	5,409,379.97
רומעניען (שליסט איין $250,000 פאר לייה־קאַסעס)	2,023,415.65
רוסלאנד — — — — —	4,000,300.00
רוסלאנד און אוקראינא — —	1,168,448.72
סיביר (פליכטלינגע, מלחמה געפאָנגענע) — — — — — —	498,494.41
שפּאניען (פליכטלינגע) — —	18,000.00
שווייץ (פליכטלינגע) — —	37,281.77
טערקיי — — — — — —	349,541.96
סיריען — — — — — —	49,956.34
פארשידענע, ניט קלאסיפיצירט	2,575.26
געצאָהלט צו דעם אר"ט, פּאריז אויפ'ן חשבון פון $100,000 אויף געצייג — — —	44,008.95
מעדיצינישע קאָמיסיע אויפ'ן חשבון פון $200,000 אַלגעמיינע באַשטימטע סומע —	179,024.91
סך הכל — — — — — — —	$38,121,433,10

די געשיכטע פון דעם בית יתומים ישראל׳י

די טעג איז געוואָרען 8 יאָהר זינט דער בית יתומים ישראלי פון 274-280 צוויי־טע סטריט איז געגרינדעט געוואָרען. די געשיכטע אונטער וועלכע אומשטענדען דיזער גרויסער איסט־סייד אנשטאלט איז

דזשאָדזש גוסטאַוו האַרטמאַן

געבארען געוואָרען און וואָס פאַר א ענערגיע און ארבייט דזשאָדזש גוסטאוו האַרטמאַן, דער פּרעזידענט, האָט אויף דעם אוועקגעלעגט אום אויפצובויען און ברענגען דעם אינסטיטושאָן צו זיין יעצטיגען צושטאנד ענטהאלט אין זיך שטאָף פאר דער שפּאנענדסטער און אינ־טערעסאנטסטער ערצעהלונג.

מיט אכט יאָהר צוריק ווען דער בית יתומים ישראלי האָט זיך געגרינדעט האָ־בען זיינע אָרגאַנייזער געהאַט זייער ערש־טע פערזאמלונג אין א בייסמענט. יעצט געפינט זיך דער אינסטיטושאָן אין איי־נער פון די שעהנסטע און מאָדערנסטע געביידעס, א בנין וואָס פערנעהמט דעם שטח פון דריי הייזער, צווישען עווענ׳ו „די“ און עווענ׳ו „סי“ צווייטע סטריט, און וועלכער געהט יעצט נאָך פאר־גרעסערט ווערען, דורך פאראייניגען זי

מיט א צווייטער געביידע וואָס גע־
פינט זיך הינטער דער יעצטיגער געביי־
דע אויף דריטע סטריט. דער אינסטי־
טושאָן איז אזוי אויסגעוואקסען, אז ער
מוז האָבען מעהר פּלאַץ פאר פילע נייע
יתומים.

מיט צוויי יאָהר צוריק איז גע־
קויפט געוואָרען פון בית יתומים
ישראלי א פּראכטפאָלע זומער היים אין
ארוואוירן, לאָנג איילאַנד, וואו די קינ־
דערלעך פון אנשטאלט פערברענגען יע־
דען זומער זייער וואקיישאָן, אונטער די
אידעאלסטע אומשטענדען ביים ברעג
פון ים. לעצטענס איז דיזע היים פער־
וואנדעלט געוואָרען אין א שטענדיגער
היים און מען וועט האלטען דאָרטען
קינדער אויף ווינטער, אום צו געבען
פּלאַץ פאר פילע נייע יתומים. די זו־
מער־היים איז זעהר א פּראכטפאָלע, א
געוועזענער מיליאָנערסקער קאטיידזש,
און לעצטען זומער איז צו איהם צוגע־
קויפט געוואָרען נאָך פּלאַץ ארום, אום
מען זאָל קענען מיט דער צייט אויף דיזע
היים פערגרעסערען.

די גרויסע באדערפעניס וואָס דער בית
יתומים ישראלי ערפילט אין דיזער גרעס־
טער אידישע קהלה פון דער וועלט, קען
מען זעהן פון דער אונגעהויער גרויסער
צאָהל אפּליקיישאָנס, מיט וועלכע ער
איז פערוואָרפען.

אזוי פיעל עלענדע יתומים'לעך זוכען
אהין אריינצוקומען, אז ביידע געביידעס
זיינען בוכשטעבליך געוואָרען צו קליין
און מען האָט זיך אונטערגענומען יעצט
קודם כל צו פערגרעסערען די געביידע
פון צווייטע סטריט.

די ארבייט איז שוין אין פולען גאנג
און מען האָט שוין א טהייל פון דעם
בנין אויף צווייטע סטריט ארונטערגע־
ריסען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך
דאס אזא גרויסע ארבייט פאָדערט גרוי־
סע פינאנציעלע אנשטרענגונגען, און בכלל
וואָס עס נויטיגט זיך אין א פאָנד וואָס
זאָל איהם קענען פערזיכערען מיט א
פערמאנענטער עקזיסטענץ. פאר די־
זען צוועק, אין איין צייט מיט דער אי־
בערבויאונג פון דער געביידע, ווערט
יעצט אָנגעפיהרט א „דאָלער דרייוו"
אויף זאמלען א פערטעל־מיליאָן־דאָלאר
פאָנד. **בלויז איין דאָלער** ווערט פער־
לאַנגט פון יעדען מאן, פרוי און קינד, און
פאר דיזער נדבה פון א דאָלער, ווערט
מען פערשריבען לזכר עולם אין דעם
גאָלדענעם בוך פון אנשטאלט.

דער מערקווירדיגער וואוקס און פּראָג־
רעס פון בית יתומים ישראלי איז צו
פערדאנקען דעם פרעזידענט דזשאָרדזש
גוסטאוו הארטמאן און זיינע טרייע און
איבערגעגעבענע געהילפע און דירעקטאָ־
רען, ווי אויך די פערשידענע אָקזילערים
וועלכע ארבייטען אונערמידליך. איבער־
הויפּט האָט דער אנשטאלט שטארק א
וואקס געטהאָן גרייכענדיג זיין העכסטע
שטופע פון ערפאָלג אין פערלויף פון די
לעצטע צוויי יאָהר, זינט עס איז פער־
בונדען געוואָרען מיט איהם דער פעהי־
גער סופּעראינטענדענט מר. דייוויד פריד־
מאן. ליידער איז מר. פרידמאן יעצט
געצוואונגען צו פערלאָזען דעם אינסטי־
טושאָן, ווייל ער געהט אריין אין א אנ־
דער פעלד פון טהעטיגקייט, אויף דעם
געביט פון ליטעראַרישע ארבייט. אָבער
דער נייער סופּעראינטענדענט וואָס פער־
נעהמט זיין פּלאַץ, איז אויך זעהר א
פעהיגער יונגער מאן און די פאָרטשריט־
ליכע ענטוויקלונג פון דעם אינסטיטושאָן
וועט זיכער פאָרגעזעצט ווערען אויף
ווייטער.

דער בית יתומים איז א רעזולטאט פון
א פאָלקס־בעוועגונג און איז פּאַקטיש
אויפגעבויט געוואָרען פון ניקעלס און
דיימס וואָס די ברייטע מאסען האָבען

ביגעשטייערט אונטער די בעגייסטערנדע הארציגע אפּילען פון דזשאָדזש גוסטאוו הארטמאַן, דער פאָטער און פּרעזידענט פון אַנשטאַלט. די בעוועגונג פון גרינדען דעם איזראעל ארפאן אסיילום איז געווען אן ארויסוואוקס פון דעם חסד של אמת, וועלכער עקזיסטירט שוין 17 יאָהר און מיט וועלכען דער בית יתומים ישראלי איז ענג פערבונדען. דער חסד של אמת זייענדיג געגרינדעט מיט דער הייליגער אויפגאַבע צו פערהיטען דעם כבוד פון אידישען מת: אז אלע פערשטאָרבענע אָרימע זאָלען געבראכט ווערען בדרך כבוד צו קבר ישראל, איז זיינע מתעסקים אויסגעקומען צו בעגעגנען זיך פנים אל פנים מיט די אומגליקליקע לעבעדיגע, מיט די עלענדע יתומים. פיהלענדיג אז זייער הייליגע ארבייט קען ניט זיין פאָלקאָמען אהנע צו נעהמען אונטער זייער שוץ די אָרימע קינדער, האָבען זיי געגרינדעט דעם בית יתומים ישראלי.

דער בית יתומים ישראלי איז יעצט איינער פון די פּאָפּולערסטע אינסטיטושאָנס אויף דער איסט־סייד. ער האָט הונדערטע אידישע יתומים׳לעך געראַטעוועט פון קריסטליכע אנשטאַלטען.

די קינדער וואָס ווערען דאָרט געהאַלטען זיינען אין דעם עלטער פון צוויי ביז זעקס יאָהר. זיי ווערען אויפגעהאָדעוועט אין אן עכט אידישען און עכט אמעריקאַנישען גייסט.

